STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09096

# DANIYEL DERONDO

George Eliot

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דניאל דעראָנדאָ

— פון —

## דזשאָרדזש עליאָט

איבערזעצט פון

ש. ערדבערג

פערלאַג פון

S. KANTROWITZ

129 LAFAYETTE STREET, NEW YORK, N. Y.

## 1טער קאַפּיטעל

דאָס איז געווען אין אַ סעפּטעמבער טאָג, אַרום פיער אזייגער נאָכמיטאג. דער גרויסער שפּיעל זאַל אין ליבראָן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשען אַז מען האָט קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּען. די פערזאַמעלטע זיינען דאָ אהער געקומען פון פערשידענע געגענדען און לענדער. זייט ביי זייט האָבען זיך דאָ געפונען ענגלענדער, דייטשען, שפּאַניער, איטאַליענער און פראַנצויזען. איהר האָט דאָ געפונען רייכע, גבירים, אָרימע, גראַפען און באַראָנען, גרויסע סוחרים און קליין הענדלער. פערשידענע מינים מענשען פון פערשידענע פעלקער זיינען זיך דאָ צונויפגעפאָהרען אין דעם שפּיעל הויז. יעדער וויל אויספּרואווען זיין מזל, אַלע גלוסטען רייך ווערען, רייכער און רייכער, שטעלען זיי זייער גאַנץ פערמעגען אין קאָן און דער וועמען דאָס גליקט אָב ווערט טאַקי שטיין רייך; אַנדערע ווידער פערלירען זייער לעצט געלד און עס בלייבט זיי נאָר צו געהן איבער די הייזער.

שטיל איז געווען אין דעם גרויסען פולען זאַל. קיין וואָרט האָט מען ניט געהערט. נאָר דאָס דרעהען זיך פון די קיילעכלעך אויפ'ן שפּיעל טיש אַרום דעם ראָד. אָן דעם פאַלען פון די קיילעכלעך איז אָבהענגיג געווען אַ גרויס פערמעגען און אַמאָל אויך דאָס לעבען פון אַ מענשען. איז עס גוט געפאַלען, האָט דער שפּילער געוואונען און אין אַ מינוט געוואָרען אַן עושר; איז עס שלעכט אויסגעפאַלען, איז אַ גאַנץ פערמעגען פערלאָרען געגאַנגען און אַז דער שפּילער האָט זיך דאָס שטאַרק צום הארץ גענומען איז ער גאָר אוועק און אריינגעשאָסען זיך אַ קויל אין קאָפּ אריין.

די מענשען אַרום טיש זיינען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, אין דער גרעסטער ענגשאַפט. אַלעמענס אויגען האָבען געברענט און

געפלאַמט ווי ביי הונגעריגע וועלף, יעדער איז געשטאַנען אָנגע־שטרענגט, מיט שרעק און גרויס ציטער נאָכגעקוקט די קיילכלעך, ווי זיי דרעהען זיך, און געוואָלט איינשלינגען די קופּעס גאָלד־שטיקער.

קיין זאַך איז זיי אין זין מעהר נישט געלעגען. זיי האָבען אָן דער גאַנצער וועלט פערגעסען. נאָר איין זאַך האָט זיי אינטע־רעסירט — דאָס גאָלד...

דניאל דעראָנדאַ, א יונגער, שעהן געבויטער מאַן מיט א קאָפּ שווארצע האָר, פון אן איידעלען, אריסטאָקראַטישען אויסזעהן איז געזעסען אָן א זייט. ער האָט קיין אנטייל ניט גענומען אין שפּיע־לען, נאָר ער איז געזעסען, בעטראַכט אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר און בעדויערט די מענשען וואָס זיינען אזוי נאַריש, אזוי שלעכט, וואָס קיין זאַך עקזיסטירט ניט פאר זיי, נאָר דאָס יאָגען זיך נאָך גאָלד, עפּעס ווי בהמות, וואָס וויסען ניט מעהר ווי זייער קאָרעטע...

פּלוצלונג האָט ער צווישען די שפּילער דערזעהן א יונג, שעהן מיידעל, וואָס איז געשטאַנען אין עק טיש און גערעדט מיט אַן עלטערע דאַמע. מיט'ן ערשטען בליק האָט זי איהם צו זיך צוגע־צויגען און ער האָט שוין ניט געקענט די אויגען פון איהר אַראָפּ־נעמען. דאָס מיידעל האָט אויך געשפּיעלט און געהאַלטען אין איין געווינען. גאַנצע אוצרות געלד האָט זי צוגעשאַרט איינס נאָך דאָס אנדערע. און בויגענדיג זיך צו נעהמען די גאָלד־שטיקער האָט זי לייכט און רוהיג זיך אַרומגעקוקט און עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס גאַנצע געוואונענע געלד האָט אייגענטליך אויף איהר קיין איינדרוק ניט געמאַכט. אין דעם האָבען זיך איהרע אויגען בעגע־גענט מיט דעראָנדאַ'ן. זי האָט שוין די גאַנצע צייט געפיהלט, אַז ער קוקט אויף איהר און נעמט זי אין גאַנצען דורך. וואָס וויל ער? וואָס קוקט ער אזוי? — האָט זי פערדראָסען — ער מיינט אודאי, אַז זי איז אַזאַ געלד דורשטיגע, ווי די אַלע איבריגע; ער האַלט זי געוויס פאַר איינע פון די אַלע דאָ. זי איז בלאָס געוואָרען. עס האָט איהר וועה געטאָן, זי מיינט דאָך גאָר ניט דאָס געלד. זי וויל גאָר ניט געווינען, אָט נאָר די צייט צו פערטרייבען. אַז דעראָנדאַ האָט אַלץ געהאַלטען אין איין דורכנעהמען זי מיט זיינע שאַרפע, ברענענדע אויגען, האָט זי זיך געוואָלט מאַכען ווי זי בעמערקט דאָס

גאָר ניט און מיט נאָך מעהר פייער אָנגעהויבען שפּילען. און דאָ האָט זיך דאָס רעדעל אַ דרעה געטהון, עס האָט איהר אויפגעהערט צו געהן און זי האָט פערלוירען איינס נאָך דאָס אַנדערע. עס האָט זי אָבער גאָר ניט געאַרט. זי האָט דאָך דאָ געמאַכט אַ גרויס פערמעגען, מעג זי אַביסעל פערשפּילען. די עלטערע דאַמע, וואָס איז נעבען איהר געזעסען, האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז זי זאָל צוריק פערשפּיעלען און האָט איהר שטיל געזאָגט אין ענגליש: גווענדאָלין, מאַך אַ סוף, הער אויף שפּילען, לאָמיר פאָהרען אַהיים.

— איך וויל ניט, — האָט גווענדאָלין געענטפערט, — מען מוז דען גאָר געווינען. איך בין ניט געקומען רייך ווערען, איך וויל שפּילען.

אַז גווענדאָלין האָט אָבער געהאַלטען אין איין פערשפּיעלען, איז איהר שוין אַליין אויך אַ שאָד געווען דאָס געלד און זי האָט געוואָלט אויפהערען. האָט זי אָבער נאָך אַלץ געפיהלט אויף זיך דעראָנדאַ'ס אויגען און אום ער זאָל ניט מיינען, אַז דאָס געלד איז איהר אַ שאָד האָט זי ווייטער געשפּיעלט.

— הער דאָך שוין אויף, גווענדאָלין, — האָט די עלטערע דאַמע זי געבעטען.

— לאָזט מיך, — האָט זי ניט געוואָלט הערען און פּאָר כעס איינגעשטעלט נאָך גרעסערע סומען און אַלץ מעהר פערלאָרען.

אַלע אַרום האָבען אויף איהר געקוקט און זיך געוואונדערט, וואָס זי וואַרפט אַזוי מיט'ן געלד. עס האָט אָבער זי גאָר ניט געאַרט. נאָר דער יונגערמאַן, וואָס קוקט אַזוי אויף איהר, וואָס וויל ער?

אַז ס'איז איהר שוין מעהר ניט געבליבען ווי עטליכע גאָלדשטיק האָט זי אויפגעהערט און איז אַוועק פון טיש. זי האָט זיך אומגעקעהרט צו דעראָנדאַ'ן און דערזעהן אויף זיין פּנים אַ לייכטען, שפּאָטישען שמייכעל.

— הייסט עס, אַז ער האַלט פון איהר גלייך ווי פון די אַנדערע, — האָט זי זיך געטראַכט מיט ווערהאָג, — ער האָט דאָך אָבער געזעהן, ווי געלד שפּילט ביי איהר קיין ראָלע ניט. ניין, ער פערשטעהט זי יאָ, ער ווייס, אַז זי איז ניט גאָלד דורשטיג.

— נאָ, — האָט זי בעשלאָסען, — איך וועל איהם בעזיעגעז...

דער עולם האָט זיך צוטיילט אויף גרופּען, א טהייל איז געזעסען, אנדערע האָבען שפּאַציערט. די לאָמפּען האָבען געגאָסען ליכטיגקייט אַרום און אַרום. יונגע מיידלאַך און דאַמען אין בריליאַנטען און דימאַנטען האָבען די אויגען געבלענדעט. גוועַנדאָלין איז אַלץ געשטאַנען נעבען דער עלטערער דאַמע און מיט איהר גערעדט. זי איז געגאַנגען אָנגעטהון אין א גרין, זיידען קלייד מיט זילבער שפּרענקלעך, א קליין, גרין היטעלע מיט א זילבער־באַנד אַרומגעשלייפט, פון וועלכען איהרע שעהנע, שוואַרצע האָר האָבען אַזוי בולט אַרויסגעקוקט. באַלד איז צו זיי צוגעקומען א מיטעלּיעהריגער מאַן, א דייטש, קורץ געשוירען, מיט שוואַרצע וואָנסען. האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען שפּאַצירען רעדענדיג צווישען זיך. די אויגען פון אַלע פערזאַמעלטע זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף גוועַנדאָלין.

— א וואונדערבאַרע מיידעל איז די גוועַנדאָלין הערליט, — האָט איינער געזאָגט. — אין גרינעם קלייד מיט די זילבער שפּרענקלעך זעהט זי אויס ווי א שטאָלצע שלאַנג. און זעהט נאָר ווי זי געהט דאָס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ!

— די מיידעל האָט תמיד ליעב פּראָווען שטיק. געפעלט זי אייך, הערר וואַנדערנוט?

— א, זעלטען, זי איז אַן אויסערגעוועהנליכע שעהנהייט.

— ווייס איך וואָס, — האָט א באַראָנעסע, אַן אלמנה זיך אָנגערופען — זי איז גאָר ניט שעהן, זי איז אָהן זאַלץ. קענט איהר אפשר דעם הערר לאַנגען און זיין פרוי? מיט זיי איז דאָך די הערליט געקומען.

— א יאָ, זיי זיינען זעלטען אַנגענעהמע מענשען. איך האָב מיט זיי עטליכע מאָל מיטאָג געגעסען אין גרויסען רעסטאָראַן. די דאַמע קומט פון ענגלאַנד און די הערליט רופט זי „קוזינע“. ווייסט איהר אויך, די מיידעל איז א גאַנץ פיינע און געבילדעטע.

— אַזוי, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, — האָט די אלמנה ווייטער גערעדט. — און וואָס טהוט דער הערר לאַנגען?

— ער פאָהרט מיט זיי מיט, ער בעגלייט זיי.

— איהר ווייסט, דאָס מיידעל האָט פערשפּיעלט א שלל גאָלד, — זיינען זיי טאַקי אַזוי רייך?

— ווער ווייסט? — האָט וואַנדערנוט געענטפערט און אוועק אהין וואו גווענדאָלין מיט איהרע צוויי בעגלייטער זיינען געשטאַנען.

— הער וואַנדערנוט, — האָט גווענדאָלין געזאָגט רוהיג, ניט אַרויסווייזענדיג איהר פערלעגענהייט, — איהר קענט דאָך דאָ אַלע־מען, זאָגט מיר, ווער איז דער, וועלכער שטעהט ביי דער טהיר, דער שרעקליכער יונגער מאַן מיט די שווארצע האָר?

— אַ שרעקליכער? — האָט וואַנדערנוט געענטפערט, — איך מיין, אַז ער איז דער שעהנסטער און פּראַכטפולסטער פון אַלע יונגע לייט.

— ווער איז ער?

— ער איז געקומען מיט סער הוגאָ מאַלאַנזשער. זיי שטעהען איין מיט אונז אין איין האָטעל.

— מיט סער מאַלענזשער? — האָט גווענדאָלין געפרעגט.

— יאַ, איהר קענט דען איהם?

— ניין, — האָט זי געענטפערט ווערענדיג רויט. — איך ווייס נאָר, אַז ער האָט גיטער ניט ווייט פון אונז. ער קומט אָבער קיינ־מאָל ניט אין זיינע גיטער. ווי הייסט דער יונגערמאַן?

— דעראָנדאַ, דניאל דעראָנדאַ.

— אַ שעהנער נאָמען. ער איז אַן ענגלענדער?

— אַ, יאָ, ער איז אַ קרוב צו סער הוגאָ מאַלענזשער. ער האָט אייך אזוי פעראינטערעסירט?

— יאַ, ער אינטערעסירט מיר. עפּעס איז ער אַנדערש ווי אַלע אַנדערע.

— נו, און די אַנדערע יונגע לייט אינטערעסירען אייך ניט?

— ניין, איך ווייס פריהער וואָס זיי וועלען מיר זאָגען. זעהט איהר, דעראָנדאַ איז עפּעס אַנדערש. וואָס פאַר אַ מענש איז ער?

— אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, רעדט ווענינ. איך בין נעכטען מיט איהם געזעסען אין איינעם און ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער איז עפּעס אומעטיג.

— אויב אזוי, — האָט גווענדאָלין געזאָגט, — וויל איך איהם קענען, מיר איז אויך לאַנגווייליג און אומעטיג.

— איהר ווילט איהם קענען? ער וועט זיך פיהלען גליקליך אַריינצוקומען צו אייך.

— מאַדאַם — האָט וואַנדערנוט זיך געווענדעט צו פּרוי־לאַנגען — אויב איהר בעפעהלט, ברענג איך איהם צו אייך אין הויז.

— פיין, אדרבה, ער איז דאָך סער הוגאָ מאַלענדזשער'ס א קרוב. מיין הויז איז תמיד אָפען פאַר איהם.

אַז וואַנדערנוט איז אַוועק האָט פרוי לאַנגען געפרעגט גווענ־דאָלינען:

— וואָס איז דיר טאַקי אַזוי לאַנגווייליג? האָסט דאָך א גאַנצען טאָג געשפּיעלט?

— אָט דערפאַר טאַקי וויל עס איז מיר לאַנגוויילינ האָב איך געשפּיעלט. אוי, ווי מיר איז לאַנגווייליג! מיר ווּעלען מוזען ערגעץ אַוועקפאָהרען.

— זאָל נאָר קומען דעראָנדאַ, אפשר וועט ער דיך אינטערע־סירען, וועט מען פערשפּאָרען פאָהרען — האָט פרוי לאַנגען גע־ענטפערט.

— אפשר.

דניאל דעראָנדאַ איז אָבער דאָס מאָל נישט געקומען. גווענ־דאָלין האָט איהם יענעם אָבענד נישט געזעהן. שפּעטער אַז גווענ־דאָלין איז געקומען אהיים צו זיך אין צימער, האָט זי געפונען פאַר זיך א גרויסען בריעף בעשריבען פון אַלע זייטען. און דער בריעף האָט געמאַכט א גאַנצע איבערקעהרעניש אין איהרע פּלענער.

## 2טער קאַפּיטעל

דער בריעף, וואָס גווענדאָלין האָט געפונען ביי זיך אין צימער, איז געווען פון איהר מוטער.

„ליעבע טאָכטער, — האָט די מוטער געשריבען, — גאַנצע אַכט טאָג האָב איך געוואַרט אויף א בריעף פון דיר און מען הערט נישט און מען זעהט נישט. אין דיין לעצטען בריעף שרייבסטו, אַז הערר לאַנגען מיט זיין פרוי פאָהרען נאָך באַדען. פאַרוואָס שרייבסטו מיר נישט וואו דו ביזט פאַר וואָס ליעג איך דיר גאָר נישט אין זינען? איך געה אַרום אין איין שרעק, ווער ווייס אויב דו וועסט כאָטש בעקומען מיין בריעף. גאָט אין הימעל! איך קען

מיר קיין אָרט נישט געפינען פאַר בענקשאַפט. געדענק, מיין קינד, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אהיים צו קומען סוף סעפּטעמבער. איך בעשווער דיך ביי אַלעם הייליגען, דו זאָלסט די מינוט אהיים פאָה־רען. קיין איין טאָג זאָלסט דו נישט בלייבען.

„אויב דאָס גאַנצע געלד איז דיר אוועקגעגאַנגען איז זעהר שלעכט. איך קען דיר מעהר נישט שיקען, און ביי הערר לאַנגען זאָלסטו אויך נישט נעהמען. איך האָב נישט אָבצוגעבען.

„אוי, וואָס פאַר אַ שרעקליך אונגליק איז אונז געשעהן! איי־גענטליך, וואָס פערשטעהסטו, קינד, אין דעם? געלד זאַכען זיינען דיר קיינמאָל אין זינען נישט געלעגען. די געשעפטען האָבען דיך גאָרנישט געאַרט. גלויב מיר, טהייערע טאָכטער, איך וואָלט בע־סער מיין לעבען אוועקגעגעבען און נישט געוואָלט יסורים דיר פער־שאַפען מיט דער שלעכטער בשורה. איך קען זיך אָבער נישט העל־פען, דו מוזט אַלץ וויסען.

„דער באַנקיר גראַפּענעל האָט באַנקראָטירט אויף אַ גאַנצען מיליאָן. אַלע געלדער וואָס זיינען ביי איהם געלעגען זיינען פער־לוירען. אונזער גאַנץ פערמעגען איז געווען אין זיינע הענד און מיר זיינען יעצט אין אַ גרויסע צרה. דעם פעטער גאַסקוין'ס געלד איז אויך פערלאָרען, נאָר מיט איהם איז נישט אַזאַ זאָרג. ער איז דאָך אויף אַ שטעל און האָט שעהן פּרנסה. אַז ער וועט נאָך פערקויפען זיין שטאַל פערד און האַלטען אביסעל וועניגער משרתים, קען ער גאָר ברייט לעבען. מיר אָבער, מיין קינד, מיר זיינען פערלוירען. מיר זיינען איבערגעבליבען אַזוי ווי מיר שטעהן און געהן, אָהן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. דאָס גאַנצע געלד, וואָס איז פון טאַטען'ס ירושה געבליבען, איז נישטאָ.

„זעהסטו, ווען דו ביזט אוועקגעפאָהרען איז אַלץ געווען גוט און פיין און פּלוצלונג אַזאַ אונגליק.

„גלויב מיר, מיין קינד, אַז דאָס האַרץ צוגעהט אין מיר פאַר וועהטאָג, וואָס איך פערשאַף דיר יסורים, איך קען זיך אָבער נישט העלפען, דו מוזט עס וויסען, עס זאָל נישט זיין פאַר דיר אונער־וואַרטעט, זאָלסט זיך קענען פּאַרבערייטען פאַר דער שלעכטער צייט. אונזער לעבען איז איצט גאָר אַנדערש און ווער וויים וואָס אונז

דערוואָרט נאָך. אפשר וועלען מיר זיך מוזען ארויסקלייבען פון אפענדען און זוכען גליק ערגעץ אנדערש...

„צום פעטער גאסקוין קען מען נישט געהן וואוינען. עס איז ענג ביי איהם. מיר וועלען זיך ווי עס איז דערווייל ערגעץ אין א צימער איבערקלייבען און עסען ווי די אורחים ביים פעטער, ביז מיר וועלען זיך אויסזוכען א שטיקעל פרנסה. גאָט זאָל נאָר העל־פען, מיר זאָלען קענען בעצאָהלען אונזערע חובות און דער הויפט אונזערע דינער.

„נור פערלאָז זיך, קינד מיינס, אויף גאָט, פערליער נישט דעם מוט, פון הימעל איז עס אזוי בעשערט, לאָמיר האָפען, אז אונזער מזל וועט צוריק אויפשיינען. דיינע קליינע שוועסטערלעך וויינען מיט מיר אויפ'ן אונגליק. וואָס העלפט דאָס אָבער? זעהסטו, ווען דו זאָלסט באלד קומען, וואָלט אונז אפשר אַביסעל לייכטער גע־וואָרען, כאָטש איך גלויב נישט, אז דו זאָלסט קענען געהן אר־ בייטען.

„אויב מר. לאנגען און זיין פרוי ווילען נאָך פארברענגען, זאָלסטו נישט וואַרטען אויף זיי, נאָר תיכף ארויספאָהרען. קום אהיים, ווסטו דערפרעהען דאָס הארץ פון דיין מאַמע, וואָס האָט דיך ליעב, ווי איהר לעבען.

פאַני דאַווילאָ."

גוועגדאָלין האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און געבליבען שטעהן ווי אַן אונטערגעשאָסענע. ווען מען וואָלט איהר מיט א שטיק אייזען איבער'ן קאָפּ דערלאַנגט, וואָלט איהר מעהר נישט וועה גע־טהאָן. אזא אונגליק! אזא צרה! וואָס וועט זי איצט טהאָן זי איז אויפגעצויגען געוואָרען אין גרעסטען וואוילטאָג, איהר גאַנץ לעבען איז געווען בלויז פרייד און גליק. און איצט? הונגערן? אויסגעהן נאָך א שטיקעל ברויט?...

א קליינע ווײַלע איז זי אזוי געשטאַנען און פון אָרט זיך נישט גערירהט. זי האָט מיט כעס אַראָפּגעריסען פון זיך דעם וואואַל און אוועקגעשליידערט און נישט ווילענדיג האָט זי געכאַפּט א קוק אין שפּיגעל. איהרע גרויסע, שעהנע צעפּ האָבען אזוי אַראָפּגעהאַנגען. אַלע מאָל ווען זי איז פאַר'ן שפּיגעל געשטאַנען און געזעהן איהרע

שעהנע, שווערע צעפּ, האָט זי געטאַנצט פאַר פרייד. איצט אָבער איז איהר דאָס אַלץ נישט איינגעגאַנגען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער זאָפאַ און גענומען לייענען דעם בריעף איינמאָל און נאָכאַמאָל. זי איז שטאַרק בייז געוואָרען און איהם אוועקגעוואָרפען, און אַזוי איז זי געבליבען ליגען אויף דער זאָפאַ. זי האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט, קיין זיפץ אפילו נישט ארויסגעלאָזט.

— ניין עס טאָר אַזוי נישט זיין — האָט זי בעשלאָסען, — מיט וויינען און קלאָגען וועט זי גאָר נישט העלפען. זאָרגען ברייננגט אויך קיין גוטעס נישט. מען דאַרף זיך נעהמען אין די הענד אריין און זעהן טהאָן עפּעס, געפינען אַן עצה.

אין דער מינוט האָט זי אפילו אַן דער אייגענער מוטער פערגעסען. נאָר פאַר זיך אַליין האָט איהר וועה געטהאָן. זי האָט זיך דערמאָהנט, וואָס פאַר אַ שלל גאָלד זי האָט היינט פערשפּיעלט ביי דער רולעטקע און עס האָט איהר אַזוי באַנג געטהאָן. אוי, ווען זי האָט דאָס געלד, וואָלט קיין שום זאָרג נישט געווען. זי וואָלט אַהיים געפאָהרען צו דער מאַמען און עס וואָלט געגוג געווען אויף'ן גאַנצען לעבען.

— מען דאַרף נאָך אַמאָל געהן שפּילען — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן — פּרואווען מזל. פיער גאָלד שטיקער האָט זי נאָך, זי וועט איהר ציערונג פער'משכנ'ען, אַנדערע טהוען דאָך אויך אַזוי. זי וואָלט דאָך אייגענטליך אָהן דער מוטער,ס בריעף סיי ווי געגאַנגען נאָך אַמאָל שפּיעלען. יאָ, זי וועט מאָרגען געהן שפּיעלען.

דער געדאַנק האָט זי בערוהיגט און דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט, אַז זי וועט געווינען. באַלד אָבער איז איהר איינגעפאַלען, טאָמער וועט זי גאָר פערשפּיעלען, וועט דאָך נאָך ערגער זיין און דער יונגערמאַן. דער דעראָנדאַ... ניין, זי וועט מעהר נישט שפּיעלען.

מר. לאַנגען מיט זיין פרוי טאָרען פון גאַנצען אונגליק גאָר ניט וויסען, קיין וואָרט וועט זי זיי נישט דערצעהלען. זיי וועלען איהר געלד פאָרלייגען און זי וויל דאָס נישט. זי וועט בעסער אויפשטעהן גאַנץ פריה, אוועקלייגען דעם בראַסלעט אין לאָמבאַרד און האָבען אויף הוצאות אַהיים. די לאַנגען'ס וועט זי זאָגען, אַז די מוטער

האָט איהר געשריבען זי זאָל די מינוט אהיים קומען. און טאַקי דעם זעלבען אָבענד זעצט זי זיך אויף דער באַהן און גלייך אהיים.

גווענדאָלין האָט זיך אויפגעשטעלט און אַלע לאָמפּען אָנגעצונדען און האָט זיך גלייך גענומען איינפּאַקען די זאַכען. רוהיג און שטיל האָט זי געטהאָן איהר ארבייט, יעדע זאַך גלייך געלייגט, עס זאָל נישט צוקנייטשט ווערען און פאַר איהרע אויגען האָבען זיך פאָרגעשטעלט פערשיעדענע בילדער.

אָט זעהט זי, ווי זי געזעגענט זיך מאָרגען מיט די בעקאַנטע און זיי שטעהען צו מיט זייערע פראַגען: וואָס פאָהרט זי? פאַר וואָס? זיי מאַכען זי מיער און מאַט מיט זייערע פראַגען. נאַ, אָט שטעהט זי גאָר נעבען דער רולעטקע און געווינט אוצרות גאָלד און פלוצלונג שווימט גאָר אויף דעראָנדאַ. ער קוקט אזוי מאָדנע אויף איהר און שמייכעלט... אַ, ווען נישט ער, וואָלט זי אפשר נאָך מאָרגען געשפּיעלט און אפשר טאַקי געוואונען...

אַז זי האָט געזעהען, אַז עס גלוסט זי שוין ווידער שפּיעלען, האָט זי גיכער אָנגעהויבען פּאַקען. איינמאָל בעשלאָסען פאָהרען — איז פאָהרען. זי בלייבט נישט מעהר. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דעראָנדאַ איז דער מלאך, וואָס טרייבט זי אוועק פון דעם שפּיעל הויז.

אזוי איז זי געשטאַנען און געפּאַקט ביז טאָג. זי האָט זיך שוין נישט געלייגט, האָט זיך ארומגעוואשען מיט קאַלטע וואסער און דערפיהלט זיך פריש און ווי ניי געבוירען.

דער זייגער האָט געשלאָגען זעקס און זי האָט שוין געוואָלט ארונטערגעהן אין גאַס, האָט מען אָבער קיין פרויען אין דרויסען נאָך נישט געזעהן. האָט זי זיך דערווייל אריינגעזעצט אין אַ שטוהל קעגען איבער דעם שפּיעגעל. די מיעדקייט און דאָס בלאַסקייט האָט איהר צוגעגעבען טויזענד חן און זי איז אויפגעשפּרונגען פאַר גרויס פרייד. פּופציג מאָל אין טאָג הערט זי קאָמפּלימענטען פון אַלע זייטען, פון אַלט און יונג און דער שפּיגעל שטעהט אויך נישט אָב, ער זאָגט איהר גאַנץ אָפען, אַז זי איז שעהן, שעהנער פון אַלע פרויען... די זון איז ארויס און זיך געהויבען אַלץ העכער און העכער. די גאַנצע וועלט איז מיט אַ ווארימע ליכטיגקייט ארומגענומען געוואָרען, דאָס ליכט האָט אין גווענדאָלינ׳ס האַרץ אריינ־

געקוואָלען, עס איז איהר עפּעס אזוי ווארעם געוואָרען און ליכטיג. זי האָט געשמייכעלט פאר פרייד. דער שפּיגעל האָט איהר צוריק געשמייכעלט. האָט זי דעם וואוּל אַרונטערגענומען, איז צום שפּיגעל צוגעגאַנגען, א קוש געטהאָן און געטראכט:

— גוועגדאָלין, נישט געזאָרגט! גאָט וועט העלפען. מען דארף זיך נאָר נעהמען ענערגיש, אָנשטרענגען די כחות און אַלץ וועט ווידער גוט זיין.

זי איז אַרויס אין דרויסען, אוועק שפּאַצירען איבער די גאַסען, ביז זי האָט דערזעהן א פּאָן שאָפּ. זי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט אויב א בעקאַנטער זעהט זי נישט און אַריין אין פּאָן שאָפּ. און טאָמער וועט זי שוין זאָגאר יא בעגעגענען א בעקאַנטען איז אויך נישט געפעהרליך. ער וועט גאָר נישט חושד זיין, ער וועט מיינען, אַז זי איז גאָר געגאַנגען קויפען צירונג.

אין איין מינוט איז זי פאַרטיג געוואָרען. זי האָט אַרונטער־גענומען דאָס האַלז קייטעל און עס האָט זי גאָר נישט געאַרט, וואָס זי גיט אוועק די ירושה פון איהר טאַטען. עס האָט זי נאָר פער־דראָסען, וואָס דער איד האָט איהר מעהר נישט געוואָלט לייען, ווי ניין גאָלד־שטיק. נאָר, מילא, עס וועט גענוג זיין ביז אהיים. זי איז אוועק צו זיך אין האָטעל און אוועקגעזעצט זיך וואַרטען פאַר׳ן אָנבייסען.

אַז די טהיר האָט זיך געעפענט, האָט זי געהאַלטען פערמאַכט די אויגען און געמיינט, אַז דאָס איז הערר לאַנגען מיט זיין פרוי. ווי פערוואונדערט איז זי אָבער געוואָרען, ווען זי האָט דערזעהן דעם משרת פון האָטעל, ווי ער דערלאַנגט איהר א קליין פּעקעל און ער זאָגט:

— א מאַן האָט דאָס געגעבען פאַר אייך, מיס גוועגדאָלין הערליט.

זי האָט גענומען דאָס פּעקעל און מיט ציטערענדע הענד עס אויפגעעפענט. אין פּעקעל האָט זי געפונען איהר קייטעל און א קליין צעטיל געשריבען מיט א פּענסיל:

„א פרעמדער מאַן, וואָס האָט געפונען מיסס הערליט׳ס קיי־טעל, גיט איהר דאָס צוריק. ער האָפט, אַז זי וועט זיין פאָרזיכטיג און מעהר נישט פערלירען“...

זי איז אינגאַנצען רויט געוואָרען און דאָס הארץ האָט זיך אין איהר געוואָרפען פאַר גרויס אויפרעגונג. דאָס קייטעל איז גע־ווען איינגעוויקעלט אין אַ טיכעל, איין עק פון טיכעל איז געווען אויסגעריסען. דאָס האָט דער מאַן אויסגעריסען זיין אויסגענעהטען נאָמען.

א, זי איז זיכער געווען, אַז דער פרעמדער מאַן איז נישט קיין אַנדערער ווי דעראַנדאַ. אַנדערש נישט, נאָר ער איז איהר נאָכ־געגאַנגען ביז צום פאַון שאָפּ, און אַז זי איז אַוועק האָט ער דאָס אויסגעקויפט פאַר איהר.

— וואָס פאַר אַן אונערוואַרטעטע געשיכטע! — האָט עס זי פערדראָסען. — וואָס טהוט מען? אָבגעבען איהם קען זי דאָך נישט, נאָך אַלעמען ווייס זי דאָך נישט אויף געוויס ווער דאָס איז. און ווען זי זאָל אפילו גאַנץ זיכער זיין, אַז ער איז דאָס דער „פרעמ־דער מאַן“, קען זי עס דאָך אָבער נישט בעוויייזען. ער וועט דאָס זיכער אָבלייקענען. זי האָט נישט קיין עצה, זי קען זיך גאָר נישט העלפען. וואָס וויל ער פון איהר דער דעראַנדאַ? וואָס האָט ער זיך פערנומען אויף איהר? ער לאַכט פון איהר, מאַכט גאַנצע געשעפטען, ער ווייזט איהר, אַז ער איז איהר מלאך, איהר בעשי־צער, ער העלפט איהר אַרויס און בעשיצט זי פון אַלעם בייזען...

איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען. עס האָט איהר אַזוי וועה געטהאָן. קיין שום מענש האָט נישט געוואַגט צו מאַכען אַנטקעגען איהר אַ קרומע מינע. תמיד האָט זי געהאַט דעם גרעסטען כבוד, יעדער האָט זי רעספּעקטירט און דאַ קומט אַ ווילד פרעמדער מענש און מאַכט פון איהר אַ גאַנצען געלעכטער. ניין, זי קאָן דאַ מעהר נישט פערבלייבען. זי מוז שוין אַוועקפאָהרען פון דאַנען. פערשטעהט זיך אין שפּיעל הויז טאָר זי אודאי און אודאי נישט אַריינשמעקען.

אין דער מינוט האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט. דער דינער האָט געבראַכט אַנבייסען. גוועגדאָלין האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס גאַנצע פּעקעל, דאָס קייטעל, דאָס טיכעל און דאָס צעטעלע. זי האָט זיי אָבער באַלד אויפגעהויבען און אַריינגעלייגט אין קעשענע און איז באַלד אַרויס.

זי איז אריין צו די לאַנגענ'ס. זיי האָבען אין איהרע אויגען גלייך דערקענט, אז זי האָט געהערט אַ שלעכטע בשורה פון דער היים. זיי האָבען אפילו נישט געוואָלט זי לאָזען פאָהרען אליין. זי האָט זיך אָבער איינגעשפּארט און באַלד דעם זעלבען טאָג גע־פאָהרען נאָך בריסעל און אין צוויי טאָג ארום איז זי שוין געווען אין אפּענדען, ביי דער מאַמען אין דער היים.

---

## 3טער קאַפּיטעל

גווענדאָלין איז נישט געווען קיין איין איינציגע ביי איהר מוטער. זי איז אָבער געווען די גרעסטענסטע, די שעהנסטע און די איידעלסטע פון אלע קינדער. נישט געווען אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס די מוטער זאָל איהר ניט צוליעב טהאָן. צו טייער און צו שווער האָט פאַר איהר ניט עקזיסטירט. וואָס זי האָט געוואָלט, דאָס איז געשעהן. דאָס גאַנצע הויז איז ארום איהר ארומגעגאַנגען און אָפּגעהיט די פּארע פון איהר מויל. זי האָט אפילו ניט גע־דארפט רעדען און בעטען, אַ וואונק איז געווען גענוג און זי האָט אלץ געפּועל'ט.

אז איהר פאָטער איז געשטאָרבען, איז זי נאָך זעהר אַ קליין מיידעל געווען און האָט גאָר נישט געוואוסט, וואָס ארום איהר טהוט זיך. אז איהר מוטער האָט חתונה געהאט מיט דעם הערר דאַווילאָ, האָט זי גאָר ניט געזעהן און זי האָט גאָר ניט געזאָגט. נאָר אז דאַווילאָ איז אויך געשטאָרבען און די מוטער איז געוואָרען צום צווייטען מאָל אן אלמנה מיט אַ פּאָר קינדער דערצו, איז זי צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט שאַרף געזאָגט:

— מאַמע, פאַר וואָס האָסטו אַ צווייטען מאָל חתונה געהאַט? עס וואָלט געווען שעהנער, ווען דו וואָלסט געזעסען אן אלמנה נאָכ'ן טאַטען אויפ'ן גאַנצען לעבען...

די מוטער איז רויט געוואָרען און זיך געבעטען:

— רעד נישט אַזוי, מיין קינד, דו טהוסט מיר אַזוי וועה...

גווענדאָלין האָט געשוויגען. אין הארצען האָט זי אָבער גע־פיהלט, אז די מוטער איז נישט גערעכט געווען.

זייט גווענדאָלין איז צום שכל געקומען, האָט זי געפיהלט, אַז זי איז אַנדערש ווי די גאַנצע וועלט. זי איז נישט אַ געוועהנליכע מיידעל, ווי אַלע אַנדערע. זי איז געבוירען געוואָרען צו זיין גרויס, בעריהמט. און נישט נאָר זי אַליין האָט אַזוי געפיהלט. די גאַנצע משפחה איהרע האָט אויך אַזוי געהאַלטען. זי איז געווען דאָס צירונג, די קרוין פון דער גאַנצער פאַמיליע, און אַלע האָבען זי ליעב געהאַט.

איהרע שוועסטערלעך, וואָס די מוטער האָט געהאַט פון צווייטען מאַן, האָט זי ניט פיינט געהאַט; זי האָט זיי אָבער אויך נישט ליעב געהאַט. זי האָט זיך געהאַלטען גרעסער פון זיי, שעהנער און קליגער און זי האָט זיך געשאַפען מיט זיי ווי מיט דיענסטען.

— לערן עפּעס מיט די קינדער, לערן זיי שרייבען און לייענען — האָט די מוטער זיך איינמאָל ביי איהר געבעטען. זי האָט גאָר נישט געענטפערט, נור אַ בייזען קוק געטהאָן אויף דער מוטער, און זי איז שוין אַנטשוויגען.

זי האָט ערגעץ אַנדערש ניט געוואָלט שלאָפען. נאָר אין דער מאַמע'ס שלאָפצימער. נור אַז די מוטער איז איין מאָל קראַנק געווען און ביי נאַכט געבעטען זיך ביי איהר זי זאָל איהר דערלאַנגען די מעדיצין, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט:

— איך וויל נישט.

— איך בין דאָך אָבער קראַנק, איך קען דאָך נישט געהן אַליין — האָט די מוטער געבעטען.

— איך וויל נישט, און שוין! — האָט זי זיך פערעקשן'ט.

צומאָרגענס אין דער פריה האָט איהר אָבער שוין שטאַרק באַנג געטהאָן און זי איז צוגעלאָפען צו דער מוטער, געפאַלען אויף איהר האַלז, און זיך שטאַרק צוואויינט און די מוטער האָט מיט איהר מיטגעוויינט.

גוועגדאָלין איז קיינמאָל נישט געווען קיין שלעכטע. זי האָט פון תמיד אָן געהאַט אַן איידעל גוט האַרץ, קיין פליג אויפ'ן וואַנד האָט זי נישט אָנגעריהרט. אַז זי האָט געזעהן אימיצען אָנגעריהרט אַ האָר, וואָלט זי איהר לעבען אוועקגעגעבען. נאָר טייל מאָל האָט זי זיך ליעב געהאַט איינצושפּאַרען און קיין שום רייד און געבעט האָבען נישט געהאָלפען, זי האָט געטהאָן וואָס זי האָט געוואָלט.

אַז איהר שטיף פאָטער דאווילאַ איז געשטאָרבען, איז די מוטער אוועק וואוינען אין אָפּעגדען. ס'איז ניט ווייט פון פּאַניקוט, וואו איהר שוועסטער'ס מאַן, הערר גאַסקוין, איז גלח. דער גוטער גאַסקוין האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ס'וועט איהר גאַר נישט פעהלען. ער נעהמט זי אונטער זיינע פליגעל. ער האָט זי איינגעדונגען אין אַ קליין שעהן הויז, געהאָלפען איהר איינריכטען די ווירטשאַפט און אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיג, האָבען אַלע געוואָלט וויסען איין זאַך: וועט דאָס געפעלען גוועגדאָלינ'ען אָדער נישט?

אַז גוועגדאָלין איז געקומען צופאָהרען, איז גאַסקוין מיט זיין פרוי און טאָכטער און אַ סך בעקאַנטע זיינע זי געגאַנגען אויפנעהמען, געשטאַנען און געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגען.

— גאַנץ פיין, ווירקליך זעהר שעהן — האָט גוועגדאָלין געזאָגט — די געגענד געפעלט מיר אויך. עס פעהלט מיר נאָר איין זאַך, איך דאַרף אַ גוט פערד צו רייטען.

גאַסקוין האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין שוועגערין, און זי האָט פערשטאַנען, אַז אויף אַזעלכע זאַכען קען מען נישט אויסגעבען קיין געלד. ער האָט אָבער געזעהן ווי שעהן גוועגדאָלין איז, ווי הויך און שלאַנק, און אַז עס וועט איהר פאַסען צו פאָהרען אויף אַ פערד, און דערווייל קען זיך אין איהר פערליעבען אַ באַראָן אָדער אַ גראַף. איז ער זעהר צופריעדען געווען און געזאָגט:

— איך וועל שוין זעהן, אַז קיין זאַך זאָל נישט פעהלען...

גוועגדאָלין האָט זיך צורעדט מיט אנא'ן, איהר פעטער'ס איינציגע טאָכטער, און זי איז איהר געפעלען געוואָרען. דאָס איז געווען אַ שטילע און אַ רוהיגע מיידעל, אַן אָפּענהערציגע, אָהן שום סודות, און גוועגדאָלין האָט זיך געטראַכט:

— נו, זי וועט מיר נישט שטעהן אין וועג...

אנא האָט איהר דערצעהלט פון אָפּענדען און דעם גאַנצען געגענד אַרום. זי האָט גערעדט פון אַראַפּוינט'ס די בראַנקישאָס און פון סער הוגאָ מאַלעזשער, אַלץ רייכע, בעריהמטע גוט־בעזיצער, וואָס וואוינען נישט ווייט פון שטעדטעל.

גוועגדאָלין איז שוין גאָר אין גאַנצען צופרידען געווען. זי האָט איינגעזעהן, אַז זי וועט דאָ די צייט גוט פערברייגגען. עס וועלען זיין בעלער, פערוויילונגען, אַ לעבעדיגע וועלט.

— נו, און מיין ברודער רעקס איז א גאַנץ וואוילער בחור — האָט אַנאַ ווייטער געזאָגט. — ער איז איצט אין אוניווערזיטעט. אין א פּאָר וואָכען ארום קומט ער אהיים אויף וואקאציע, וועלען מיר צוזאמען פערברייננגען. ער איז א גאַנץ פרעהליכער, פול לעבען — וועסט זעהן.

גווענדאָלין האָט געשוויגען און גאָר ניט געענטפערט אויף דעם.

און באַלד זיינען אַלע ארום געוואָרען איהר אונטערטהעניג און געהאָרזאַם, ווי די דיענער. יעדער האָט זי בעוואונדערט און געזאָגט:

— די מיידעל וועט נישט איינרוהען ביז די גאַנצע וועלט וועט שטעהן פאַר איהר אויף די קניע...

גוועגדאָלין האָט דאָס געוואוסט. זי האָט געהאַלטען, אַז זי איז געבוירען געוואָרען צו זיין א הערשערין. דער פעטער גאסקוין וויל זי חתונה מאכען פאַר א באַראָן אָדער א גראַף. גוט, זי בעשטעהט דארויף, זי וועט חתונה האָבען. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר — זי וויל זיין א הערשערין, א קעניגין...

פאַר וואָס איז דאָס אַזוי געווען? מיט וואָס פאַר א קראַפט האָט זי אַלעמען ארום, מענער און פרויען אָהן אונטערשיעד, בעכשופ'ט און בעהערשט — דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט. אמת, זי איז שעהן, פול מיט חן, זיינען דאָך אָבער דאָ גענוג שעהנע מיידלעך אויף דער וועלט. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, האָט קיינער נישט געוואוסט.

אַז גוועגדאָלין האָט געזעהן, אַז איהר האָפנונג צו זיין א הערשערין איז נאָך ווייט, ווייט, איז איהר דאָס לעבען נישט איינגעגאַנגען. און וואָס זי האָט געזעהן און געהערט האָט זי מיט דער האַנד אָוועקגעמאַכט, און ווי אַלטע, אָבגעלעבטע, וואָס קיין זאַך געהט זיי נישט אָן, האָט זי געזאָגט: עה, נארישקייטען, אַלץ איז הבל־הבלים...

אַלע רייכע גוטבעזיצער פון ארום, די גראַפען און די באַראָנען, האָבען געהערט, אַז זי איז געקומען. האָט זי יעדער צו זיך פערבעטען. צו אַלע בעלער איז זי געווען איינגעלאַדען און אַלע האָבען געוואָלט מיט איהר רעדען און פאַרברייננגען.

— ווער איז זי? וועמעס איז דאָס מיידעל? — האָט יעדער נייגעריג געפרעגט און זיך מיט איהר פעראינטערעסירט.

גוועגדאָלין איז זיך געגאַנגען גלייך און שטאָלץ אין די פּאַלאַצען איבער די רייכע, אויסגעפּוצטע זאַלען און זי האָט געטראַכט, אַז דאָס געהט נישט גלאַט אַ געוועהנליכע מיידעל, נאָר אַ קעניגין, אַ קעניגען, וואָס אַלע ארום איהר זיינען איהרע קנעכט און זי הערשט איבער דער גאַנצער וועלט.

ווען זי איז געווען צו גאַסט ביי די אראַפּוינט׳ס האָט די בעל הבית׳טע זיך אוועקגעזעצט מיט איהר שמועסען וועגען דער ענגלישער ליטעראַטור און האָט איהר דערצעהלט, אַז זי האָט אַליין געשריבען אַ סך ביכער און ערצעהלונגען און האָט געוואָלט רעדען וועגען זייער אינהאַלט, האָט איהר גוועגדאָלין איבערגעהאַקט און געזאָגט:

— גיט מיר אייערע ווערק וועל איך זיי אַליין לייענען...

די בעל הבית׳טע איז בלאַס געוואָרען ווי די וואַנד. איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז „דאָס מיידעל" מאַכט פון איהר ליצנות... אין דער מינוט איז אונטערגעקומען איהר טאָכטער און געווענדעט זיך צו גוועגדאָלינ׳ען:

— פריילין גוועגדאָלין, זינגט עפּעס. מען זאָגט, אַז איהר זינגט זעהר שעהן, אַלע ווילען אייך הערען. זי האָט זיך ניט אָבגעזאָגט און געוואָלט זינגען. האָט מען איהר אָבער דערווייל פאַרגעשטעלט פאַר אַ בעריהמטען מוזיקער, אַ גרויסער קינסטלער פון דייטשלאַנד, וואָס די גאַנצע וועלט קלינגט מיט זיינע וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציעס. דער מוזיקער האָט זיך קוים, קוים אַ נייג געטהאָן פאַר איהר. גוועגדאָלין האָט איהם בעטראַכט פון אויבען ביז אראָפּ און זיך געטראַכט:

— אַ צו שטאָלצער, מען דאַרף איהם איינברעכען...

אראַפּוינט׳ס טאָכטער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען. גוועגדאָלין האָט געזונגען, און דער מוזיקער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך איינגעהערט.

אַז זי האָט געהאַט געענדיגט, איז זי צו צו׳ן איהם און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב אייך גוט גענודיעט מיט מיין זינגען, האָ?... איהר האָט אזא זינגען אודאי קיינמאָל נישט געהערט...

— בעשטימט נישט — האָט ער איהר פעסט געענטפערט.

גווענדאָלין איז רויט געוואָרען און אינגאנצען זיך פערלאָרען.

— אַ חוצפּה פון אַ מענשען. זעה נאָר ווי ער רעדט צו איהר, — האָט זי פערדראָסען. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און געזאָגט:

— איך האָב נישט געהאַט קיין גוטען לעהרער.

— ריכטיג, — האָט ער צוגעשטימט. — איהר האָט נישט געהאַט קיין גוטען לעהרער. עס איז לייכט צו דערקענען. ער האָט איהר אָנגעהויבען אָנווייזען אַלע פעהלערן אין איהר זינגען, געזאָגט, אַז מען קען נאָך אַלץ פערבעסערען. פון דעם איז ער אריבער אין אַ שמועס וועגען מוזיק אין אַלגעמיין און איז שוין נישט אָבגעטרעטען פון איהר.

אַראַפּוינט'ס טאָכטער איז צו איהר צוגעגאַנגען און זי געוואָלט ווי בערוהיגען. זי האָט איהר געזאָגט:

— זאָל אייך גאָר נישט אַרען, פריילין גווענדאָלין, וואָס מיין לעהרער זאָגט אייך. מיין לעהרער איז צו שטרענג, פאַר איהם קען קיינער נישט זינגען, נאָר מלאכים וואָלטען פאַר איהם געטויגט.

גווענדאָלין האָט אייגענטליך גאָר נישט געאַרט. זי האָט דעם מוטה נישט פערלוירען אויף אַ האָר. עס האָט זי נאָר פערדראָסען, וואָס אַראַפּוינט'ס טאָכטער שפּיעלט אַזוי שעהן פּיאַנאָ, ניט זי... זי האָט זי אַזוי מקנא געווען דערמיט. איהר רייכקייט, איהרע מיליאָנען זיינען איהר גאָר נישט אין קאָפּ געלעגען, נאָר פאַר וואָס שפּיעלט זי בעסער פאַר איהר פּיאַנאָ?...

זי האָט זיך אָבער בעטראַכט, אַז דער מוזיקער וועט דאָך נישט אייביג שטעהן מיט איהר און זי בעליידיגען, אַז זי קען נישט זינגען און נישט אומעטום וועט מען דאָך זי בעטען זינגען. און אַז אפילו יאָ, מען וועט זי ווייטער ערגעץ בעטען זינגען. וועט זי נישט וועלען הערען און געדענקען דערפון.

אַז אָפּענדען האָט איהר אָנגעהויבען דערעסען און עס איז איהר געוואָרען לאַנגווייליג, איז איהר איינגעפאַלען צוזאַמענצונעהמען אַ

פּאָר יונגע מענשען און שפּיעלען טהעאטער. און זי האָט געזאָגט צו איהר מוטער:

— מאַמע, ווייסט, איך קען זיין אַ בעסערע אַקטריסע, ווי ראַשעל. איך בין נאָך שעהנער פאַר איהר...

נאָר אַנאַ, איהר שוועסטערקינד, האָט זי אָבגערעדט דערפון און איהר געזאָגט:

— וואַרט צו ביז רעקס וועט קומען. נאָך עטליכע טעג און ער איז דאָ. ער איז אַ קלוגער און אַ לעבעדיגער יונג. וועסט זעהן, ער וועט שוין עפּעס צוטראַכטען, עס זאָל נישט זיין לאַנג־וויילינג.

— אַזאַ קלוגער איז ער? — האָט גווענדאָלין געפרעגט. — וואָס וועסטו טהאָן, אַז איך וועל איהם, דיין חכם, מאַכען צו נאַר פאַר אַלעמען אין די אויגען?...

— דו וועסט עס נישט טהאָן, — האָט אַנאַ זיך געבעטען מיט טרעהרען, — טהו דאָס נישט, ער איז אַזאַ גוטער, איך האָב איהם אַזוי ליעב...

רעקס איז אַ היים געקומען פון אוניווערזיטעט אויף אַ פּאָר וואָכען. און די ערשטע דריי טעג האָט ער איינגעזעהן, אַז ער איז פערליעבט אין גווענדאָלין, פערליעבט ביז איבער די אויערען...

נאָך אַזאַ מיידעל, — האָט ער געטראַכט — איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ. ער וועט אָהן איהר נישט קענען לעבען. עס איז איהם אָבער גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז אַזאַ מיידעל איז נישט פאַר איהם; אַז זי וויל עפּעס גרעסערס, העכערס. רעקס האָט גאָרנישט געזעהן און גאָרנישט געהערט. אין אַלץ וואָס גווענ־דאָלין האָט געזאָגט, וואָס זי האָט געטהאָן, האָט זיך איהם אויסגע־וויזען, אַז זי האָט איהם ליעב. נאָר אַנאַ, זיין שוועסטער, זי האָט יאָ פערשטאַנען און זי האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר איהם און איהר האַרץ האָט זיך אַזוי געשראָקען.

ווי אַ שעהנער, געזונטער יונגער בוים איז רעקס אַ היים גע־קומען און אין אַ קורצע צייט איז ער גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען, גאָרנישט צו דערקענען.

גווענדאָלין איז אַרויסגעפאָהרען אויף איהר פערד און רעקס האָט איהר נאָכגעריטען. זיינען זיי ביידען צוגעקומען צום „גרויסען

פלאַץ", וואו א סך גראפען און באראָנען האָבען פערברראַכט. איז איהר איינגעפאַלען אָבצוטהאָן דעם יונג א שפּאס, ער זאָל זי האָבען צו געדענקען. זי וועט איהם צו נאר מאכען פאר אַלעמענס אויגען און זאָל ער איינמאָל פאר אַלעמעאָל וויסען, אז ער איז נישט איהרס גלייכען, און זי הויבט איהם נישט אָן ליעב צו האָבען. זי איז גיך אַרונטערגעשפּרונגען פון פערד און ווי א קנעכט איהם צוגערופען און איבערגעגעבען איהם איהר פערד צו היטען און איז אַליין אוועק צו די פערזאַמעלטע.

רעקס איז צומישט געוואָרען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס טהוט זיך מיט איהם. זי בעגעהט זיך מיט איהם, ווי מיט א פּראָס־טען שטאַל־קנעכט... ער איז קראַנק געוואָרען, א פּאָר טעג איז ער געלעגען אין א פיבער, און זיין לעבען האָט געהאַנגען אויף א האָר.

אז ער האָט אָנגעהויבען בעסער ווערען, האָט דער פּאָטער געזאָגט:

— בעסער אַזוי, די קרענק איז דוקא גאַנץ געזונד פאר איהם, זי וועט איהם אויסהיילען פון אַלע קראַנקהייטען!

אַנאַ האָט געוואוסט, אז דאָס איז גווענדאָלין שולדיג, וואָס רעקס איז אַזוי אונגליקליך, זי איז אויף איהר אין כעס געוואָרען און אָבגעמאַכט ביי זיך, אז זי זאָל מיט איהר מעהר נישט האָבען צו טהאָן, אז זי איז אַזא שלעכטע, אַזוי אונ'רחמנות'דיג... און צום פּאָטער האָט זי געזאָגט:

— טאַטע, ווייסט, איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אַזוי ווי גווענדאָלין. אַלע פערליעבען זיך אין איהר און יעדער האָט דורך איהר צרות...

גווענדאָלין האָט אויך שטאַרק וועה געטהאָן פאר רעקס'ן. זי איז אריינגעלאָפען צו דער מוטער, זי ארומגענומען, און געוויינט:

— מאַמע, מאַמע, צו וואָס בין איך געבוירען געוואָרען?... איך וויל קיינעם נישט ליעב האָבען, איך קען קיינעם ניט ליעב האָבען, איך האָב זיי אַלע פיינט, פיינט ווי דעם טוידט... וואָס ווילען זיי פון מיר?

באַלד ווי רעקס האָט זיך געפיהלט שטאַרקער, איז ער אוועק פון אפּענדען און מעהר איז שוין קיין וואָרט וועגען דער גאַנצער גע־שיכטע ניט דערמאָנט געוואָרען.

עס איז געקומען פאַר יום טוב. אין אַלע גיטער און הויפען ארום האָט מען זיך גענומען גרייטען. אין פלאַפּילד האָבען מאַ־סען ארבייטער געאַרבייט אין פּאַלאַץ, אַלץ איבערגעמאַכט אויפ׳ס ניי, אויסגעמאָלען און פערפּוצט. סער מאַלינדזשער, דער אייגענ־טימער פון פלאַפּילד, קומט אין דאָרף אויף עטליכע חדשים. ער איז אָבער נישט דער אַלטער סער מאַלינדזשער, נאָר זיין יונ־גער פּלימעניק, סער מאַלינדזשער־גראַנדקארט. ער איז דאָס דעם אַלטענ׳ס יורש. זיין פעטער האָט נישט קיין זוהן, בלויז טעכטער, וועט ער ווערען לאָרד אויף זיין אָרט.

באַלד ווי דער יונגער מאַלינדזשער־גראַנקאָרט איז אָנגעקומען, האָבען זיך אַלע באַראָנעסעס און גרעפינס געלאָזען צו איהם מיט זייערע טעכטער. יעדען האָט זיך געוואָלט מיט איהם משדך זיין און איהם האָבען פאַר אַן איידים. גרעפין אַראָפּוינט האָט איהם געוואָלט אָוועקגעבען איהר טאָכטער און איהר גאַנץ פערמעגען אַ צוגאָב. און גאַסקוינ׳ען איז איינגעפאַלען, אַז עס קען גאָר זיין, אַז סער מאַלינדזשער־גראַנדקאָרט וועט דערזעהן גוועגדאָלינ׳ען וועט ער זיך פערליעבען אין איהר... נא, דאָס וואָלט שוין גאָר גוט גע־ווען! ער האָט אָבער גוועגדאָלינ׳ען וועגען דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. מיט איהר מוטער האָט ער יאָ גערעדט וועגען דעם. ער האָט איהר אָבער געזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּען מיט קיין וואָרט פאַר איהר. זאָל עס געהן ווי עס געהט, — האָבען זיי בעשלאָסען, — אַז עס וועט בעשערט זיין פון הימעל וועט עס קומען. מיט איהר טאָר מען דערווייל וועגען דעם קיין וואָרט ניט רעדען.

זיי האָבען געמיינט, אַז גוועגדאָלין ווייס פון גאָרנישט. ווי איבעראַשט זיינען זיי אָבער געוואָרען, אַז גוועגדאָלין איז פּלוצלינג געקומען צו זיי און געזאָגט:

— איהר ווייסט וואָס איך וואָלט געוואָלט? איך וויל, אַז סער גראַנדקאָרט זאָל זיך אין מיר פערליעבען און קומען צו אונז און מיך בעטען, איך זאָל ווערען זיין כלה... איהר ווייסט וואָס איך וועל איהם ענטפערן? געהט איך געזונטערהייט, מיין הערר. איך וויל אייך נישט, איהר געפעהלט מיר נישט...

גאַסקוין און די מוטער האָבען זיך איבערגעקוקט, פערוואונ־דערט און געשוויגען.

אין די וועלדער פון לאָרד בראַקענשאַ איז געווען אַ יאגד. אַלע גוטסבעזיצער פון ארום זיינען זיך צונויפגעפאָהרען. עס איז אָב־געמאַכט געווען, אַז דער בעסטער שיסער זאָל קריגען אַ פּרייז אַ גאָלדענע קויל. גווענדאָלין. איהר פעטער גאַסקוין מיט דער גאַנ־צער משפחה זיינען אויך געווען פאַרבעטען. גווענדאָלין איז דאַ־מאָלט געווען וואונדערבאַר. זי איז אַלעמען געווען געפעלען מעהר ווי שטענדיג. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט ארום זיך, זי האָט מורא געהאַט טאָמער בעגעגענט זי זיך מיט סער גראַנדקאָרט'ס אויגען און ער וועט מיינען, אַז זי זוכט איהם...

אין אָבענד האָט מען גווענדאָלינ'ען דערלאַנגט אַ מתנה אַ גאָל־דענעם שטערן. דעם ערשטען פּרייז, די גאָלדענע קויל, האָט גענו־מען אַן אנדער מיידעל. גווענדאָלין האָט צוגענומען די מתנה. זי איז אָבער נישט געווען צופריעדען. סער גראַנדקאָרט, ווייזט אויס, האָט זי זיך געטראַכט, האָט זיך פערליעבט אין די יונגע אַראָפּוינט. זי געפעלט איהם, ער פערברייננגט מיט איהר אַ גאַנצען טאָג...

ווי זי זיצט אַזוי און טראַכט, קומט צו לאָרד בראַקענשאַ מיט אַ הויכען, שעהנעם יונגענמאַן און ער זאָגט:

— פריילין, אָט איז אַ מאַן, וואָס וויל ניט אָבטרעטען, ביז ער וועט זיך מיט אייך בעקענען. ער האָט געבעטען מאַדאַם דאַ־ווילאַ, זי זאָל מיך מיט איהם מיטשיקען און פאַר אייך פאָרשטעלען. דאָס איז סער מאַלינדזשער־גראַנדקאָרט.

גווענדאָלין האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן. האָט זי זיך איהם אַזוי פאָרגעשטעלט: ווי פעסט און שטאָלץ ער איז, טהוט קיין שמייכעל נישט, רעדט געצעהלטע ווערטער, רוהיג און געלאַסען, ער וויל זי גאָר בעהערשען... זי רעדט צו איהם און ער איילט זיך גאָרנישט צו ענטפערן, אָדער ער ענטפערט גאָרנישט. ער אַליין, ווייזט אויס, געפעלט זיך מעהר, ווי זי איהם...

אַ פּאָר מינוט איז ער מיט איהר געשטאַנען און באַלד צוריק צו די אַראָפּוינטס צוגעגאַנגען.

איז זי איהם געפעלען? האָט ער בעוואונדערט ווי אַלע אַנ־דערע, איהר שטאָלצען כאַראַקטער, איהר שאַרפזיניגע רייד? ווער

וויים? גראַנדקאַרט האָט קיינעם נישט געזאָגט קיין וואָרט וועגען דעם, אפילו זיין עקאָנאָם לאָש, וואָס ער איז מיט איהם יאָהרען לאַנג צוזאַמען, און האָט פאַר איהם קיין שום סודות נים. איהם האָט ער אויך קיין וואָרט דערפון נישט דערצעהלט.

גווענדאָלין האָט אַ סך איבערגעקלערט וועגען גראַנדקאָרט'ען און עס האָט איהר שטאַרק געוואונדערט, וואָס זי האָט אין איהם קיין איין חסרון נישט געפונען. עפּעס גאַרנישט ווי איהר געוועהנ־הייט. נאָר דעם לאָש, איהם האָט זי פיינט געקריגען פון דער ערש־טער מינוט, נישט וויסענדיג אליין פאַרוואָס.

שפּעט אין אָבענד, ווען אַלע זיינען שוין געווען גרייט זיך צו צוגעהן, איז גראַנדקאָרט פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו גווענדאָלינ'ען מיט איהר מוטער און זיי געפרעגט, צי עס איז זיי אנגענעהם איהם צו האָבען מאָרגען פאַר אַ גאַסט ביי זיך אין אָפּענדען.

צו מאָרגענס אין דער פריה איז סער גראַנדקאָרט געזעסען ביי זיין טיש מיט זיין עקאָנאָם לאָש. סער גראַנדקאָרט איז נישט גע־ווען אומעטיג און צוטראָגען. ער האָט אָבער געשוויגען, קיין וואָרט נישט גערעדט. דער פּנים האָט זיך איהם אפילו קיין ריהר נישט געטהאָן. ער האָט גערויכערט אַ ציגאַר און געקוקט אויף די מחנה הינט, וואָס זיינען געלעגען צו זיינע פיס.

— איהר פאָרט היינט צו די אַראָפּוינטס מיט דער קאַרעטע אָדער רייטענדיג? — האָט איהם לאָש געפרעגט.

גראַנדקאָרט האָט געשוויגען, ווי נישט איהם מיינט מען דאָס. לאָש האָט ווייטער גערעדט:

— איהר האָט פערשפּראָכען היינט צו זיין ביי די אַראָ־פּוינט'ס?

און אַז ער האָט אַלץ קיין ענטפער נישט געפונען, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיין הערר טראַכט פון גווענדאָלין און ער האָט גע'טענה'ט:

— איך פערשטעה אייך נישט. ווי קענט איהר גאָר טהאָן אַזא זאַך, אָבצולאָזען אַזא מיידעל ווי די אַראָפּוינט. זי האָט דאָך אַ גאַנצען מיליאָן! איהר קענט דאָס נישט טהאָן און טאָרט נישט, איהר זיינט שולדיג אַ פערמעגען. פון וואַנען וועט איהר נעהמען אָבצוגעבען, אויב נישט פון די אַראָפּוינטס? איהר זיינט דאָך

נישט זיכער צו אייער פעטער, סער הוגאָ מאַלינדזשער, וועט אייך איבערלאָזען די ירושה...

גראַנדקאָרט האָט קוים די אויגען אויפגעהויבען, געקוקט צו לאָש׳ן, ווי יענער האַלט אין איין טענה׳ן, האָט ער זיך לייכט אויס־געבויגען און אָבגעהאַקט:

— נאַ, גענוג דיר גערעדט! איך האָב דיך קיין עצה נישט געפרעגט. איך וועל חתונה האָבען מיט׳ן אַנדער מיידעל...

— וואָס זשע, איהר האָט זיך טאַקי אַזוי שטאַרק פערליעבט אין איהר? — האָט לאָש שפּאָטיש געשמייכעלט.

— איך וועל מיט איהר חתונה האָבען.

— האָט איהר שוין אַלץ דערצעהלט איהר?

גראַנדקאָרט האָט גאָרנישט געענטפערט, אַ שליידער געטהאָן דעם ציגאַר און איז אַרויס אין גאָרטען און די גאַנצע מחנה הינט נאָך איהם. לאָש איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געטראַכט. פּלוצלונג האָט ער זיך צולאַכט און געטראַכט זיך:

— וועסט נישט חתונה האָבען מיט איהר, איך האָב אַן עצה...

באַלד איז גראַנדקאָרט אַרויף אויף זיין פערד, איז צוגעריטען אין אָפּענדען און געזעהן גווענדאָלין הערליט.

פון דאַמאָלס אָן איז ער טאָג נאָך טאָג געקומען צו גווענדאָלין. און אַז ער האָט געמאַכט אַ באַל ביי זיך אין הויף, האָט ער פער־בעטען אַלע אָפּענדערנער. אַלע האָבען געזעהן, אַז ער האָט ליעב גווענדאָלינ׳ען, כאָטש זי האָט נישט קיין גראָשען געלד און די אָראָ־פּאָינט מיט איהר גאַנץ פערמעגען, ליעגט איהם אפילו נישט אין זינען. גאַנץ פּלאַפּילד האָט געוואוסט, אַז גווענדאָלין איז גראַנדקאָרט׳ס בעשערטע. האָט דען אימיצען געקענט איינפאַלען, אַז גווענדאָלין וועט איהם גאָר אָבזאָגען?...

טאָג טעגליך האָבען זיי זיך געזעהן און עס האָט איהר אַליין געוואונדערט, וואָס ער רעדט מיט איהר גאָר נישט וועגען זיין ליעבע. גווענדאָלין אַליין האָט זיך אויך געוואונדערט, וואָס זי האָט זיך עפּעס די לעצטע צייט געביטען. זי מאַכט שוין נישט קיין ליצנות פון קיינעם, לאַכט נישט פון יענעם. איהר איז איינגעפאַלען, אַז עס איז גוט פאַר אַ מיידעל צו האָבען אַ מאַן נעבען זיך. און דער מאַן איז דאָך אַזאַ רייכער. האָט אַזוי פיעל גיטער. זי וועט האָבען איי־

גענע קארעטעס פאר זיך אליין, א סך פערד און לאָקייען, זי וועט זיין מיט די גרעסטע לייט און וואָס זי וועט וועלען וועט ער איהר צוליעב טהאָן, ער איז דאָך אויך א גאַנץ פיינער יונגערמאַן, א קלו־גער, א שעהנער... זי איז אפילו נישט פערליעבט אין איהם, זי וויים דאָך אָבער, אז זי וועט קיינמאָל קיינעם נישט ליעב האָבען... און אז זי האָט זיך געכאַפּט וועגען וואָס זי טראַכט, האָט זי זיך שטאַרק צולאַכט און ארויסגעלאָפען אין דרויסען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג איז געווען א הייסער, די זון האָט געברענט ווי פייער. גווענדאָלין און גראַנדקאָרט זיינען געריטען אויף פערד איינער נע־בען אנדערען און פאַני האַווילאָ, איהר מוטער, איז זיי נאָכגעפאָהרען אין א קאַרעטע. גווענדאָלין האָט זיך אָנגערופען צו גראַנדקאָרט'ן:

— איהר ווייסט, ווען די מאַמע פאָהרט נישט מיט, וואָלט איך מיט'ן פערד אריבערגעשפּרונגען די גרויסע גרוב. זי וועט מיך אָבער נישט לאָזען.

— אויב איהר ווילט — האָט ער איהר געזאָגט — וועל איך ארונטער צו איהר אין קאַרעטע און וועל איהר זאָגען, זי זאָל אייך לאָזען. זי דאַרף גאָרנישט מורא האָבען. אייער פערד „קריטעריאָן" איז א גאַנץ פלינקער.

— ניין, איך וויל נישט, געהט נישט — האָט זי איהם אָב־געהאַלטען. איך דאַנק אייך וואָס איהר ווילט מיר טהאָן די טובה. איהר וועט אָבער גאָרנישט פועל'ן. די מאַמע וועט זיך נישט לאָזען איינרעדען.

— ווייסט איהר גאָר וואָס, אויב איהר ווילט, קענען מיר ביי־דע אריבערשפּרינגען, אזוי אז די מאַמע זאָל נישט זעהן.

— עה, לאָמיר דאָס אָבלאָזען אויף אַן אַנדערש מאָל — האָט זי שוין נישט געוואָלט.

ער האָט אָבער געזעהן, אז זי וואָלט גראַד יאָ געוואָלט, נאָר זי האָט מורא איבערצושרעקען די מוטער. האָט ער ווייטער גע־זאָגט:

— גלויבט מיר, די מאַמע וועט זיך גאָרנישט שרעקען, זי וויים דאָך, אז איך בין מיט אייך, איך וועל אייך פערהיטען.

— נו יאָ, די מאַמע וועט מיינען, אז איהר וועט שפּעטער

האָבען צו היטען מיין צובראָכענעם געניק... וואָס וועט איהר דער־
נאָך קענען העלפען?

א פּאָר מינוט זיינען זיי געריטען שטיל. גראַנדקאָרט האָט
אויף איהר לאַנג געקוקט און געזאָגט:

— איך וויל זיין אייער בעגלייטער און בעשיצער אויף אייביג...

גווענדאָלין האָט די אויגען נישט אויפגעהויבען צו איהם. דאָס
בלוט האָט איהר א צאַפּעל געטהאָן און זי איז בלאַס געוואָרען ווי
די וואַנד. באַלד האָט זי זיך בערוהיגט און געזאָגט:

— איך האָב זיך נאָך נישט בעטראַכט צו איך וויל גאָר אינ־
גאַנצען בעגלייטערס און בעשיצערס... אז עס וועט מיר געפעלען
זיך צו צוברעכען דעם געניק, וועל איך נישט וועלען ערשט געהן
זיך אָנפרעגען ביי עמיצען וועגען דעם, אויב עס איז מיר ערלויבט
דעם געניק צו צוברעכען אָבער נישט...

אז זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי דאָס פערד איינגעהאַלטען
און זיך אומגעקוקט צו דער מוטער אין קאַרעטע. זי האָט דערזעהן
גראַנדקאָרט'ס פּנים און עס איז גאָרנישט געווען פערענדערט, ווי
איהרע רייד וואָלטען איהם גאָרנישט געאַרט. האָט איהר שוין
באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט אַזוי גערעדט.

— אז דער טייפעל זאָל זי נעהמען — האָט גראַנדקאָרט זיך
געטראַכט. ער איז ניט געוואָהנט געווען צו אַזעלכע גענג. — וואָס
וויל זי, ער זאָל זיך אפשר שטעלען פאַר איהר אויף די קניע און
שווערען ביי גאָט, אז ער קען אָהן איהר נישט לעבען? זי וואַרט
אודאי, ער זאָל איהר אָנשרייבען א בריעף און אויסגיסען זיין גאַנץ
האַרץ פאַר איהר? ניין! דאָס טהוט ער נישט. ער איז נישט קיין
אינגעל, אז א מיידעל זאָל איהם מאַכען צו נאַר...

און גווענדאָלין האָט זיך דערווייל געטראַכט, אז ער איז גראָדע
יאָ גוט פאַר איהר און פאַר איהרע פּלענער.

אז גראַנדקאָרט איז צו מאָרגענס ווידער געקומען צו איהר, איז
זי זיך שוין נישט אַזוי שטרענג בעגאַנגען מיט איהם, און גראַנד־
קאָרט האָט איינגעזעהן, אז נאָך א צוויי, דריי טאָג וועט ער דאַרפען
מיט איהר נאָכאַמאָל רעדען און זי וועט בעשטעהן.

אז גווענדאָלין איז אַהיים געקומען איז זי געווען עפּעס מאָדנע

צוטומעלט און דאָס האַרץ האָט איהר אַזוי געקלאַפּט. די מוטער איז צו איהר צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— גוועגדאָלין, האָסט געהאַט אַ געשפּרעך מיט סער גראַנד־קאָרט? ער האָט דיר שוין אַלץ דערצעהלט?

טרעהרען האָבען זיך דער אָרימער מוטער געשטעלט אין די אויגען. דער פעטער גאַסקוין איז אויך געקומען און געפּרואווט איינ׳טענה׳ן מיט איהר, מיט גוטען איהר געבען צו פערשטעהן, אַז עס איז נישט גוט פאַר אַ מיידעל, אַז זי איז צופיעל עקשן, יעדען עקשן לאָזט זיך נישט גוט אויס און שפּעטער האָט ער חרטה...

— ווערסט אַ גרויסע זינד בעגעהן — האָט ער גע׳טענה׳ט — אַז דו וועסט אָבזאָגען גראַנדקאָרט׳ן...

די אַלע טענות האָבען געווירקט אויף איהר און זי האָט בע־שלאָסען נאָכצוגעבען.

* * *

לאַש איז אוועק אין פלאַפּילד אין אַ נאָהענטען דאָרף. ער האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט אַ יונגער, הויכער דאַמע. ער האָט איהר דערצעהלט, אַז גראַנדקאָרט וויל חתונה האָבען מיט גוועגדאָלין און ער האָט געזאָגט:

— דאָס טאָר נישט פאָרקומען. ער טאָר נישט חתונה האָבען מיט דער אָרימער מיידעל. אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וועל איך נישט דערלאָזען!

אַלע גוטסבעזיצערס פון אַרום און אַרום זיינען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אויף געיעג אין פלאַפּילד. גוועגדאָלין מיט איהר מאַמע זיינען אויך געקומען. אַלע האָבען געזעהן, אַז גראַנד־קאָרט טרעט נישט אָב אויף אַ רגע פון גוועגדאָלין און האָבען פער־שטאַנען, אַז זי איז שוין זיכער זיין כלה. נאָכמיטאָג איז גוועג־דאָלין צוגעגאַנגען צו איהר קאַרעטע און געוואָלט צופאָהרען אין וואַלד, איז אַ דינער צו איהר צוגעגאַנגען און איהר דערלאַנגט אַ בריעף. זי איז אוועק אָן אַ זייט און געעפענט דעם בריעף. עס איז געווען אַ פרויען האַנדשריפט:

„אויב די פרייליין הערליט — איז אין בריעף געשטאַנען — האָט נאָך נישט בעשטימט אויף זיכער חתונה צו האָבען מיט סער גראַנדקאָרט זאָל זי אַוועקגעהן אויף אַ פּאָר מינוט פון איהר קאָמ־

פּאַני און צוקומען צום גרויסען שטיין נעבען בריק, וועט זי דאָרט הערען אַזעלכעס, וואָס דורך דעם וועט זי שוין זיכער קענען בע־שטימע וואָס זי האָט צו טהאָן.

„די שרייבערין פון דעם בריעף וועט איהר אַלץ דערצעהלען, נאָר מיט איין תנאי, אַז זי, פריילין הערליט, וועט פאַר קיינעם נישט אויסזאָגען קיין וואָרט פון דער גאַנצער געשיכטע און נישט פון׳ם בריעף. אַז זי וועט זיך אָבער נישט מאַכען וויסען פון בריעף, עס וועט איהר נישט אַרען און זי וועט נעשט קומען צום בריק, וועט זי האָבען אַזאַ בייזען סוף, ווי די שרייבערין פון בריעף און שפּעטער, אַז עס וועט איהר באַנג טהאָן, וועט שוין זיין צו שפּעט“...

אַ מינוט האָט גווענדאָלין געציטערט אינגאַנצען פאַר שרעק. באַלד אָבער האָט זי זיך געטראַכט: גלויבט דער אויבערשטער וואָס דער בריעף איז מיר אָנגעקומען און עס איז נאָך דאָ צייט... יאָ, זי וועט צוגעהן צום בריק, קיינער טאָר אָבער נישט בעמערקען.

גווענדאָלין האָט זיך אַוועקגעגנב׳עט, איז אַוועק צום בריק און איהר האָט אַזוי געשראָקען: ווער איז דאָס די פרעמדע שריי־בערין פון בריעף? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט איהר גראַנדקאָרט געטהאָן, וואָס זי וואָרענט איהר איצט? אַזוי איז זי געגאַנגען פער־טראַכט און פלוצלונג איז אַ הויכע דאַמע איהר אַנטקעגען געקומען. גווענדאָלין האָט אויפגעצאַפּעלט און געזאָגט צו זיך:

— נאַ, די פרוי האָט געמוזט אַמאָל זיין זעהר שעהן, עס איז נאָך איצט צו דערקענען...

נעבען דער פרוי זיינען אויפ׳ן גראָז געזעסען צוויי שעהנע קינ־דער, אַ אינגעל און אַ מיידעל און האָבען זיך געשפּיעלט.

— זייט איהר פריילין הערליט? — האָט די דאַמע געפרעגט.

— יאָ.

— זייט איהר שוין אַ כלה מיט גראַנדקאָרט? איך האָב אפשר שוין פערשפּעטיגט?

— ניין.

— איך האָב אייך געשריבען אַז איך וועל אייך אַלץ דערצעה־לען, בעט איך אייך, שווערט מיר צו אַז איהר וועט קיין וואָרט נישט אויסזאָגען, נישט גראַנדקאָרטען און נישט קיין אַנדערען.

— איך שווער.

— איך בין—האָט די פרוי אָנגעהויבען רעדען—לידיאַ גלאַשער. גראַנדקאָרט האָט קיין רעכט נישט חתונה צו האָבען. צוליעב איהם האָב איך מיין מאַן פערלאָזען מיט מיין זוהן און מיט איהם געגאַנגען וואוינען. ניין יאָהר האָבען מיר געלעבט צוזאַמען. די קינדער, וואָס איהר זעהט, זיינען טאַקע זיינע און איך האָב נאָך צוויי קינדער אין דער היים, איך האָב זיי אָבער נישט געקענט מיטבריינגען. מיין מאַן איז איצט טויט. איך האָב נישט קיינעם נאָר גראַנדקאָרטען, און איך וויל ער זאָל מיט מיר חתונה האָבען און אונזער זוהן זאָל זיין זיין יורש.

די פרוי האָט אויפגעהערט רעדען און געקוקט אויף די קינדער און אויף גווענדאָלין מיט געבעט אין די אויגען און גווענדאָלין האָט איהר געזאָגט ציטערענדיג, אָבער נישט אָהן שטאָלץ:

— איך וועל אייך נישט שטערען, איהר וועט קענען מיט איהם חתונה האָבען.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל און די דאַמע האָט ווייטער געזאָגט:

— איהר זייט זעהר שעהן, פרײַלײַן הערליט. איך בין אָבער אויך גאַנץ יונג און שעהן געווען ווען ער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט, איצט זעה איך אויס ווי אַ דאַרער בוים. דאָס לעבען איז מיר אַזוי פערביטערט. איך בעט אייך, איז דאָס ריכטיג ער זאָל זיך באָדען אין גרעסטען וואוילטאָג און איך זאָל זיין עלענד און פערלאָזען? איז דאָס ריכטיג אַז אַן אייגענער זוהן זאָל פון זיין פאָטער פערשטויסען ווערען און אַנדערע זאָל גוט זיין?

אַזוי ווי מיט שאַרפע גליהענדע מעסערס האָבען איהרע רייד געשניטען און געברענט גווענדאָלין'ס פלייש. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַז דאָס גאַנצע איז נישט מעהר ווי אַ חלום, אַ בייזער, אַ ביטערער חלום. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און געפרעגט:

— איהר האָט מיר נאָך עפּעס צו זאָגען?

— ניין, איך האָב אייך שוין אַלץ דערצעהלט. איהר קענט פרעגען מיינע בעקאַנטע אויף מיר. מיין מאַן, קאַפּיטאַן גלאַשער, האָבען אַלע געקענט.

— נו, גוט, איך געה שוין — האָט גווענדאָלין געזאָגט און זיך מיט איהר געזעגענט.

אַז גווענדאָלין איז צוריק געקומען צו איהר קאָמפּאַני, האָט

די מוטער באַלד דערקענט אַז עפּעס איז פּאַרגעקומען. גראַנדקאָרט איז צוגעגאַנגען און געפּרעגט צי ער זאָל מאָרגען קומען?

— אויב איהר ווילט, קענט איהר קומען — האָט זי קאַלט געענטפערט, ארייגגעזעצט זיך מיט דער מוטער אין קארעטע און געפּאָהרען אהיים.

די מוטער איז געזעסען אין איין שרעק. וואָס איז פּלוצלונג געשעהן? ער געפעלט איהר שוין נישט? איז די גאַנצע האָפנונג געוווען אומזיסט? זי האָט אָבער מורא געהאַט צו פרעגען אַ וואָרט און אַזוי זיינען זיי אַ שטיקעל צייט געפאָהרען שטיל, פּלוצלונג האָט גווענדאלין דעם קאָפּ אויפגעהויבען און געזאָגט:

— מאַמע, איך האָב היינט געלייענט דעם בריעף פון די לאַנגענס. זיי שרייבען מיר פון דאווער אַז זיי פאָהרען נאָך אויסלאַנד. איך האָב אויך בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך אויסלאַנד און וועל שוין טאקע פאָהרען מיט זיי אינאיינעם. היינט וועל איך איינפּאַקען די זאַכען און מאָרגען מיט'ן טאָג צוגלייך פאָהר איך. איך וועל זיי באַלד שיקען אַ טעלעגראַמע אַז זיי זאָלען ווארטען פאַר מיר.

— גרויסער גאָט! — האָט די מוטער אויסגעשריען — וואָס איז דאָס אַזעלכעס? וואָס רעדסטו אַזוי?

— ווייל איך וויל אַזוי טהאָן, דערפאַר רעד איך אַזוי — האָט זי שארף געענטפערט.

— אָבער וואָס ברענגט דיך דערצו?

— איך וויל אוועקפאָהרען פון דערהיים.

— האָט דיך חלילה גראַנדקאָרט בעליידיגט?

— צו וואָס פרעגסטו דאָס? איך וועל קיינמאָל נישט חתונה האָבען מיט איהם, זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלען.

— און וואָס, קינד, זאָל איך זאָגען דעם פעטער גאַסקוין, אַז ער וועט מיך פרעגען? נעכטען האָסטו דאָך צוגעזאָגט דעם פעטער אַז דו וועסט יאָ חתונה האָבען מיט איהם.

— עס טהוט מיר לייד, מאַמע, איך קען אייך נישט פאָלגען, נישט דיך און נישט דעם פעטער, איך וועל אָבער מיין בעשלוס נישט בייטען, איך וועל קיינעם נישט זאָגען פארוואָס איך וויל ניט, איך וויל נישט און גענוג. מיך אַרט נישט צו איך וועל ברייגגען אַן אונגליק אויף אונז דערמיט אָדער נישט. עס איז מיר אַלץ איינס

צי איך װעל אַמאָל חתונה האָבען אָדער בלײבען אַן אַלטע מױד ביז'ן טױט אַרײן. איך האָב פײנט די מענער, איך האָס זײ װי דעם טױט, עס איז נישטאָ קײן אײן אָרענטליכער צװישען זײ.

— אָבער פאַר װאָס אַנטלױפסטו? — האָט די מוטער געבעטען מיט טרעהרען.

— מאַמע, איך בעט דיך, שטער מיר נישט, עס װעט נישט העלפען. אױב דו ביזט אַן אונגליקליכע פרױ, געדענק דאָס, האָב עס גוט אין זינען און ברענג מיך ניט צו אַזאַ'ן אונגליק..

צו מאָרגענס אין דער פריה איז גװענדאָלין אַװעק פון אָפּענדען גלײך קײן דאָװער. פון דאָרט איז זי מיט די לאַנגענס געפאָהרען אין דעם באַד־אָרט ליבעראַן, און אַז גראַנדקאָרט איז געקומען צו גװענדאָלין'ען, האָט ער קײנעם נישט געפונען אין דער הײם.

---

## 4טער קאַפּיטעל

גראַנדקאָרט'ס ליעבע צו גװענדאָלין איז נישט געװען בלױז אַ פלאַם װאָס גיט זיך אַ חאַפּ און פערלעשט זיך באַלד. עס איז געװען אַ שטיל, שטאַרק פײער װאָס ברענט אײביג און געהט קײנמאָל נישט אױס.

אַז ער האָט דערהערט אַז גװענדאָלין איז אַװעק פון דער הײם און איז אַנטלאָפען נאָך אױסלאַנד, האָט עס איהם שטאַרק װעה געטהאָן, ער האָט אָבער זײן האָפנונג נישט פערלאָרען. איהם איז גאָר נישט אײנגעפאַלען און ער האָט גאָרניט אױסגערעכענט װאָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט געמײנט אַז ער האָט זי בײם יאַגד מיט עפּעס בעלײדיגט און דערפאַר איז זי אַװעק. איצט װאַרט זי אודאי, ער זאָל איהר נאָכפאָהרען — װאָס־זשע זיצט ער דאָ? — ער פאָהרט!

— די פראַנצױזישע סוחרים דאַרפען דאָך קומען — האָט לאַש איהם געפּרואװט אָברעדען פון פאָהרען.

— איך פאָהר! — האָט גראַנדקאָרט שטרענג געזאָגט און לאַש האָט שױן מעהר נישט דאָס מױל געעפענט אַ װאָרט אַרױסצורעדען. אין עטליכע טעג אַרום איז גראַנדקאָרט מיט לאַש'ן אָנגעקומען

אין ליבעראָן. ער האָט שוין אָבער גווענדאָלינען נישט געטראָפען. מיט פינף טעג פריהער איז זי אַהיים געפאָהרען צו דער מוטער אין אָפענדען. ער האָט אָבער דאָרט געפונען זיין פעטער סער הוגאָ מאַלינדזשער מיט זיין פרוי און דניאל דעראָנדאַ. דעראָנדאַ האָט זיך אויך גערעכענט אין דער משפחה מאַלינדזשערס.

דער אַלטער סער הוגאָ מאַלינדזשער איז געווען אַ זעלטען גוטער מענש, נאָר זיין פּלימעניק, גראַנדקאָרטען, האָט ער נישט געקענט פערטראָגען. עס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען וואָס ער האָט נישט קיין זוהן וואָס זאָל איהם ירש'ענען, נאָר דער גראַנד־קאָרט וועט גאָר זיין דער יורש פון גאַנצען גוטס.

גראַנדקאָרט האָט איהם קיין מאָל ניט געוואָלט פאָלגען, וואָס ער האָט איהם געזאָגט האָט ער געטהאָן פונקט פערקעהרט. ער האָט שוין אָבגעוואָרט זיין טויט און דאָן — דאָן ווערט ער, גראַנדקאָרט, רער סער מאַלינדזשער.

סער הוגאָ מאַלינדזשער האָט געהאַט דריי טעכטער. זיין פרוי איז אַלט געווען אַרום פערציג יאָהר, און ער איז שוין געווען אַ זעכ־ציגער, און נאָך צו האָבען אַ זוהן איז שוין באַלד קיין האָפנונג ניטאָ.

סער הוגאָ מאַלינדזשער האָט כאָטש געוואָלט ראַטעווען פּלאַ־פּילד פון זיין פּלימעניקס הענד. אַז די איבעריגע גיטער און דער טיטול וועלען אריינפאַלען אין זיינע הענד איז שוין פערפאַלען, ער קען זיך נישט העלפען, אָבער זיין אייגענע ווייב און קינדער דאַרפען דאָך האָבען וואו צו זיין נאָך זיין טוידט! האָט ער געוואָלט אויס־קויפען פּלאַפּילד ביי גראַנדקאָרט'ן און עס איבערשרייבען אויף זיין ווייב. גראַנדקאָרט דאַרף דאָך שטענדיג געלד, וועט ער איינ־געהן דארויף. נו, און אַז גאָט וועט העלפען און ער וועט נאָך האָ־בען אַ זוהן, וועט ער נאָר שאַדען האָבען די סומע געלד; ווען נישט וועט ער כאָטש פערזיכערען ווייב און קינדער.

ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקריגט מיט גראַנדקאָרטען, האָט איהם אַלץ פערשווייגען און אָבגעוואָרט אַ גוטע געלעגענהייט.

גראַנדקאָרט האָט געוואוסט אַז דער פעטער האָט איהם נישט ליעב און אַז ער וואָלט גערן געוואָלט זיינער פטור צו ווערען. לאָש האָט שוין אַלץ אויסגעפונען פאַר איהם. גראַנדקאָרטען האָט דאָס דוקא הנאה געטהאָן וואָס דער פעטער האָט מורא פאַר איהם...

לאָש האָט פריהער געהאַט דערציילט דעם אַלטען מאַלינדזשער, אַז גראַנדקאָרט האַלט ביי חתונה האָבען און גאַנץ מעגליך, אַז די אראָפּאָינט וועט איהם געפעלען און ער וועט מיט איינמאָל ווערען א מיליאָנער.. דעם אַלטען האָט דאָס קיין גרויסען פערגעניגען נישט פערשאַפט. אַז גראַנדקאָרט וועט באַקומען געלד וועט ער פלאַפּילד נישט װעלען פערקויפען.

און איצט אַז גראַנדקאָרט מיט לאָש'ן זיינען געקומען אין לי־בעראָן, איז דער אַלטער צופרידען געווען. ער וועט הערען וואָס עס טהוט זיך אין פלאַפּילד.

נאָכ'ן מיטאג זיינען אַלע פיער, דער אַלטער מאַלינדזשער און דעראַנדא, און גראַנדקאָרט מיט לוש'ען ארויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדא. געהענדיג איבער'ן גרויסען זאַאל, האָט סער הוגאָ א פרעג געטהאָן:

— גראַנדקאָרט, ביזט דאָך היי־יאָהר געווען אין באַדען, האָסט עפּעס דאָרט א סך געשפּיעלט?

— ניין, איך האָב נישט געשפּיעלט, איך האָב זיך נאָר געוועט מיט א פּאָר פראַנצויזען.

— נו, האָסטו געוואונען?

גראַנדקאָרט האָט זיך א קעהר געטהאָן צו לאָש'ן און גע־פרעגט:

— לאָש, וויפיעל האָב איך געוואונען אין באַדען?

— צוויי הונדערט פונט שטערלינג — האָט לאָש געענטפערט.

— ביזטו, הייסט עס, אַהער נישט געקומען שפּיעלען? — האָט דער אַלטער ווייטער געפרעגט.

— ניין, איך האָב פיינט געקריגען דאָס שפּיעלען, א שרעק!

— ברודערל, איך קען דיך — האָט דער אַלטער געשמייכעלט — דו פוילסט זיך פּשוט א האַנד צולייגען. ווען דו האָסט אָבער א מאשינקע וואָס זאָל פאַר דיר שפּיעלען, וואָלסטו עס שוין גאָרנישט פיינד געהאַט... זעהסט, איך האָב טאַקע פיינט שפּיעלען און קען אפילו נישט צוקוקען דאָס.

— יא, — האָט דער אַלטער זיך געווענדעט צו דעראַנדא'ן — וואו איז ערגעץ דיין שעהנהייט, די מיידעל וואָס האָט דאָ גע־שפּיעלט? האָסט זיך מיט איהר געזעהן?

זי איז אַוועקגעפאָהרען — האָט דעראַנדאַ גיך געענטפערט.

— זעהר אַ שעהן מיידעל געווען, און אַ פיינע — האָט דער אַלטער דערצעהלט גראַנדקאָרטען — איך האָב זי געזעהן ווען זי האָט געהאַט געוואונען אַ פערמעגענס מיט גאָלד און עס האָט קיין שום איינדרוק אויף איהר נישט געמאַכט. צו מאָרגענס האָט דעראַנדאַ געזעהען ווי זי האָט איהר גאַנץ פערמעגען פערשפּיעלט און עס זאָל איהר גאָר אָנהויבען צו אַרען.

— פון וואַנען ווייסטו אַז זי איז אַוועקגעפאָהרען? — האָט ער ווידער געפרעגט דעראַנדאַ'ן.

— פון האָטעל בוך — האָט דעראַנדאַ געענטפערט. — וואַנ־דערנוט האָט מיר דערצעהלט אַז פריילין הערליט וואוינט מיט די לאַנגענס און איך האָב אַ קוק געטהאָן אין בוך און איהר נאָמען איז שוין נישטאָ.

גראַנדקאָרט האָט זיך אומגעדרעהט צו דעראַנדאַ'ן און גע־פרעגט:

— דו קענסט זיי, די לאַנגענס?

— אַ פּאָר מאָל האָב איך גערעדט מיט זיי נאָך פריילין הערליט'ס אַוועקפאָהרען. פריהער האָב איך זיי נישט געקענט.

— ווייסטו וואו זי איז איצט?

— זי איז אַהיים געפאָהרען — האָט דעראַנדאַ קורץ געענט־פערט און באַלד עפּעס זיך אַ כאַפּ געטהאָן, שאַרף אָנגעקוקט גראַנדקאָרט'ען און געזאָגט:

— וואָס, דו קענסט זי אפשר? זי וואָהנט נישט ווייט פון פלאַפּילד, זי איז דאָך אין אָפּענדרען.

דעראַנדאַ האָט נישט אַרונטערגענומען זיינע אויגען פון גראַנד־קאָרט'ען און רוהיג אָבער שאַרף איהם דורכגענומען.

גראַנדקאָרט'ען האָט דאָס פערדראָסען וואָס ער פרעגט איהם גאָר דאָס, וואָס איז דאָס זיין עסק? ער האָט אָבער נישט געקענט ביישטעהן דעראַנדאַ'ס אויגען און געענטפערט:

— יאַ, איך קען זי.

ער האָט אָבער מורא געהאַט ווייטער צו קוקען אין דעראַנדאַ'ס אויגען, איז ער אַוועק צו דער רולעטקע און זיך גענומען צוקוקע דאָס שפּיעלען.

זיי האָבען איהם איבערגעלאָזט, און אין דרייען אוועק ווייטער:

— וואָס ווייסט עפּעס גראַנדקאָרט וועגען דער מיידעל? — האָט דער אַלטער מאַלינדזשער געפרעגט לאָש'ן. — זי איז ערשט נישט לאַנג האָרטען.

— אהא, ער קען זי שוין בעסער פאַר אַלע — האָט לאָש גע־ענטפערט צופרידען וואָס ער וועט קענען אַלץ דערצעהלען דעם אַלטען.

— גאָט אין הימעל! — האָט דער אַלטער זיך געוואונדערט — וואָס רעדסטו?

זיי זיינען ארוים פון גרויסען זאַל און לוש האָט דערצעהלט:

— נאָך איין מינוט האָט געפעהלט און גראַנדקאָרט וואָלט מיט איהר שוין געהאַט חתונה געהאַט. נאָר אַ דאַנק גאָט האָב איך עס פערהיט. די מיידעל איז אונזער גאַסקאָין'ס, דעם פּאַניקוטער גלח'ס, אַ קרובה. איהר מוטער איז אַן אָרימע אַלמנה וואָס אַ חוץ אַ שטוב טעכטער מיט אַ גרויסען דלות פערמאָגט זי גאָר נישט. די מיידעל איז זעהר אַ מאָדנע, זי ברייננט אונגליק אויף דער גאַנ־צער וועלט. ווען גראַנדקאָרט וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט וואָלט איהם זעהר שלעכט געווען. האָט זי אָבער פּלוצלונג חרטה געקראָגען און איז אַנטלאָפען פון דערהיים, און דאָס איז ער איהר טאַקע נאָכגעפאָהרען דאָ אהער און האָט זי נישט געפונען. נו, וועגען איהר בין איך שוין אויסגעזאָרגט, ער וועט זיך שוין מיט איהר נישט בעגעגנען. דערוויל אָבער האָט ער פערשפּיעלט די אַראַפּאָינט'ס, און עס איז אַ שאָד אַזא פערמעגען...

אין דער מינוט איז צוגעקומען גראַנדקאָרט און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ מיאוס אָרט דאָס איז, אַ מין שטייג פול מיט חיות, איינער דעם אַנדערען וואָלט אויפגעגעסען פאַר אַ פּאָר גאָלד־שטיק, טויזענד מאָל ערגער ווי באַדען. איך געה אין האָטעל.

לאָש האָט פערשטאַנען, אַז גראַנדקאָרט וויל נאָך היינט אוועק־פאָהרען און איז איהם נאָכגעגאַנגען.

דער אַלטער מאַלינדזשער און דעראָנדא האָבען ווייטער שפּאַ־ציערט און דער אַלטער האָט געזאָגט:

— ווייסט, זי איז אַ וואונדערבאַר מיידעל. גלויב מיר, די מענער וואָס לויפען איהר נאָך זיינען גערעכט. מיר דאַכט זיך, אַז

זי האָט דערוויי קיין שלעכטס ניט געטהאָן: פּלאָפּילד וועט בלייבען מיינע און מיך אָרט נישט, זאָל ער יאָ חתונה האָבען מיט איהר, זאָל ער ניט.

— איך האָף אז די צוויי מענשען וועלען זיך קיינמאָל נישט צוזאַמענגעהן — האָט דעראָנדאַ געזאָגט בייז.

— אַזוי, זי האָט דיך שוין אויך בע׳כשופ׳ט — האָט דער אַל־טער געלאַכט — ווילסט איהר אויך אביסעל נאָכלויפען?...

— ניין — האָט דעראָנדאַ געענטפערט — איך וועל איהר קיינמאָל נישט נאָכלויפען, איך וועל זיין צופרידען פון איהר צו אנטלויפען...

— וואָס איז? דיר איז גאַנץ לייכט זי אַבצושלאָגען פון גראַנדקאָרט׳ען. אַזאַ מיידעל, ווי זי, גלויב איך, וואָלט גיכער דיך ליעבער געהאַט.

— דער וואָס האָט גיטער און אַ טיטעל, דער איז דער געליעב־טער — האָט דעראָנדאַ געענטפערט אויפגערעגט.

— טיטולען זיינען גאָרנישט — האָט דער אַלטער געזאָגט — אז מען וויל, קען מען זיי האָבען.

דער אַלטער האָט זיך קיינמאָל נישט פערטראַכט וועגען זיין טיטול, און ווי דער זאָטער פערשטעהט ניט דעם הונגעריגען, האָט ער נישט פערשטאַנען דעראָנדאַ׳ן.

— אין אמת׳ן זוך איך גאָר קיין טיטול נישט — האָט דע־ראָנדאַ זיך אָנגערופען — איך וואָלט אפשר גאָר ניט געוואָלט אָנ־נעהמען...

— אַלזאָ, דו וועסט איהר קיינמאָל ניט נאָכלויפען?

— זיכער נישט!

דעראָנדאַ האָט גערעדט מיט׳ן גאַנצען הארצען. ער האָט אָבער באַלד אַ טראַכט געטהאָן, אז ער וואָלט אפשר יאָ איהר נאָכ־געלאָפען, ווען ניט די עטליכע שטערונגען וואָס שטעהען איהם אין וועג...

## 5טער קאַפּיטעל

פּאַראַן מאָמענטען אין מענשען׳ס לעבען וואָס אָט זיינען זיי, און אָט פערשווינדען זיי. זייער אָנדענקען בלייבט אָבער איבער אויף יאָהרען לאַנג און מען קען זיי קיינמאָל נישט פערגעסען.

איין איינציגער מאָמענט פון זיין קינדהייט איז פערבליבען אין דעראָנדא׳ס הארצען, און ער האָט איהם קיין מאָל נישט פערגעסען.

א ליעבע, ליכטיגע זון פון מיטען זומער בעשיינט א גאָרטען פול מיט בלומען און גרינעם גראָז. דער הויף איז פערשלאָסען אַרום און אַרום מיט דעם אַלטען קלויסטער־מויער פון דריי זייטען. אדרייצעהן־יאָהריגער אינגעל ליגט אונטער א בוים אויפ׳ן גרינעם גראָז. זיין געקרייזעלט קעפּעל מיט די שעהנע לאָקען אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט און ער לייענט א בוך. נעבען איהם זיצט זיין לעהרער און לייענט אויך. ער האָט גראד געלייענט די געשיכטע פון איטאַליען. ער האָט פון קליינוויז אויף ליעב געהאַט לייענען געשיכטע. פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעבויגען צו זיין לעהרער און נאאיוו געפרעגט:

— הערר פרעזער, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָבען אַלע פּאַבּ־סטען און קארדינאַלען אזוי פיעל פּלימעניקעס און פּלימעניצעס?

— זייערע אייגענע קינדער רופען זיי פּלימעניקעס און פּלי־מעניצעס — האָט איהם דער לעהרער געענטפערט.

— פאַרוואָס טוען זיי דאָס אַזוי, הערר לעהרער?

— ס׳איז פאַר זיי א מאַסקע. דו ווייסט דאָך, זיי טאָרען ניט חתונה האָבען, זיי האָבען קינדער אָהן חתונה.

אַז דער לעהרער האָט דאָס געענדיגט האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין בוך און מעהר אויף זיין שילער זיך ניט אומגע־קוקט. זיינע רייד האָבען אָבער צומישט דעם אינגעל, ווי מיט א שטיין אין קאָפּ אריין געטראָפען.

ער האָט גערופען סער הוגאָ מאַלינדזשער „פעטער". און אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט זיין פעטער ווער ס׳איז געווען זיין טאַטע־מאַמע, האָט איהם מאַלינדזשער געענטפערט:

— טאַטע־מאַמע דיינע זיינען געשטאָרבען ווען דו ביזט נאָך געווען גאָר א פּיצעלע, און איך בין דיר יעצט ווי א טאַטע.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען זיך עפּעס וואָס עס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען. עפּעס ווי אין חלום געדענקט ער: הייסע, ברענענדע ליפּען האָבען איהם געקושט... זיידענע קליידער האָבען זיך פאַר זיינע אויגען געדרעהט און זיי האָבען אַזוי געשמעקט... קיין פּנים האָט ער זיך אָבער פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט דערמאָנען.

נאָכדעם איז ער שוין געווען ביים פעטער אין פּאַלאַץ. ער איז איהם טאַקע ווי אַן אייגענער פאָטער, האָט איהם ליעב פון קליינוויז אויף און עס איז איהם גאָר שוין אויף די געדאַנקען נישט געקומען אָן זיינע עלטערען זיך צו דערמאָנען און זיי אויפ־צוזוכען. ער האָט דאָך זיי נישט געקענט. ער ווייסט דאָך זיי נים. און וואָס פעהלט איהם דען אַזוי? וואָס ער וויל בעקומט ער אין דער מינוט. דער פּאַלאַץ מיט'ן גאָרטען און דער אַלטער מאָנאַסטיר מיט די גיטער אַרום און אַרום זיינען איהם אויך שטאַרק געפעלען. דאָס האָבען גרויסע בעריהמטע לייט געלאָזען אַ ירושה פאַר זיין פעטער, בלויז יחוס און גרויסקייט...

ער איז געגאַנגען איבער די טייערע טעפּיכער אין גרויסען זאַאַל וואו עס הייגנען די בילדער פון די עלטערען און די זיידעס פון זיין פעטער ביז'ן צעהנטען דור, אַזוי פיעל זיינען זיי און פער־שיעדען:

אָט זיינען ריטער מיט שווערדען און שפּיזען פון קאָפּ ביז פים בעפּאַנצערט; יונגע, איידעלע, שעהנע פרויען אין זייד און אטלאַס געהילט; אַלטע מענער מיט לאַנגע, גרויע בערד; אַלטע פרויען אין שוואַרצען געקליידט, גרייז גרוי... מיניסטאָרען, קינסט־לער, פילאָזאָפען, איינס נעבען אַנדערן, און אָט איז דער פעטער, סער הוגאָ מאַלינדזשער, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל...

אמת, צווישען די אַלע בילדער איז קיין איינס נישט געווען עהנליך צו איהם אַליין, צו דעראָנדאַ'ן. ער איז אָבער הונדערט מאָל שעהנער פאַר זיי אַלע. אַ סך מאַלער האָבען זיך געבעטען ביי איהם, זיי ווילען מאָהלען זיין בילד. ער האָט אַן איידעל, שטיל פּנים, נאַאיוו, הייליג און ריין און גוט ווי אַ מלאך...

דאָס פּנים האָט דערצעהלט אַז עס האָט קיינמאָל קיין שום זאָרג געהאַט און עס דאַרף קיינמאָל ניט האָבען...

דאָס איז אָבער נאָר אזוי געווען ביז דעמאָלט ווען ער איז געזעסען אונטער׳ן בוים און דורכגעשמועסט זיך מיט זיין לעהרער. פון דעמאָלט אָן איז ער אָבער צוטומעלט געוואָרען פאַר אַלע מאָל. מאָדנע, בייזע געדאנקען, וואָס זיינען איהם קיינמאָל אין זינען נישט געקומען, האָבען איהם אנגעהויבען פייניגען און נישט געוואָלט אָפּלאָזען.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט פון לעהרער, איז רויט געוואָרען און בלאַס און נישט געקענט איינרוהען.

ער איז אייגענטליך פון אייביג אָן אַ קלוג אינגעל געווען, האָט געלייענט אַ סך. ער האָט פיעל מעהר געוואוסט ווי אַנדערע אינגלעך אין זיין עלטער. ער האָט אפילו געוואוסט אַז עס זיינען דאָ קינדער וואָס ווערען געבאָרען אָהן חתונה. עס איז איהם אָבער גאָר ניט איינגעפאַלען אַז דאָס ריהרט איהם אָן אַז דאָס איז פערבונדען מיט זיין לעבען.

— קען דאָך גאָר זיין — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — אַז דער פעטער איז אין אמת׳ן מיין טאַטע...

דאָס האָט איהם שוין ניט אָבגעלאָזט. זיין שטאַרקע פאַנטאַזיע האָט זיך איהם צוהיצט און אָנגעצונדען ווי אַ פייער: דער פעטער, וואָס האָט איהם אזוי ליעב, איז גאָר זיין טאַטע... און ער, דער טאַטע זיינער, בעהאַלט פון איהם אַ סך זאכען.. ער בענעהט געגען איהם אָן עולה. ווער איז געווען זיין מאַמע? וואו איז זי? האָט זי דער פאָטער ערגעץ אוועקגעפיהרט? פאַרוואָס בעהאַלט ער פון איהם דאָס אַלעס?

אַ שרעק איז איהם אָבער בעפאַלען טראַכטענדיג וועגען דעם. ער האָט מורא געהאַט דאָס אַלץ פּלוצלונג געוואָהר צו ווערען. ווער ווייסט וואָס איהם ערוואַרט...

און ער איז אזוי זיכער געווען אַז דאָס אַלץ וואָס ער טראַכט איז אמת, אַז עס איז איהם גאָר ניט איינגעפאַלען קלעהרען, אפשר האָט ער נאָך אין גאַנצען אַ טעות, עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, דאָס מאָהלט איהם נאָר זיין פאַנטאַזיע אַזעלכע שרעקליכע בילדער. ניין, פון דעם האָט ער גאָר ניט געקלעהרט. די טרערען האָבען אָנגעהויבען רינען פון זיינע אויגען, און ער האָט זיך ניט איינגע־

האַלטען ביז ער האָט דערהערט ווי דער לעהרער, וואָס איז געזעסען צו איהם מיט'ן רוקען, האָט איהם געזאָגט:

— דניאל, זעה נאָר, דו זיצסט דאָך אויפ'ן בוך און צו־קנייטשסט עס!

ער האָט דאָס בוך אויפגעהויבען און זיך דערמיט די אויגען פערשטעלט. ער איז אַליין אַוועק אין פעלד און שטאַרק געוויינט.

אז ער האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך די אויגען אויסגעווישט און עס איז איהם לייכטער געוואָרען. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט אז ער האָט זיך דאָך אָנגעלייענט מיט אַזוי פיעל אויסגעטראַכטע מעשיות. איז האָס, וואָס איז איצט פּאַר־געקומען, האָט אויך נאָר ער אַליין אויסגעטראַכט, עס איז קיין איין וואָרט נישטאָ אין דעם, אָט נאָר די פּאַנטאַזיע זיינע איז שול־דיג... און ער האָט די טרויעריגע געדאַנקען פּערטריבען פון זיך.

זיי האָבען איהם אָבער אַלץ געפּייניגט, דיזע געדאַנקען, אַלע מאָל געקומען נישט ווילענדיגערהייט. טיילמאָל האָט ער זיך גע־שעהמט ווייזען פּאַר בעקאַנטע: זיי ווייסען דאָך ווער ער איז, זיי ווייסען אַלע סודות... אַ וואָרט, אַ בליק, אַ ווינק — אַלץ האָט איהם געריצט און ער האָט זיך פון מענשען דערווייטערט און שטענדיג ליעב געהאַט צו זיין אַליין.

אז עס איז איהם דאָך אויסגעקומען צו פערברענגען מיט עמיצען, האָט ער זיך צו אַלעם צוגעהערט, אַלץ אויפגעכאַפּט און אַמאָל האָט איין וואָרט איהם געשפּייזט און געמאַכט טראַכטען אַ שטיק צייט.

עס איז אַריבער אַ מאָנאַט פון דער צייט וואָס ער איז געזע־סען מיט זיין לעהרער אין גאָרטען און ער האָט אַזוי פּיעל געוויינט, און ווידער האָט מיט איהם אַ נייער צופּאַל געטראָפען וואָס ער וועט איהם ניט פערגעסען זיין גאַנצען לעבען.

דניאל האָט געהאַט זעהר אַ שעהנע שטימע און גאַנץ אָפט איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, געשפּיעלט און געזונגען. דער פעטער האָט צוגענומען אַ מוזיק־לעהרער. דניאל האָט געלערנט שפּיעלען און זינגען און אז געסט זיינען געקומען האָט דער פע־טער איהם אַריינגערופען און ער האָט פּאַר זיי געזונגען.

איינמאָל האָט איהם דער פעטער צוגערופען. אין הויז זיינען דאָן אַ סך געסט געווען, און ער האָט איהם געזאָגט:

— דאַני, ווילסט ווערען אַ זינגער? אַ גרויסער זינגער? אזוי אַז אַלע צוהערער זאָלען דיר אַפּלאָדירען און זאָגען אַז דו ביזט גרעסער פון דעם בעריהמטען טענאָר טאַמבערליק?

דניאל איז רויט געוואָרען און עס האָט איהם לאַנג גענומען ביז ער האָט זיך געשטאַרקט און געענטפערט בעליידיגט:

— ניין, איך וויל נישט זיין קיין אַקטיאָר...

— אַז דו ווילסט נישט איז נישט — האָט סער הוגאָ גע־ענטפערט און געוואָלט איהם איבערבעטען. ער האָט זיך אָבער אויסגעדרעהט און אַנטלאָפען צו זיך אין צימער און טרערען האָ־בען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען.

דער פעטער, און ווער ווייס, אפשר דער טאַטע האָט איהם בעליידיגט און גאַנץ אָפען איהם געגעבען אָנצוהערען אַז ער זאָל זיך נישט איינריידען אַז ער וועט זיין אַ באַראָן; ניין, אַ זינגער, אַן אַקטיאָר ערגעץ אין אַ טעאַטער, ער וועט נישט לעבען ווי די אַריסטאָקראַטישע קינדער, ניין, ער וועט פערקויפען זיין שטימע פאַר ברויט...

און טאַקע אזוי, וואָס האָט ער, אַ אינגעל וואָס ווייס ניט ווער עס איז זיין טאַטע און ווער עס איז זיין מאַמע, זיך צו גליי־כען צו באַראָנען און לאָרדען?

ער איז עטליכע מאָל געווען מיט׳ן פעטער אין לאָנדאָן, גע־גאַנגען אין אָפּערא און ער איז אזוי צופרידען געווען, ער האָט דאָך אזוי ליעב מוזיק! איצט אָבער נאָכ׳ן פעטער׳ס רייד האָט ער פיינט בעקומען אַלע זינגער... ער וויל נישט זיין אַן אַקטיאָר, ער וויל נישט זיין קיין זינגער!...

גאָט! פאַר וואָס האָט דער פעטער אזוי גערעדט צו איהם? וויל ער איהם זאָגען אַז ער איז אַ קינד, אָהן טאַטע־מאַמע, און ער קען נישט זיין קיין באַראָן? נו, גוט. וועט ער איהם אָבער אַמאָל כאָטש דערצעהלען ווער ער איז און וואָס ער איז? וועט אַמאָל קומען אַ צייט אַז ער וועט אויסגעפינען די סודות פון זיין לעבען? —

אָבער ניין, האָט ער זיך געטראַכט, אפשר נאָך בעסער אַז

ער זאָל איהם נישט דערצעהלען גאָרנישט, ער זאָל פון קיין זאך נישט וויסען. ווער ווייס וואָס פאר א פערברעכען עס איז דאָ בעגאנגען געוואָרען? זאָל ער עס גלייכער נישט וויסען. גענוג אז מענשען ווייסען דאָס. דער לעהרער ווייס אודאי אויך. דער אַלטער דיענער, פרינגטעל, די אַלטע דיענסט — אַלע ווייסען, אַלע! נו, און דאָנקס דער עקאָנאָם? ער ווייס אויך?

ער האָט זיך פּלוצלונג עפּעס דערמאָנט. ער איז נאָך גאר קליין געוועזן. דאָנקס האָט איהם אַרויפגעזעצט אויפ'ן קליינעם פערד און געריטען מיט איהם אין דאָרף אריין. דאָנקס'ס ווייב האָט איהם געגעבען מילך, ער האָט געטרונקען און דאָנקס האָט געזאָגט צו זיין ווייב:

— ווייסט, ער זעהט אוים פונקט ווי זיין מאַמע...

ווער איז זי געווען די מאַמע זיינע?... און ווער איז געווען זיין פאַטער דעראָנדאָ? און ווי אזוי איז דער פעטער זיין פעטער? פון פאַטער'ס צד אָדער פון מוטער'ס צד?

לאַנג, לאַנג האָבען די אַלע פראגען געפּייניגט דעם יונגען דעראָנדאָ און איהם נישט אָבגעלאָזט.

אין א פאָר טעג ארום האָט דעראָנדאָ איינגעזעהן אז דער פעטער האָט גאָר ניט געמיינט קיין שלעכטס מיט זיינע רייד. דער אַלטער מאַלינדזשער איז דעמאָלט געזעסען ביי זיך אין ביבליאָטעק, האָט ער איהם אריינגערופען צו זיך און מיט א ליעב־קול געזאָגט:

— דאָני, קום אהער, זעץ דיך נעבען מיר.

איז ער אריינגעגאַנגען. דער פעטער האָט איהם געגלעט אי־בער'ן פּנים, איבער'ן האַלז און געזאָגט ווייך:

— וואָס איז דיר, מיין קינד? וואָס ביזטו אזוי אומעטיג? האָט דיך עמיצער בעליידיגט?

דניאל האָט זיך שיער צוואויינט און האָט קיין וואָרט נישט געקענט ענטפערען.

— אמת, — האָט איהם דער פעטער ווייטער געזאָגט — אין דיינע יאָהרען, אז דאָס לעבען הויבט זיך אָן בייטען, נישט קיין אונטערשיעד, צי צו גוטען צי צו שלעכטען, איז מען אומעטיג, ווייל פון דעם צו וואָס מען איז צוגעוועהנט, איז שווער זיך צו שיידען... יאָ, מיין קינד, דו מוזט בייטען דיין לעבען. ווען דו

זאָלסט דאָ בלייבען מיט אונז וועסטו נישט קענען לערנען אזוי פיעל ווי איך וויל. מיר וועלען זיך מוזען שיידען, וועסט מוזען פאָהרען לערנען אין אוניווערזיטעט.

— וועל איך פאָהרען לערנען אין אוניווערזיטעט? — האָט דעראָנדאַ אויסגערופען אַ דערפערהטער.

— יאָ, מיין קינד, אין דעם בעריהמטען קעמברידזשער אוני־ווערזיטעט, וואו איך האָב געלערנט, און וואו עס לערנען אַלע אריסטאָקראַטישע קינדער פון ענגלאַנד.

דעראָנדאַ'ס פנים האָט זיך אָנגעצונדען פאַר פרייד.

— נו, מיין יונגער סער, וואָס זאָגסטו צו דעם פּלאַן? געפעלט ער דיר? — האָט סער הוגאָ געשמייכעלט.

— מיט מיין גאַנצען לעבען וויל איך עס! — האָט דעראָנדאַ זיך געהיצט — איך וויל זיין אַן אריסטאָקראַט!...

און פון דעם טאָג אָן איז ער ווי ניי בעלעבט געוואָרען. ער האָט געזעהן אז ביז איצט האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט הוילע פאַנטאַזיעס, וואָס קיין וואָהר וואָרט איז אין זיי נישטאָ. ער האָט אויפגעהערט חקר'ענען, טראַכטען, ער איז אומגעגאַנגען און גע־טאַנצט פאַר שמחה, די דיענער אַרומגעכאַפּט און געטאַנצט מיט זיי, געגעבען זיי מתנות, דעם שטאַל יונג האָט ער בעזונדער פער־גיטיגט און זיך געבעטען:

— געדענק, גיב אַכטונג אויף מיין קליין פערדעל, זאָלסט איהם זיין ווי אַ טאַטע...

— דענקט איהר נישט, הערר פּרעזער, — האָט ער זיין לעה־רער געפרעגט — אז אַנדערע אינגלעך אין מיינע יאָהרען קענען מעהר פון מיר?

— אומעטום זיינען פאַראַן געניג נאַראָנים — האָט דער לעה־רער געענטפערט — דו ביזט נישט דער גרעסטער פון זיי... קיין צו גרויסער פילאָזאָף, האָב איך אָבער מורא, וועסטו קיינמאָל ניט זיין...

— איך וויל נישט זיין קיין גרויסער פילאָזאָף — האָט ער געענטפערט — איך וויל בעסער זיין אַ גרויסער גענעראַל.

— איך פערשטעה, דו מיינסט — האָט דער לעהרער וויי־

טער געזאָגט — אַז גענעראַלען ווערען גרויס אָהן לערנען, דערפאַר ווילסטו זיין אַ גענעראַל...

דאָס האָט אָבער דער לעהרער נאָר געשפּאַסט. אין אמת'ן אָבער האָט ער זעהר געהאַלטען פון דעראָנדאַ'ן און געוואוסט אַז אויב ער וועט נאָר וועלען קען ער זיין דער גרעסטער מאַן אויף דער וועלט.

אין אוניווערזיטעט האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען די גוטע צייטען פאַר דעראָנדאַ'ן. ער האָט געלערנט און פערבראַכט מיט די חברים. אַמאָל נאָר, אַז אַ חבר האָט איהם דערצעהלט פון דער היים און פון טאַטע־מאַמע, איז דעראָנדאַ אומעטיג געוואָרען און גרויס צער געהאַט, וואָס ער מוז שווייגען און האָט גאָרנישט צו דער־צעהלען פון זיין טאַטע־מאַמע...

איינמאָל האָט ער בעקומען אַ בריעף פון'ם פעטער. דער פעטער שרייבט איהם אַז ער האָט חתונה געהאַט, ער איז דעמאָלט געווען שוין נאָהענט צו פופציג, גענומען האָט ער פריילין רעי־מאָנד, ער קען זי און ער זאָגט איהם: — דאָס דאַרף דיר נישט שטערען צו קומען אויף וואַקאַציע. מאַדאַם מאַלינדזשער איז זעהר אַ גוטע, וועסט זי ליעב בעקומען ווען דו וועסט זיך מיט איהר בעקענען.

דעראָנדאַ האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס, נאָר ער איז עפּעס אַזוי טרויעריג געוואָרען פון די נייעס.

מאַדאַם מאַלינדזשער האָט שוין געהאַט די דריטע טאָכטער און סער הוגאָ איז נישט צופריעדען געווען. די טעכטער זיינען גע־ווען גאַנץ שעהן, אָבער דאָס וואָס ער האָט קיין זוהן נישט געהאַט האָט איהם פערדראָסען, און דעם ברודער'ס זוהן, גראַנדקאָרט, וועט איהם ירש'ענען.

דעראַנדאַ'ן האָט דאָס וועה געטהאָן. ער האָט אַלץ געהאַלטען אַז ער איז דער זוהן, ער איז דער אמת'ער יורש מאַלינדזשער'ס, נאָר דער אַלטער שעמט זיך אויסצוזאָגען און דערוויל וועט קומען אַ פרעמדער און וועט אַלץ צונעהמען. ער איז נישט אין כעס גע־ווען אויפ'ן פעטער, ער האָט אויף קיינעם נישט געקענט זיין אין כעס, נאָר שטילערהייט האָט עס איהם שטאַרק וועה געטהאָן.

איינמאָל, ווען ער איז אהיים געקומען אויף וואקאציע, איז ער אריין צום פעטער און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך מיר אויסקלייבען צו לערנען ווייטער?

— די וועלט איז פאַר דיר אָפען, טהו ווי דיר געפעלט, — האָט איהם סער הוגאָ געענטפערט. — דו האָסט צייט צו קלערען וועגען א תכלית, זיי און לערען דערוויילע.

— יאָ, איך דארף אָבער טראכטען וועגען פרנסה — האָט דעראָנדאַ געזאָגט רויט ווערענדיג. — עס וועט דאָך קומען א צייט ווען איך וועל מוזען געהן אויף אייגענעם ברויט, אייביג וועל איך דאָך ניט קענען זיין ביי דיר...

— האָסט א טעות, מיין קינד, — האָט סער הוגאָ געזאָגט. — אודאי דארפסטו נישט וואַרפען מיט געלד אויף רעכטס און אויף לינקס; איבעריגענס דארף איך דיר דאָס ניט זאָגען, ביזט קיין מאָל קיין פערשווענדער ניט געווען; און איך וועל דיר יעהר־ליך געבען זיבען הונדערט פונט און דו וועסט זיך קענען גאַנץ גוט איינאָרדנען. שפּעטר וועסטו קענען זיין אַן אדוואָקאט, א שריפט־שטעלער, א פּאָליטיקער. גיב דיך אָב דערמיט, לערען פּאָליטיק, איך וועל זיין גליקליך אַז מיין ליעבער דניאל וועט זיך בעשעפטיגען מיט דעם זעלבען וואָס איך.

פאַר גרויס פרייד האָט דניאל געוואָלט ארומכאַפּען דעם פעטער און איהם אויסקושען פאַר דאנקבארקייט. באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אז ער ווייסט אַלץ נישט ווער זיין טאַטע־מאַמע זיי־נען, האָבען איהם די הענט נישט געקומען דערצו.

עס איז איהם איינגעפאַלען אז יעצט איז די בעסטע צייט ער זאָל אַלץ פרעגען דעם פעטער. ער האָט אָבער מורא געהאַט אז ער וועט איהם נישט דערצעהלען, האָט ער געשוויגען און נישט געפרעגט. און דאָס וואָס דער פעטער גיט איהם אזאַ גרויסען יעהרליכען געהאַלט איז דאָס אודאי זיין ירושה, די מוטער האָט דאָס איבערגעגעבען דעם פעטער, ער זאָל דאָס איהם איבערגעבען און ער טהוט איהם גאַר קיין טובה נישט דערמיט...

סער הוגאָ האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אָב אין דעראָנדא׳ס הארץ, ער האָט געשמועסט מיט איהם פון לערנען, אזוי ווי דאָ וואָלט גאָר נישט געוועז.

אין אוניווערזיטעט האָבען אַלע פּראָפּעסאָרען ליעב געהאַט דע־ראָנדאַ'ן. און יעדער האָט געזאָגט:

— אָ, ווען דעראָנדאַ וואָלט געוואָלט זיך אָבגעבען מיט איין זאַך וואָלט ער געוואָרען גאָר גרויס.

ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין איין איינציגען ציעל צו וועלכען ער זאָל שטרעבען, נישט געווען קיין איין איינציגע זאַך וואָס זאָל איהם בעזונדער ציהען. די גאַנצע וועלט איז איהם גע־פעלען און אַלץ האָט ער געוואָלט קענען און וויסען. צום ערשטען האָט ער געלערנט מאַטעמאַטיק און געווען דער גוטער סטודענט. באַלד האָט ער אָבער אויסגעפונען אַז דאָס איז נישט גוט גענוג פאַר איהם מיט זיינע פאַנטאַזיעס, האָט ער עס אוועקגעוואָרפען און גענומען לערנען געשיכטע, דאָס האָט ער דאָך ליעב געהאַט פון קליינווייז אויף. און פּלוצלונג איז איהם גאָר איינגעפאַלען איבער־צולאָזען דאָס קליינע קעמברידזש און זיך אַוועקלאָזען איבער דער וועלט. ער וועט זעהן פערשיעדענע פעלקער, בעקענען זיך מיט זייערע פיהרונגען און דאָס שטודיום וועט ער ענדיגען אין אויס־לאַנד. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז דאָס וועט מאַלינדזשער'ן נישט געפעלען, איז איהם אַ חבר פון אוניווערזיטעט געקומען צו הילף.

דעראָנדאַ האָט געפונען אַ טרייען פריינד אין אוניווערזיטעט. האַנס מייריק האָט ער געהייסען. האַנס איז איהם געווען איבער־געגעבען פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס ער האָט איהם דערזעהן. אַ וואונדערבאַרער בחור איז האַנס מייריק געווען און ווער עס האָט איהם געזעהן האָט זיך געמוזט אָבשטעלען קוקען אויף איהם.

ער האָט געהאַט אַ לענגליך, איידעל פּנים מיט בלאָנדע האָר ביז אויפ'ן רוקען אַזוי ווי אַ קינסטלער. אין אַ מינוט האָט ער זיך פערטראַכט און זיין איידעל פּנים איז פול געוואָרען מיט קנייט־שען.

זיין פאָטער איז געווען אַ קופּער־שמיעד. מיט עלף יאָהר צו־ריק איז ער געשטאָרבען און איבערגעלאָזען אַן אלמנה מיט דריי טעכטער און איין זוהן, אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. די אלמנה האָט שווער און ביטער געאַרבייט אויפ'ן שטיקעלע ברויט און האַנס

איז געווען די איינציגע האָפנונג זייערע אז ער וועט אויפוואַקסען וועט ער זיי אַרויסהעלפען.

האנס האָט טאַקע געוואָלט העלפען דער מאַמען מיט די שוועס־טער, איז ער אָבער נישט געווען קיין געשטעלטער בחור אַז מען זאָל זיך קענען אויף איהם פּערלאָזען. אָט האָט ער אָנגעהויבען טהאָן עפּעס און געאַרבייט טאָג און נאַכט און נישט אויפגעהערט און פּלוצלונג איז איהם נישט געפעלען, האָט ער גלייך אַוועקגע־שליידערט און מעהר זיך נישט געוואָלט צוריהרען דערצו.

ער האָט אָנגעהויבען פאַנטאַזירען, אַרומטראָגען זיך מיט מאָד־נע זאַכען, גע'חלומט צו ווערען אַ מאַלער און ניט פערדיענט קיין גראָשען. דעמאָלט האָט ער זיך דאָס בעקענט מיט דעראָנדאָ'ן און דעראָנדאָ האָט איהם שטאַרק ליעב בעקומען. זיי האָבען זיך צוגע־בונדען איינער צום אַנדערען, געזעסען טאָג און נאַכט צוזאַמען און געלעבט ווי ברידער. האנס האָט זיין גאַנץ ביטער הארץ אַראָפּ־גערעדט פאַר דעראָנדאָ'ן. ער האָט איהם דערצעהלט ווי אָרים זיין מאַמע איז און ווי שטאַרק ליעב ער האָט זי. ער וואָלט געוואָלט זיין אַ מאַלער, נאָר ער קען דאָס נישט, וועיל ער מוז אויפהאַלטען די מאַמע מיט די קינדער.

דעראָנדאָ האָט איהם בערוהיגט, געטרייסט און געגעבען גוטע עצות, אַמאָל אויך אַביסעל געלד. איינמאָל איז האנס קראַנק גע־וואָרען, האָט איהם דעראָנדאָ אָבגעהיט ווי אַ מלאך, ער האָט גע־אַרבייט פאַר איהם, געשריבען בריעף צו זיין מאַמען, פערשטעהט זיך, ער האָט נישט אויסגעזאָגט אַז האנס איז קראַנק, נאָר אַז ער איז שטאַרק פערנומען און האָט נישט קיין צייט צו שרייבען.

דערווייל האָט דעראָנדאָ פערנאַכלעסיגט זיין לערנען און אַז עס איז געקומען צו די עקזאַמענס איז ער דורכגעפאַלען. דאָס האָט איהם גראָד הנאה געטהאָן. איצט האָט ער אַן אויסרייד פאַר'ן פעטער אַוועקצופאָהרען פון קעמברידזש. האנס האָט געוואוסט אַז דאָס איז זיין שולד, ווען נישט ער וואָלט דעראָנדאָ אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אויסגעצייכענט. עס האָט איהם שטאַרק וועה געטהאָן און שטילערהייט האָט ער געשריבען אַ בריעף צו סער הוגאָ מאַ־לינדזשער און איהם דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, אַז נאָר צוליעב זיין קראַנקהייט איז דעראָנדאָ דורכגעפאַלען. און דאָס איז דוקא

גוט געווען פאַר דעראָנדאַ'ן. ער האָט שוין געקענט אָנהויבען מיט'ן פעטער רעדען וועגען זיינע פּלענער.

אין איין טאָג זיינען די ביידע חברים אוועק פון קעמברידזש און געפאָהרען נאָך לאָנדאָן. האנס איז געפאָהרען נאָך טשעלסי, צו זיין מאַמע, און דעראָנדאָ איז אוועק צום פעטער אויפ'ן גוט.

דעראָנדאָ האָט געמיינט אַז דער פעטער וועט זיך בייזערען אויף איהם, צום סוף האָט ער איהם זעהר גוט אויפגענומען, און אַז ער האָט שוין געהאט דערצעהלט דעם גאַנצען פּלאַן זיינעם האָט איהם דער אַלטער מאַלינדזשער אַ ווײַלע אָנגעקוקט, מיט די אויגען דורכגענומען און געזאָגט:

— ווי איך זעה, ווילסטו נישט זיין קיין גאַנצער ענגלענדער?

— פאַרוואָס? — האָט דעראָנדאָ זיך געוואונדערט — איך וויל זיין אַן ענגלענדער, איך וויל אָבער קענען אַ סך און וויל לער־נען נישט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר אין אויסלאַנד אויך.

— נאַ, דו וועסט שוין, זעהט אויס, נישט געהן אויפ'ן זעלבען וועג, ווי די ענגלישע אריסטאָקראַטיע. גוט, דו ווילסט אַ נייעם וועג, געה געזונטערהייט, איך וועל דיך נישט אָברעדען, טהו וואָס דיר געפעלט. מיר ענגלענדער זיינען אויך נישט גאָר אָהן פעהלער און איך אַליין בין אויך אַ סך געווען אין אויסלאַנד. נאָר איין זאַך בעט איך דיר, טהו מיר צוליעב: זאָלסט נישט אַראָבוואַרפען פון זיך ענגלאַנד, פערגעס נישט דיין פאָלק, אַז דו וועסט זיין אפילו אין דער פרעמד. זעה, זיי נישט צו קלוג, נישט צו פיעל עניו און ניט צו פרום. ס'אי גאַנץ שעהן אַז אַ מענש איז גוט, נאָר אַלץ מיט אַ מאָס. נו, איך וועל דיך נישט אויפהאַלטען, מיין קינד. וואַרט ביז איך וועל ענדיגען מיין אַרבייט אין פּאַרלאַמענט, וועל איך דיך בעגלייטען.

איידער ער איז געפאָהרען נאָך אויסלאַנד איז ער פערפאָהרען צו האנס'ן אין טשעלסי. האנס האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר זיין מוטער און שוועסטער. די מיידלעך האָבען דערזעהן דעם פרעמדען שעהנעם מאַן און האָבען זיך פערשעהמט און אוועק אָן אַ זייט, יעדע איינע האָט איהם אָבער שטאַרק נאָכגעקוקט, זיין געהן, זיין שטעהן, זיין זיצען און רעדען, יעדע זאַך וואָס ער האָט געטהאָן האָבען זיי אויפגעפּאַסט און ס'איז זיי געווען ליעב און

טהייער. האַנס האָט זיי נאָך פריהער דערצעהלט פון איהם און וויפעל גוטס ער האָט איהם געטהאָן. זיי האָבען זיך איהם נאָך פריהער פאָרגעשטעלט פאַר אַ וואונדערבאַרען מענש און איצט אז זיי האָבען איהם דערקענט האָט ער ביי זיי אויסגעזעהן ווי אַ גאָט. אז ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט די יונגסטע מיידעל גענומען אַ טאָוועל מיט קרייד און אויסגעמאָלען דעראָנדאָ׳ן אין געשטאַלט פון אַ מלאך פון די אַלטע, אַלטע צייטען...

---

## 6טער קאַפּיטעל

אַ לאַנגע צייט איז דעראָנדאָ געווען אין אויסלאַנד, אויסגע־פאָהרען פערשיעדענע שטעדט און לענדער. ער האָט אַ סך געלערנט, איז פיעל קליגער געוואָרען און אז ער האָט געענדיגט, איז ער צוריק געפאָהרען נאָך ענגלאַנד.

איינמאָל, אין אַ זומער טאָג איז עס געווען; איין יאָהר איז נאָר אריבער פון זייט ער איז אהיים געקומען; איז ער אָוועגד־צייט געזעסען אין אַ קליין שיפעל און געפאָהרען איבער דער טעמזא. נאָך אַלס אינגעל האָט ער ליעב געהאַט שיפען זיך. איצט, אז ער האָט געוואוינט מיט די מאַלינדזשערס אין לאָנדאָן, איז ער גאַנץ אָפט אוועק צום וואַסער, גענומען אַ קליין שיפעל און זיך אוועקגעלאָזט איבער׳ן וואַסער און אַזוי געפאָהרען פון נאָכמיטאָג אָן ביז ס׳איז גוט טונקעל געוואָרען.

זיצט ער אַזוי אַליין אין שיפעל און פאָהרט. ס׳איז שוין גוט אבענד. ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַ בלויען רעקיל, אין אַ מאַטראָסען היטעלע און זיינע נעדיבטע לאָקען האָבען זיך ארוים־געזעהען דערפון. אָ, איצט איז ער גאָר אַן אנדער מענש געווען. געהאַט אַ פאַר גרויסע, שעהנע וואָנסען, אַ פאַר פעסטע געזונטע הענט, אַ פולען פּנים און די שטימע איז שוין אויך נישט געווען אַזוי דין און ווייך. נאָר די אויגען זיינען געבליבען די זעלבע און האָבען דערמאָנט אין דעם אמאָליגען אינגעל דעראָנדאָ, וואָס האָט אויס־געזעהן ווי אַן איידעל מלאך׳ל.

דאָס שיפעל האָט זיך לייכט געגליטשט איבער׳ן וואַסער, און

דניאַל האָט פריי אויפ'ן קול זיך צוגעזונגען אַ ליעד. ער איז צו־געפאָהרען צום בריק. דער בריק איז געווען פול מענשען, אַ סך האָבען שפּאַציערט ביים ברעג, אַנדערע זיינען געפאָהרען אויפ'ן טייך. דעראָנדאַ האָט געשווינד געאַרבייט מיט די וועסלעס און געוואָלט וואָס גיכער אַריבערפאָהרען, ווען פּלוצלונג האָט ער דער־זעהן אַ יונגע מיידעל שטעהן ביים ברעג, אַ קליינע און אַן איידעלע מיידעל, דאָס פּנים פערהאַנגען מיט אַ וואואַל און אַ טוך אויף די פּלייצעס. זי האַלט די הענד פערלייגט אויף די קניה און קוקט אַזוי לאַנג אויפ'ן וואַסער.

דעראָנדאַ האָט אין דער מינוט אויפגעהערט פאָהרען, און דאָס מיידעל האָט זיך אַ ריס געטהאָן, ווי איינער וואָס האַפּט זיך פּלוצ־לונג אויף פון שלאָף. זי האָט דאַן די אויגען אויפגעהויבען, געקוקט אויף איהם. אַ מינוט האָבען זיי זיךביידע אָנגעקוקט — און איין מינוט איז גענוג צו זעהן אַ מענשען און קיינמאָל איהם ניט פער־געסען. זי האָט געקוקט אַזוי אומעטיג און פערזאָרגט, אַז דעראָנ־דאָ'ן האָט זי אויסגעוויזען ווי אַ מענש וואָס איז שרעקליך פער־צווייפעלט, וואָס דאָס לעבען איז איהם נישט ליעב. ער איז פול געוואָרען מיט רחמנות אויף איהר און ער האָט נישט געקענט איינ־רוהען.

איז זי הונגעריג? — האָט ער זיך געפרעגט, — און אפשר אַן אַנדער אומגליק?

דאָס מיידעל איז אָבער באַלד אוועק פון ברעג און אַנידער־געזעצט זיך אויף אַ באַנק נעבען די ביימער.

איך ווייס? — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס קוק איך איהר אַזוי נאָך? וואָס איז מיר? זי איז אָרים? גענוג אָרימע דאָ אין לאָנדאָן אויף שריט און טריט. ער האָט גיך אָנגעהויבען אַר־בייטען מיט די וועסלעס און איז אוועקגעפאָהרען ווייט פונ'ם ברעג.

דאָס אָרימע מיידעל האָט איהם אָבער נישט אָבגעלאָזט. וואָס ער האָט נישט געטראַכט, איז זי איהם אַלץ אויפ'ן געדאַנק געקומען. זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט: אַ ווייסע, בלאַסע מיידעל מיט שווארצע אויגען און לאַנגע שאַרפע ברעמען, אַזוי אומעטיג, פול זאָרג און צער. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך איהם אָנגעצונדען און ער האָט שוין אָנגעהויבען זיך מאָלען פערשיעדענע בילדער פון

איהר לעבען. ער האָט אפילו געפּרואווט לאַכען און זאָגען אַז איהם דאַכט זיך נאָר אַזוי, אַז אַלע מענשען האָבען סודות און וואונדער אין זייער לעבען פּונקט ווי ער, דאָס אַלץ האָט איהם אָבער גאָרנישט געהאָלפען. די מיידעל איז אַנדערש ווי אַלע אַנ־דערע, אַזוי זאָגט איהם דאָס הארץ, איהר לעבען איז אודאי אַזוי מאָדנע ווי זיינס? — ווער ווייס —

ער האָט די וועסלעס אַוועקגעלעגט און געלאָזען דאָס שיפעל געהן אויף גאָט'ס בעראָט. און אַזוי איז ער צוגעקומען ביז דעם ריטשמאָנד בריק.

עס איז געווען אַ רוהיג און אַ שטיל פּלאַץ. קיין מענשען האָ־בען זיך נישט געזעהן. האָט ער אָנגעבונדען דאָס שיפעל אָן ברעג, און זיך אויסגעצויגען אַזוי גרויס ווי ער איז. ער האָט זיך אונטער־געשפּאַרט די הענד צוקאָפּענס, געלעגען און געטראַכט.

פּלוצלונג האָט ער בעמערקט אַ געשטאַלט פון אַ מענשען דערעהט זיך אַרום ביים ברעג, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל זי נישט דערזעהן. די געשטאַלט האָט זיך אַלץ מעהר דערנעהענטער צום וואַסער, ווי זי וואָלט זיך גע־וואָלט אַריינוואַרפען... מיט איין שפּרונג איז דעראָנדאַ געשטאַנען אויפ'ן ברעג, צוגעלאָפען צו איהר און דערזעהן אַז דאָס איז די זעלבע מיידעל וואָס האָט איהם פריהער נאַכגעקוקט.

— שרעק זיך נישט — האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייך קול — איך זעה איהר זייט אַן אונגליקליכע. זאָגט מיר, אפשר וועל איך אייך קענען העלפען.

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און האָט איהם אויך דער־קענט. אַ ווייל איז זי געשטאַנען און געשוויגען, באַלד האָט זי שטיל געזאָגט:

— איהר ווייסט, איך האָב אייך שוין לאַנג געזעהן...

זי האָט זיך פערטראַכט און נאָך שטילער, ווי צו זיך אַליין, האָט זי גערעדט:

— אין אונגליק, אין אונגליק...

אין איהר אויסשפּראַך איז קענטיג געווען אַז זי איז אַן אויס־לענדערין. ער איז געשטאַנען און זי בעטראַכט און נים געוואוסט

וואָס זי מיינט צו זאָגען מיט די צוויי ווערטער: „אין אונגליק, אין אונגליק“.

— איהר האָט געזונגען אין שיפּעל? — האָט זי איהם ווייטער געפרעגט, און אַליין שטיל איבערגעזונגען דעם זעלבען מאָטיוו.

— נאַ — האָט דעראַנדאַ געענטפערט, — איך האָב זעהר ליעב צו זינגען דאָס ליעד, אָבער אייך איז דאָ קאַלט צו שטעהן, איהר קענט זיך נאָך צוקיהלען, קומט מיט מיר אין שיפּעל און איך וועל אייך צופיהרען אין אַ זיכערען אָרט.

אַ צייט איז זי געשטאַנען און געטראַכט, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איהר ווייזט אויס צו זיין אַן אָרענטליכער מענש, אפשר האָט אייך גאָט מיר צוגעשיקט אין מיין וועג?...

— זייט זיכער, אונגליקליך קינד, — האָט ער איהר הייס געשוואָרען — איך וועל אייך העלפען מיט מיין גאַנצען לעבען. און זאָל איך שטאַרבען אויב איך וועל אייך בייז טהאָן אָדער אויב איך וועל עמיצען אייך לאָזען אַנריהרען.

— איך האָב דאָך אָבער דאָ קיינעם נישט צו וועמען צו געהן — האָט זי געזאָגט — איך קען דאָ קיינעם נישט.

— זאָרגט נישט, איך וועל אייך ברענגען צו אַ זעהר גוטע און ליעבע פרוי, זי וואוינט דאָ צוזאַמען מיט איהרע טעכטער. — האָט דעראַנדאַ זי בערוהיגט און אַ געדאַנק האָט זיך אין זיין מוח אָנגעצונדען: ווער ווייס אויב זיין מאַמע איז אויך נישט געווען אַזאַ אונגליקליכע...

— זייט איהר נישט אַ טעאַטער־מענש? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— ניין! — האָט ער גיך געענטפערט — איך קעהר זיך גאָר נישט אָן מיט'ן טהעאַטער. האָט גאָר קיין מורא נישט, איך וועל אייך אָוועקפיהרען צו אַזאַ גוטע פרוי וואָס איהר גלייבען איז נישטאָ, זי וועט אייך גוט בעהאַנדלען און איהר וועט זיין צופרידען. נאָר לאָמיר דאָ ניט שטעהן, ס'ווערט קיהל און פייכט און איהר קענט נאָך קראַנק ווערען.

זי האָט איהם געפאָלגט און אריינגעגאַנגען אין שיפּעל.

עס איז איהר שטאַרק קאַלט געוואָרען און זי האָט אָנגעהויבען

צו ציטערען, האָט ער אויסגעטהאָן זיין רעקיל, איהר דערלאַנגט און געזאָגט:

— וויקעלט זיך ארום דערמיט, ווען אייך ווארימער ווערען, איהר דארפט זיך ניט שעהמען. פיעל מאָל גרייט מען זיך נישט צו, מען מיינט ס'וועט זיין ווארים, לייהט מען ביי א פריינד א מלבוש, עס מאכט גאָר נישט אויס.

זי האָט עס צוגענומען שוויעגענדיג און זיך ארומגעוויקעלט דערמיט.

— יאָ, איך האָב עטליכע קיכלעך — האָט דעראָנדאָ זיך דער־מאָנט — אפשר ווילט איהר עסען?

— ניין, איך וויל נישט עסען — האָט זי געענטפערט — איך בין נישט הונגעריג. איך האָב דאָך א ביסעל געלד ביי זיך. אז ס'וואָלט מיר הונגערען וואָלט איך מיר דאָך געקענט קויפען.

דעראָנדאָ האָט גענומען די וויעסלעס און גיך געארבייט. דאָס שיפעל איז געפלויגען ווי א בליץ איבער'ן גלאַטען וואסער.

א ווייל זיינען זיי אזוי געפאָהרען, געשוויגען און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט אפילו יאָ געוואָלט רעדען צו איהר, פרעגען וואָס איהר איז, האָט ער אָבער נישט געוואוסט ווי אזוי אָנצוהויבען, טאָמער וועט ער איהר וועה טהאָן. פלוצלונג האָט זי דעם קאָפּ אויפגעהויבען און געזאָגט:

— איהר ווייסט, איך האָב אזוי ליעב צו הערען דעם גערויש פון וואסער. —

— און איך האָב דאָס אויך ליעב. — האָט ער געענטפערט.

— אָ, ווען איהר קומט נישט צו דער מינוט צום וואסער — האָט זי ווייטער גערעדט — וואָלט איך שוין געווען אויף יענער וועלט...

—רעדט נישט אזוי,—האָט ער זיך ביי איהר געבעטען.—איך האָף אז אייך וועט נישט באנג טהאָן וואָס איך בין געקומען צו דער ריכטיגער מינוט.

— ווער ווייס? — האָט זי שטיל גערעדט צו זיך אליין — איין גאָט ווייס, צו אזא מענש, ווי איך, האָב נאָך עפּעס האָפנונג אין לעבען? ווער ווייס צי מיר וועט אמאָל גוט זיין. אמאָל, אמאָל,

איז מיר גוט געווען, איך געדענק עס נאָך, איצט אָבער איז מיר זעהר שלעכט, אַן אונגליק, אַן אונגליק...

דעראָנדאָ האָט אַלץ געשוויגען. עס האָט איהם שטאַרק געצווינגען צו וויסען וואָס מיט איהר איז, ער האָט איהר געוואָלט פרעגען, ער האָט אָבער מורא געהאַט ער זאָל איהר עפּעס נישט וועה טהאָן און ער האָט געשוויגען. זי האָט ווייטער גערעדט:

— איך וויים גאָרנישט צי עס איז אַן עברה זיך ס'לעבען צו נעהמען. מיינע עלטערען האָבען דאָך זייערע אייגענע קינדער געשאָכטען און דערנאָך זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, זיי זאָלען נישט אָבטרעטען פון גאָט'ס וועגען און ווערען פעראומרייניגט. איך האָב עס אויך געוואָלט טהאָן, נאָר איך האָב דערהערט ווי דאָס לעבען רופט מיך, האָב איך געפאָלגט, כאָטש איך וויים נישט וואָס מיט מיר וועט זיין און צו איך וועל געפינען דאָס וואָס איך זוך.

— איהר וועט נאָך געפינען גוטע פריינד, עהרליכע מענשען, איך אַליין וועל זיי זוכען פאַר אייך — האָט ער זי געטרויסט.

זי האָט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטהאָן און טרויעריג געזאָגט:

— אָבער מיין מאַמע און מיין ברודער וועל איך דאָך שוין ניט געפינען, טאָ ווי קען מיר גוט זיין?

— איהר זייט אַן ענגלישע? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט באַלד נישט געענטפערט, איז געזעסען אַ ווײַלע און געטראַכט און דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערופען:

— איהר ווילט וויסען צי איך בין אַן ענגלישע, יאָ?

— איך וויל גאָרנישט וויסען — האָט ער זיך פערכאַפּט. — דאָס וואָס איהר אַליין ווילט מיר דערצעהלען וויל איך וויסען, איך וועל אייך אָבער גאָרנישט פרעגען.

— מיינע עלטערען זיינען געווען ענגלענדער — האָט זי געענטפערט — איך בין אָבער אַ אידיש קינד.

דעראָנדאָ האָט געשוויגען און געטראַכט פאַר וואָס דאָס איז איהם אַליין ניט איינגעפאַלען, כאָטש מען האָט זי אויך געקענט אָננעהמען אַלס שפּאַניערין.

— איך בין געפאַלען אין אייערע אויגען דערפאַר? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט.

— וואָס פּעלט אייך איין? פאַרוואָס אזוי? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— יאָ, איך וויים, אַ סך אידען זיינען פערדאָרבענע מענשען...

— אָבער צווישען קריסטען זיינען אויך דאָ זעהר פיעל פערדאָרבענע, נו, וועל איך דערפאַר זיין געפאַלען ביי אייך אין די אויגען? — האָט ער זי געפרעגט.

— מיין מאמע און מיין ברודער זיינען געווען אָרענטליכע און גאַנץ גוטע מענשען — האָט זי איהם דערצעהלט, — איך וועל זיי שוין אָבער קיין מאָל ניט געפינען. איך קום פון אַ וויט לאַנד, איך בין אַנטלאָפען פון דאָרט... נאָר דאָס קען איך אייך נישט דערצעהלען, איך קען נישט רעדען וועגען דעם... איך האָב געהאָפט צו געפינען דאָ מיין מאמען, מיין ברודער, נאָר באַלד האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי פון אַלע זייטען לאַכט מען פון מיר און מען זאָגט: אומזיסט, אומזיסט, דו וועסט זיי שוין מעהר נישט געפינען... האָב איך זיך געוואָלט דאָס לעבען נעהמען. איצט אָבער זעה איך אַז עס איז מיר בעשערט צו לעבען, אפשר פיהרט מיך גאָט אויפ'ן ריכטיגען וועג און איך וועל זיי נאָך געפינען...

זי האָט דאָס גערעדט און זיך שטאַרק צוואויינט און דעם קאָפּ אַנגעבויגען.

דעראָנדא האָט איהר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זי געלאָזט וויינען, אפשר וועט איהר פון די טרערען לייכטער ווערען. און זיצענדיג אַזוי שטיל האָט ער געטראַכט, אז ער וועט זי ברייננגען צו זיין פעטער, סער הוגאָ מאַלינדזשער. די מוהמע איז דאָך אַזאַ גוטע, זי וועט זי גוט בעהאַנדלען, וועט זי ליעב בעקומען און עס וועט איהר גוט זיין. און טאָמער איז זי גראַד נישט אין דערהיים, איז איהם איינגעפאַלען, ער וועט זי אַהיים ברענגען און די דיענער און די דיענסטען וועלען זי בעקוקען פון אַלע זייטען, וועלען זיך וואונדערען, וועט זי זיך דערשרעקען און אַנטלויפען. ניין, האָט ער זיך בעטראַכט, ביים פעטער איז נישט גוט פאַר איהר, דאָס עשירות און דער גלאַנץ וועלען זי איבערשרעקען, זי וועט ניט וועלען, בעסער וועט ער זי אָוועקפיהרען צו זיין פריינד האַנס מייריק'ס מאמע. זי איז אַזאַ זעלטענע פרוי, איהרע מיידלעך זיינען גוטע נשמות, זיי וועלען זי אודאי גוט אויפנעהמען, און האַנס איז אויך נישט

אין דער היים, ער איז אין איטאַליען. יא, דאָס איז דאָס בעסטע אָרט פֿאַר איהר. זיי וועלען זי גוט בעהאַנדלען, איהם צוליעב וועלען זיי דאָס טהאָן.

זיי זיינען ארויס פון שיפעל, האָבען זיך אריינגעזעצט אין א קאַרעטע און געפאָהרען. זי איז געווען שטאַרק מיעד פון וויינען, האָט זי זיך אָנגעשפּארט אָן ווענטעל און האָט איינגעדרעמעלט. דערַאָנדא איז געזעסען און געטראַכט אז א ניי קאַפּיטעל האָט זיך אָנגעהויבען אין זיין לעבען.

ער האָט דאָך היינט געראַטעוועט אַ מענשען פון טוידט. נאָר צי טהוט מען תמיד גוט אז מען ראַטעוועט א מענשען פון טויט? ווער וויים!

---

די קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צו אַ קליין הייזעל, אין וועלכער עס האָבען געוואָהנט די מייריקס. עס איז געווען א רוהיג, שטיל אָרט. פון איין זייט איז געלעגען דער טייך, און פון דער צווייטער זייט האָבען זיך געצויגען גערטנער און פעלדער. די אַלטע, האַנס' מאַמע, איז געזעסען ביים פענסטער און געלייענט אַ בוך. איהר עלטסטע טאָכטער, קייטי, איז געזעסען און געמאָהלען קליינע בילדער צו פערקויפען, און די אַנדערע צוויי, עמי און מאַב, האָבען אויסגענייט פֿאַר די רייכע הייזער. זיי זיינען געווען אָרעם, אָבער דאָך גליקליך. דאָס מעבעל איז געווען אַלט, א ירושה נאָך פון זייערע עלטערען און עס איז זיי טהייער געווען. אַ פּאָר בילדער זיינען געהאַנגען אויפ'ן וואַנד און אַן אַלטע פּיאַנאָ איז געשטאַנען אין ווינקעל, ריין און אָפּגעפּוצט ווי ניי. זיי האָבען געאַרבייט, פערדיענט וואָס זיי האָבען בעדאַרפט. קיין דיענסט האָבען זיי אָפּטמאָל נישט געהאַלטען, אַלץ געטהאָן אַליין. איינמאָל אין יאָהר איז האַנס אהיים געקומען, האָט ער זיי מיטגענומען אין טהעאַטער און זיי זיינען זעהר צופרידען געווען, און מעהר האָבען זיי נישט געדאַרפט און מעהר האָבען זיי נישט געזוכט.

די מוטער האָט פֿאַרגעלייענט אַ געשיכטע פון מיליטערישען לעבען, ווי סאָלדאַטען זיינען געווען פערוואונדעט און אַ מיידעל האָט זיי געראַטעוועט. האָט די איינגסטע זיך אָנגערופען:

— אוי, איך וואָלט אַזוי צופרידען געווען ווען פערוואונדעטע

סאַלדאַטען וואָלטען אָנגעקומען, איך וואָלט טאָג און נאַכט אַרום זיי אַרומגעגאַנגען, ביז זיי וואָלטען צוריק געזונט געוואָרען.

— דעמאָלט וואָלטען מיר שוין פערשפּאָרט צו עסען — האָט עמי געזאָגט אין אַ געלעכטער. — דו וואָלסט פון זיי נישט אָבגעטראָטען און דאָס געקעכץ וואָלט פערברענט געוואָרען.

— נו, גענוג די טענות—האָט די מוטער זיך אריינגעמישט—גיט אהער, וועל איך אייך העלפען אויסנעהען.

— אויב אזוי, מאַמע, וועל איך אַביסעל שפּיעלען און דו וועסט אויסנעהען.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טהיר.

— גאָט אין הימעל — האָט זיך די פרוי מייריק דערשראָקען. — עס איז שוין צעהן אַ זייגער, די דיענסט שלאָפט שוין און מיר האָבען גאָר געסט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס אין דרויסען און געלאָזען די טהיר אָפען.

— אָ, הערר דעראָנדא! — האָט זי אויסגערופען. די מיידלעך האָבען דאָס דערהערט און מאַב האָט שטילערהייט זיי געזאָגט:

— עפּעס מוז דאָ זיין, דעראָנדא איז געקומען, אודאי אַ נייעס.

דעראָנדא האָט דער אַלטער אַליץ דערצעהלט און געזאָגט:

— מאַדאַם מייריק, איך ווייס אַז איך פערלאַנג פון אייך זעהר אַ גרויסע זאַך, איך קען זיך אָבער נישט העלפען. אזא גוט מענש ווי איהר זייט, וועט זי גוט בעהאַנדלען. איך קען דאָך זי נישט אַוועקפיהרען אין דער פרעמד. ביי מיין פעטער האָב איך מורא וועט זי נישט ווערען זיין. ענטשולדיגט מיר וואָס איך פערלאַנג דאָס פון אייך. איך בעט אייך אָבער, טהוט דאָס מיר צוליעב און זייט צו איהר ווי אַ מאַמע.

— גענוג, וואָס רעדט איהר אַזוי פיעל וועגען דעם — האָט זי איהם לייכט איבערגעהאַקט — איך האַלט דאָס פאַר אַ גרויסען כבוד פאַר מיר. איך פערשטעה, איהר האָט דאָך קיין אנדער עצה נישט. ברענגט זי אהער פון קאַרעטע און איך וועל דערווייל דערצעהלען מיינע קינדער.

דעראָנדאַ איז אַוועק צו דער קאַרעטע און פרוי מייריק איז אריין צו די טעכטער און געזאָגט צו מאַב:

— זעהט נאָר, אנשטאַט די פערוואונדעטע סאָלדאַטען האָט דיר גאָט צוגעשיקט אַן אָרעם מיידעל וואָס האָט זיך געוואָלט דער־טרינקען פאַר צרות, נאָר העדר דעראָנדאַ האָט זי געראַטעוועט, וועסטו אויף איהר אכטונג געבען, עס זאָל איהר גאָרנישט פעהלען. מר. דעראָנדאַ זאָגט אַז זי איז אַ אידיש מיידעל, זעהר אַ געלעהרנ־טע, קען איטאַליעניש און זינגט און שפּיעלט זעהר שעהן.

די מיידלאַך זיינען אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד און מאַב האָט געזאָגט:

— נאָר גאָט האָט צוגעהערט מיין בקשה און זי מיר צוגע־שיקט...

דעראָנדאַ האָט איהר געהאָלפען ארויסגעהן פון קאַרעטע, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהם פאַר גרויס מידקייט, און ער האָט זי אריינגעפיהרט אין שטוב אריין.

אין דער ערשטער מינוט האָט איהר אַ שווינדעל געטהאָן פאַר די אויגען פון דער ליכט און זי איז געשטאַנען אַביסעל צוטומעלט. דעראָנדאַ האָט גענומען איהר האַנד, אריינגעלייגט אין פרוי מיי־ריק'ס און זיי בעקענט. זי איז געווען העבער פון זיי אַלע, זיי האָבען קוים געגרייכט צו איהרע גרויסע שוואַרצע צעפּ, און דע־ראָנדאַ האָט זיך געטראַכט: אַ דאַנק גאָט, זיי זיינען קלענער פאַר איהר, זי וועט זיך פאַר זיי ניט שרעקען...

די מיידלאַך זיינען צו איהר צוגעגאַנגען, בעקענט זיך מיט איהר, און פרוי מייריק האָט געפרעגט:

— איהר זייט מיעד, מיין אָרים קינד, האַ?

— מיר וועלען פאַר אייך זאָרגען! מיר וועלען אייך טרויס־טען! מיר וועלען אייך ליעב האָבען, איהר וועט זעהן! — האָט שוין מאַב זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זי בעשאָטען מיט וואַרימע ווערטער. זי האָט זי ארומגעכאַפּט און צום הארצען גע־דריקט פאַר גרויס פרייד.

דאָס מיידעל האָט אויפגעלעבט און איהר פּנים איז פרעהליך געוואָרען. זי האָט זיי בעטראַכט, געקוקט אויף דעראָנדאַ'ן און זיך געטראַכט, אַז נאָר איהם צוליעב זיינען זיי אַזוי גוט צו איהר.

זי האָט זיך געווענדעט צו דער בעל־הבית'טע און מיט געבעט גע־זאָגט:

— איך בין אַ פרעמדע... איך בין אַ אידישע מיידעל, און ווער וויס, איהר קענט נאָך מיינען אַז איך בין אַ שלעכטע...

— ניין! ניין! — האָט מאַב געשריען — מיר ווייסען אַז איהר זייט אַ גאַנץ גוטע מיידעל.

— אָרים קינד — האָט שוין די מוטער אויך געזאָגט — מיר טראַכטען נאָר גוטס פון אייך. זעצט זיך אַוועק, רוהט זיך אָפּ אַ ביסעל, איהר ועט עפּעס עסען און דערנאָך וועט איהר זיך לייגען שלאָפען.

די מיידעל האָט ווידער אַ קוק געטהאָן צו דעראָנדאַ'ן, און ער האָט איהר געזאָגט:

— איהר וועט שוין נישט מורא האָבען צו זיין ביי די גוטע מענשען? איהר וועט שוין שלאָפען רוהיג די נאַכט. יאָ?

— יאָ, איך וועל שוין נישט מורא האָבען — האָט זי גע־ענטפערט — איך וועל רוהיג שלאָפען די נאַכט. גאָט האָט צו־געשיקט זיינע מלאכים מיך אָבצוהיטען...

פרוי מייריק האָט זי אָנגענומען פאַר'ן האַנד און געוואָלט אַוועקזעצען, האָט זי זיך אָבער אָבגערוקט ווי זי וואָלט מורא גע־האַט זיך צו זעצען ביז זי וועט נישט עפּעס דערצעהלען ווער זי איז.

— איך הייס מירא לאַפּידוס... — האָט זי געשטאַמעלט. — איך קום פון גאַנץ ווייט, פון פּראַג... ביז אַהער בין איך אַליין גע־פאָהרען, קיינער איז מיט מיר נישט מיט־געוועזן... איך בין אַנט־לאָפען פון פּראַג... איך בין אַנטלאָפען פון שלעכטע מענשען... איך האָב געהאָפּט צו געפינען מיין מאַמע און מיין ברודער. איך בין נאָך אַ קליין מיידעל געווען, ווען מען האָט מיך ארויסגע'גנב'עט פון מיין מאַמען. איך האָב געמיינט, איך וועל דאָ געפינען מיין מאַמע, אָבער אַלץ איז אומזיסט. די אַלטע הייזער זיינען שוין נישטאָ, איך קען זיי נישט געפינען... אַ שטיק צייט בין איך אין לאָנדאָן, קיין געלד האָב איך נישט און דערפאַר איז מיר אַזוי שלעכט...

— די מאַמע וועט אָבער זיין גוט צו אייך — האָט מאַב איהר פערזיכערט — איהר וועט זעהן וואָס פאַר אַ גוטע מיין מאַמע איז.

נו, זעצט זיך שוין אוועק, רוהט זיך אויס — האָט איהר קייטי דערלאַנגט אַ שטוהל און איימי איז אוועק אַנגרייטען עפּעס עסען.

מירא האָט זיך שוין ניט געלאָזט בעטען און האָט זיך אוועקגעזעצט. זי איז געזעסען און אַראָבגעלאָזט די הענד פאַר מידקייט און האָט אַזוי שעהן אויסגעזעהן, אַזוי פיעל חן איז אויף איהר פּנים געלעגען אַז אַלע האָבען זיך אַרום איהר אַרומגעשטעלט און געקוקט אויף איהר. האפּיז, די גרויסע קאַץ, איז צוגעשפּרונגען, אויפגעהויבען דעם עק, זיך צוגעדריקט צו איהרע פיס און זיך אַוועקגעלייגט נעבען איהר. דעראָנדאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן אַז עס איז שוין צייט ער זאָל זיך געזעגענען און אַוועקגעהן.

—איהר וועט דאָך נישט זיין בייז — האָט ער זיך געווענדעט צו דער בעל הבית'טע — אַז איך וועל מאָרגען ווידער קומען. אויב איהר ווילט, וועל איך מאָרגען פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג קומען אהער.

—אדרבה, זעהר גוט, — האָט זי איהם געענטפערט, — קומט צוגעהן. איך האָף, אַז דערווייל וועלען מיר מיט מירא'ן ווערען גאָר גוטע פריינד.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט דעראָנדאַ דערלאַנגט מירא'ן די האַנד. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען זיין האַנד, אַן אויגענבליק זיך פערטראַכט און האָט מיט אַ ווייך, ציטערדיג קול געזאָגט:

— זאָל אייך גאָט, דער גאָט פון מיינע עלטערען, בענשען אין אַלע אייערע וועגען און אייך אויסהיטען פון אַלעם בייזען ווי איהר האָט מיך היינט אויסגעהיט. איך האָב נישט געגלויבט אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ גוטער מענש ווי איהר זייט, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט אַנגעטראָפען אַ מענש וואָס זאָל מיר וועלען גוטעס טהאָן, נאָר איהר אַליין. איהר האָט מיך געטראָפען אַן אָרימע, אַן עלענדע און האָט רחמנות געהאַט אויף מיר...

דעראָנדאַ'ן זיינען שיער די טרערען געקומען אין די אויגען. ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט רעדען, האָט ער שטיל מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטהאָן און זיך אַרויסגעגאַנגען.

## 7טער קאַפּיטעל

דעם גאַנצען וועג ביז צו זיך אַהיים, איז דעראָנדאַ געגאַנגען ווי אַ פּער'חלום'טער, און ער האָט אַליין נישט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער געפינט זיך. די היינטיגע בעגעגעניש איז איהם טיעף אין האַרצען אַריין. דאָס גאַנצע בילד פון אָנהויב אָן, ווי ער האָט מירא'ן דערזעהן איז איהם פאַר די אויגען געשטאַנען. ער האָט גענומען אַ בוך און געוואָלט לייענען און די געדאַנקען אַרויס־טרייבען פון קאָפּ, האָט ער אָבער די אותיות נישט געזעהן און מי־רא'ס בילד האָט איהם נישט אָבגעלאָזט. יאַ, האָט ער געטראַכט, ער דאַרף איהר העלפען, זעהן אויסזוכען איהר מאַמע, אָבער ווער וויים צי וועט נישט ערגער זיין פאַר איהר ווען זי וועט געפינען איהר מוטער? ווער וויים וואו זי איז און וואָס מיט איהר איז געוואָרען? ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער אַליין זוכט אַרום זיין אייגענע מאַמע, ער זוכט זי שוין אַ פּאָר יאָהר און איין גאָט וויים וואָס מיט איהר איז? וואָס וועט ער טהאָן אַז ער וועט זי שוין געפינען און זי וועט נישט זיין ווי ער וויל און ער וועט זיין נאָך אונגליקליכער.

אָבער, — האָט ער זיך געטראַכט — מירא האָט דאָך געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ גוטע און אַן אָרענטליכע. ווער וויים דאָס אָבער אַז עס איז טאַקע אַזוי? מירא איז דאָך נאָך קליין געווען ווען מען האָט זי פון איהר צוגענומען.

דעראָנדאַ איז אייגענטליך שטענדיג גרייט געווען צו העלפען אַן אָרימען און אַן אונגליקליכען און ער האָט טאַקי זיי שטענדיג געהאָלפען. עס איז איהם אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעקומען אַזאַ פאַל מיט אַ אידען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו טהאָן מיט אידען. ער האָט אפילו זעהר פיעל געהערט וועגען אידען, זיי זיינען איהם אָבער, לויט ווי ער האָט געהערט פון זיי, גאָר נים געפעלען. און אַז ער האָט זיי געזעהען אין גאַס, סיי אָרים, סיי רייך, האָבען זיי אויף איהם נישט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק.

ער האָט געהערט דערצעהלען וועגען קלוגע, געלערנטע אידען, האָט ער אָבער געוואוסט אַז דאָס רוב האָבען זיך די דאָזיגע אידען אויסגע'שמד'ט און אויסגעמישט מיט די גוים. ער האָט זיך אָנגע־

הערט זעהר פיעל פון זיינע בעקאַנטע ווי שלעכט די אידען זיינען און ווי פערדאָרבען. אודאי האָט ער געמאַכט אַן אונטערשיעד צווי־שען די פאַרצייטיגע אידען ביז היינטיגע, כאָטש ער האָט נישט ליעב געהאַט צו מאַכען אַזאַ חלוק ביי אַנדערע פעלקער. ער האָט גע־וואוסט אַז די אידען האָבען גע׳ירש׳נט גוטע מדות און שלעכטע, פערדאָרבענע, וואָס די אָרימע, געיאָגטע אידען האָבען איבערגענומען פון פאַרצייטענס. און טראַכטענדיג פון מירא׳ס מאַמע האָט ער זיך דערמאָהנט אין די שרעקליכע געשיכטען וואָס ער האָט זיך אָנ־געהערט וועגען די אידען, און ער האָט מורא געהאַט, ווער וויים, אויב איהר מאַמע איז נישט אַזאַ פערדאָרבענע פרוי ווי מען דער־צעהלט אַז עס געפינען זיך אַ סך צווישען אידען... אמת, מירא איז אַ קלוגע, אַן אָרענטליכע און אויב איהר משפחה איז נאָר אַזוי ווי זי, וואָלט שוין גוט געווען. נאָר ווער וויים ,אויב עס איז טאַקי אַזוי ?

ער האָט דערפאַר בעשלאָסען אַז ער וועט קיין זאַך נישט טהאָן פאַר איהר ביז ער וועט זיך נישט דערוויסען עפּעס מעהר פון איהר לעבען און משפחה.

ער וועט וואַרטען, אפשר וועט זי עפּעס דערצעהלען פאַר פרוי מייריק, און דעמאָלט וועט ער שוין אַלץ געוואָהר ווערען.

אָבער וואָס טהוט מען מען דערווייל מיט איהר אַליין ? אַ מינוט איז איהם איינגעפאַלען, ער זאָל אַלץ דערצעהלען זיין פעטער מיט דער מוהמען און זיי וועלען זי נעהמען צו זיך. באַלד איז איהם דער געדאַנק נישט געפעלען. ניין, ער וועט בעסער וואַרטען ביז ער וועט זי מעהר קענען און וויסען פון איהר לעבען.

אַזוי איז ער געלעגען אַ גאַנצע נאַכט אויף זיין געלעגער, נישט געקענט מיט קיין אויג צומאַכען און געהאַלטען אין איין טראַכטען פון איהר.

---

מירא איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, פריש און אויסגע־רוהט. זי האָט די נאַכט גוט געשלאָפען. זי האָט זיך ארומגעוואַשען און אָנגעטהאָן מאַב׳ס שוואַרצע קליידעל, פערפלאָכטען איהרע גרויסע, שוואַרצע צעפּ און איהר פנים האָט גענומען רויטלען זיך, ווי ביי אַ קראַנקען וואָס איז נאָר וואָס צום ערשטען מאָל פון בעט

אראָפּ און הויבט אָן צו זיך צו קומען. מאַב האָט איהר גע־בראַכט אָנבייסען, האָט מירא נישט געוואָלט עסען און זי האָט גע־זאָגט:

— איך בין א אידיש קינד, איך קען נאָר עסען כשר׳ס...

האָט זי נאָר געגעסען ברויט מיט פּוטער, א פּאָר אייער און א גלאָז מילך.

— איהר וויסט, — האָט מאַב איהר געזאָגט — איך וועל אייך ברענגען נייע געשיר, פלייש וועל איך קויפען ביי א אידי־שען בוטשער און איהר וועט זיך קאָכען אַליין אזוי גוט ווי איהר וועט וועלען.

מירא האָט איהר שטאַרק געדאַנקט דערפאַר. מאַב האָט טאַקי באַלד נייע געשיר געבראַכט, זי האָט איהר אויך געקויפט א פּאָר נייע שיך. לאַנג האָט מאַב געמוזט מיט איהר אַרומגעהן אי־בער די סטאָרס ביז זי האָט איהר געקענט צופּאַסען א פּאָר שיך, אזעלכע קליינינקע פיס האָט מירא געהאַט.

אז זיי זיינען אהיים געקומען, איז מאַב צוגעשפּרונגען צו איהר מוטער און געוויזען אויף מירא׳ס שיך און געזאָגט:

— מאַמע, קוק נאָר וואָסערע שעהנע, קליינינקע פיס מירא האָט!

מירא איז רויט געוואָרען און האָט לייכט געשמייכעלט. און פרוי מיירּיק האָט זיך אָנגערופען:

— ווער וויים, אויב די קליינע, לייכטע פיס האָבען שוין ניט געטראָגען א צו־שווערע משא... נאָר איצט, מיין קינד, וועסטו זיך שוין אויסרוהען, וועסט זיין לעבען אונז און וועסט זיין מיין חבר׳טע, וועסט זיצען מיט מיר אין איינעם.

— אזוי גאָר, מאַמע — איז מאַב געווען אונצופרידען, — מירא וועט זיצען מיט דיר און דו וועסט מיט איהר רעדען, און איך וועל גאָרנישט וויסען און וועל גאָרנישט הערען?

— נו, געננוג דיר, טאָכטער מיינע, געה לערנען — האָט איהר די מוטערווייך געזאָגט.

מאַב איז אוועקגעגאַנגען. קייטי איז אוועק צום וואַסער מאָה־לען א לאַנדשאַפט; איימי איז אויך נישט געווען אין דער היים,

זי האָט אָבגעטראָגען ארבייט אין די פריצישע הייזער, און פרוי מייריק איז געבליבען מיט מיראַ׳ן אליין אין הויז.

פרוי מייריק האָט גענומען קיילעכלאָך זייד און באָוועל און גענומען צוגרייטען פאר די טעכטער אויף אויסצונעהען אין אבענד און מיראַ איז געזעסען שטיל און צוגעקוקט. פלוצלונג האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען:

— איהר ווייסט, — האָט זי געזאָגט — איך געדיינק מיין מאַמע אזוי גוט, פונקט ווי איך וואָלט ערשט נעכטען זי געזעהען. איך געדיינק זי מעהר פון אלע זאכען וואָס זיינען ערשט היינט פאָרגעקומען, און איך בין דעמאָלט, ווען מען האָט מיך פון איהר צוגענומען, נאָר זיעבען יאָהר אלט געווען, און היינט בין איך שוין גאנצע ניינצעהן.

— וואָס איז דאָ דער וואונדער? — האָט פרוי מייריק גע־ענטפערט — אלץ וואָס מען זעהט קליינערהייט געדענקט מען זעהר גוט.

— יא, טאַקי — האָט מיראַ געזאָגט. — דאָס ערשטע וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזעהן איז געווען מיין מאַמע. איך גע־דענק, איך האָב זיך איינמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איך בין גע־לעגען אין מיין וויגעלע און די מאַמע האָט זיך איינגעבויגען איבער מיר און מיר געזונגען ליעדער, לשון קודש׳דיגע ליעדער זיינען דאָס געווען. איך האָב זיי נישט פערשטאַנען, זיי זיינען אָבער אזוי שעהן געווען און אזוי גוט, פול ליעבע. און גאַנץ אָפט דאכט זיך מיר אז איך זעה זי, איך הער איהר קול, איך שטרעק איהר אוים מיין האַנד, זי נעהמט מיך ארום, קושט מיך און האַלזט מיך ווי דע־מאָלט אלס קליין קינד. און באַלד דערשרעק איך זיך — די מאַ־מע איז ניטאָ, ווער ווייס אפשר איז זי געשטאָרבען?... איך כאַפּ זיך אויף און קען זיך אליין נישט דערקענען און ווייס נישט אויף וואָסער וועלט איך געפין זיך. אוי, ווען איך וועל אמאָל זעהן מיין מאַמען, וועל איך זי באַלד דערקענען, מיט דער ערשטער מינוט, איהר וועט זעהן.

— פערגעסט אָבער נישט — האָט פרוי מייריק רוהיג גע־ענטפערט — אז צוועלף יאָהר האָט איהר זי שוין ניט געזעהן און דורך דער צייט האָט זיך אייער מוטער געוויס געביטען. קוקט,

איהר זעהט מיינע גרויע האָר, מיט צעהן יאָהר צוריק זיינען זיי נאָך בלאָנד געווען. די יאָהרען לויפען און לאָזען איבער זייערע צייכענס אויף אונז אַלעמען.

— אוי, ווי פערזאָרגט און טרויעריג מיין מאַמע איז געווען אַז מען האָט מיך פון איהר צוגענומען — האָט מירא ווייטער דער־צעהלט. — איהר ווערט אָבער זעהן ווי פרעהליך זי וועט זיין אַז מיר וועלען זיך צוריק־געפינען. זי וועט אַלע צרות פערגעסען און וועט זיך מיט מיר פרעהען. אַ סך מאָל, ווען איך האָב גע־זעהן אַז אַלע אַרום מיר זיינען אזוי שלעכט האָב איך שוין פער־לאָרען די האָפנונג זיך צו זעהן מיט דער מאַמען לעבעדיגערהייט, האָב איך מיר געוואָלט דאָס לעבען נעהמען, אפשר וועלען מיר זיך אויף יענער וועלט דאָרט בעגעגנען... נעכטען טאַקי האָב איך דאָס געוואָלט טהאָן און נאָך איין מינוט וואָלט איך שוין געלעגען אין וואַסער, נאָר אַז דער גוטער מענש איז געקומען און מיר גע־ראַטעוועט, איז מיר יעצט שוין ווידער זיס דאָס לעבען און דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז די מאַמע לעבט נאָך און איך וועל זי געפינען. איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר וואָס איהר האָט מיך אַריינגענומען, זייט גוט צו מיר און טראַכט נישט פון מיר קיין שלעכטס, איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר — האָט זי שטיל און וואַרעם געזאָגט.

— יעדער אָרענטליכער מענש וואָלט אזוי געהאַנדעלט ווי מיר — האָט פרוי מייריק געענטפערט. — אָבער ווער האָט אייך צוגענומען פון אייער מאַמען?

— איך וועל אייך דערצעהלען, גוטע פרוי — האָט מירא גע־זאָגט, — כאָטש ווען איך רעד וועגען דעם טהוט מיר זעהר וועה. דער מענש, וואָס האָט מיך צוגענומען פון מיין מאַמען, איז מיין אייגענער פאָטער. אין אָנפאַנג האָב איך געמיינט אַז מיר פאָהרען ערגעץ נישט ווייט און איך וועל באַלד צוריקקומען, און איך האָב זיך נאָך געפרעהט וואָס איך פאָהר. אַ קליין קעסטיל מיט אַ פּאָר זאַכען האָב איך מיר מיטגענומען אין וועג אַריין. האָט מיך אָבער דער טאַטע אַרויפגענומען אויף אַ שיף, מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין מיטען ים אַריין. איך בין קראַנק געוואָרען און איך האָב געמיינט אַז מיר וועלען אזוי פאָהרען אייביג, אייביג, קיינמאָל וועט זיך דער וועג נישט ענדיגען, און איך בען אזוי טרויעריג גע־

וואָרען. מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ שטאָדט אַריין, איך האָב גאָרנישט געוואוסט און גאָר נישט פערשטאַנען, אַלץ געגלויבט דעם טאַטען וואָס ער האָט געזאָגט. איך וויל אַהיים צו דער מאַמען, האָב איך געוויינט, און ער האָט מיך געטרייסט און בערוהיגט. באַלד, באַלד, האָט ער געזאָגט, און מיר וועלען אַהיים פאָהרען צו דער מאַמען. דאָס לאַנד, וואוהין מיר זיינען געקומען, איז געוועזען אַמעריקאַ און אַ סך יאָהרען האָט געדויערט ביז מיר זיינען צוריקגעפאָהרען נאָך אייראָפּאַ. איך האָב שוין דעמאָלט געקאָנט שרייבען, האָב איך זיך אוועקגעזעצט און געוואָלט שרייבען אַ בריעף צו דער מאַמען און צו מיין ברודער, האָט דער טאַטע מיך גענומען אויפ'ן האַנד און געזאָגט:

„שרייב נישט, מיין קינד, די מאַמע איז געשטאָרבען, דיין ברודער איז געשטאָרבען."

און איך האָב אַזוי פיעל געוויינט, בייטאָג און ביינאַכט אויפ'ן געלעגער האָב איך נישט געקענט איינשלאָפען, און נאָר געוויינט. אַזוי אַ שטיק צייט. מיין ברודער געדענק איך נישט, נאָר ווי אין חלום דאַכט זיך מיר, זעה איך ווי ער טראָגט מיך אַרום אויף די הענד; ער פלעגט נישט איינזיצען אין הויז. איך האָב זיי אָבער תמיד געזעהען אין חלום, מיין מוטער און מיין ברודער, און עס האָט זיך מיר געדוכט אַז זיי זיינען נישט געשטאָרבען, נאָר זיי לעבען. פיעל מאָל האָב איך די אויגען פערמאַכט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זעה זיי, איך זעה די מאַמע און דעם ברודער ווי לעבעדיג, זיי שטעהען לעבען מיר און איך הער זיי ריידען...

זי איז שטיל געוואָרען, האָט זיך עפּעס פערקוקט, ווי זי וואָלט זיי טאַקע געזעהען פאַר די אויגען.

— איך גלויב — האָט פרוי מייריק געזאָגט — אַז אייער פאָטער האָט נישט געמיינט קיין בייז דערמיט און ער איז געוועזען גוט צו אייך.

— אָ, יאָ, — האָט מיראַ געענטפערט — ער איז געוועזען גוט צו מיר, ער האָט מיך געלערנט און ערצויגען. מיין פאָטער איז געוועזען אַן אַקטיאָר. אין דער היים האָב איך געהערט שטענדיג, אַז ער געהט אין „קאָבורג", איך האָב דעמאָלט נישט געוואוסט

אַז דאָס איז אַ טהעאַטער אין לאָנדאָן. אָבער אויסער דעם וואָס דער טאַטע איז געווען אַן אַקטיאָר, האָט ער געהאַט נאָך אַ סך מלאכות; ער איז אַמאָל געווען אַ גרויסער לעהרער, ער האָט גע־קענט אַ סך שפּראַכען. שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען אַז ער איז נישט געווען פון די גרויסע אַקטיאָרען, ער איז נאָר געווען ביי זיי אָנגעשטעלט, ער האָט געשריבען פאַר זיי, האָט געמאַכט איבערזעצונגען. דעמאָלט איז געקומען אַן איטאַליענישע זינגע־רין צו אונז, זי האָט געוואוינט ביי אונז, און אי זי, אי דער טאַטע האָבען מיך געלערענט. און אַ דריטען, אַ ספּעציעלען לעהרער האָט ער פאַר מיר אויך גענומען. איך בין נאָך דעמאָלט גאָר אַ קינד געווען, אין גאַנצען בין איך אַלט געווען ניין יאָהר, אַז איך האָב אָנגעהויבען שפּיעלען טהעאַטער. איך האָב אָבער דעם אָרט לע־בען שרעקליך פיינט געהאַט. עס איז מיר דעמאָלט גראָד זעהר גוט געווען. דער פאָטער האָט געהאַט אַ סך געלד, ער האָט מיך גע־קליידט אין שעהנסטען און אין בעסטען. ביי אונז איז געווען אַן אָפען הויז. יונגע לייט און מיידלאַך זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבען געלאַכט און געשטיפט, זיי האָבען מיך אויף די הענד אַרומ־געטראָגען און איך האָב זיי נישט געקענט ליידען, איך האָב זיי שרעקליך פיינט געהאַט.

דער טאַטע האָט געמיינט, איך וועל זיין אַ גרויסע זינגערין. איך האָב געהאַט זעהר אַ שעהנע שטימע און ער האָט פאַר מיר צוגענומען אַ סך לעהרער. מיר האָט אָבער וועה געטהאָן, ווען ער האָט מיך אַלע מאָל צוגערופען פאַר אַן אַנדערן פאָרצוזינגען, איך האָב נישט געקענט פערטראָגען ווי ער בעריהמט זיך מיט מיר פאַר יעדן איינעם...

צעהן יאָהר בין איך אַלט געווען דעמאָלט. איך בין אַרויף אויף דער ביהנע און איך האָב געדאַרפט שפּיעלען אַלס אַ קליין, פערלאָזען מיידעלע, וואָס ווייס ניט וואָס מיט איהר איז און זי שפּיעלט זיך מיט בלומען און מאַכט זיך קראַנצען און זינגט זיך שטיל צו. איך האָב דאָס געטהאָן און גאָר נישט געוויינט און די מענשען האָבען געפּאַטשט בראַוואָ, געשריען און געפרייט זיך מיט מיר. איך בין אָבער שטאַרק בייז געוואָרען: איך בין אַ שפּילעכעל פאַר ווילד־פרעמדע מענשען, זיי פרעהען זיך איבער מיר און וויי־

סען נישט וואָס אין מיין האַרץ טהוט זיך אָב. זיי זיינען מיר שרעק־ליך מיאוס געוואָרען. איך האָב דעמאָלט נישט געוואוסט אז אקטיאָ־רען פרעהען זיך און זיינען גליקליך אָדער טרויעריג פאַר פרעמדע מענשען, אָבער אין דער היים זיינען זיי גאָר אַנדערש.

— נאַ, זי וועט קיינמאָל ניט קענען זיין קיין אַקטריסע, — האָט מיין לעהרערין געזאָגט צו מיין פאָטער, אָנווייזענדיג אויף מיר. — זי קען ניט שפּיעלען ווי מען דאַרף, זי קען ניט בעהאַלטען איהרע אייגענע געפיהלען.

מיין טאַטע איז בייז געוואָרען און האָט זיך מיט איהר גע־קריעגט. איך בין געזעסען אין איין שרעק, ווער ווייס, דער טאַטע קען נאָך אפשר וועלען, איך זאָל זיין אַן אַקטריסע!..

די לעהרערין איז אַוועק און אַן אַנדערע איז געקומען. זי האָט מיך ווייטער געלערענט. מיין לעבען איז מיר מיאוס געוואָרען. איך האָב געוואָלט אַנטלויפען, איך האָב אָבער געטראַכט אַז עס איז ניט גוט צו אַנטלויפען פון אַ טאַטען, און ווער ווייס, אויב איך וועל אַוועק אויף אַזעלכע וועגען וואָס וועט זיין מיין סוף, איך קען נאָך ווערען שלעכט און פערדאָרבען, און וואָס וועט מיין מאַמע זאָגען דערצו, זי וועט נאָך בייז ווערען אויף מיר און נישט וועלען מעהר קומען צו מיר אין חלום... איי, ווי לאַנג עס איז שוין פון יענער צייט ווען איך האָב מיין גוטע מאַמע אין חלום געזעהן!...

זי איז אַנשווייגען געוואָרען און וועגען עפּעס זיך פער׳חלום׳ט.

— האָט מען אייך ניט געלערענט ווי אַזוי זיך צו פיהרען? — האָט פרוי מייריק ווייטער געפרעגט, און נישט געזאָגט קלאָר וואָס זי מיינט, צי מען האָט זי ניט געלערנט וועגען דער אידישער אמונה.

— מיינע אַ שכן׳טע איז מיט מיר געגאַנגען קויפען אַ סדור און אַ תחנה און אַ טייטש־חומש. מיין מאַמע האָט דאָס אויך געהאַט. דעמאָלט האָב איך שוין אויפגעהערט ריידען מיט׳ן טאַ־טען וועגען דער מאַמען. איך שעהם זיך צו דערצעהלען, איך קען זיך אָבער ניט העלפען. איך האָב איהם קיין איינציג וואָרט געגלויבט. איך האָב איינגעזעהן אַז דער טאַטע מיינער זאָגט ליגען און עס איז מיר איינגעפאַלען אַז דער טאַטע האָט מיך גענאַרט. די מאַמע איז ניט געשטאָרבען, מיין ברודער איז ניט

געשטאָרבען, זיי לעבען, נאָר דער טאַטע נאַרט מיך. אַט האָט ער דאָך דער מאַמען אויך גענאַרט, ער האָט געזאָגט אַז ער נעהמט מיך נאָר אויף אַ פּאָר טעג און ער האַלט מיך אַזוי לאַנג. אַי, דאָס וואָס ער זאָגט אַז זיי זיינען געשטאָרבען, איז ער דאָך אַן אַקטיאָר, מאַכט ער אַן אָנשטעל, זאָגט ליגען און מען קען נישט דערקענען, מען מיינט ס'איז אמת. עס האָט מיר וועה געטהאָן. איך האָב אַזוי פיינט אַז מען זאָגט מיר ליגען!

בעהאַלטענערהייט האָב איך אָנגעפאַנגען שרייבען בריעף צו דער מאַמען. איך האָב געדענקט דעם נאָמען פון דער גאַס, אויף קאָלמאַן סטריט האָבען זיי געוואוינט, נישט ווייט פון „קאָבורג“, און דער נאָמען איז דאָרט געווען „קאָהען“. שפּעטער האָט מיין טאַטע געביטען דעם נאָמען אויף „לאַפּידוס“. אַזוי, האָט ער גע־זאָגט, האָבען זיינע עלטערען געהייסען אין פּוילען. איך האָב אָבער אויף מיינע בריעף קיין ענטפער ניט בעקומען און איך האָב מיין גאַנצע האָפענונג פערלאָרען.

לאַנג זיינען מיר שוין ניט געווען אין אַמעריקאַ. פּלוצלונג איז דער טאַטע אַהיים געקומען און מיר געהייסען אַלץ איינפּאַקען און זיך גרייטען פאָהרען נאָך האַמבורג. איך בין צופרידען געווען. נייע מענשען וועל איך זעהן. דייטש האָב איך גוט געקענט. דער טאַטע האָט אויך גערעדט דייטש בעסער ווי ענגליש.. דרייצעהן יאָהר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, נאָר, לויט די צרות מיינע, האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַז איך בין שוין אַ דערוואַקסען מיידעל. מיר זיינען געזעסען אויפ'ן שיף. דער טאַטע האָט געשפּיעלט און גזונגען פאַר די פּאַסאַזשירען. איך בין געזעסען אָן אַ זייט און געקוקט צום ים און קיינער האָט מיך ניט בעמערקט. הער איך ווי איינער זאָגט צום צווייטען אויף מיין טאַטער:

— דער אידעל איז אַ גאַנץ כיטרער, מען קען גאָר ניט וויסען ווער ער איז. איך וואָלט זיך גאָר ניט געוואונדערט ווען מען זאָל מיר דערצעהלען דאָס ערגסטע אויף איהם. קיין שום פאָלק אויף דער וועלט קען זיך נישט גלייכען צום אידען. אַזעלכע כיטרע מענער ווי זיי האָבען און אַזעלכע שעהנע פרויען. ווער ווייסט וואָס ער טהוט מיט זיין טאָכטער? עס קען זיין אַז ער האַנדעלט מיט איהר..“

איך האָב דאָס געהערט און ניט פערשטאַנען קלאָר וואָס ער מיינט. אָבער א נייער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען. אַט די אַלע צרות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען זיינען גאָר ניט מיינע אייגענע, זיי זיינען די צרות און די יסורים פון מיין פאָלק, די פיין וואָס רינגעלט תמיד אַרום דעם אידען. דאָס וואָס איך בין פערשלאָגט איז אויך נור ווייל איך בין א אידישע מיידעל. די מענשען קוקען אויף מיר דערפאַר אזוי שלעכט, אזוי וועט דאָס אייביג זיין ביז מיין לעצטער מינוט...

און טראַכטענדיג אזוי איז מיר לייכטער געוואָרען. איך טראָג נישט מיינע אייגענע צרות, נאָר די צרות פון א גאַנץ פאָלק, פון מיין געפייניגט און געיאָגט פאָלק, וואָס זיין געוויין געהט פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערן. גאָט מיינער! אויב עס זיינען דאָ שלעכטע מענשען צווישען אידען, וואָס זיינען די פרומע און די גוטע שולדיג? פאַרוואָס זאָלען זיי אומזיסט ליידען? — אָבער ענטשולדיגט מיר, איהר האָט דאָך מיר ניט בעליידיגט, איהר האָט מיך אזוי גוט אויפגענומען.

— מיר וועלען זעהן, אז אַלע זאָלען אייך גוט בעהאַנדלען, אָרים קינד — האָט פרוי מייריק געזאָגט און שוין מעהר ניט געאַרבייט, נאָר געזעסען נייגעריג, מויל און אויערען אויסגעשטעלט.

— נו, דערצעהלט ווייטער, דערצעהלט אַלץ.

—אין פערשיעדענע לענדער און שטעדט האָבען מיר דערנאָך געוואוינט — האָט מיראַ ווייטער דערצעהלט, — אין האַמבורג און וויען אַם לענגסטען. מוזיק לעהרער זיינען צו מיר געקומען און האָבען מיך געלערנט זינגען. דער טאַטע האָט געהאַט א סך געלד. פון אַמעריקאַ האָט ער אויך מיטגעבראַכט א גרויס פערמעגען און ביז איצט וויים איך נאָך ניט פאַרוואָס מיר זיינען פון אַמעריקאַ אוועק. דער טאַטע האָט געהאָפט אז איך וועל ווערען א בעריהמטע זינגערין, וועל אויפטרעטען אין אָפּעראַ. באַלד האָט ער אָבער איינגעזעהן אז איך טויג ניט פאַר דער אָפּעראַ, מיין שטימע איז געבליבען פונקט דיזעלבע פון קליינערהייט אָן, און מיין לעהרער אין וויען האָט געזאָגט צו מיין פאָטער:

— הערט אויף זי לערנען, זי וועט קיינמאָל ניט גוט זיין פיר

דער אָפּערא. זי האָט אַ גאָלדען קול, עס איז אָבער זעהר דין, דין גאָלד וואָס מען קען ניט בענוצען.

דער טאַטע האָט דאָס געהערט, איז ער זעהר ענטטוישט געוואָרען. דאָס געלד האָט אויך אָנגעהויבען ווערען וועניגער און וועניגער. אַ מאָדנער מענש איז מיין טאַטע געווען. טיילמאָל האָב איך איינגעזעהן אַז ער האָט מיך שטארק ליעב, איך בין איהם טהייער און דאָס האָט מיך נישט דערלאָזען איך זאָל איהם עפּעס וועהטהאָן און קיין שלעכטס צו טראַכטען וועגען איהם. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואוסט וואָס איך האָב ליעב און וואָס נישט, און דערפאַר האָב איך גאַנץ אָפט געהאַט צרות דורך איהם. ניט שטענדיג האָט ער מיר געזאָגט דעם אמת און אַז איך האָב איהם עפּעס געפרעגט האָט ער קיינמאָל מיר ניט געגעבען אַ ריכטיגען ענטפער. תמיד האָט ער זיך געוויצעלט און זיך אויסגעדרעהט פון מיר. האָב איך איהם אויפגעהערט פרעגען און עצות האַלטען מיט איהם. ער איז געווען אַ גרויסער וויצלינג און אָבלאַכער פון אונזער פאָלק. וועגען די אידען האָט ער אויך גאַנץ אָפט געמאַכט ליצנות. ער האָט געשפּיעלט פאַר אַ גרויסען עולם און נאָכגעמאַכט ווי די אידען זעהען אויס, ווי זיי רעדען און ווי זיי דאַווגען. די צושויער האָבען געלאַכט און גרויס הנאה געהאַט דערפון. מיך האָט עס אָבער געקאָסט געזונד. איך בין אויפגעקאָכט געוואָרען פאַר חרפּה און כעס און איינמאָל, זייענדיג מיט איהם אַליין, האָב איך איהם געזאָגט:

— טאַטע, ס'איז זעהר ניט שעהן וואָס דו לאַכסט אָב פון אונזער ברידער פאַר די גוים. וואָלסטו נישט בייז געוואָרען ווען איך זאָל דיר נאָכמאַכען און מאַכען פון דיר געלעכטער?

האָט דער טאַטע אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, געגלעט מיך און מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— דו, מיין קינד, וועסט דאָס קיינמאָל ניט טהאָן, ווייל דו קענסט עס נישט!...

און אַזוי האָט ער זיך שטענדיג אויסגעדרעהט צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער. איך בין דורך דעם געוואָרען גאַנץ ווייט פון איהם. ער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. איך האָב אפילו ניט געקענט ריידען מיט איהם ווי עס דאַרף צו זיין. דאָס טהייערסטע

און דאָס הייליגסטע איז ניט מעהר געווען פאַר איהם ווי אַ פּורים־שפּיעל, קיין זאַך האָט ער ניט גענומען ערנסט. איך האָב פאַר־שטאַנען אַז דאָס וואָס ער האָט מיך געלאָזט לערנען איז ווייל ער האָט געוואָלט איך זאָל ווערען אַ גרויסע אַקטריסע און פערדיענען אַ סך געלד. איך האָב איהם אפילו אויפגעהערט צו רעספּעקטירען, איך האָב קיין דרך־ארץ ניט געהאַט פאַר איהם. דערווייל האָט דער טאַטע אָנגעהויבען עלטער ווערען, האָט שוין ניט אַזוי ברייט געלאַכט, איז געוואָרען אומעטיג און טרויעריג, פאַר קיינעם האָט ער קיין גוט וואָרט ניט אויסגערעדט, זאָגאַר צו מיר אויך ניט. גאַנצע טעג פלעגט ער זיצען און שווייגען אַ פערביטערטער. אַפּטמאָל איז ער אַהיים געקומען, זיך געוואָרפען אויפ'ן בעט און גע־ווײנט. מיר האָט דאָס שטאַרק וועה געטהאָן. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און האָב איהם אַרומגענומען און געפרעגט: „טאַטע, וואָס איז דיר? וואָס ביזטו אַזוי טרויעריג? האָט דיר עמיץ בייז געטהאָן?" — ער האָט מיר אָבער גאָר ניט געענטפערט, ער האָט מיך נאָר אַרומגענומען און געוויינט. ער האָט מיר קיין איין וואָרט ניט דערצעהלט וואָס מיט איהם איז, אפשר דערפאַר וואָס איך האָב איהם אויך קיין שום זאַך פון זיך ניט דערצעהלט. איך האָב איהם אָבער דעמאָלט שטאַרק ליעב בעקומען, האָב געהאַט גרויס רחמנות אויף איהם און האָב זיך צוגעדריקט צו איהם און גאָט געבעטען פאַר איהם. ווי טהייער און ליעב יענע מינוטען זיינען פאַר מיר! איך האָב געפיהלט אַז מיין מאַמע מוז איהם האָבען אַמאָל זעהר ליעב געהאַט...

באַלד איז אָבער אָנגעקומען די ביטערע צייט. מיר זיינען דאָן אָנגעקומען פון פּעסט אין ווין. און נישט קוקענדיג וואָס מיין לעהרער האָט געזאָגט אַז איך טויג נישט פאַר דער ביהנע האָט דער טאַטע בעקומען פאַר מיר אַ שטעלע אין אַ טעאַטער אין דער נייער פאָרשטאַדט אַלס זינגערין. דער טאַטע האָט אויפגעהערט זיך דרעהען אַרום די טעאַטערען און איך האָב ניט געוואוסט וואָס ער טהוט. איך האָב אָבער פערשטאַנען, אַז ער זיצט אין די קאָרטען הייזער און שפּיעלט אין קאָרטען. ער האָט זאָגאַר קיין מאָל מיך ניט געלאָזען אַליין געהן אין דעם טעאַטער. די זאַכען, וואָס איך האָב געשפּיעלט, זיינען מיר געווען אַזוי איבערדריסיג.

דער גאַנצער קרייז איז מיר מיאוס געווען. פערשיעדענע מענער זיינען געקומען און האָבען מיך געוואָלט זעהן, מענער און פרויען האָבען געהאַלטען אין איין קוקען אויף מיר און שפּאָטיש געשמייכעלט. דאָס טעאַטער האָט ביי מיר אויסגעזעהן ווי אַ גיהנום אין וועלכען איך ווער טאָג־טעגליך געפּייניגט און געלייטערט. פון טאָג צו טאָג איז מיר אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. איך האָב אָנגעהויבען מיין שטימע צו פערלירען. איך האָב אויך ניט אַזוי גוט געשפּיעלט. ניט מעהר, אַז איך האָב געהאַט פאַרצושטעלען אַן אָרים, פערביטערט מיידעל, האָב איך גוט געשפּיעלט. דאָס איז מיר אָבער זעהר װעניג אויסגעקומען. ס'רוב האָב איך געמוזט שפּיעלען לוסטיג און פרעהליך, און דאָס איז מיר אַזוי שווער, אַזוי שווער!

און פּלוצלונג אין איין פריהמאָרגען האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַז דער טאַטע איז אַרעסטירט, ער זיצט אין טורמע און ער רופט מיך. איך בין געגאַנגען צו איהם. ער האָט מיר נישט דערצעהלט פאַר וואָס ער זיצט, נאָר ער האָט מיך געהייסען זעהן ערגעץ אַ גראַף, וואָס וועט איהם קענען בעפרייען. איך בין דאָרט אַוועקגעגאַנגען. עס איז געווען אַ קאַבאַרעט. איך האָב געטראָפען דעם גראַף און איך האָב איהם דערקענט אַז דאָס איז ער ערשט נעכטען אבענד געווען ביי מיר אין דרעסינג רום. ער האָט מיר געקוסט אין האַנד און איך האָב געמיינט אַז ער שפּאַסט פון מיר. איך האָב אַלץ דערצעהלט וועגען מיין פאָטער און געבעטען ער זאָל איהם בעפרייען. ער האָט מיר צוגעזאָגט און איך בין אַהיים געגאַנגען.

דעם זעלבען אָווענד איז מיין פאָטער אַהיים געקומען צוזאַמען מיט'ן גראַף. איך האָב אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר דעם גראַף, ער האָט מיך געגעסען מיט זיינע אויגען, וואו איך האָב זיך געקעהרט און געווענדעט האָט ער מיר נאָכגעקוקט. זיין טובה, וואָס ער האָט מיר געטהאָן, איז פאַר מיר געווען אַן אונגליק. איך האָב זיך געשראָקען אַז ער וועט קיין מאָל ניט פערגעסען, אַז איך בין אַן אַקטריסע און אַן אידיש קינד. ער קוקט אויף מיר מיט פעראַכטונג, און אַז ער איז צומאָרגענס געקומען צו מיר אין טעאַטער און האָט גענומען דעם שאַל מיינעם און מיך געוואָלט איינהילען אין איהם, האָב איך שרעקליך געציטערט. אַן מיין פאָטער האָב איך

דערקענט אז ער וויל איך זאָל גוט אומגעהן מיט'ן גראַף. איך האָב דאָס אָבער נישט געקענט. ער איז נישט געווען קיין יונגער, קיין אַלטער אָבער אויך נישט. איך וויים אפילו ניט פאַרוואָס איך האָב פאַר איהם מעהר מורא געהאַט ווי פאַר אַלע אַנדערע מענער און פאַר וואָס איך האָב איהם אַזוי פיינט געהאַט.

דערווייל האָט דער טאַטע אָנגעהויבען רעדען צו מיר טאָג־טעגליך וועגען דעם גראַף. ער האָט איהם זעהר געריהמט און גע־זאָגט אז ער האָט איהם גרויס גוטס געטהאָן. איך האָב גאָר נישט געזאָגט. איך האָב געמיינט אז דערפאַר וואָס ער האָט דעם טאַ־טען בעפרייט פון תפיסה ריהמט ער איהם אַזוי.

דער גראַף איז נאָך אַמאָל געקומען צוגעהן און דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען.

— איהר האָט ליעב די ביהנע? — האָט מיך דער גראַף גע־פרעגט.

— ניין — האָב איך געענטפערט — איך טהו דאָס נאָר צו־ליעב מיין פאָטער.

ער האָט געהאַלטען אין איין רעדען צו מיר פראַנצויזיש און מיך גערופען „קליין מלאך'ל". פאַר מיר האָט דאָס געקלונגען ווי א בעליידיגונג, ווייל איך בין זיכער געווען אַז ער, א גראַף און ניט קיין איד, טראַכט פון מיר ניט קיין גוטס.

— איהר ווייסט, קליין מלאך'ל, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — אַז איהר ווילט קענט איהר אַוועק פון דער ביהנע. איך וועל אייך אַריינגעהמען אין מיין הויז אַריין, איהר וועט זיין א קעניגין ביי מיר!...

א פייער האָט זיך אין מיר אָנגעצונדען. איך בין אַזוי בייז געוואָרען אַז איך האָב קוים געקענט דאָס מויל עפענען. איך האָב איהם געענטפערט:

— איך וועל שוין בעסער בלייבען אויף דער ביהנע אויף אייביג.

איך בין באַלד אַרויסגעגאַנגען. אין קאָרידאָר האָב איך גע־טראָפען דעם טאַטען, ער איז געגאַנגען אויף און אָב. איך בין פון איהם אַנטלאָפען, בין אַריין אין מיין צימער און האָב זיך פער־שלאָסען. מיין האַרץ האָט מיר אַזוי וועה געטהאָן. איך האָב

פערשטאַנען אַז דער טאַטע האָט מיט׳ן גראַף געמאַכט איין האַנד מיך צו פערקויפען...

צומאָרגענס איז דער טאַטע צוגעקומען, און טהיר אָנגעקלאַפּט און מיך געבעטען ארויסגעהן.

— האָסט אַ טעות — האָט ער מיר איינגערעדט — קום אַרויס, איך וועל דיר אַלץ ערקלערען. דו טאָרסט ניט אויפהערען שפּיעלען, עס וועט אונז אויסקומען שטאַרבען פון הונגער.

איך האָב רחמנות געהאַט אויף איהם און בין אַרויסגעגאַנגען. איך בין ווידער אַוועק שפּיעלען, און דער גראַף האָט זיך אַ גאַנצע וואָך ניט געוויזען. מיר האָבען זיך איבערגעצויגען. דער טאַטע איז תמיד געזעסען אין הויז, אויסער ווען ער האָט מיך אין טעאַטער אָבגעפיהרט.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבען צושטעהן צו מיר און געזאָגט:

— דו טויגסט ניט פאַר אַן אַקטריסע, דו פערלירסט דיין שטי־מע, באַלד וועסטו גאָרנישט פערדיענען. שפּעטער אַז דו וועסט נישט האָבען צו עסען וועסטו געהן זינגען איבער די הויפען און וואַרטען מען זאָל דיר צוּוואַרפען אַ קופּערנעם גראָשען. פאָלג מיך, זעהסט אַ מענש איז געקומען און וויל דיך נעהמען צו זיך אין הויז אריין, דאַרפסט איהם ניט אָבזאָגען...

איך האָב ניט געקענט רעדען פאַר אויפרעגונג. מיט שרעק האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין מאַמע און אָן איהם. און דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפיהלט אַז איך וועל קיין שום שלעכטס ניט טהאָן אויב איך וועל אַנטלויפען פון איהם.

צומאָרגענס האָט ער מיר דערצעהלט אַז ער האָט געבראַכען דעם קאָנטראַקט מיט׳ן טהעאַטער און מיר וועלען פאָהרען נאָך פּראַג. איך האָב אָבער יעדע זאַך חושד געווען. מיט טויזענד אוי־גען האָב איך איהם אָנגעקוקט. אין צוויי טעג אַרום האָבען מיר שוין אַלץ געהאַט איינגעפּאַקט. עס איז מיר איינגעפאַלען איך זאָל אַנטלויפען פון איהם, אַוועק נאָך לאָנדאָן און אויפזוכען די מאַמע.

אביסעל געלד האָב איך געהאַט. עטליכע קליידער האָב איך מיר אויך אָנגעגרייט און אַ קליין האַנד־טעשעל, איך זאָל קענען לייכט אַנטלויפען. דער טאַטע האָט געשוויגען, קיין איין וואָרט ניט

דערמאָנט וועגען דעם גראַף. דאָס האָט מיך נאָך מעהר אָנגעשראָ־קען. איך האָב געפיהלט אז זיי גרייטען שטילערהייט עפּעס פאַר מיר פאַר און ווילען מיך פאַנגען אין זייער נעץ. די געדאַנקען האָ־בען מיך נישט אָבגעלאָזט, ביי טאָג און ביי נאַכט האָבען מיך פער־שיעדענע געדאַנקען געשראָקען. אָט האָב איך געזעהען ווי מיר פאָהרען אין וועג, און פּלוצלונג לאָזט מיך דער טאַטע איבער אַליין און פון ערגעץ וואו קומט דער גראַף און חאַפּט מיך אַוועק און איך קען זיך נישט העלפען... עס האָט מיר אויסגעוויזען אז די מאַמע רעדט צו מיר און וואָרנט מיך פאַר זיי...

מיר זיינען אָנגעקומען אין פּראַג שוין שפּעט ביינאַכט. עס איז געווען פינסטער אַרום, איך האָב זיך אָבער אין יעדען איינעם גוט איינגעקוקט זעהן ווער דאָס איז. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסען האָטעל. אינוועניג איז געווען זעהר ליכטיג. איך האָב אַ קוק געטהאָן און אימיצען געזעהען אינוועניג. ער האָט זיך אומ־געדרעהט און איך האָב באַלד דערקענט ווער ער איז. ביי נאַכט האָב איך זיך שוין ניט געלייגט. איך בין געגאַנגען אָנגעטהאָן אין מאַנטעל, דאָס פּנים פערדעקט מיט אַ וואואַל און האָב אָבגעוואַרט ביז אין דער פריה, ווען אַלע מענשען געהען אַוועק צום וואָקזאַל. איך בין מיט אַלעמען צוזאַמען אַרויס, קיינער האָט מיך נישט בע־מערקט. איך בין אַריין אין באַהן וואָס געהט נאָך דרעזדען, און בין אַוועקגעפאָהרען. איך בין אַזוי פרעהליך געווען, דאָס האַרץ האָט זיך מיר געוואָרפען פאַר גרויס פרייד. איך בין אפילו ניט זיכער געווען צי איך האָב גענוג געלד מיט מיר, איך האָב זיך אָבער וועניג געזאָרגט דאַריבער, איך וועל פערקויפען מיינע קליידער, האָב איך זיך געטראַכט, די אויערינגלעך, און ביז איך וועל געפינען מיין מאַמען וועל איך לעבען מיט ברויט און וואַסער. איך האָב מורא געהאַט טאָמער יאָגט מיך נאָך דער טאַטע, האָב איך זיך אין ערגעץ ניט אָבגעשטעלט און געפאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז איך בין געקומען אין בריסעל. איך האָב שוין ניט געהאַט גענוג געלד ביז לאָנדאָן, האָב איך אַלץ אויסגעפערקויפט וואָס איך האָב געקענט און בין געפאָהרען נאָך דאָווער, און פון דאָרט בין איך ווייטער געפאָהרען און אויך געגאַנגען צופוס, ביז איך בין אָנגעקומען אין לאָנדאָן.

— איהר ווייסט האָט מירא ווייטער גערעדט — איך האָב דאָך אַזוי געוואָלט געפינען מיין מאַמען, איך האָב אָבער נישט געוואָלט זי זאָל מיך אַזוי זעהן אַלס אַן אָרים מיידעל אָהן אַ פּיצעל קלייד. נאָר איך האָב זיך אומזיסט געשראָקען און אומזיסט געהאָפט צו געפינען די מאַמע. איך בין ארומגעגאַנגען אין לאָנדאָן און זיך געפרעגט אויף קאָלמאַן סטריט, האָבען די מענשען מיך אָנגעקוקט און געוואונדערט: עס איז נישטאָ קיין קאָלמאַן סטריט, האָבען זיי געזאָגט. נו, און דאָס טהעאַטער קאָבורג? אויך דאָס טהעאַטער איז נישטאָ, האָט מען מיר געענטפערט. איך בין ענדליך, געהענדיג אַ פּאָר שעה, אָנגעקומען אויף דעם זעלבען פּלאַץ און האָב טאַקי קיין זאַך נישט אָנגעטראָפען.

— וואו איז די גאַנצע גאַס אַהינגעקומען? — האָב איך אַן אַלטען וועכטער געפרעגט.

— אָ, שוין לאַנג ניטאָ — האָט ער מיר געענטפערט — אַלע אַלטע גאַסען האָט מען צונומען און נייע אויפגעבויט.

דאָס האַרץ איז מיר אָבגעשטאָרבען פאַר גרויס שרעק. וואָס וועט זיין מיין סוף? וואו וועל איך זיך קעהרען אין דער פרעמד?

— ווען זוכט איהר, פריילין, אין קאָלמאַן סטריט? — האָט מיך דער אַלטער געפרעגט. איך האָב זיך אָבער נישט אומגעקוקט און אַנטלאָפען וואו די אויגען האָבען מיך געטראָגען. איך האָב פּלוצלונג דערפיהלט אַז איך בין שרעקליך מיעד און אַז איך קען שוין ניט ריהרען מיט די פיס. און וואוהין געהט מען איצט? וואו וועל איך כאָטש איין נאַכט איבערנעכטיגען?

מיין גאַנצע האָפענונג פון וועג, צו געפינען די מאַמע, איז אויסגעלאָשען געוואָרען. איצט, אין דער פרעמד, ווי וועט מען קוקען אויף מיר? מען וועט מיך אָננעהמען פאַר אַ גנב'טע, אַ שלעפּערין. איך בין ארויף אויף'ן בריק און געזעהן אַ שיף אָנקומען. אַ סך מענשען זיינען ארויפגעגאַנגען. זיי האָבען אויסגעזעהען גאַנץ אָרים און עס איז מיר איינגעפאַלען אַז איך זאָל אַוועק פון די רוישענדע גאַסען און ארויף אויפ'ן שיף און אַוועק אויף אַן איינזאַמען אָרט, וואו איך וועל קענען זיין אַליין, מענשען זאָלען נישט קוקען אויף מיר. אַ פּאָר פּענס האָב איך נאָך געהאַט, האָב איך מיר געקויפט ברויט און בין אַרויף אויפ'ן שיף און גענומען

עסען און איך האָב געטראַכט אַז אויב איך וויל זיך זעהן מיט דער מאַ־מען מוז איך פריהער שטאַרבען, נאָר אויף יענער וועלט קען איך זיך מיט איהר טרעפען. די שיף איז דערווייל געפאָהרען אַ שטיק צייט און האָט זיך אָבגעשטעלט. איך בין אַרויס און האָב אָבער נישט געוואוסט וואו איך בין. עס איז געווען שוין פינסטער. בין איך אוועק צווישען די בוימער און האָב זיך אוועקגעזעצט. דערווייל בין איך איינגעשלאָפען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען ליכטיגער טאָג. קיין לעבעדיגע מענשען האָב איך נים געזעהען, די פויגעלעך זיינען איבער מיין קאָפּ געפלויגען און געזונגען און די ערד איז געווען נאַס פון טוי. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט ערגעץ געהן. איך בין אָבגעגאַנגען אַ שטיקעל וועגס און האָב נישט געוואוסט וואו איך בין. האָב איך זיך צוריקגעקעהרט, האָב איך שוין אָבער נים געפונען דעם פּלאַץ. אַ ווילדער שרעק האָט מיך אַרומגענומען. וואָס טהו איך איצט אַז עס קומט עמיצער צו מיר צו און ער ווייס דאָך נישט וואָס מיט מיר איז, ווי וועל איך ביי איהם אויסזעהן? אַלע מיינע חלומות זיינען אוועקגעפלויגען ווי רויך, מיינע האָפנונגען האָבען זיך אויסגעלאָשען. איך מוז שטאַרבען. אָבער גאָט מיינער, אַז איך זאָל דאָ אויסגעהן פאַר הונגער וועט עס דאָך נעהמען אַזוי לאַנג! אַזוי לאַנג! און איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינע ברידער, אָן מיין אייגען פאָלק; יאָהרען לאַנג וואַנדערען זיי פון איין אָרט צום אַנדערען, בלאָנדזשען פון איין לאַנד צום אַנדערען, פון איין קעניגרייך צום אַנדערען און טויזענטער, טויזענטער ווערען פערלאָ־רען אין מיטען וועג, געהען אויס פאַר הונגער און נויט — בין איך דען די ערשטע? בין איך דען די איינציגע?

איך האָב זיך דערמאָנט אַז גאַנץ אָפט פלעגען קומען די בייזע פיינד און געוואָלט די אידען אומברענגען, און מיינע עלטערען אין ברידער, די אידען, האָבען זייערע אייגענע קינדער, די זויג־קינדער, האָבען זיי מיט די אייגענע הענד אומגעבראַכט, זיי זאָלען נישט אַריינפאַלען אין פיינד'ס הענד. — איך בין דאָך ניט די ערשטע פון די אידישע טעכטער וואָס געהען אויס פאַר צרות און נויט!

עס זיינען דאָך געווען צדיקים ביי אונז, וואָס האָבען אפילו דאָס לעבען זעהר ליעב געהאַט, דאָך זיינען זיי געגאַנגען אין פייער

און האָבען זיך נישט גענומען דאָס לעבען, זיי האָבען דעם מוטה ניט פערלאָרען. נו, און איך, איך האָב דאָך אויך קיינמאָל מיר נישט געוואָלט נעהמען דאָס לעבען, איצט אָבער האָב איך שוין קיין כח ניט געהאַט אויסצוהאַלטען, איך בין ניט שטאַרק גענוג דאָס איבערצוטראָגען. איך האָב געבעטען צו גאָט, ער זאָל מיר העלפען, איך בין אָבער זיכער געווען אַז ער וועט נישט צוהערען מיין געבעט און איך וועל נישט געהאָלפען ווערען. טאָ צו וואָס דאַרף איך לעבען? איך וועל בעסער מיך וואַרפען אין וואַסער אַריין און אַ סוף! פאַרנאַכט בין איך צו צום וואַסער און — דאָס איבעריגע ווייסט איהר דאָך, ליעבע פרוי — האָט מירא געזאָגט. — איך האָב געוואָלט שטאַרבען. איהר ווייסט דאָך דאָס אַלץ, ער האָט דאָך אייך אודאי אַלעס דערצעהלט, ניט אַזוי? נו, איצט האָב איך איינגעזעהן, אַז איך בין נאָך ניט די אומגליקליכסטע, מענשען האָבען דאָך אויף מיר רחמנות געהאַט...

פרוי מייריק האָט גאָרנישט געענטפערט, איז שטיל צו איהר צוגעגאַנגען און געקושט אין שטערן.

* * *

זי איז אַ דימענט אַ מיידעל — האָט פרוי מייריק געזאָגט אין זעלבען אָבענד צו דעראָנדאָ'ן, ווען זי איז געזעסען מיט איהם אויג אויף אויג, אין אַ בעזונדערען צימער און האָט איהם אַלץ דערצעהלט פון מיראַ'ן. — זי איז אַ גאָלדען קינד, און די צרות האָבען אויף איהר קיין בייזע ווירקונג נישט געהאַט. די בלאָטע האָט זיך אין איהר נישט אָנגענומען, נאָר בלויז בעשפריצט פון דרויסען...

— און וואָס דענקט איהר וועגען איהר מוטער וואָס זי זוכט? — האָט דעראָנדאָ געפרעגט.

— איך דענק גאַנץ גוט פון איהר — האָט פרוי מייריק געזאָגט. — די מוטער מוז זיין אַ גאַנץ גוטע און אָרענטליכע, און עס קאָן זיין אַז זי איז שוין טויט. איהר פאָטער איז אָבער איינער פון די נידריגסטע בריאים אויף דער וועלט, און מירא איז דאָך אַזאַ גוטע און עהרליכע נשמה, איז זי געוויס געראָטען אין איהר מאַמען.

דעראָנדאַ האָט דערוואַרט צו הערען פון איהר אַנדערע וועד־טער וועגען מיראַ'ם מוטער און דאָס הארץ האָט איהם עפּעס געפּלאָ־טערט און ער האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס. זיי האָבען אָנגע־הויבען רעדען וועגען איהר ברודער און פרוי מייריק האָט געזאָגט אַז עס קען גאַנץ מעגליך זיין, אַז דער ברודער איז גראָד געראָטען אין פאָטער. צו מיראַ'ן האָט דאָס אָבער אַלץ נישט.

— דענקט איהר נישט — האָט דעראָנדאַ געפרעגט — אַז ס'וואָלט גלייך געווען איך זאָל אַנאָנסירען אין די צייטונגען וועגען זיי?

— ניין, דאָס איז נישט קיין פּלאַן — האָט פרוי מייריק געזאָגט. — זיי הייסען „קאָהען", און קאָהענס זיינען אין לאַנד דאָ אין די טויזענדער, און אויסערדעם וועט מיראַ נישט וועלען, זי וועט מורא האָבען, דער פאָטער וועט לייענען די אַנאָנסע, וועט ער זיך דערוויסען וואו זי איז. בעסער וועט זיין מען זאָל דאָס איבער־געבען צו אַזעלכע מענשען וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אויפזוכען פערלאָרענע און פערשוואונדענע. דעראָנדאַ האָט אָבער זי אָבגערעדט דערפון, טאָמער וועט זיך אויסלאָזען נאָך ערגער פאַר מיראַ'ן. אוי־סער דעם דאַרף ער מאַכען אַ רייזע אויף עטליכע חדשים און ער וויל דאָך זיין אין שטאָדט ווען מען וועט זיך נעהמען זוכען, ער זאָל קענען זיין אויף דער וואַך און אָבהיטען זי פון אַן אונגליק.

— איך בעט איך איין זאַך — האָט ער איהר געזאָגט — איהר זאָלט נישט אָבטרעטען פון איהר די גאַנצע צייט, היט זי גוט אָב.

— מיר וועלען פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזען אַז עמיצער זאָל זי אַוועקנעהמען פון אונז — האָט פרוי מייריק געזאָגט. — זי וועט זיין מיט אונז, איך גיב איהר באַלד איבער האַנס' צימער.

— און זי, דענקט איהר, וועט וועלען וואַרטען ביז איך וועל צוריקקומען? — האָט ער געפרעגט נייגעריג.

— זאָרגט נישט — האָט זי איהם בערוהיגט — דאָס מיידעל וועט נישט אַנטלויפען, זי וועט מיך פאָלגען. איהר זעהט דאָך, דער פאָטער האָט זי אַזוי געפּייניגט, דאָך האָט גענומען יאָהרען ביז זי איז אַנטלאָפען. איצט אָבער, אַז זי איז זיכער און רוהיג ביי אונז, און זי ווייס אַז איהר זייט געווען איהר מלאך, וואָס האָט איהר לעבען

גערעטעוועט, נאָר גאָט — זאָגט זי — האָט צוגעשיקט זיין מלאך צו איהר, ווען זי געווים פאָלגען וואָס דער מלאך וועט איהר הייסען.

און דאָס געלד וואָס איהר האָט אונז געגעבען — האָט זי ווייטער געזאָגט — וועט גאַנץ גענוג זיין אויף דער גאַנצער צייט פון אייער רייזע. אויסער דעם, וועט זי אפשר שפּעטער וועלען אויסנעהען, וועט זי קענען צוזאַמען ארבייטען מיט מיינע טעכטער און זיך פערדיענען וואָס זי וועט דאַרפען.

— אָבער זי דאַרף האָבען אַ שטיק צייט אויף אויסצורוהען — האָט דעראָנדא געזאָגט.

— נו, געווים, מיר וועלען זיך נישט איילען. זי וועט גענוג צייט האָבען זיך אויסצורוהען. מיר וועלען גוט ארום איהר ארומגעהן, און אויב איהר ווילט, לאָזט אונז איבער אַן אדרעס וואו מיר זאָלען אייך קענען שרייבען אין וועג אריין, וועט איהר אויך וויסען ווי עס געהט איהר. איך וויל אז איהר זאָלט אויך האָבען דאָס פערגעניגען צו הערען אז מיראַ'ן איז גוט. איך וועל אַלץ טהאָן פאַר איהר און אויך צוליעב אייך.

— אָה, איך בין זיכער אז איהר טהוט מיר אַ סך צוליעב. ווען נישט איהר, צו וועמען וואָלט איך נעכטען מיט איהר געגאַנגען? איך ווייס אז מיין פריינדשאַפט מיט האַנס'ן איז שוין גוט גענוג דערפאַר וואָס איך האָב זיך בעקענט מיט זיין גוטער מוטער...

זיי זיינען אריינגעגאַנגען צו די מיידלעך אין צימער. מירא איז אויך דאָרט געוועזן. די מיידלעך האָבען מיראַ'ן דערצעהלט וואָס פאַר אַ גאָלדענער מענש דעראָנדא איז, וואָס פאַר גוטס ער האָט געטהאָן זייער ברודער האַנס און אז האַנס קען איהם גאָר ניט אָבלויבען.

— קייטי בעט פאַר איהם אַלע טאָג צו גאָט — האָט מאַב געזאָגט — און איך טראָג זיין נאָמען אויף מיין הארצען. איך האָב עס אויסגענעהט אויף טהייערען זייד, איך טראָג עס פאַר אַ סגולה... איימי האָט איהם אין זינען אין דער פריה און אויף דער נאַכט ביים געבעט. נאָר איצט וועלען מיר אַ ספּעציעלע זאַך טהאָן פאַר זיין כבוד וועגען, ווייל ער האָט אייך צו אונז אהער געבראַכט.

— איך דענק אָבער אז ער איז צו אַ רייכער מאַן, ער זאָל

עפּעס וועלען פאַר זיך — האָט מירא געזאָגט שמייכלענדיג צו מאַב און ווענדענדיג זיך צו איימי'ן האָט זי געפרעגט:

— ער מוז זיין זעהר אַ גרויסער מאַן אויף דער וועלט?

— אָ, געוויס, — האָט איימי געענטפערט, — ער איז פיעל גרעסער פאַר אונז. זיינע קרובים זיינען בלויז לאָרדען און גראַפען, און ווער וויים אויב ער שלאָפט נישט אויף די זיידענע קישענס וואָס מיר נעהען אוים און צושטעכען זיך אונזערע פינגער.

— איך בין זעהר צופרידען וואָס ער איז פון אַ גרויסער משפחה — האָט מירא רוהיג געזאָגט.

— וואָס זייט איהר אַזוי צופרידען? — האָט איימי געזאָגט מיט חשד און געוואָלט אויסגעפינען עפּעס אידישע סמנים אין מי־ראַן, וואָס ביז איצט איז איהר נאָך ניט געלונגען.

— ווייל איך האָב שרעקליך פיינט געהאַט די אריסטאָקראַ־טען, בין איך צופרידען, אַז עס האָט זיך צווישען זיי געפונען איי־נער וואָס איז אַנדערש פון זיי...

— מיסטער דעראָנדאַ — האָט קייטי געזאָגט — איז אייגענ־טליך נישט פון דער העכסטער אריסטאָקראַטיע אין אונזער לאַנד, און אויב מיר וועלען פיינט האָבען אריסטאָקראַטען וועט ער ניט שטערען...

אַז דעראָנדאַ איז אַריין אין צימער, האָט זיך מירא אויפגעהוי־בען און געקוקט אויף איהם מיט דאַנק און מורא צוזאַמען. זי האָט זיך ניט געשעהמט און קיין עזות איז אין איהר אויך ניט גע־ווען צו דערקענען. עס איז גאָרנישט געווען צו דערקענען אַז זי זאָל אַמאָל האָבען געשפּיעלט אין טעאַטער. ווי אַ בלום אין פעלד, איז געווען צו זעהן, איז זי אויפגעוואַקסען, איינפאַך און עהרליך, און אַלע איהרע צרות און יסורים האָבען איהר גאָרנישט געשאַדט, זיי האָבען זי נאָך שעהנער געמאַכט. דעראָנדאַ האָט דערפיהלט אַז זי איז פאַר איהם אַ נייעם צווישען אַלע פרויען אין דער וועלט. זי איז דאָך נישט אַזוי איינפאַך און עהרליך, ווייל זי וויים גאָר־נישט, ניין, זי איז אַזוי ווייל זי איז אַ ריינע נשמה, אַן עהרליך קינד פון געבוירען אָן. ער איז אַזוי נייגעריג געווען זי זאָל איהם אַליין דערצעהלען פון איהר לעבען.

אָבער דערפאַר אַליין איז ער ניט לאַנג געזעסען ביי איהר.

ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל איהר נישט ווערען צו שווער, זי קען נאָך מיינען אז דאָס איז ער נישט מעהר ווי אן עגאָאיסטישער מענש, אָדער אפשר נאָך ערגער, ווייל ער האָט זי געראַטעוועט וויל ער ווערען איהר הערשער אז זי זאָל טהאָן וואָס ער וויל און איהם דערצעהלען וואָס ער וועט נאָר הייסען. ער האָט אזוי געוואָלט הערען ווי זי זינגט, ער האָט איהר אָבער נישט געבעטען, זי וועט דאָך נישט קענען אָבזאָגען, אין דעם איז ער זיכער געווען, זי וועט אָבער מיינען אז ער וויל זיך שאַפען מיט איהר... ער האָט איהר געוואָלט בעהאנדלען מיט'ן גרעסטען כבוד. פאַרוואָס אייגענטליך וויל ער איהר אזוי פיעל גוטס טהאָן? דאָס האָט ער אליין נישט געוואוסט. נאָר צו וואָס דאַרף מען דען וויסען? אבי עס איז אזוי.

ער האָט זיך באַלד געזעגענט מיט זיי און געזאָגט אז ער פאָהרט אוועק פון לאָנדאָן אויף צוויי מאָנאַטען. אין עטליכע טעג ארום איז ער און זיין פעטער סער הוגאָ מאַלינדזשער און זיין מוהמע אוועקגעפאָהרען נאָך ליבראַן.

ער האָט דעם פעטער און דער מוהמען דערצעהלט וועגען מי־ראַן. דער פעטער האָט איהם אויך געזאָגט אז עס איז בעסער, זיי זאָלען דערווייל נישט זוכען איהר מוטער און ברודער. מאַדאַם מאַלינדזשער איז שוין צוגעבונדען געוואָרען צו מיראַ'ן, כאָטש זי האָט זי נאָך ניט געהאַט געזעהען. זי האָט זיך דערמאָנט אז אין ענגלאַנד זיינען דאָ מיסיאָנערען הייזער, וואָס שמד'ען אידישע קינ־דער, האָט זי געזאָגט: מען דאַרף זי איבערגעבען צו זיי. זי, מיראַ, וועט דאָך אודאי נישט זיין געגען דעם.

אז זי האָט אָבער דערזעהן ווי סער הוגאָ קוקט אויף איהר און שמייכעלט האָט זי פערשטאַנען אז זי האָט מסתמא געזאָגט אַ נאַרישקייטען און זי האָט געשוויגען.

מאַדאַם מאַלינדזשער האָט געוואוסט אז נישט אומעטום דאַרף זי אריינרעדען און זאָגען אַ מיינונג, נישט אלץ וויים זי, און אוי־סער דעם האָט זי געהאַט בלויז טעכטער און איהר מאַן האָט דאָך גראַד אזוי שטאַרק געוואָלט האָבען אַ זוהן.... און אז זי האָט עפּעס געזעהן וואָס זי האָט ניט פערשטאַנען האָט זי זיך געטראַכט, געוויס איז דאָס אלץ יאָ ריכטיג, נאָר איך פערשטעה דאָס ניט, איך בין ניט גענוג קלוג און ניט גענוג געלערנט. נאָר אז זי האָט זיך ניט געקענט

עפּעס אַן עצה געבען האָט זי זיך געווענדעט צו דעראָנדאַ'ן: אָ, דניאל איז זעהר קלוג, איך וועל איהם פרעגען — האָט זי שטענדיג געטראַכט. סער הוגאָ מאַלינדזשער האָט איהם אויך זעהר שטאַרק ליעב געהאַט און געהאַלטען איהם ווי אַן אייגענעם זוהן.

דאָס איז די געשיכטע פון דעראָנדאַ'ס לעבען, אויף וויפיעל, נאַטירליך, ער האָט געוואוסט, פון דעם ערשטען טאָג וואָס ער איז צו זיין שכל געקומען ביז דעם טאָג ווען ער איז געקומען אין ליבראָן און האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט גווענדאָלין הערליט, אין שפּיעל־הויז.

---

## 8טער קאַפּיטעל

עס איז געווען האַלב נאָך צעהן אין דער פריה ווען גווענדאָלין הערליט איז נאָך איהר טרויעריגער רייזע פון ליבראָן אָנגעקומען צו דער סטאַנציע פון וואַנען זי האָט נאָך געהאַט אַ קליין שטיקעל וועגס צו פאָהרען אויף פערד קיין אָפענדען. קיינער האָט אויף איהר ניט געוואַרט ביי דער באַהן, קיין פערד אָדער קאַרעטע האָט זי אויך נישט געזעהען. אין דער טעלעגראַמע, וואָס זי האָט אַהיים געשיקט, האָט זי געשריבען אַז זי קומט ערשט נאָכמיטאָג, דערפאַר האָט זי קיינער נישט אָבגעוואַרט. זי איז געשטאַנען אין וואַקזאַל ביי איהרע פּעק און געוואַרט אויף אַ קאַרעטע און זי האָט זיך גע־טראַכט אַז זי איז אונגליקליך, זי וועט שוין אייביג זיין אָרים, עס וועט איהר אַלץ זיין ערגער און ערגער. זי האָט אַ קוק געטהאָן און דערזעהען דעם באַהן בעאַמטען ווי ער שטעהט און בעטראַכט זי אַזוי מאָדנע. ער איז געווען אַ נייער, האָט ער זי נישט געקענט, ער טראַכט זיך אודאי אַז זי מוז נישט זיין פון די גאָר אָרענטליכע אַז זי פאָהרט אַליין... עס האָט איהר אַזוי וועה געטהאָן און איינ־גאַנצען צובראָכען. דאַכט זיך אַז דאָס איז גאָר קלייניגקייטען, עס קען זיין אַז עס איז גאָרנישט אַזוי ווי מען מיינט. דערווייל הויבט מען אָן טראַכטען און מען דערטראַכט זיך שוין צו ווער וויים וואָס. גווענדאָלין איז שוין אַזוי אויך געווען פערצווייפעלט, האָט דאָס איהר נאָכמעהר פערביטערט און טרויעריג געמאַכט.

און שוין פאַהרענדיג אין קאַרעטע אהיים, האָט זי אַלץ ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. זי איז זיכער געוועזען אַז דאָס וואָס די מוטער האָט געשריבען אַז זיי האָבען אַלץ פערלאָרען און גאָרנישט איז זיי איבערגעבליבען, מוז זיין אַ טעות. עס מוז נאָך עפּעס זיין געבליבען, און דאָס בעסטע וועט זיין אַז זיי זאָלען אַלץ צוזאַ־מעננעהמען און זי מיט דער מוטער און די קינדער זאָלען פאָהרען אין אַ קליין שטעדטעל אין אויסלאַנד. אָבער וואָס וועט שוין זיין אַז זיי וועלען אַזוי טהאָן? — האָט זי זיך געפרעגט. — איז דען דאָס אַ לעבען וואָס וועט זי האָבען אַז זי וועט זיין ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל אין אויסלאַנד? גענוג אָרימע ענגלענדער האָט זי געזעהן אַרומדרעהען זיך אין אויסלאַנד. ווער קוקט זיך אויף זיי אום? ווער רעכענט זיך גאָר מיט זיי? מיט איהר וועט אויך אַזוי זיין. באַלד וועט זי ווערען דרייסיג יאָהר, איהר שעהנער פּנים וועט אָנהויבען וועלקען, די מאַמע וועט דאָך אויך עלטער ווע־רען פון יאָהר צו יאָהר, די קלענערע שוועסטער, עליס, בערטאַ, פאַני און איזאַבעל וועלען אויפוואַקסען און ליגען אויף איהר קאָפּ. ניין, זי וועט דאָס נישט דערלאָזען, זי וועט קעמפּפען געגען שיקזאַל מיט אַלע כחות, זי וועט זיך ניט אונטערגעבען! איהר טאָר ניט זיין שלעכט. זי האָט אַלץ נישט געגלויבט אַז עס איז טאַקע אַזוי שלעכט ווי די מוטער האָט געשריבען. זי איז שטאַרק בייז געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט. פּלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט ווי זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל און געקושט איהר אייגענעם שעה־נעם פּנים, און זי איז עפּעס פרעהליכער געוואָרען. אין דער זעלבער מינוט האָט זי זיך געפרעגט, וואָס איז די שמחה אַז זי איז שעהן? וואָס וועט זי האָבען דערפון? אַז די מענשען זיינען אַזוי שלעכט און פערדאָרבען אַז דער טייוועל מעג זיי אַלע נעהמען! זי האָט זיך דערמאָנט אָן גראַנדקאָרטען, און זי איז שרעקליך בייז געוואָרען אויף איהם. ווען ער וואָלט זיך נישט געוועזען פערפּלאָנטערט מיט זיין געליעבטע, וואָלט זי דאָך געקענט חתונה האָבען מיט איהם! — נאָר ער אַליין איז שולדיג אין איהר ביטערען מזל!...

דערווייל איז זי געקומען אהיים. זי האָט דערזעהן די מוטער שטעהן אין טהיר אָן אומעטיגע און אַ טרויעריגע האָט זי זי אַרומ־געכאַפּט, געקושט און געהאַלזט, און זי נישט געקענט אָבלאָזען.

אין דער מינוט האָט זי אַן זיך געהאַט אין גאַנצען פערגעסען, זי האָט נאָר גרויס צער געהאַט וועגען דער מוטער'ס וועהטאָג. איהרע שוועסטערלעך זיינען אויף געשטאַנען נעבען איהר, זי האָט זיי געזעהן, גיך אַ קוש געטהאָן זיי און געזאָגט:

— קינדער, געהט אַוועק!

אויף מערי'ן, די גובערנאַנטקע, וואָס איז אַזוי טריי געווען אין הויז, האָט זי זיך אויך נישט אומגעקוקט, זי האָט זי אַפּילו ניט בעגריסט. זי האָט איהר איבערגעלאָזען ארונטערנעהמען איהרע פעק פון קאַרעטע און איז אַוועק מיט דער מוטער אין שלאָפציממער און פערשלאָסען די טיהר הינטער זיך.

זי האָט געזעהן די מוטער וויינט, האָט זי איהר געבאַפּט קושען, אָבגעווישט איהרע טרערען און בערוהיגט:

— הער אויף, מאַמע — האָט זי זיך געבעטען — וויין נישט, זאָרג ניט. איך וועל אַלץ טהאָן פאַר דיר, וועסט זעהן, עס וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג. איך בין דאָך אַהיים געקומען, מאַמע. דו דאַרפסט זיך פרעהען מיט מיר.

דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי געמיינט מיט'ן גאַנצען הארצען. אין דער מינוט האָט זי דערפיהלט אַ בעזונדערע קראַפט אין זיך און איז גרייט געווען אַלץ צו טהאָן פאַר דער מוטער'ס טובה. די מוטער האָט געקוקט אויף איהר מיט גרויס ליעבע און מיט דרך ארץ, בעטראַכט זי ווי איהר מלאך און געזאָגט:

— גאָט זאָל דיך בענשען, טהייער קינד, פאַר דיין גוט־האַרץ צו מיר. אויב דו ביזט פרעהליך, בין איך אויך פרעהליך און עס פעהלט מיר שוין גאָרנישט.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטען אַזוי. אַרום מיטאָג צייט איז די פרייד פערשוואונדען געוואָרען און נישט אומגעקעהרט זיך.

גוועגדאָלין האָט איינגעזעהן אַז די אָרימקייט האָט זיך גוט פערשפּרייט אין זייער הויז און וועט זיי אַזוי גיך און אַזוי לייכט ניט פערלאָזען... און אַפּילו זיצענדיג ביי זיך אין צימער און עסענדיג דאָס בעסטע וואָס זי האָט נאָר געוואָלט האָט זי פון דעם געטראַכט, דעם גאַנצען טאָג האָט זי געוואָלט זיין אַליין, אָהן די וועסטערלאַך.

— זאָלען זיי מיר ניט שטערען — האָט זי געזאָגט. — איך וויל היינט זיצען מיט דער מאַמען אליין.

שפּעטער איז זי אַרונטערגעגאַנגען צו דער מוטער, שעהן און פריש ווי א שוואן וואָס איז נאר וואָס אַרוים פון וואסער. זי האָט זיך איינגעשלאָסען מיט דער מוטער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפאַ און נישט פיהלענדיג נאָך די ביטערקייט פון אַרימקייט האָט זי גלאַט אַזוי געפרעגט דער מוטער:

— וואָס איז יעצט צו טהאָן?

— דאָס ערשטע וואָס מיר מוזען טהאָן איז אַרויסצוקלייבען זיך פון דאַנען.

— איך דענק אז לאָרד ברעקענשאָ וועט אונז לאָזען וואוינען אָהן דירה געלד, ער קען מיך דאָך — האָט גווענדאָלין געזאָגט.

— ביזט נאָך גאר א קינד — האָט איהר די מוטער געענטפערט, — אין אַזעלכע זאכען מישט זיך ניט דער לאָרד, דאָס געהערט אין גאַנצען צו זיין אַגענט. און אויסערדעם איז ער יעצט אין סקאָטלאַנד, ווייס ער אודאי גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך דאָ. פון וואַנען וועלען מיר האָבען האָלץ צו ברענען? קיין דיענסט וועט מען דאָך אויך ניט קענען האלטען.

— נא, אויב אזוי, — האָט גווענדאָלין געזאָגט — אָט לאָמיר פאָהרען נאָך אויסלאַנד און זיך בעזעצען ערגעץ אין א קליין שטעדטעל.

— ניין, מיין קינד — האָט די מוטער מיט א געצוואונגענעם שמייכעל געזאָגט — דאָס קענען מיר אויך ניט. מיר זיינען געבליבען אָהן א גראָשען געלד, נישט מעהר ווי די קליידער זיינען אונז געבליבען. צו פאָהרען נאָך אויסלאַנד דאַרף מען דאָך האָבען נאָך מעהר געלד.

— טאָ וואו דען וועלען מיר געהן? — האָט גווענדאָלין אויסגעשריען אויפגערעגט און א קעלט איז איהר איבערגעלאָפען.

— מיר וועלען זיך נעהמען א קליין הייזעלע, אריינשטעלען אביסעל מעבעל. דער פעטער גאַסקאָין וועט אונז געבען אביסעל געשיר, און איך מיט די קינדער וועלען אַרויסגעהן און זעהן עפּעס פערדיענען, און פאַר דיר וועט מען זעהן זאָלסט האָבען א בעזונדער צימער און קיינער וועט דיר ניט שטערען.

—דאָס איז אונמעגליך, איך וויל דאָס ניט!—האָט גווענדאָלען געשריען דערצאָרענט. — מיר קענען ניט לעבען ווי די קבצנים, דאָס האָט דער פעטער אזא קלוגען פּלאַן אויסגעקלערט. ער האָט שוין ניט געפונען קיין בעסער עצה!

— וואָס האָט מען דען געקענט טהאָן? — האָט די מוטער זיך געבעטען. — דער פעטער איז גענוג גוט צו אונז, ער אַליין האָט דאָך אויך געליטען. ער האָט דאָך א ווייב מיט קינדער, פאַר וועמען ער דאַרף זאָרגען. פערגעס נישט, קינד מיינס, מיר פערמאָגען גאָרנישט, אַלץ וואָס מיר וועלען האָבען וועט ער אונז געבען. איך אַליין מיט די קינדער וועלען מוזען ארבייטען און פערדיענען.

פאַר גרויס אויפרעגונג האָט גווענדאָלען שוין פערגעסען אין גאַנצען אויף איהר רחמנות צו דער מוטער און האָט שוין נאָר זיך אַליין אין זינען געהאַט.

— איך גלויב גאָר נישט — האָט זי גע'טענה'ט — אז דאָס גאַנצע פערמעגען איז געגאַנגען פערלאָרען. פון וואַנען ווייסטו אז עס איז אזוי?

— אוי, ווען איך וויים דאָס — האָט איהר באַנג געטהאָן — וואָלט איך דאָך אהיים געבראַכט דאָס גאַנצע געלד וואָס איך האָב געהאַט געוואונען. איך האָב געהאַט צוויי טויזענד פונט, דאָס וואָלט געווען גענוג צו לעבען א שטיק צייט ביז מיר וואָלטען עפּעס בעסערעס צוגעטראַכט. נאָר דורך זיי האָב איך דאָס געלד פערלאָרען, — האָט זי געשריען — זיי האָבען זיך דערנעהנט צו מיר, נאָר צו מיין בייז מזל.

„זיי“ — האָט זי געמיינט דעראָנדאָ'ן. ווען נישט ער וואָלט זי דאָך ווייטער געשפּיעלט. די מוטער האָט ווידער געמיינט אז זי רעדט פון גראַנדקאָרטען, וועגען וועמען עס האָט זיך איהר שטאַרק געוואָלט רעדען, נאָר זי האָט מורא געהאַט און געשוויגען. דאָס וואָס זי האָט גערעדט וועגען שפּיעלען האָט איהר נישט שטאַרק געשמעקט און זי האָט איהר געזאָגט:

— מיין קינד, מיר מוזען זיך אונטערגעבען, אזוי איז גאָט'ס רצון...

— איך וויל זיך אָבער נישט אונטערגעבען! — האָט גווענדאָלען געשריען — איך וויל נישט און וועל זיך נישט אונטערגע-

בען! מיט מיין גאַנצען כח וועל איך קעמפּפען געגען דעם. פאַר וואָס זאָלסטו זאָגען אויף די שלעכטע מעשים פון מענשען אז דאָס איז דער רצון פון גאָט? איז באַנקיר לאַסמאַן אַנטלאָפען מיט'ן גאַנצען געלד?

— ניין, ער איז נישט אַנטלאָפען — האָט די מוטער געזאָגט — ער האָט ספּעקולירט מיט מינען, ער האָט געמיינט אז ער וועט מאַכען אַ סך געלד און ער האָט אַלץ פערלאָרען.

— אויב אַזוי איז ער דאָך שולדיג — האָט גווענדאַלען געשריען — ער האָט נישט געטאָרט ריזיקירען מיט פרעמד געלד, ער דאַרף בעקומען זיין שטראָף. מיר דאַרפען איהם פערקלאָגען אין געריכט. דער פעטער דאַרף נישט שווייגען, ער דאַרף דאָס נעהמען אין זיינע הענד.

— צו דעם דאַרף מען האָבען אַ סך געלד — האָט די מוטער געזאָגט. — פּראָצעסירען זיך קאָסט געלד. גערעכטיגקייט קריגען נאָר רייכע וואָס האָבען געלד. און נישט מיר זיינען דאָך די איינציגע קרבנות, געננוג אַנדערע זיינען אומגליקליך געוואָרען דורך איהם.

— איך וועל אָבער פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזען אז מיר זאָלען זיך אַריינציהען אין אַ קליינטשיק הייזעלע — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט — און דו זאָלסט זיצען און אויסנעהען און פערדינען אַ פּאָר פּעניס. איך וועל דאָס נישט דערלאָזען. מיר מוזען טהאָן אַזעלכעס, וואָס זאָל אונז פּאַסען לויט אונזער שטאַנד און געלערנטקייט.

— וועגען דיר האָב איך טאַקע מיט'ן פעטער אויסגעטראַכט עפּעס אַנדערש. געוויס וועסטו נישט זיצען און אויסנעהען. מיר האָבען פאַר דיר צוויי פאָרשלאַגען. איינער איז, אַז דו זאָלסט געהן אַלס גובערנאַנטקע צום בישאָף. ער האָט דריי טעכטער. דו, מיט דיין געלערנטקייט — דו קענסט פראַנצויזיש, זינגען און טאַנצען — ביזט זיי זעהר אַנגענעהם און זיי ווילען דיך זעהר, און אויב נישט קענסטו ווערען אַ לעהרערין אין אַ סקוהל. דער פעטער האָט דאָס אַלץ איינגעאָרדענט פאַר דיר.

— אָ, ניין, איך וויל נישט זיין קיין גובערנאַנטקע! — האָט זי געשריען. — אויב דער בישאָף דאַרף אַ גובערנאַנטקע, זאָל

דער פעטער נעהמען אונזער דיענסט, מערי'ן, און זי איהם אוועק־פיהרען. און קיין לעהרערין וויל איך אויך נישט זיין. איך וועל שוין בעסער אוועקפאָהרען איידער טהאָן אזעלכע זאכען.

— זאָג דאָס ניט דעם פעטער — האָט די מוטער געבעטען. — וועסט איהם וועה טהאָן. ער מיינט דאָך נאָר דיין טובה. אפשר האָסטו אַן אַנדער עצה, אויב זי איז נאָר גוט וועט דער פעטער געוויס נישט זיין דאַגעגען.

— יא, מאמע, איך האָב אַ גוטען פּלאַן — האָט זי געענט־פערט. — זיינען די אראַפּאָינטס אין דער היים? איז נאָך הערר קלעזמער ביי זיי? איך וועל איהם שרייבען אַ בריוועל און טאַקי שוין צושיקען מיט עמיצען.

— וואָס מיינסטו דערמיט, גווענדאָלין? — האָט די מוטער געפרעגט.

— זאָרג נישט, מאמע, אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג, איך וועל אַלץ גוט מאַכען. גלויב מיר, עס וועט דיר בעסער זיין ווי צו וואוינען אין אַ קליין הייזעלע און אויסנעהען פאַר פרעמדע. זאָל זיך נאָר קיינער ניט אריינמישען, דער פעטער אויך נישט, קיינעמס דעות וויל איך נישט הערען. גוט, מאמע?

זי האָט ארומגעכאַפּט די מוטער מיט ביידע הענד, געקושט זי אין באַק, אין די אויגען, איז אוועקגעלאָפען צום דעסק און אָנגע־שריבען דאָס קורצע בריוועל צו קלעזמער'ן.

„ווערטהער הערר קלעזמער: איך, גווענדאלען הערליט, בעט אייך זעהר און זעהר מיר צו טהאָן די טובה און אריינקומען צו מיר מאָרגען, איך דאַרף אייך זעהר נויטיג האָבען. דאָס, וואָס איך וואָג אייך אזוי צו בעמיהען איז, ווייל די אַנגעלעגענהייט איז זעהר ערנסט און וויכטיג. געוויסע אומשטענדען אין דער משפחה צווינגען מיר זיך צו פערנעהמען אויף אַ נייעם וועג אין לעבען, און דאָס קען איך נישט און טאָר נישט טהאָן אָהן דער עצה פון אזא קלוגען און געלערנטען מאַן, ווי איהר זייט."

זי האָט דעם בריוועל אריינגעלעגט אין אין אַ קאָנווערט, אָנ־געשריבען דעם אדרעס און געזאָגט צו דער מוטער:

— מאמע, שיק עס שוין אוועק מיט אימיצען און זאָל ער דאָרט וואָרטען פאַר אַן ענטפער.

## 9טער קאַפּיטעל

ווען קלעזמער האָט בעקומען דאָס בריוועל פון גווענדאָלען, איז ער געווען גרייט אַוועקצופאָהרען פון די אַראָפּאָינטס און מעהר נישט צוריקצוקומען. צוליעב איהר אָבער איז ער נאָך פערבליבען אַ נאַכט אין צווייטען הויז, ער זאָל צומאָרגענס קענען געהן צו גווענדאָלען.

צווישען קלעזמער'ן און די אַראָפּאָינטס איז פאַר דער לעצ־טער צייט פאָרגעקומען אַ שאַרפער סכסוך און צוליעב דעם איז ער געצוואונגען געווען צו פערלאָזען אַזאַ רייך און בעקוועם אָרט פאַר איהם און צו אַנטלויפען ווי צום גיכסטען. יעדע איבעריגע מינוט וואָס ער איז געבליבען האָט ער געפיהלט ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף הייסע קויהלען.

ביי די אַראָפּאָינטס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער באַל. אַ סך געסט זיינען געקומען. די יונגע אַראָפּאָינט האָט דערזעהן צווישען די געסט איינעם וואָס זי האָט פערשטאַנען אַז נאָר צו־ליעב איהר איז ער געקומען, צוליעב איהר און איהר גרויסער ירושה. ער איז געווען פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע אין לאַנד, וואָס האָט גוט געקענט זיין ווערט און פערשטאַנען אַז זיין כלה מוז איהם מיטברייגען גאָר אַ גרויסען נדן, און אָט האָט ער דאָס גע־וואָרפען אַן אויג אויף איהר. די יורש'טעס זיינען דאָס רוב אַליין נישט קיין געראָטענע, קען מען זיי דערפאַר גאַנץ לייכט בעקומען, אַבי דער התן האָט אַ גרויסען טיטול. ער וואָלט זי אייגענטליך גאָרנישט געדאַרפט, מוז ער דאָך זי אָבער נעהמען צוליעב דעם נדן. שפּעטער אָבער האָט זי קיין שום ווערט ניט אין זיינע אויגען און אָפטמאָל וועלט ער גערן פון איהר פּטור געוואָרען ווי צום גיכסטען. עס טרעפט אָבער אַמאָל אַ יורש'טע אַן אויסנאַהם, זי איז קלוג, שעהן און געלערנט, מיט אַ שטאַרקען ווילען, וואָס וועט זיך פאַר קיין פּאַל ניט אונטערגעבען. מיט אַזאַ איז שוין ניט אַזוי לייכט אַז אימיצער זאָל זי אַריינקריגען אין זיינע הענד אַריין.

אַזאַ מין אויסנאַהם איז געווען די יונגע קאַטערינאַ אַראָפּאָינט. איהרע עלטערן האָבען געזעהען אַז קיין לייכט שטיקעל אַרבייט ווע־

לען זיי מיט איהר ניט האָבען. דעם, וואָס זיי וועלען איהר וועלען געבען, וועט זי אַזוי גיך ניט נעהמען. עס איז זיי אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאַלען אַז זי וועט זיך פערליעבען אין איהר לעהרער, אין קלעזמער'ן. אויף אַזאַ אונגליק האָבען זיי זיך גאָר נישט געריכט.

זיי האָבען אפילו געוואוסט אַז ער איז נישט גלאַט אַ מוזיק־לעהרעריל. ניין, ער איז איינער פון די גרעסטע מוזיקער. ער איז שוין גענוג בעקאַנט און באַלד וועט ער בעריהמט ווערען אויף דער גאַנצער וועלט און די גרעסטע לייט וועלען עס האַלטען פאַר א כבוד אַז ער וועט מיט זיי אַ וואָרט אויסרעדען. זיי זיינען צו־פרידען געווען איהם צו האָבען פאַר אַ לעהרער אין הויז. פאַר קאַטערינען האָבען זיי נישט געקענט אַריינגעהמען אַן אַנדערן. זי האָט געהאַט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען צום שפּיעלען. רייך זיינען זיי גאַנץ גענוג, פאַרוואָס זאָלען זיי נישט האָבען דעם בעס־טען וואָס איז נאָר פאַראַן? דאָס יאָ. אָבער אַז זיי זאָלען זיך פערליעבען, דאָס איז זיי גאָר אויף דעם געדאַנק ניט געקומען. ניט ער אַליין וועט טהאָן אַזאַ אונערהערטע זאַך און אויך זי איז קלוג גענוג ניט צו בעגעהן אַזאַ נאַרישקייט. עס זיינען דאָך דאָ גענוג מענשען אין הויז. דער עקאָנאָם, נאָך אָנגעשטעלטע, איז קלעזמער אויך איינער פון זיי. ניין, וועגען דעם דאַרפען זיי נישט זאָרגען.

זיי האָבען אָבער נישט געוואוסט אַז דוקא דערפאַר וואָס קלעזמער איז געווען אַזאַ שטאָלצער און אַזאַ גרויסער מוזיקער, איז ער אַלץ טהייערער געוואָרען אין קאַטערין'ס אויגען, און ער האָט זי אויך ליעב געקריגען ווייל ער האָט געזעהן אַז זי פערשטעהט איהם און ווייס ווי אָבצושאַצען זיין ווערט. קלעזמער און קאַטערין אַליין האָבען צווישען זיך וועגען דעם קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט זי געלערנט, גערעדט מיט איהר און געשמועסט וועגען אַלץ אין דער וועלט, אָבער דאָס וואָס זיי ביידע האָבען געפיהלט טיעף אין זיך איז געווען אַ סוד. וואָס וועלען זיי רעדען? זיי ווייסען אַז עס איז אומזיסט, קיין האָפנונג איז נישטאָ אַז זיי זאָלען אויס־פיהרען וואָס זיי ווילען, איז בעסער זיי זאָלען ליידען און שווייגען.

דערווייל האָט זיך בעוויזען מיסטער באָלט, אַ דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט, אַ מענש אַן איינפאַכער, נישט קיין איבערגעשפּיצ־טער, וואָס האָט געהאַלטען תמיד אין רעדען וועגען די נעגערס אין

בראַזיליען, און פלעגט גוט צוגרייטען זיינע רעדעס פאַר'ן פאַר־לאַמענט. ווי קאַטערין האָט איהם דערזעהן, האָט זי באַלד פערשטאַנען וועגען וואָס ער איז געקומען, און זי האָט אייגענטליך ניט געזעהן קון שום אורזאַכען פאַר וואָס זי זאָל איהם אָבזאָגען, נאָר די איין און איינציגע סבה וואָס פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס זי האָט איהם דערזעהן האָט זי איהם פיינט און ער עקעלט איהר ביז טויט...

מיסטער באָלט איז אָבער זיכער געווען ביי זיך אַז ער האַלט שוין אויף אַ דרך, און אַז ער געפעלט איהר. ער האָט אָבער נישט געוואוסט אַז דאָס וואָס ער ווייס גאָרנישט פון מוזיק דאָס וועט איהם זיין אַ גרויסער שטער ביי קעטרין. אויף קלעזמער'ן האָט ער זיך אפילו נישט אומגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר אויף דער וועלט נישט געווען. און קעטרין מיט איהר שפּיעלען האָט ער אויך ביי זיך אין הארצען אָוועקגעמאַכט. ווייס איך וואָס, האָט ער זיך געטראַכט, עס איז ביי איהר פּונקט אַזאַ קאַפּריז ווי אַלע מאָל נייע קליידער און העטס, און ווייטער גאָרנישט. עס לוינט זיך גאָרנישט צו פערטראַכטען וועגען דעם.

ווי פערוואונדערט איז ער אָבער געוואָרען ווען זיי זיינען געזעסען ביים טיש און הערר קלעזמער האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען פּאָליטיק. ער האָט קריטיקירט די ענגלישע רעגיערונג און שטאַאַטס־לייט, וואָס האָבען קיין שום אידעאַל נישט, נאָר בלויז ביזנעס, האַנדעל ליעגט זיי אין קאָפּ.

— די קרייץ־פאָהרער — האָט קלעזמער ווייטער געזאָגט — וואָס האָבען אַזוי פיעל שלעכטס געטהאָן און זיינען פערהאַסט ביי יעדען פערשטענדיגען מענשען, האָבען אָבער דאָך געהאַט אַן אי־דעאַל צוליעב וועלכען זיי האָבען געקעמפפט, עפּעס שעהנקייט, הייליגקייט האָבען זיי אָנגעשריבען אויף זייער פאָהן, און אַז עס האָבען זיך אַרום זיי צוזאַמען געקליבען די ערגסטע מענשען, מערדער און רויבער און זיי האָבען אָפּגעטהאָן די שרעקליכסטע און די גרויזאַמסטע מעשים, איז שוין ניט געווען זייער שולד. די ענגלענדער זיינען אָבער אָהן אַן אידעאַל, נאָר ביזנעס און געוווּג.

די גאַנצע צייט וואָס קלעזמער האָט גערעדט האָט זיין פּנים געברענט און זיינע אויגען האָבען געשפּריצט מיט פייער. באָלט

איז געזעסען און געהערט. די נייע געדאַנקען האָבען איהם גאָר ניט אָבגעשראָקען און גאַרניט געוואונדערט. עס איז אָבער פאַר איהם געווען אַ נייעס וואָס קלעזמער רעדט אַ פיינעם ענגליש, ער רעדט וואונדערבאַר שעהן און טאָמער וואָלט ער גערעדט פאַר ווערהלער, וואָלט ער זיכער זיי אַלע איינגענומען און וואָלט אויס־געקליבען געוואָרען פאַר אַ דעפוטאַט. עס איז איהם איינגעפאַלען אַז קלעזמער מוז זיין אַ רעוואָלוציאָנער פון פוילען, אָדער פון ערגעץ אַנדערש, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפען פון זיין לאַנד, איז ער געקומען נאָך ענגלאַנד, לערנט דערווייל מוזיק, ער זאָל האָבען פרנסה, און שפּעטער וועט ער צוריק פאָהרען און נעהמען זיך צו זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. אין דעם זעלבען אבענד, אַז ער האָט איהם געזעהן שטעהן לעבען קעטרין, איז ער צו איהם צוגע־גאַנגען און געזאָגט:

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט אַז איהר זייט אַ פּאָליטיקער.

קלעזמער האָט איהם גאַרנישט געענטפערט, האָט פאַרלייגט איין האַנד אין דער צווייטער, אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ און איהם דורכגענומען מיט די אויגען.

— איהר מוזט זיין געווען אַ רעדנער — האָט מיסטער באָלט ווייטער גערעדט. — איהר רעדט אויסגעצייכנט, כאָטש איך בין ניט איינשטימיג מיט אייך, איהר מוזט זיין אַ פּאַן־סלאַוויסט, איהר ווילט פעראייניגען אַלע סלאַווען אין איין מלוכה, יאָ?

— ניין, איך הייס אליהו, איך בין דער וואַנדערנדער איד — האָט קלעזמער געענטפערט און געשמייכעלט צו קעטרינען. פּלוצ־לונג האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן אויף דער פּיאַנאָ, די סטרונעס האָ־בען אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקען ברום און אין דעם האָט זיך געהערט אַ געשריי ווי ער וואָלט אַראָבגעוואָרפען אַ שווערע לאַסט פון זיך. מיסטער באָלט האָט דאָס אָבער אָנגענומען פאַר אַ קינדיש שטיק, איהם צו בעליידיגען, אַ פּוילישע מאַניער אזאַ. ער איז אָבער ניט אוועקגעגאַנגען, ווייל קעטרין איז דאָך אויך געבליבען.

— הערר קלעזמער — האָט קעטרין געזאָגט, וועלענדיג מאַכען שלום צווישען זייביידען — איז אַ קאָסמאָפּאָליט. ער האָפט אַז עס וועט אמאָל קומען אַ צייט ווען אַלע מענשען וועלען זיין גלייך, אַלע וועלען זיין איינס.

— מיט מיין גאַנצען הארצען — האָט באָלט געזאָגט, ווי זיין שטייגער, וועלענדיג אַלעמען צו געפעלען — איך ווייס אויך אז הערר קלעזמער איז זעהר קלוג און געלערנט נישט בלויז צו זיין נאַר אַ מוזיקער.

— מיין הערר, איהר האָט אַ גרויסען טעות — האָט קלעזמער געענטפערט און זיין פּנים האָט געפלאַמט. — עס איז נישטאָ דער מענש וואָס זאָל אַזוי קלוג און געלערנט, ניט בלויז צו זיין אַ מוזיקער. דאָס רוב האָבען נאָך צו וועניג טאַלאַנט. יעדער גרויסער קינסטלער איז נישט מעהר „נאַר אַ מוזיקער", פּונקט ווי דער גרויסער שטאַטסמאַן איז נישט מעהר ווי נאַר אַ רעדנער... מיר מוזיקער זיינען נישט קיין ליאַלקעס וואָס מען לייגט אונז אריין אין אַ קעסטעל און מען ציהט אונז אָן צושפּיעלען פאַר די רייכע אַז זיי זיינען שוין גוט שכור. מיר העלפען דער רעגיערונג, מיר פיהרען די מענשען, די גאַנצע וועלט, מיר זיינען פּונקט אַזעלכע יחסנים ווי די גרעסטע שטאַאַטסלייט. און אויב עס איז דאָ אַ מוזיקער, אַ גרויסער קינסטלער, וואָס רעדט שעהן דורך זיין מוזיק איז ער פיעל גרעסער איידער עפּעס דאָרט אַ דעפּוטאַט וואָס ווייס נישט מעהר ווי צו פּלאַפּלען און צו פּלוידערען ביז קאָפּ־וועהטאָג אין פּאַרלאַמענט.

ווי קלעזמער האָט געענדיגט, האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אַרויס פון צימער.

קעטרין איז שטאַרק רויט געוואָרען און דאָס פּנים האָט איהר געברענט ווי פייער. באָלט איז אָבער גאָרניט איבעררעאַשט געוועזן און רוהיג געזאָגט:

— אייער פּיאַנאָ לעהרער איז נישט קיין צו גרויסער עניו.

— הערר קלעזמער איז מעהר ווי אַ פּיאַנאָ לעהרער — האָט קעטרין געזאָגט — ער איז איינער פון די גרעסטע מוזיקער. ער קען זיך פערגלייכען מיט שובערטען און מנדעלסאָנען.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת. אין מוזיק ווייסען פרויען מעהר ווי מענער — האָט באָלט געענטפערט. געמיינט האָט ער אָבער אַנדערש. די גאַנצע מוזיק איז אַ נאַרישקייט און קלעזמער איז אַ נאַר, אַ גרויסהאַלטער, אַ בעל־גאוה.

קעטרינען איז קיינהאָל ניט געוועזן אַנגענעהם ווען קלעזמער

האָט זיך צו פיעל געריהמט פאַר מענשען, און צו מאָרגענס האָט זי איהם געזאָגט:

— וואָס זייט איהר אַזוי אין כעס געוואָרען אויף מיסטער באַלט? ער האָט אייך נישט געמיינט צו בעליידיגען.

— וואָס האָט איהר געוואָלט, איך זאָל בויגען מיין קאָפּ פאַר איהם? — האָט קלעזמער געפרעגט, אַן אָנגעצונדענער.

— פערקעהרט, איך האָב געמיינט אַז איהר רעכענט זיך גאָר נישט מיט איהם, איהר ווערט קיין וואָרט נישט וועלען פערלירען מיט איהם און וועט זיך בעגעהן גאַנץ העפליך.

— מיינט איהר אַז עס איז אַזוי לייכט איהם צו פערטראָגען מיט זיין פּלוידעריי? איהר האָט דרך־ארץ פאַר אַן אידיאָטעל, אַ פּאָליטיקער. ער האָט קיין שום געפיהל ניט פאַר פּאָליטיק. ער איז דאָך אַן אָקס! ער איז גאָר קיין כבוד ניט פאַר די ענגלענדער.

— איך האָב דאָס נישט געמיינט.

— הייסט עס אַז איך האָב נישט ריכטיג געהאַנדעלט און האָב נישט איהם בעליידיגט, נאָר אייך?

— נאָ, איצטער זייט איהר שוין אויפ'ן ריכטיגען וועג, איהר האָט שוין באַלד געטראָפען — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— דאַן דאַרף איך בעסער איינפּאַקען און שוין אַוועקפאָהרען — האָט ער געזאָגט.

— איך זעה ניט איין פאַרוואָס — האָט זי געזאָגט — אויב איך מעג אויסהערען אייער מוסר און קריטיק וועגען מיין שפּיעלען, מעגט איהר אויסהערען מיין מוסר וועגען אייער אויפפיהרונג און עס זאָל אייך נישט אַרען.

— מיך אַרט דאָס ניט, איך הער אוים אייער מוסר, אַלץ וואָס איהר זאָגט הער איך. וואָלט איהר אָבער געוואָלט אַז איך זאָל זיך לאָזען בעליידיגען פון דעם נאַר וואָס ער זאָגט אַז מען איז „נישט מעהר ווי אַ מוזיקער" און פערשווייגען? זאָל איך הערען ווי ער בעליידיגט מיין קונסט און מיך אַליין, און נישט ענטפערען און אָנווייזען איהם זיין ריכטיגען פּלאַץ? נאָר ענטשולדיגט מיר, איהר פערשטעהט דאָס אויך נישט גענוג, ביי אייך קומט דאָס אוים אַנדערש ווי ביי מיר, איהר ווייסט נישט ווי אַנדערש דער קינסט־לער איז פון אַנדערע מענשען, ער איז אויך אַנדערש פון אייך...

— עס איז אמת — האָט קעטרין געענטפערט, אַביסעל אויפ־גערעגט — איך ווייס דער קינסטלער איז טאַקע גאָר אַנדערש פון מיר, ער איז גרעסער פון מיר, העכער און איך קוק טאַקע אויף איהם פון אונטען אַרויף...

קלעזמער איז געזעסן איבער אַ נאָטען־בוך. ווי ער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ פּאָר טריט און געזאָגט:

— איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר, איהר האָט איצט אַזוי שעהן גערעדט. דאָך וועל איך אוועקפאָהרען. איך האָב בעשלאָסען אייך צו פערלאָזען אין גאַנצען. איהר קענט זיך שוין בעגעהן אָהן מיר. אייערע קאָמפּאָזיציעס זיינען דאָך אָהן אַ פעהלער, איהר דאַרפט שוין ניט קיין לעהרער, און אייער מיסטער באַלט איז מיר דאָך ווי שפּינען אין די אויגען. און אויסער דעם מוז איך פאָהרען נאָך פּעטערסבורג.

קעטרין האָט געשוויגען און גאָר נישט געענטפערט.

— זייט איהר מסכים מיט מיר אַז איך דאַרף פאָהרען ? — האָט ער געפרעגט, אַן אויפגערעגטער.

— יע, אויב אייער טעטיגקייט און אייערע געפיהלען זאָגען אייך אַזוי, דאַן דאַרפט איהר פאָהרען. איך וואונדער זיך נאָר ווי קומט דאָס וואָס איהר האָט אייערע שווערע צייט אונז אוועקגעגע־בען ביז איצט. אייער לערנען קען מען מיט קיין אוצרות נישט אָבקויפען און איך האָב מיר שטענדיג געטראַכט אַז דאָס זייט איהר מקריב אַ קרבן וואָס איהר זייט מיט אונז.

— אַ קרבן ? פאַר וואָס זאָל איך דאָס האָבען געגעבען אַזאַ קרבן ? — האָט ער געפרעגט און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פּיאַנאָ, לייכט אַ פיהר געטהאָן מיט די פינגער איבער די קלאַווישען און שטילע קלאַנגען האָבען זיך געהערט אַזוי ווייך און שטיל, און זי האָט דערהערט די מעלאָדיע וואָס ער האָט צוגעשריבען צו היי־נע'ס ליעד:

„איך האָב דיך געליעבט און ליעב דיך נאָך“.

—אָט דאָס איז דער סוד וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן — האָט קעטרין געזאָגט דערשראָקען, און נישט וויסענ־

דיג וואָס זי טהוט, האָט זי דעם בלאַט נאָטען, וואָס זי האָט געהאַט אין האַנד, צוריסען אויף שטיק־שטיקלעך.

— איהר האָט געוואָלט אויסגעפינען דעם סוד, די רעטעניש און ניט געקענט? — האָט קלעזמער געפרעגט, פערלייגענדיג איין האַנט אויף דער צווייטער.

— איך האָב ניט געקענט פערשטעהן און גלויבען אין זיך — האָט זי געענטפערט.

— וועל איך אייך דערצעהלען: איהר זייט פאַר מיר די גרעסטע פרוי אין דער וועלט, די געקרוינטע פרוי פון מיין האַרץ, וואָס איך וועל אייביג, אייביג געדענקען.

קעטרינס הענד האָבען גענומען אַזוי ציטערען אַז זי האָט די צוריסענע שטיקלעך פּאַפּיער ניט געקענט בעהאַלטען, דאָס מויל איז איהר אויך געווען ווי פערשלאָסען און זי האָט קיין וואָרט ניט געקענט אויסרעדען, און קלעזמער האָט ווייטער געזאָגט:

— עס וואָלט געווען זעהר גראָב און העזה'דיג אַז איך זאָל עפּעס וועלען בויען אויף דעם. איך האָב קיין זאַך נישט געמיינט דערמיט. איך בין ריין דערפון. איך שווער אייך ביי מיין לעבען. איך געדענק אָבער אַז איהר האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַז טאָמער זעהט איהר אַ מאַן צוגעהן צו אייך קוקט איהר אויף איהם ווי אויף אַ פאַלשען, אַ ניט עהרליכען און נאָכמעהר פערדריסט אייך אַז ער וויל אייך האַלטען פאַר אַ נאַר און געהט אייך איינרעדען אַז ער מיינט ניט אייער געלד נאָר אייך אַליין, ווייל ער האָט אייך ליעב. איאָ, איהר האָט מיר אַמאָל אַזוי געזאָגט?

—ס'קען זיין — האָט זי שטיל געמורמעלט.

— אַך, ווי ביטער זיינען געווען די רייד פאַר מיר! אָבער עס האָט זיך דאָך געפונען איין מאַן אויף דער וועלט וואָס האָט אַ סך פרויען אין זיין לעבען געזעהן, אַזוי פיעל ווי מען זעהט בליי־מעלעך אין מאַי און ער האָט גאָרניט געמיינט נאָר אייך אַליין. און ווייל ער איז אַזאַ איינער וועט איהרקיינמאָל ניט קענען חתונה האָבען מיט איהם, וועט איהר דאָך גלויבען, און דאָס זאָל פאַר אייך זיין אַ צייכען אַז איהר האָט געהאַט אַ טעות וועגען אַלע מע־נער. נאָר היט זיך, זעהט איהר זאָלט נישט אריינפאַלען אין די הענד פון אַזאַ אָקס ווי באַלט. איך געה שוין איינפּאַקען מיינע

זאָבען, דערנאָך וועל איך אַריינגעהן צו אייער מאַמען און איהר זאָגען אַז איך פאָהר אַוועק און קען פאַר קיין פאַל ניט בלייבען, איך וועל שוין געפינען עפּעס אַ תירוץ.

און ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיך אַרויסגעהן.

— אויב אַזוי טאָ נעהמט מיט די מאַנוסקריפּטען — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך געשטאַרקט, גענומען דעם פּאַק נאָטען. קלעזמער איז צוריק געגאַנגען און געוואָלט זיי נעהמען פון איהר האַנד.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט חתונה האָבען מיט דעם מאַן וואָס האָט מיך ליעב, אויב איך האָב איהם אויך ליעב? — האָט זי געפרעגט, און איהר שטימע האָט אַזוי געציטערט ווי איינער וואָס געפינט זיך אויף אַ זינקענדע שיף און מוז אַרונטערשפּרינגען פון דער הויך אין אַ קליינע לאָדקע זיך ראַטעווען.

— עס איז צו שווער, עס איז אונמעגליך, איהר וועט דאָס ניט קענען אויספיהרען. איך בין נישט ווערט די ליידען און די יסורים וואָס איהר קענט דורך מיר האָבען. איך וויל נישט דעם קרבן. אַלע וועלען זאָגען אַז מיר זיינען נישט די ריכטיגע פּאָר און וועלען מיך בעשולדיגען.

— האָט איהר מורא פאַר דעם וואָס מען וועט אייך בעשול־דיגען? איך שרעק זיך גאָרניט דערפאַר, איך האָב נאָר מורא אַז מיר זאָלען ניט קענען לעבען צוזאַמען.

ווי זי האָט דאָס אַרויסגערעדט האָבען ביידע דערפיהלט אַז זיי האָבען איין ווילען, איין ציעל שטעהט פאַר זיי ביידען, זיי דאַרפען נאָר געפינען דעם וועג צו איהם. קעטרין האָט אויסגעקליבען דעם נאָהענטסטען וועג. זי איז אַריין אין ביבליאָטהעק צימער וואו זי האָט געטראָפען דעם פאָטער מיט דער מוטער און זי האָט זיי געזאָגט:

— איך בין אַ כלה, איך האָב געגעבען מיין וואָרט הערר'ן קלעזמער און איך וועל חתונה האָבען מיט איהם.

מאַדאַם אַראָפּאַינט האָט דאָס דערהערט און דערפיהלט, ווי אַ דונער וואָלט איהר קאָפּ צושמעטערט. אין דער ערשטער מינוט האָט זי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, איז אַלץ מעהר אויפגעקאָכט

געוואָרען און וואָס עס איז איהר געקומען אין מויל אַריין האָט זי געזאָגט:

— אויב קלעזמער האָט דאָס געהאַט די חוצפה דיר פאַרצו־לייגען, וועט דער טאַטע נעהמען די בייט און איהם ארויסטרייבען ווי אַ הונד, ניט אזוי, אראַפּאַינט, וואָס זאָגסט דו?

הערר אראַפּאַינט האָט ארויסגענומען דעם סיגאַר פון זיין מויל, אויפגעשטעלט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין, קעטרין!

— קיינמאָל נישט! — האָט די מוטער געשריען. — וועסטו דען געפינען אַ מענשען וואָס איז ביים גלייכען שכל, אז ער זאָל זאָגען אז דאָס איז ריכטיג? איינער וועט זיך געהן סמ'ען אָדער הענגען, וועסטו אויך זאָגען אז ער איז משוגע, נאָר משוגעת איז דיך בעפאַלען, קעטרין, שפּיעלסט קאָמעדיעס מיט אונז, וואָס?

— מאַמע, איך בין נישט משוגע, איך שפּיעל נישט קיין קאָ־מעדיעס, איך בין גאַנץ ערנסט און הערר קלעזמער איז דאָ גאָר נישט שולדיג. ער האָט אפילו קיינמאָל ניט געטראַכט, אז איך וועל מיט איהם חתונה האָבען, איך האָב אָבער געזעהן, אז ער האָט מיך ליעב און איך ליעב איהם אויך, האָב איך איהם געזאָגט, אז איך וועל מיט איהם חתונה האָבען.

— גענוג דיר, הער אויף! — האָט די מוטער געשריגען מיט אַ ביטערען קול — מענשען וועלען הערען, וועט מען רעדען פון דיר אין די גאַסען. אַלע וועלען זאָגען, אז דו האָסט דיר אריינגענומען אַ מענשען פון גאַס, האָסט זיך פערקויפט צו איהם, דאָס גאַנצע געלד איהם אוועקגעגעבען, אַבי ער זאָל דיך נעמען. און מיר ווייסען דאָך אפילו נישט ווער ער איז, אַ ציגיינער, אַ איד אָדער גלאַט אַ שאַר־לאַטאַן.

— זאָרג דיך נישט דערפאַר, מאַמע, — איז קעטרין שוין בייז געוואָרען און געזאָגט שאַרף — וועסט גאָר נישט פועל'ן, מיר אַלע ווייסען ווער ער איז, ער איז אַ זשעני פונקט אזוי ווי דער גרוי־סער דיכטער טאַסאָ.

— אוועק יענע צייטען פון דיכטער טאַסאָ און אויסער דעם קלעזמער איז נישטאָ קיין טאַסאָ — האָט נאָך מעהר אויפגערעגט געשריען די מוטער — דו רעד בעסער נישט אזוי, עס וועט דיר

גאָרנישט העלפען, און וועה איז דער טאָכטער, וואָס וויל נישט פאָלגען א מאַמען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך טהו דיר וועה — האָט קעטרין געזאָגט — איך וויל דאָס נישט, איך וועל אָבער נישט מקריב זיין מיין גליק פאַר אַזעלכע זאַכען, וואָס איך גלויב נישט אין זיי. איך בין ווייט פון אייערע פלענער און וועל זיך פאַר קיין פאַל נישט אונטערגעבען.

— דו פערגעססט אָן דיין גאַנצע פליכט, דו מוזט אונז פאָלגען, ביזט דאָך אונזער איינציג קינד און דאָס גאַנצע עשירות דאַרפסטו איבערגעבען דעם, וואָס האָט די ווערטה.

— ווער האָט דאָס די ווערטה צו האָבען אַן עשירות? דער זיידע האָט געהאַנדעלט און געמאַכט א פערמעגען.

— און דו הערסט דאָס אַלץ און שווייגסט? — האָט מאַדאַם אַראָפּאָינט געשריגען צום מאַן.

— איך בין אַן ענגלענדער, אַן עהרען מאַן, מיין קינד, און איך וויל דו זאָלסט חתונה האָבען מיט אַן עהרען מאַן — האָט ער ענדליך אַרויסגעזאָגט, זיך שטאַרקענדיג.

— ער מוז אויך זיין פערבונדען מיט אונזערע אינסטיטוציעס —האָט די מוטער ווייטער גע׳טענה׳ט — דו האָסט פליכטען צו דיין לאַנד אויך און אויב דו האָסט דיר פאַנטאַזיעס, דאַרפסטו זיי אוועקטרייבען צוליעב דיינע פליכטען צו אונזער לאַנד.

— ביזט גאַנץ גערעכט, קיינער לייקענט דאָס נישט אָב — האָט קעטרין גערעדט רוהיגער און וואָס מעהר די מוטער האָט זיך געקאָכט און געהיצט איז זי אַלץ מעהר רוהיג געוואָרען — מענשען קענען אָבער נעמען אמת׳ע ווערטער און זיי אויסטייטשען פאַלש, איהר נעהמט דאָס וואָרט פליכט און רופט אָן דערמיט אַזעלכע זאַכען, וואָס איהר ווילט, אַז אַנדערע זאָלען דאָס טהאָן.

— הייסט עס, אַז טאַטע־מאַמע׳ס ווילען איז נישט קיין פליכט פאַר דיר?

— יאָ, אויב זיי זיינען ריכטיג און גוט. נאָר איידער איך געה מקריב זיין מיין גליק —

— קעטרין, קעטרין, דאָס איז נישט דיין גליק! — האָט איהר די מוטער איבערגעשלאָגען.

— בעסער געזאָגט, איידער איך געה אויפגעבען דאָס, וואָס ווייזט זיך מיר אוים פאַר מיין גליק און לעבען, מוז איך האָבען א וויכטיגערע אורזאך, ווי דאָס, וואָס איך מוז חתונה האָבען מיט אַן עהרען מאַן אָדער פאַר איינעם, וואָס שטימט פאַר א פּאַרטיי, זי זאָל איהם מאַכען פאַר אַן עהרען מאַן... איך וועל חתונה האָבען מיט דעם וואָס איך האָב ליעב און וויים, אַז ער איז מיך ווערט, אויסער, אַז עס וועט זיך געפינען עפּעס א העכערע פליכט, וואָס וועט מיך אָבהאַלטען דערפון.

— דו ביזט בלינד, קעטרין, דו זעהסט דאָס נישט, דו דער־ניעדריגסט זיך און א פּרוי טאָר זיך ניט דערניעדריגען. וואָס שווייגסטו, אַראָפּאַינט? וואָס זאָגסטו איהר ניט וועגען איהרע פליכטען?

— דאַרפסט איינזעהן — האָט אַראָפּאַינט שוין אויך אריינ־גערעדט, — אַז קלעזמער איז נישט פאַר דיר, ער וועט נישט קענען אומגעהן מיט דעם פערמעגען. ער איז א פרעמדער, א מאָדנער, נישט קיין פּראַקטישער מענש.

— איך זעה נישט איין, וואָס דאָס האָט צו טהאָן דערמיט?

— האָט זיך קעטרין געוואונדערט — גענוג פרעמדע האָבען לאַנד אין ענגלאַנד און אַז מיר וואָלטען דאָס גערארפט פערקויפען, וואָלט עס גאַנץ לייכט געקענט אריינפאַלען אין די הענד פון א פרעמדען.

— אָ, עס איז איבריג צו רעדען און צו דיסקוטירען — האָט דער פאָטער איהר איבערגעשלאָגען — מיר מוזען טאָן דאָס זעלבע וואָס אנדערע, מיר מוזען געדענקען אונזער פאָלק און זיין טובה.

— וואָס טויגען די אַלע רייד! — האָט די מוטער געשריגען — אויב דו ווילסט נישט חתונה אָבען מיט אַן אנדערען מאַן, דאַרפסטו דאָך אָבער נישט פערשלייערען זיך פאַר א שאַרלאַטאַן.

— איך פערשטעה נישט אַזעלכע רייד, מאַמע!

— עס קען דאָך אָבער נישט זיין — איז אַראָפּאַינט אַרויס צו דערשטיקען זיין ווייב'ס רייד — מיר קענען איהם ניט אנגע־טרויען דאָס גאַנצע פערמעגען, עס איז אונמעגליך, אונמעגליך.

— זיכער נישט, עס איז אונמעגליך — האָט מאַדאַם אַראָ־פּאַינט געשריען — וואו איז ער? רוף איהם אריין!

— איך קען איהם נישט אריינרופען דו זאָלסט איהם בעליי־

דיגען — האָט קעטרין געזאָגט, — וועסט דערמיט סיי ווי גאָרנישט העלפען.

— דו ווילסט אָבער אודאי אויך ער זאָל וויסען, אַז אויב ער וועט מיט דיר חתונה האָבען, וועט ער אָבער דיין פערמעגען נישט בעקומען ? — האָט די מוטער געפרעגט.

— געוויס, אויב עס זאָל אַזוי זיין, וויל איך טאַקע ער זאָל דאָס וויסען.

— טאָ רוף איהם אריין.

קעטרין איז אריין אין מוזיק צימער און האָט געזאָגט : „קומט אריין". זי האָט געהאַלטען פאר איבריג איהם צו צוגרייטען דערצו. ער איז אריינגעגאַנגען.

— הערר קלעזמער — האָט מאַדאַם אַראָפּאָינט גערעדט הויך און מיט שפּאָט, — עס איז איבעריג נאָכאַמאָל איבערצורעדען דאָס, וואָס איז פּאָרגעקומען צווישען אונז און קעטרין. הערר אַראָפּאָינט וועט אייך זאָגען אונזער בעשלוס.

— עס איז אונמעגליך, אַז איהר זאָלט חתונה האָבען מיט אונזער טאָכטער — האָט אַראָפּאָינט גערעדט און עס איז איהם אַזוי שווער געוועזען צו רעדען. אַלע מאָל האָט ער זיך פערהאַקט, אַפילו די ציגאַר אין מויל האָט איהם נישט געהאָלפען — עס איז אַ ווילדע געשיכטע און איהר דאַרפט בעשטראָפט ווערען פאַר אַזאַ זאַך.

— מיר האָבען געהאַט דאָס צוטרויען אין אייך — האָט די מוטער זיך נישט געקענט איינהאַלטען — און איהר האָט דאָס אויסגענוצט און אונז בעשווינדעלט אַזוי מיאוס !

קלעזמער האָט זיך לייכט פערניינט און געקוקט אויף זיי מיט אַן איראָנישען שמייכעל.

— עס איז אַ ווילדער געדאַנק — האָט אַראָפּאָינט געזאָגט — שלאָגט עס אייך בעסער ארויס פון קאָפּ און פאָהרט טאַקי באַלד אַוועק.

ער האָט געדענקט, אַז דאָס איז שוין גענוג און ער וועט פערשפּאָרען רעדען וועגען פערמעגען.

— איך קען גאָרנישט אויפגעבען און ארויסשלאָגען פון מיין

קאָפּ ביז איך וועל דאָס נישט הערען פון אייער טאָכטער אַליין, אַז זי וויל אַזוי — האָט קלעזמער געענטפערט.

— עס איז איבריג צו טענה'ן וועגען דעם — האָט מאַדאַם אַראָפּאַינט געזאָגט. — מיר וועלען קיינמאָל נישט מסכים זיין דערצו. אויב קעטרין וועט אונז נישט פאָלגען, וועט זי קיין איין פעני נישט קריגען פון אונז, איהר דאַרפט דאָס וויסען און האָבען גוט אין זין.

— מאַדאַם! — האָט ער פעסט געענטפערט — איהר פערמעגען איז געווען די איינציגע שטערונג אין מיין ליעבע צו איהר. א דאַנקען גאָט, וואָס דאָס איז פערשוואונדען, איך מוז אָבער זי פריהער פרעגען, צי זי איז גרייט פאַר דעם קרבן און צי איך בין דאָס ווערט ביי איהר?

— דאָס איז גאָר קיין קרבן נישט פאַר מיר — האָט קעטרין באַלד געענטפערט — ס'טהוט מיר נאָר וועה דעם צער, וואָס איך פערשאַף מיין טאַטע־מאַמע, אָבער דאָס פערמעגען האָב איך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַן אומגליק, וואָס שטערט מיר שטענדיג.

— אַלזאָ, דו רעכענסט זיך מיט אונז גאָרנישט? — האָט די מוטער געפרעגט.

— איך בין פעסט בעשלאָסען חתונה צו האָבען מיר הערר קלעזמער — האָט זי פעסט געענטפערט.

— זאָל ער זיך נישט איינרעדען, אַז מיר וועלען מסכים זיין און זיך איבערבעטען — האָט מאַדאַם אַראָפּאַינט געזאָגט.

— מאַדאַם! — האָט קלעזמער געענטפערט, — איהר ווייסט דאָך, אַז איך קען אייך נישט ענטפערען אַזוי ווי איך וויל און פערשטעה, נאָר איין זאַך וויל איך זאָגען און איהר זאָלט דאָס פערשטעהן. איהר פערמאָגט נישט די זאַך מיר צו געבען, וואָס זאָל ווערטה זיין דאָס מינדסטע פאַר מיר. איך בין אַ קינסטלער און אַלץ וואָס איך פערמאָג איז מיין אייגענס, האָב איך מיר אַליין פערדיענט און איך וועל דאָס נישט פערבייטען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט. איך פערדיין גענוג געלד, אַז אייער טאָכטער זאָל קענען האָבען ביי מיר אַ שעהנעם און אַ גוטען לעבען. איך וועל מיין לעבען נישט בייטען, נאָר דאָס איינציגע וואָס קעטרין וועט ווערען מיין ליעבע פרוי.

— נו, אַלץ איינס, אָבער איהר וועט טאַקי באַלד פערלאָזען אונזער הויז, — האָט מאַדאַם אַראָפּאָינט געזאָגט.

— די מינוט — האָט קלעזמער געענטפערט, זיך פערנייגט און ארויס פון צימער.

— זאָלסט זיך גאָרנישט איינרעדען, מאַמע, — האָט קעטרין געזאָגט, — איך בין הערר קלעזמער'ס כלה און וועל מיט איהם חתונה האָבען.

— מאַדאַם אַראָפּאָינט האָט זיך אויסגעדרעהט, האָט אַ מאַך געטהאָן מיט איהר האַנד, ווי זי זאָל איהר פערלאָזען, און קעטרין איז באַלד אויך ארויס נאָך קלעזמער'ן.

— נאַ, דאָס איז אַלץ פיין — האָט אַראָפּאָינט געזאָגט צו זיין ווייב — אָבער צום טייוועל, וואָס וועט מען טהאָן מיט'ן פערמעגען?

— מיר האָבען דאָך הערי ברענדאַל, ער איז דאָך אונזערס אַ קרוב, ער וויל אָננעהמען אונזער נאָמען און מיר וועלען איהם אַלץ איבערלאָזען.

— אָ, הערי ברענדאַל וועט דאָס גאַנץ גיך פאַרטיג מאַכען — האָט ער געזאָגט און אָנגעצונדען דעם ציגאַר.

און אזוי האָט קלעזמער גלייך פערלאָזען קעטשאָם און די אַראָפּאָינטס.

---

## 10טער קאַפּיטעל.

— מאַמע, נעהם די קינדער און געה ערגעץ אַוועק מיט זיי, — האָט גווענדאָלען געזאָגט צו מאָרגענס אין דער פריה צו דער מוטער — איך וויל זעהן דעם הערר קלעזמער אונטער פיער אויגען.

— מאָדנע! — האָט די מוטער זיך געוואונדערט — ווילסט גאָר בלייבען אַליין?

— יאַ, אזוי וויל איך.

— אָבער לאָז דאָך איזאַבעל כאָטש בלייבען, זי וועט זיצען אין אַ ווינקעל און לייענען אַ בוך. זי וועט דיר גאָרניט שטערען.

— מאַמע, איך בעט דיך, נעהם זיי אַלע מיט, נאָר די גאָווער־נאַנטקע זאָל בלייבען, טאָמער וועט מען עפּעס דאַרפען.

די מוטער האָט זיך נישט געשפּאַרט, האָט גענומען די קינדער און איז אַוועק פון הויז.

באַלד האָט זיך געהערט אַ קלונג און קלעזמער איז אַריין.

— עס איז זעהר שעהן פון אייך — האָט זי געזאָגט, געהענדיג איהם אנטקעגען, — איהר האָט מיר אַ גרויסע טובה געטהאָן דער־מיט און איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר. איך האָף אויך, אַז איהר האָט נישט פאַראיבעל אויף מיר, וואָס איך האָב אייך בעמיהט.

— אייער ביטע איז פאַר מיר אַ בעפעהל — האָט ער איהר געענטפערט און פערנייגט זיך, — עס איז פאַר מיר אַ כבוד, וואָס איהר האָט מיך איינגעלאַדען.

ער האָט געוואָלט זיין זעהר העפליך. איז ער אָבער נאָך אַלץ נישט רוהיג געווען פון דער אונאַנגענעהמער געשיכטע, וואָס ער האָט נעכטען געהאַט ביי די אַראָפּאָינטס. ער איז געווען אונרוהיג און איהר דורכגענומען מיט זיינע שאַרפע אויגען.

גווענדאָלען איז אויך אויפגערעגט געווען פון די לעצטע גע־שעהענישען אין איהר לעבען, האָט זי איהם אפילו נישט געבעטען זיצען. זי איז געשטאַנען ביי איין זייט פון דער פּיאַנאָ און ער ביי דער צווייטער און אָהן שום הקדמות האָט זי אָנגעהויבען:

— איך וויל אייך פרעגען אַן עצה. מיר האָבען פערלאָרען אונזער גאַנץ פערמעגען. מיר האָבען נישט קיין איין גראָשען, נאָר אַט אַזוי ווי מיר שטעהן און געהן. איך מוז איצט מיר אַליין פער־דיענען מיין ברויט און נאָך זאָרגען פאַר די מאַמע, זי זאָל נישט הונגערען. און איין אויסוועג איז פאַר מיר געבליבען, דאָס איינע קלייב איך מיר אויס — איך וויל ווערען אַן אַקטריסע. איך וויל דאָך אָבער זיין אַ גרויסע אַקטריסע, איז מיר איינגעפאַלען צו ווע־רען אַ זינגערין, פערשטעהט זיך, אויב איהר וועט איינזעהן, אַז איך בין פעהיג — האָט זי גערעדט נערוועזער, — איך וויל שטודי־רען פאַר אַ זינגערין.

קלעזמער האָט אַוועקגעלעגט דעם הוט אויף דער פּיאַנאָ, פער־לעגט איין האַנד אין דער צווייטער און זיך פערטראַכט.

— איך וויים, — האָט זי ווייטער געזאָגט און איהר פּנים האָט בעקומען אַלערליי קאָלירען, — איך וויים, אַז דערוויייל זינג איך זעהר שלעכט. איהר דאַרפט אָבער נישט פאַרגעסען, איך האָב

קיין לעהרער נישט געהאַט. איך וואָלט בעדאַרפט לערנען, שטו־דירען. איך וויל ווערען אַ גרויסע אַקטריסע און אַ גרויסע זינגערין, איך זאָל אַלעמען איבערגעהן. איך פערלאָז זיך אויף אייך, הערר קלעזמער. איך האָף, אַז איהר וועט מיר זאָגען דעם ריינעם אמת.

אין דער מינוט איז עפּעס געוועגדאָלין ביי זיך זיכער געווען, אַז דער אמת וועט זיין אַ גוטער פאַר איהר.

קלעזמער האָט נאָך אַלץ געשוויגען. ער האָט אויסגעטהאָן די הענדשקעס און איז אַוועק איבער׳ן צימער. ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איהר. ער האָט זיך געוואָלט קאָנטראָלירען, ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּען מיט אַ וואָרט, וואָס קען איהר וועה טהאָן. ער האָט זיך פּלוצלינג אַ דרעה געטהאָן צו איהר און העפליך געפרעגט:

— איך דענק, אַז איהר האָט קיינמאָל נישט געזעהן קיין קינסטלער און זייער אַרט לעבען, אמת? איך מיין מוזיקער, אַקטיאָ־רען און דאָס גלייכען פון דעם מין.

— ניין, קיינמאָל נישט, — האָט זי געענטפערט און האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער פרעגט זי, אַזאַ יונג מיידעל, אַזאַ פראַגע. עס איז דאָך אונמעגליך זי זאָל דאָס וויסען.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, — האָט ער ווייטער גע־פרעגט, — איהר פערשטעהט, ווען מען וויל עפּעס אונטערנעמען, מוז מען בערעכענען אַלע איינצעלהייטען. איהר זיינט שוין אַלט צוואַנציג יאָהר?

— שוין איין און צוואַנציג — האָט זי געזאָגט און אָנגעהויבען אַביסעל מורא האָבען. — דענקט איהר, אַז איך בין שוין צו אַלט?

קלעזמער האָט אַרונטערגעלאָזען די אונטערשטע ליפּ, געוואָר־פען מיט די פינגער אַהין און צוריק און גאָרנישט געענטפערט.

— אַ סך מענשען הויבען אָן שפּעטער פון אַנדערע, — האָט זי ווייטער געזאָגט און געוועלט זיך אַליין בערוהיגען.

און ווי ער וואָלט גאָרנישט בעמערקט איהרע לעצטע ווערטער, האָט ער אָבער נאָך העפליכער און ווייכער געזאָגט:

— איהר האָט וואהרשיינליך קיינמאָל נישט געדענקט צו ווע־רען אַן אַקטריסע. איהר האָט דאָס קיין מאָל נישט געפיהלט און

נישט געטראַכט וועגען דעם ביז איצט, אין אייער שלעכטער לאַגע, אמת?

— נישט אינגאַנצען ריכטיג, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב שוין אפילו געשפּיעלט אויך. איהר אַליין האָט מיך שוין אויך גע־זעהן שפּיעלען, איהר געדענקט? און זי האָט אַזוי מורא געהאַט, אויב ער האָט אינגאַנצען נישט פערגעסען אין דעם.

— אָ, יאָ, יאָ — האָט ער גיך געענטפערט, — איך געדענק, איך געדענק גאַנץ גוט.

ער האָט ווידער אָנגעהויבען געהן איבער'ן צימער, ווי זיין שטייגער איז געווען. ווען ער האָט מיט עמיצען גערעדט וועגען עפּעס, האָט ער קיינמאָל נישט געקענט איינשטעהן.

גווענדאָלין האָט דערפיהלט, אַז איצט איז זי אויפ'ן וואָגשאָל. דאָס וואָרטען האָט זי געמאַכט אונגעדולדיג. יעדע רגע האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַ יאָהר. זי האָט אָבער געגלויבט, אַז דער ענט־פער וועט נישט זיין קיין שלעכטער און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין פאַר אייער עצה, ווי זי זאָל נישט זיין גוט אָדער שלעכט.

— פרייליין הערליט, — איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און שוין נישט גערעדט אַזוי ווייך, — איך וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת, איך וועל גאָרנישט בעהאַלטען פון אייך, איך וואָלט זיך קיינ־מאָל נישט געקענט מוחל זיין, אַז איך זאָל וועלען אַרויסזאָגען אַ פאַלשע מיינונג, מאַכען אַ זאַך צו ליכטיג, אָדער צו פינסטער. די ערגסטע מענשען אויף דער וועלט זיינען די, וואָס גיבען מיט אַ בייזער כונה אַן עצה דעם צווייטען צו געהן אויף אַ פאַלשען וועג. אויב איך זאָל אייך אָבנאַרען, אייך, אַזאַ שעהנע און גראַטענע מיידעל, און אייך צורעדען צו טהאָן דאָס, וואָס איז נישט פאַר אייך, וואָלט איך געווען דער ערגסטער מענש אויף דער וועלט. אַזאַ מיי־דעל קען דאָך אויך אַן אנדערען וועג געפינען איהר גליק.

קלעזמער האָט גערעדט שטילער און גווענדאָלען האָט געפיהלט, ווי דאָס האַרץ פאַלט איין אין איהר. זי האָט זיך אָבער שטאַרק איינגעקוקט אין איהם און אָבגעהיט זיין יעדעס וואָרט.

— איהר זיינט אַ יונגע, שעהנע מיידעל — האָט ער ווייטער גערעדט. — איהר זיינט אויפגעצויגען געוואָרען אין פערגעניגען און

לוקסוס. איהר האָט געטהאָן, וואָס עס האָט זיך אייך געגלוסט. איהר האָט זיך קיינמאָל נישט געזאָגט: דאָס מוז איך טהאָן; דאָס מוז איך לערנען; דאָס מוז איך פערשטעהן! איהר זייט אויפגעצויגען געוואָרען צו זיין א יונגע, פיינע דאַמע, וואָס מען זאָל זיין גאַנץ העפליך צו איהר און בעציהען זיך צו איהר מיט'ן גרעס־טען דרך ארץ.

א ווײלע האָט ער געטראַכט און ווייטער גערעדט:

— און מיט אזא צוגרייטונג אין לעבען ווילט איהר ווערען אַן אקטריסע? איהר ווילט זיך פערנעהמען אויף א וועג, וואָס גאַנץ אָפט קומט אויס צו ליידען הונגער און נויט, ארבייטען שווער און ביטער און אפילו דאָס ביסעל כבוד, וואָס מען דערוואַרט, בעקומט מען גאַנץ אָפט נישט. דעם כבוד מוז מען זיך פערדיענען פונקט ווי דאָס ברויט. זעהר שווער קומט דאָס אָן, זעהר שווער און אזוי פאַמעליך, און אפשר קיינמאָל ניט. וואָס קען איך אייך זאָגען אין דעם?

קלעזמער האָט געמיינט, אז דאָס איז שוין גענוג פאַר איהר און זי וועט זיך עס איינגאַנצען ארויסשלאָגען פון קאָפּ. דאָס האָט זי אָבער אריינגעבראַכט אין עקשנות און זי האָט געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, אז איהר אַלס קינסטלער וועט האַלטען, אז דער וועג איז דער שעהנסטער און בכבוד'סטער. אויב איך האָב נישט קיין אנדער עצה, מעג איך דאָך ריזיקירען און איינשטעלען ווי א סך אנדערע.

— ווייל זי האָט נישט קיין בעסערען אויסוועג? ניין, מיין טהייערע פרייליין הערליט — האָט ער גערעדט אויפגערעגט — קיינמאָל קען מען נישט געפינען קיין בעסער זאַך. נישט איהר און קיין מענש אויף דער וועלט קענען נישט געפינען קיין בעסערעס ווי צו זיין א קינסטלער. זיי מוזען אָבער דאָס קענען, זיי מוזען זיין פעהיג דערצו. איך מאַך ניט קליין דעם ווערטה פון קינסט־לערס לעבען. ניין, איהר וועט אפשר נישט געפינען נאָך א מענ־שען, וואָס זאָל דאָס אזוי ריהמען און פערגעטערען ווי איך. איך זאָג נאָר, אז געצעהלטע מענשען, וואָס גאָט האָט זיי געשאָנקען דעם טאַלאַנט און די פעהיגקייט דערצו, קענען דאָס דערגרייכען. און אויב מען דערגרייכט עס נישט אזוי גיך, ארבייט מען מעהר און

מעהר ביז מען דערגרייכט דעם ציעל. צי דאָס איז אַ שעהנער לעבען, אַ בכבוד׳ער? געוויס! אָבער דאָס קומט פון אייגענעם הערצען, מען דאַרף זיך אַליין אויסאַרבייטען, קיינער קען דאָס אונז נישט געבען, מיר מוזען עס נעהמען מיט׳ן בלוט פון הארצען און מיט׳ן אייגענעם מאַרך.

די אויפרעגונג פון נעכטען מיט באַלטען האָט ווידער אויפגעפלאַקערט אין איהם געגען זיין אייגענעם ווילען און ער האָט גערעדט אַזעלכעס וואָס ער האָט גאָר פריהער אַליין ניט געוואָלט זאָגען. ער האָט גאָר געוואָלט רעדען מיט איהר איידעל און וועיך און אַזוי אַרום איהר אויפווייזען אַז זי האָט נישט קיין טאַלאַנט פאַר דער ביהנע און זי וועט איהם פאָלגען און מעהר ניט טראַכטען פון דעם. אַז ער האָט אָבער געזהן אַז ער רעדט אויפגערעגט און ער קען נאָך אַרויסרעדען אַזעלכעס וואָס וועט איהר וועה טהאָן, איז ער פלוצלונג שטיל געוואָרען. גווענדאָלען האָט ווידער געמיינט אַז ער רעדט דאָס נאָר אין אַלגעמיין, און זי, וואָס אַלע בעוואונדערען זי און זיינען בעגייסטערט פאַר איהר, האָט נישט געוואָלט גלויבען אַז זי וועט ניט האָבען קיין ערפאָלג אויף דער ביהנע. און זי האָט געזאָגט:

— איך בין גרייט אויף אַלעס, צו ליידען, צו אַרבייטען שווער. געוויס, קיינער קען ניט ווערן בעריהמט אין איין טאָג, און קיינער איז ניט מחויב צו זיין דער בעסטער און דער גרעסטער. איך וואָלט אייך נאָר געבעטען אַזוי גוט זיין און מיר אָנווייזען וואָס צו טהאָן, אַז איך וועל געהן אויף דעם וועג. פאַר קיין זאַך, ווי שווער עס זאָל ניט זיין וועל איך זיך ניט אָבשטעלען. עס איז דאָך אַלץ בעסער איידער צו זיין אַ גובערנאַנטקע. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איך וועל אַלץ טהאָן וואָס איהר וועט מיר הייסען.

קלעזמער האָט געזעהען אַז ער מוז רעדען מיט איהר גאַנץ אָפען און פשוט.

— גוט, איך וועל אייך זאָגען, וואָס איהר וועט דאַרפען טהאָן. נישט איך הייס אייך דאָס טהאָן, נאָר איהר וועט זיין געצוואונגען דערצו. עס איז אַלץ איינס, אָהן אונטערשיעד, צי מען דערגרייכט דעם ציעל אָדער נישט, צי מען ווערט בעריהמט אָדער נישט. איהר מוזט פאָהרען אין שטאָדט אַריין צוזאַמען מיט אייער מוטער. איהר

מוזט זיין אונטער איהר פליגעל, זי זאָל אייך בעשיצען. איהר מוזט נעהמען לערנען זינגען און שפּיעלען פון אָנפאנג אָן.

גווענדאלען האָט געמאַכט אַ בעוועגונג ווי זי וואָלט עפּעס גע־וואָלט זאָגען, ער האָט איהר אָבער ניט געלאָזען און געזאָגט:

— אָ, איך ווייס. איהר ווילט מיר זאָגען, אַז איהר האָט שוין געלערנט זינגען און שפּיעלען, איהר האָט שוין געשפּיעלט און גע־זונגען פאַר מענשען. מיין טהייערע פריילין, איהר מוזט דאָס אַלץ פערגעסען. איהר מוזט פערגעסען אייערע גרייזען. כבוד און בע־ריהמטקייט שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ. איהר מוזט נאָך לערנען און לערנען. אַ צייט לאַנג וועט איהר גאָרנישט פערדיענען, קיין שטעל אין טעאַטער ניט בעקומען. איהר וועט דאַרפען געלד פאַר זיך און אייער מאַמען... נאָר — דאָ האָט קלעזמער איינגעקנייטשט דעם שטערען, אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און געזאָגט: — געלד איז שווין לייכטער צו געפינען.

אין גווענדאַלען׳ס פּנים האָבען זיך געביטען אַלע פאַרבען. זי האָט זיך געפּיהלט שטאַרק דערשלאָגען, דאָס הארץ האָט זיך אַזוי געקאָכט אין איהר און געוואָרפען, זי האָט זיך אוועקגעזעצט, צו־נערוקט אַ שטוהל צו קלעזמער׳ן. ער האָט זיך נישט געזעצט, אָנ־געשפּאַרט זיך אָן פּיאַנאָ און זי אָנגעקוקט. איהר האָט שוין באַנג געטהאָן וואָס זי האָט איננאַנצען געשיקט נאָך איהם און ער האָט ווייטער גערעדט אין דעם זעלבען טאָן:

— און וואָס קענט איהר ערוואַרטען פון אייער גאַנצער אַר־בייט? איהר דאַרפט דאָס אַלץ קלאָר ווייסען. איך וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת. איהר זייט גאָר ניט זיכער אַז איהר וועט עפּעס האָבען דערפון, און אויב אפילו יע, ווער ווייס אויב עס וועט ווערט זיין די גאַנצע מיה?

גווענדאַלען׳ס אויגען האָבען אָנגעהויבען ברענען. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט, ער זאָל נישט בעמערקען איהר אויפגערעגט־קייט און זי האָט געפרעגט:

— וואָס מיינט איהר, איך האָב נישט קיין טאַלאַנט אָדער עס איז שוין צו שפּעט איך זאָל מיך נעהמען ערשט לערנען?

— יאָ, איהר וואָלט דאָס געדאַרפט אָנהויבען מיט אַ זיבען יאָהר פריהער, און אפשר נאָך פריהער. ווען מען האָט אפילו דעם

גרעסטען טאַלאַנט מוז מען אַלץ לעהרנען זעהר פיעל, עס מוז מיט־וואַקסען פון קינדהייט אויף מיט די יאָהרען, און אַלץ דאַרף אויס־געדעכענט זיין אויף אַ האָר. מען מוז זיך גאַנץ יונג אָנהויבען צו ענטוויקלען אום צו ווערען גרויס.

— איך וויל דאָך אָבער נישט דוקא זיין די גרעסטע, איך וויל נאָר נישט זיין קיין זשעני. איך דענק אַז איך האָב אביסעל טאַלאַנט און וועל קענען לערנען.

— איך לייקען דאָס נישט — האָט ער געזאָגט. — ווען איהר וואָלט מיט יאָהרען צוריק אָנגעהויבען לערנען וואָלט איהר אפשר היינט געקענט ווערען אַ זינגערין, כאָטש איך בין זיכער אַז ניט קיין גרויסע.

— נו, געוויס איך פערשטעה — האָט זי געזאָגט — אַז קיינער קען ניט פאַלקאָם שפּיעלען מיט איין מאָל. מען קען אויך ניט פאָראויס זאָגען צי מען וועט האָבען ערפאָלג. איך גלויב אָבער אַז איך וואָלט דערווייל געדאַרפט אָננעהמען אַ שטעל אין טעאַטער, שפּיעלען, געלד פערדיענען און לערנען.

— אונמעגליך, מיין טהייערע פרייליין הערליט. איך רעד מיט אייך פּשוט און אָפען. ס'איז אונמעגליך. מענשען מיינען אַז זיי דאַרפען זיך נאָר אויספּוצען, אָנטהאָן די הענדטשעקלעך און אַרויפגעהן אויף דער ביהנע. די ביהנע איז אָבער נישט קיין פּריוואַט צימער. קיין טהעאַטער בעל הבית וועט אייך אַזוי ווי איצט נישט אַרויפלאָזען אויף דער ביהנע ביז איהר וועט איהם נישט טהייער בעצאָהלען דערפאַר, אָדער ער וועט אייך שיקען קודם כל לערנען זיך. איהר וועט זיך מוזען לערנען ווי צו האַלטען זיך אויף דער ביהנע, ווי צו געהן און ווי צו שטעהן און ווי צו זיצען, פּונקט ווי אַ פערד וואָס מען לערנט פאַר'ן צירק. ניט קוקענדיג ווי שעהן איהר זייט און ווי אנציהענד, מוזט איהר זיך אַלץ לערנען. איהר וועט פאַר קיין פאַל ניט בעקומען קיין שטעל אַז איהר וועט איצט געהן זוכען.

— אָבער גאָט מיינער — האָט זי ניט געקענט פערשטעהן. — איך בין געווען אין טהעאַטער און געזעהען גאַנץ שוואַכע אַקטריסעס וואָס האָבען שרעקליך געשפּיעלט, און דאָך האָבען זיי אַ שטעל.

— יאָ, מיין טהייערע פריילייין הערליט, דאָס איז די לייכטע און

געשווינדע קריטיק. אַלע צושויער מיינען אַזוי. ווי לאַנג האָבען אָבער די שוואַכע אַקטריסעס געאַרבייט אויף זיך? איהר קענט זיי גאַרנישט לערנען, אָבער זיי אייך זעהר פיעל. מען דאַרף קענען שטעהן אויף דער ביהנע, רעדען, אַלץ דאַרף מען קענען. פערשטעהט זיך אַז איך רעד דאָ ניט פון די דאָזיגע וואָס שפּיעלען ערגעץ אין אַ האָל און פערדינען ווענינער פון אַ גוטער נעהטאָרין. וועגען דעם קענט איהר גאַרניט טראַכטען.

— געוויס, איך מוז מעהר פערדיענען. אָבער איך גלויב אַז די אַלע זאַכען וועל איך זיך גאַנץ לייכט קענען אויסלערנען. איך האָב ניט אַזאַ שלעכטען קאָפּ. און איהר ווייסט, זאָגאַר אין פּאַריז האָב איך געזעהען אַקטריסעס שפּיעלען וויכטיגע ראָלען און זיינען געווען מיאוס ווי די נאַכט. אויב אפילו איך האָב ניט קיין בעזונדער טאַלאַנט, אָבער מיין פיגור קען מיר אַרויסהעלפען.

— אַ, לאָמיר זיך בעסער פערשטעהן — האָט ער גע׳טענה׳ט.— איך האָב אייך דאָס אַלץ געזאָגט נאָר דענקענדיג אַז איהר ווילט זיין אַ ריכטיגע קינסטלערין, און דאָס איז צו שווער פאַר אייך צו איין־און־צוואַנציג יאָהר. אַלץ, וואָס איהר וועט טהאָן, וועט ווערען געוואויגען און געמאָסטען, פון אַלע זייטען וועט מען קוקען אויף אייך און אָבהיטען יעדען שריט און טריט. הונדערטער מאָל וועט מען אייך דערנידריגען און אויפווייזען אייערע פעהלערען. איהר וועט מוזען אויסשטעהן פּראָבעס. דאָס גוטע אין אייך וועלען זיי ניט אַנערקענען, די פעהלערען אָבער וועלען זיי שוין גאָר גוט זעהן. איהר האָט געפרעגט מיין מיינונג, וואָס איהר קענט געווינען דערביי. נו, גאָר בעשטימט קען איך נישט רעדען, נאָר לויט די מעגליכקייטען: זעה איך איין אַז גאַנץ שווער וועט אייך אָנקומען צו ווערען עפּעס מעהר ווי אַמיטעלמעסיגקייט, נאָר — עס טרעפט אַז אַ שעהן מיידעל נעהמט זיך צו קונסט נישט אויס ליעבע דערצו, נאָר מיט גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. זי בעווייזט זיך פאַר מענשען, איהר שעהנקייט העלפט איהר צו און שפּעטער פערליבט זיך אַ רייכער מאַן אין איהר, האָט מיט איהר חתונה און זי ווערט אויפגעריכט, קומט אַריין אין לוקסוס. אָבער דאָס קומט אויך ניט אַן לייכט. פריהער מוז מען אויסשטעהן צרות, הונגערען, נעהמען מתנות און געשאַנקען

פון מענשען און אזוי ארום איז מען דאָך קיין קינסטלער אודאי און אודאי נישט.

— איך האָב קיין מאָל ניט געוואָלט נעהמען קיין מתנות, איך וועל קיין מאָל ניט נעהמען — האָט זי נערוועז גע'טענה'ט, שרעקענדיג זיך ווער וויים, צי ער מיינט נישט, אז אויסער אַן עצה האָט זי נאָך געוואָלט פון איהם אנדערע טובות. — איך וויל זיין פריי, ניט אָבהענגיג פון קיינעם ניט. און ווייל איך האָב קיין געלד ניט האָב איך געוואָלט אַננעהמען א שטעל איך זאָל מיר פערדינען מיין ברויט.

— א, איהר רעדט שוין צו הארט צו מיר, — האָט ער ווייבער גערעדט. — איך האָב אייך פערשאַפט יסורים. איך האָב אָבער אנדערש ניט געקענט, איך האָב דאָך אייך געמוזט זאָגען דעם גאַנצען אמת. איך האָב אייך נישט געזאָגט, אז איהר זאָלט אינגאַנצען אויפגעבען אייער האָפנונג פאר דער קונסט. פערקעהרט, איך וועל זיין גליקליך צו זעהן איין שטרעבען צו ווערען א גרויסע קינסטלערין און איך אליין וועל אייך געווים ארויסהעלפען מיט וואָס איך וועל נאָר קענען. מיר וועלען דאָך געהערען ביידע צו איין משפחה, צו דער קינסטלער פאמיליע.

גווענדאָלען האָט געשוויגען און געפיהלט, אז זי איז זעהר וויים פון אַנצונעהמען זיין הילף און עצות און ער האָט ווייטער גערעדט:

— ענטשולדיגט מיר וואָס איך וועל איצט רעדען פון זיך. אין א גאַנץ קורצע צייט ארום וועל איך קענען העלפען. איהר וועט קומען מיט אייער מוטער נאָך לאָנדאָן. איך וועל אייך נעהמען די בעסטע לעהרער, איהר וועט קענען לערנען און פאר קיין זאך זיך נישט זארגען. איך געה חתונה האָבען מיט קעטרין אַראָפּאָינט, נאָר איהר זאָלט דאָס פאר קיינעם דערווייל ניט דערצעהלען. זי וועט מיט אייך זעהר צופרידען זיין, וועט אייך ליעב האָבען, און דאָפּעלט שטארק וועט זיין איהר פרייד צו הערען, אז איהר ווילט זיין א קינסטלערין.

גווענדאָלין איז רויט געוואָרען ווי פייער, אז זי האָט דאָס דערהערט. דאָס וואָס ער האָט חתונה מיט קעטרין האָט איהר גראד נישט געאַרט און ווען זי וואָלט נישט געווען פערנומען מיט איהר אייגענעם צער, וואָלט זי אפשר נאָך געהאַט שפּאַס פאַרצושטעלען

זיך, וואָס דאָרט אין קעטשאָם ביי די אַראָפּאַינטס האָט זיך אודאי אָבגעטהאָן. זי איז גאָר אויפגערעגט געוואָרען פון זיינע רייד איבער איהר, אַז די יונגע קעטרין וועט זיין איהר שפּייזעריין און בעשיר־צערין און קלעזמער טהוט דאָס אויך נאָר מחמת רחמנות. ער האָט דאָך יעצט אַזאַ ביטערע מיינונג וועגען איהרע פעהיגקייטען געהאַט. און ווי ער האָט זי צובראָכען און צושמעטערט! נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אַ שטעל געטהאָן און מיט איהר געוועהנליכען שטאָלץ האָט זי געזאָגט:

— איך ווינש אייך מזל און גליק פון טיפען הארצען צו אייער חתונה, הערר קלעזמער. איך דענק, אַז נאָך אַ בעסערע ווי פריילין אַראָפּאַינט האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהן. איך דאַנק אייך אויך פאַר די אַלע טובות, וואָס איהר האָט מיר היינט געטהאָן. איך קען זיך אָבער שוין אין דער איצטיגער מינוט אויף גאָרנישט בע־שליסען. אַז איך וועל בעשליסען, וועל איך אייך לאָזען וויסען. איך האָב מורא, אַז די שטערונגען זיינען צו גרויס. אַלץ איינס בין איך אייך זעהר דאַנקבאַר, עס איז אַ דרויסטקייט געווען פון מיר אייך צו בעמיהען מיט דער גאַנצער געשיכטע.

— נאַ, זי וועט מיר שוין גאָר נישט לאָזען וויסען, — האָט ער זיך געטראַכט. ער האָט איהר אָבער גאַנץ העפליך פאַרגעלייגט:

— צו יעדע צייט בין איך גרייט. דאָ האָט איהר מיין אדרעס און איך וועל תמיד אַלץ טהאָן פאַר אייך.

גווענדאָלין האָט געזעהן ווי ער נעהמט זיין הוט און וויל געהן. האָט איהר שוין באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט אַזוי גערעדט צו איהם. ער איז דאָך צו קלוג, ער זאָל נישט פערשטעהן, וואָס זי האָט גע־מיינט. האָט זי איהם דערלאַנגט די האַנד און מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— אויב איך וועל זיך פערנעמען אויפ׳ן נישט ריכטיגען וועג, וועט עס נישט זיין אייער שולד, איהר האָט מיר פריהער מתרה געווען.

— זאָל אייך גאָט היטען, איהר זאָלט געהן אויף אַן אַנדערען וועג, אויסער דעם, וואָס זאָל אייך ברענגען גליק און צופרידענהייט — האָט ער איהר וואַרעם געזאָגט. ער האָט איהר לייכט אַ קוש געטהאָן אין האַנד, איז אַרויס און אין אַ מינוט אַרום האָט איהם די

קאַרעטע אַוועקגעטראָגען און גווענדאָלען האָט בלויז דעם רויש פון די רעדער דערהערט.

גווענדאָלען האָט קיינמאָל נישט אַזוי ביטער געפיהלט ווי איצט. זי האָט אַפילו קיין זיפץ נישט אַרויסגעלאָזט, קיין טרעהר האָט זיך אין איהרע אויגען נישט בעוויזען. נאָר דער גאַנצער מוח האָט איהר געברענט ווי אַ פלאַם פייער. זי האָט דערזעהן ווי נאַריש און פוסט דאָס לעבען איז. עס לוינט זיך גאָרנישט לעבען און האָ־בען, אַלץ איז איין שווארץ יאָהר, אַלץ איז איהר מיאוס געוואָרען אין די אויגען. זי האָט אַפילו זיך נישט געקענט אויפשטעלען און עס האָט איהר אַזוי וועה געטהאָן, וואָס ער האָט איהר געזאָגט. זי איז צו אַלט... זי האָט נישט קיין טאַלאַנט... זי וועט קיינמאָל נישט זיין בעריהמט... איהר שעהנקייט וועט אויך קיין ווערטה נישט האָ־בען, מען וועט זיך נישט רעכענען מיט איהר... אָבער נאָך מעהר האָט זי פערדראָסען, וואָס ער האָט זי פערגליכען צו די מיידלעך, וואָס געהן אויף דער ביהנע, כדי אַ רייכער מאַן זאָל זיך אין זיי פער־ליעבען... גוואלד! ווי קען זי איצט פאָהרען מיט דער מוטער און די קינדער נאָך לאָנדאָן? זאָל זי נעהמען קצבה פון קלעזמער'ן? ניין, זי קען נישט דערלאָזען, אַז די מוטער זאָל אָנקומען צו דער פריילייו אַראַפּאַינט'ס גוט האַרץ. עס איז נאָך ערגער ווי צו זיין אַ גאָווערנאַנטקע. ניין! זי קען דאָס ניט טהאָן! זי האָט געהאַט אַ טעות. אַ נאַרישען חלום האָט זי גע'חלומ'ט. אַ סוף, אַ סוף. זי טאָר מעהר נישט קלעהרען וועגען דעם.

די מוטער איז אַהיים געקומען און געפרעגט:

— נו, מיין קינד, וואָס האָט דיר הערר קלעזמער געזאָגט? ביזט דו צופרידען מיט דעם געשפּרעך, וואָס דו האָסט געהאַט מיט איהם?

— צופריעדען? אָ יאָ, מאַמע, זעהר צופרידען — האָט זי שאַרף געענטפערט.

— דער פעטער און די מוהמע זיינען געווען אין כעס, וואָס דו ביזט ניט געקומען מיט מיר. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דו האָסט זיך געוואָלט אויסרוהען.

— האָסט גאַנץ גוט געטהאָן, מאַמע — האָט זי אַלץ אין זעל־בען טאָן גערעדט.

— קען איך נישט וויסען, וואָס דו האָסט מיט איהם גערעדט? מוז דאָס בלייבען א סוד פאַר מיר? — האָט די מוטער געפרעגט דערשראָקען, פיהלענדיג אין גווענדאָלען'ס אויפגערעגטקייט, אז זי האָט געהאַט עגמת נפש.

— איך האָב דירווירקליך גאָרנישט צו דערצעהלען, — האָט זי געזאָגט, — מאַמע, איך האָב געהאַט א טעות אין עפּעס א פּלאַן. הערר קלעזמער האָט מיך נישט אָבגענאַרט, קיין שום שלעכטס נישט געטהאָן און דאָס אַלץ.

— אָבער קוק נישט אַזוי און רעד נישט אַזוי, איך קען נישט איבערטראָגען! — האָט די מוטער זיך געבעטען און געציטערט פאַר א בעהאַלטענע שרעק.

גווענדאָלען האָט פאַר א מינוט צייט געקוקט אויף דער מוטער און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי האָט זיך געביסען די ליפּען, באַלד איז צו איהר צוגעגאַנגען, ארומגענומען מיטביידע הענד, און גאַנץ שטיל געזאָגט:

— מאַמע, רעד נישט צו מיר איצט. עס איז איבריג צו וויינען אָדער אַן איבריג וואָרט פערליערען וועגען דעם. דו וועסט דיר זעהן וואוינען ערגעץ וואו אין א קליין הייזעלע און איך, איך וועל געהן צום בישאָף און ווערען א גאָווערנאַנטקע ביי זיינע קינדער. מעהר קען מען אפילו נישט רעדען וועגען דעם, אנדערש קען עס נישט זיין, און וועמען אַרט דאָס? עס איז קיינעם קיין חלוק נישט, וואָס מיר וועלען טהאָן. איך האָב אָבער אַזוי מורא, איך שרעק זיך אַזוי, וואָס מיט אונז וועט זיין. מאַמע, העלף מיר, העלף מיר, מאַמע...

די מוטער האָט אינגאַנצען געציטערט פאַר שרעק. זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זיך שטאַרק צואוויינט און שטילערהייד ארויס פון צימער.

---

## 11טער קאַפּיטעל.

גווענדאָלען האָט גערדאַנקט גאָט, וואָס איהר געשפּרעך מיט קלעזמער'ן איז פאָרגעקומען נאָך איידער זי האָט זיך ווידער בעגעגענט מיט'ן פעטער גאַסקאָין און מיט דער מוהמע. זי האָט בע־

שלאָסען אז זי איז נישט געווען פּאסענד דערצו און איצט וועט זי שוין רוהיג אויסהערען יעדען פאָרשלאג, ווי ערנידעריגענד ער זאָל נישט זיין.

געטראָפען האָט זי זיך מיט זיי ערשט מאָנטאג, ווען זי איז צו זיי צוגעגאנגען מיט דער מוטער. אויפ'ן וועג האָבען זיי אָבגע־טרעטען און אָנגעקוקט אַ קליין הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען זיך באַלד געדאַרפט איבערציהען. דאָס איז געווען אַן אַלט, אָבגעלאָזען הייזעל און צימערען ווי די קעמערלעך, נישט ריין, ארומגעריסענע טאַפּעטען.

— מאַמע, ווי אַזוי וועסטו דאָס איבערטראָגען? — האָט גווענדאָלין געפרעגט — דו מיט די פיער קינדער אין דער פערלאָז־טער חורבה? און נאָך אָהן מיר?

— דאנקען גאָט, וואָס דו וועסט דאָס נישט דארפען דורכ־מאכען — האָט די מוטער געזאָגט.

— איי, ווען איך דארף נישט קיין געלד, וואָלט איך שוין בע־סער דאָס אַלץ איבערגעטראָגען איידער צו ווערען אַ גובערנאנטקע.

— רעד דאָך נישט אַזוי — האָט די מוטער געבעטען, — וועסט אָננעהמען דאָס פּלאַץ און וועסט דאָרט האָבען אַלע פערגעני־גענס, וואָס דו וועסט נאָר וועלען. בעסער אַזוי, איידער דו זאָלסט דיר ברעכען די פיס צו קריכען אויף די שטיגען פון דעם אַלטען, נידעריגען הייזעל.

— ווי אַ ביטערער חלום זעהט מיר דאָס אַלץ אויס — האָט גווענדאַלען טרויעריג געזאָגט — דער פעטער וואָלט דיך נישט געדאַרפט לאָזען געהן וואָהנען אין אַזאַ אָרט. ער וואָלט בעדאַרפט עפּעס זעהן אַן אַנדער עצה.

— זיי נישט אונגערעכט צו איהם — האָט איהם די מוטער פערענטפערט. — וואָס האָט ער דען אַנדערש געקענט טהאָן?

— דאָס געהער שוין צו איהם — האָט גווענדאַלען גע'טענה'ט.

— עס איז דאָך אַזוי שרעקליך מיט איינמאָל אַזוי צו זינקען אין אָרימקייט און נויט...

און אַזוי רעדענדיג זיינען זיי אָנגעקומען צו גאַסקאָינען.

די גאַנצע פאַמילע גאַסקאָין, זיין פרוי און אפילו אַנאַ, האָבען פערגעסען וואָס גווענדאָלין האָט געטהאָן מיט רעקס'ען, זיי האָבען

איהר אַלץ מוחל געווען, גערעדט מיט איהר אַזוי איידעל, זי גע־טרויסט און געגעבען גוטע האָפנונגען, ווי מיט אַ קינד וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק האָבען זיי מיט איהר גערעדט. גוועגדאָלען האָט אויך געזעהן אַז דער פעטער גאַס־קאָין האָט פאַר איהר מוטער זעהר פיעל געטהאָן. ער האָט פער־קויפט זיין קאַרעטע מיט די פערד, אָבגעזאָגט די דיענסטען און דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געמאַכט דערביי האָט ער אויסגעגעבען פאַר דער מוטער, האָט זי שוין געמוזט שווייגען און זי האָט איהם שוין ניט געקענט אויסרעדען וואָס ער לאָזט די מוטער אריינציהען אין אַזאַ'ן אָרים, אַלט הייזעל.

איך האָב איינגעזעהן אַז עפּעס מוז באַלד געטהאָן ווערען פאַר דיר, גוועגדאָלען — האָט גאַסקאָין געזאָגט — און וויפיעל איך האָב נישט געזוכט און געטראַכט האָב איך אויסגעפונען אַז קיין בעסער אָרט ווי ביים בישאָף מאָמפערט ועסט דו נישט האָבען. איך קען זיי גאַנץ גוט. נאָר פרוי מאָמפערט וויל דיך פריהער זעהן איידער זי וועט דיך צונעהמען. נו, פערשטעהסט דאָך, אַ מאַמע, זי זאָרגט שטאַרק וועגען איהרע קינדער וויל זי דיך אַליין פריהער דערקענען. איך בין אָבער זיכער אַז דו וועסט איהר געפעלען. איך בין גאַנץ זיכער אין דעם.

— זי געהט דאָך אָבער מיר נישט קויפען אויפ'ן גאַנצען לעבען, וואָס זי געהט מיך אַזוי בעטראַכטען פאַראויס! האָט גוועגדאָלען גערעדט פערביטערט.

— אָ, רייד נישט אַזוי — האָט ער זי געבעטען — זי וויל דיך קענען פריהער, וועסט דאָך דאַרפען אומגעהן מיט איהרע טעכ־טער. אַזוי אָבער וועט דיר דאָרט גאַנץ גוט זיין. זיי זיינען רייך אין קיין זאַך וועט דיר נישט פעהלען. דו וועסט אויך פון בישאָף קענען אָבלערנען אַ סך, זעהר פיעל וואָס דו ווילסט נאָך דערווייל נישט.

גוועגדאָלען האָט דערפיהלט ווי בייזע שלאַנגען וואָלטען איהר לייב ארומגעוויקעלט און זי נישט אָבגעלאָזט. דעם בישאָף'ס הויז האָט זיך איהר אויסגעוויזען ווי אַ געפענגניס, וואָס ווי נאָר זי וועט די שוועל אריבערטרעטען וועט זי שוין מעהר ניט זעהן די ליכטיגע שיין אונוועט אייביג מוזען דאָרט פערבלייבען.

— די מאַמע האָט מיר, דאַכט זיך, געזאָגט אַז עס איז דאָ נאָך אַ פּלאַץ פאַר מיר? — האָט זי געפרעגט, קוים בעהערשענדיג זיך פון גרויס אויפרעגונג.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט אונצופרידען. — נאָר דאָס איז אין אַ שולע. איך וואָלט נישט געוואָלט אַז דו זאָלסט דאָס אָננעהמען. עס וועט זיין צו שווער פאַר דיר, קיין פערגלייך ניט ווי ביי דעם בישאָף. און אויסער דעם קענסטו עס ניט אַזוי לייכט בעקומען.

— דו וועסט אויך ניט האָבען קיין בעזונדערן צימער פאַר דיר — האָט פרוי גאַסקאַין אריינגערעדט.

גווענדאָלען האָט זיך דערמאָנט ווי שווער עס איז צו זיין אַ לעהרערין, צו האָרעווען מיט אַ מחנה קינדער און זי האָט איינגע־זעהען אַז אַלץ איז פערפאַלען, זי מוז אָננעהמען דעם פעטער׳ס פאָרשלאַג, און זי האָט געפרעגט:

— ווען וועט די פרוי בישאָף שיקען נאָך מיר?

— דאָס ווייס איך גראַד נישט. זי האָט מיר אָבער צוגע־זאָגט אַז זי וועט מיט קיין אַנדערען וועגען דעם ניט ריידען ביז זי וועט דיך האָבען געזעהען. זי גיעהט אריין אין דיין לאַגע, זי וויל דיר העלפען. אָ, זי וועט אודאי די טעג נאָך דיר שיקען.

זי האָט שוין גאָרנישט געענטפערט, איז באַלד אַהיים געגאַנגען מיט דער מוטער און ערשט אין דער היים האָט זי דערפיהלט ווי ביטער איהר איז. איהר גאַנצע האָפענונג איז אויסגעלאָשען. דער בישאָף וועט זיין איהר אויבער־האַר און די דריי טעכטער זיינע וועלען קלעפּען אַן איהר, זי וועט קיינמאָל ניט זיין פריי, פערקויפט ווי אַ דיענסט. דאָס לעבען איז איהר נמאס געוואָרען, קיין זאַך האָט זי ניט געקענט פערטראָגען. זי האָט גאַנצע טעג קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי האָט זיך איינגעשלאָסען אין איהר צימער און קיינעם נישט געוואָלט זעהן און צו קיינעם ניט געוואָלט רעדען.

איהר מוטער, פרוי דאַווילאָוו, איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילע. זי האָט איהר ניט געשטערט. זי האָט פערשטאַנען איהר צער און האָט זי שמילערהייט אָבגעהיט אויף שריט און טריט.

איינמאָל, ווען די מוטער איז אַריינגעגאַנגען אין איהר צימער

גלייכלייגען איהרע קליידער, איז גווענדאָלען פּלוצלונג אויפגעשפּרונ־גען, צוגעטראָגען צו איהר דאָס קעסטעל מיט ציערונג און געזאָגט:

— מאַמע, איך האָב גאָר געהאַט פערגעסען אין דעם, וואָס האָסטו מיך ניט דערמאָנט? זעה, פערקויף דאָס. זאָל דיך נישט אַרען. עס איז דאָך שוין אַזוי לאַנג ווי דו האָסט עס מיר געגעבען.

— אפשר וועלען מיר זיך קענען בעגעהן אַזוי און ניט פער־קויפען, איך וויל בעסער דו זאָלסט עס האָבען — האָט די מוטער געזאָגט און געפיהלט זיך אַזוי צופרידען וואָס גווענדאָלען האָט אָנגעהויבען רעדען און וועט שוין ניט מעהר אין דער שטיל טראָגען איהר שווערען צער. — אָבער וואָס ליגט עפּעס דאָ אַ טאַשענטיכעל?

דאָס איז געווען דאָס טאַשענטיכעל מיט'ן אויסגעריסענעם מאָנאָגראַם וואָס זי האָט צוריק בעקומען נאָכדעם ווי זי האָט גע־האַט פער'משכונ'ט איהר בראַסליעט פאַר געלד אויף הוצאות און דער האָטעל דיענער האָט איהר צוריק געבראַכט אין דעם דעם בראַסלעט.

— אַ דאָס, דאָס איז געווען צוזאַמען מיט'ן בראַסליעט — האָט זי געזאָגט. — איך האָב זיך געאיילט און זיי אַוועקגעלייגט אין איינעם. יאַ, מאַמע, אַלץ זאָלסטו פערקויפען, נאָר דעם בראַס־ליעט נישט, דאָס לאָז מיר איבער...

און וועלענדיג איבערלאָזען ביי זיך דעם בראַסליעט וואָס דער „פרעמדער" האָט איהר צוריק געשיקט, האָט זי עפּעס אַזוי מאָדנע דערפיהלט, אַזוי גוט, וואָס זי ראַטעוועט דאָס און עס וועט ביי איהר איבערבלייבען.

— געוויס נישט, מיין קינד, דאָס איז דאָך געמאַכט פון דיין טאַטען'ס גאָלדענע קייט — האָט די מוטער געענטפערט. — איך דענק אָבער אַז דאָס אַנדער ציערונג זאָלסטו אויך נישט פערקויפען. דאָס איז נישט ווערט קיין סך סיי ווי סיי. מיין טהייערע ציערונג האָב איך שוין לאַנג פערלאָרען.

— אַך, דאָס איז איבעריג אין גאַנצען — האָט גווענדאָלען זיך איינגעשפּאַרט. — גאָווערנאַנטקעס טראָגען נישט קיין ציערונג. מאַך מיר בעסר אַ שוואַרץ קלייד און אַ שטרויענע האַנד־טאַש, ווי די אָרימע מיידלעך ביי דער מוהמען האָבען...

— דענק נישט אַזוי, קינד מיינס; וועסט זעהן, די מאַמ־פערטס וועלען וועלען אַז דו זאָלסט געהן גאַנץ עלעגאַנט און שעהן אָנגעטהאָן.

— וואָס ווייס איך, וואָס זיי וועלען וועלען פון מיר? — האָט זי ביטער געזאָגט. — איינס ווייס איך אָבער יא, אַז איך וועל מוזען זיין דאָס וואָס זיי וועלען פאָדערען...

— אויב דו ביזט געגען דעם, זאָג מיר, — האָט זי זיך ביי איהר געבעטען. — זאָג מיר וואָס דו פיהלסט, בעהאַלט ניט פון מיר, איך וויל מיט דיר צוזאַמען אַלץ ליידען.

— איך האָב דיר גאָרנישט צו דערצעהלען. איך קען דאָך קיין אַנדער זאַך נישט טהאָן. איך האָב דען עפּעס בעסערס? איך מוז זיך נאָך פיהלען גליקליך אַז זיי וועלען מיר צונעהמען. איך מוז זעהן קריגען געלד פאַר דיר, מאַמע טייערע. דאָס איז דאָס איינ־ציגע וואָס איך דאַרף איצט קלערען און טראַכטען. פאַר זיך וועל איך דאָס יאָהר קיין פּרוטה ניט אויסגעבען. דאָס גאַנצע פערדיענסט וועל איך דיר אַוועקגעבען. איך ווייס נישט אויב דאָס וועט דיר גענוג זיין. איך וויל אָבער נישט אַז דו זאָלסט דיר צושטעכען די איידעלע פינגער אויסנעהענדיג פאַר פרעמדע מענשען און דו זאָלסט פערלירען דאָס ביסעל ראיה פון דיינע אויגען וואָס די טרערען האָ־בען דיר נאָך איבערגעלאָזט.

— גאָט זאָל דיך בענשען, מיין קינד, פאַר דיין גוט הארץ — האָט די מוטער מיט טרערען געזאָגט. — אָבער זיי דאָך נישט פער־צווייפעלט, עס קען דיר נאָך גאַנץ גוט זיין, ביזט דאָך נאָך אַזוי יונג. גאָט וועט העלפען, וועסט זעהן.

— איך זעה נישט קיין שום האָפנונג — האָט גווענדאָלין געזאָגט.

זי האָט געהאַלטען אין האַנד דעם בראַסליעט, געשפּיעלט זיך מיט איהם און געזאָגט:

— איך וועל האַלטען דעם בראַסליעט, מאַמע, זעה אָבער פערקויף די איבעריגע ציערונג, וויפיעל דו זאָלסט נישט קריגען פאַר דעם, זאָלסט דו נעהמען. מאַמע, פיהלען אַלע אונגליקליכע מענשען אַזוי ווי איך?

— דו טרייבסט איבער, מיין קינד, עס איז ניט אַזוי שרעק־ליך ווי דו זאָגסט, — האָט די מוטער זי געוואָלט בערוהיגען.

— ווע קען אימיצער וויסען צו איך איבערטרייב — האָט זי זיך גע׳כעס׳ט. — איך זאָג דאָך נאָר וואָס איך פיהל, ניט וואָס אימיצער אנדערש.

זי האָט גענומען דאָס טיכעל, איינגעוויקעלט אין דעם דעם בראַסליעט און אוועקגעלייגט אין קעסטעל און זי האָט אליין ניט געוואוסט פאר וואָס זי טהוט דאָס אַזוי, פאַרוואָס עפּעס הייסט זי אלץ פערקויפען, נאָר דעם בראַסליעט נישט. דאָס איז פאַר איהר אליין געווען אונפערשטענדליך. עפּעס האָט זי זיך געשראָ־קען, ווי דאָס הארץ וואָלט איהר עפּעס פאַרגעזאָגט. וואָס? האָט זי קיין אהנונג ניט געהאַט. שטענדיג, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אן דעראָנדא׳ן, איז אַ מאָדנער ציטער איהר דורכגעלאָפען און עס איז איהר נישט קלאָר געווען צי זי איז בייז אויף איהם, וואָס מיט זיין בליק און האנדלען אנטקעגען איהר, איז זי עפּעס אָבגעשוואכט געוואָרען, איז געוואָרען איהם אונטערטהעניג, אָדער אפשר איז ער גאָר איהר געפעלען. זי בעוואונדערט איהם פאַר זיין שטאַרקען כאַראַקטער און זי האָט מורא פאַר איהם. דאָס וואָס זי האָט זיך איבערגעלאָזט דעם בראַסליעט איז פאַר איהר אליין געווען אַ גרויסער סוד, וואָס זי האָט פאַר קיין פאַל איהם ניט גע־קענט פערשטעהן...

---

## 12־טער קאַפּיטעל.

באַלד ווי גראַנדקאָרט איז אָנגעקומען אין ליבראַן און דער־הערט אַז גוועגדאָלען איז שוין ניטאָ דאָרט, האָט ער נאָר עטליכע ווערטער ארויסגערעדט: „עך, אַ פאַסקודנער פּלאַץ!“ און דאָס איז שוין גענוג געווען פאַר לוש׳ען, ער זאָל פערשטעהן אַז גראַנד־קאָרט וועט שוין דאָ ניט לאַנג פערבלייבען, און גאַנץ מעגליך אַז נאָך דעם זעלבען טאָג וועלען זיי צוריקפאָהרען נאָך דיפּלאָ.

גראַנדקאָרט איז אָבער נאָך איבערגעבליבען, אַ ביסעל צו להכעיס לוש׳ען, ער זאָל נישט מיינען אַז ער קען איהם שוין אַזוי

גוט און ער פערשטעהט איהם אויפ'ן וואונק. מאַדאַם מאַלינדזשער האָט קיין גרויסען פערגעניגען ניט געהאַט ווען זי האָט זיך געטראָפען מיט איהם. ער האָט איהר דאָך תמיד דערמאָנט אָן דעם יורש פון איהר מאַן'ס פערמעגען, און ניט אָן אייגענער זוהן, וואָס ווער ווייס פאַר וועמעס זינד זי קען איהם ניט האָבען.

דעראָנדאָ האָט אויך קיין גרויסע הנאה ניט געהאַט פון גראַנדקאָרטען. ער האָט איהם דערמאָנט אין זיין אונגליק. ווען ניט דער סוד וואָס איז אַרום איהם, וואָלט ער געוויס געווען דער יורש, ניט גראַנדקאָרט. אַזוי אָבער ווי סער הוגאָ האָט איהם מורא געהאַט אָפען צו אַנערקענען פאַר'ן לייבליכען זוהן קומט דאָס אַלץ אָן צו גראַנדקאָרטען און ער מוז צוקוקען און שווייגען. עס האָט איהם טאַקע גוט פערדראָסען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַז גראַנדקאָרט זאָל עפּעס בעמערקען אַז ער פערגינט איהם נישט און ער האָט געזהען אומצוגעהן מיט איהם אויפ'ן פריינדליכסטען אופן, אַזוי ווי דאָ וואָלט גאָר נישט געווען. און ער האָט גאָר אין גאַנצען אָנגעהויבען פיינט צו האָבען געלד און עשירות.

נאָר וויפיעל האָט ער ניט געפּרואווט בעהאַלטען און פערשטעלען זיך פאַר גראַנדקאָרטען, איז עס איהם אָבער אַלץ נישט געלונגען. גראַנדקאָרט האָט דערפיהלט אַז דעראָנדאָ פערגינט איהם נישט די ירושה. ער אַליין האָט אויך געגלויבט אַז דעראָנדאָ איז דעם אַלטען מאַלינדזשער'ס אַ זוהן, זיין אייגענער שוועסטערקינד. נאָר ווער ווייס פאַרוואָס דער אַלטער האָט מורא געהאַט דאָס אויסצוזאָגען... ער איז גראַד דערפון זעהר צופרידען געווען. ער האָט אפילו גערעדט מיט איהם גאַנץ העפליך, אָבער דאָך ווי אַ גרעסערער מיט אַ קלענערען, ווי אַ הערר מיט זיין קנעכט. קיין סך האָט ער קיין מאָל מיט איהם נישט גערעדט, און ווי אַ בעל־הבית האָט ער איהם געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, קענסטו קומען צו מיר אין דיפלאָ אויף געיעג... דעראָנדאָ'ן האָט דאָס אַלץ שטאַרק וועה געטהאָן, ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפען, האָט ער געליטען און געשוויגען.

לוש'ען, פערקעהרט, האָט גאָר ניט געאַרט וואָס גראַנדקאָרט איז נאָך געבליבען, ער האָט גאַנץ גוט פערבראַכט זיין צייט, ער האָט דערווייל געהאַט די געלעגענהייט צו דערצעהלען דעם אַלטען

מאַלינדזשער פון גראַנדקאָרט'ס אויפפיהרונג, גאַנצע פּעק מיט מעשות האָט ער איהם אָנדערצעהלט וועגען איהם. ער האָט אפילו געוואָלט רעדען מיט דעראָנדאַ'ן אויך וועגען גראַנדקאָרטען, האָט אָבער דעראָנדאַ נישט געוואָלט אויסהערען. לוש האָט שטענדיג געהאַט די טבע צו געהן פון איינעם צום צווייטען און דערצעהלען מעשות. אָט האָט ער גערעדט מיט מאַלינדזשער'ן וועגען גראַנד־קאָרטען, און באַלד איז ער אוועק צו גראַנדקאָרטען און איהם דער־צעהלט וועגען דעם אַלטען מאַלינדזשער. ער האָט דעם אַלטען דערצעהלט אַז גראַנדקאָרט וויל חתונה האָבען מיט גווענדאָלין הער־ליט, וועלכע איז אַן אָרים מיידעל, און ער וועט געוויס דאַרפען געלד, און צוליעב דעם וועט ער אָבלאָזען די פלאַפיעלד.

— נאָר איילט זיך נישט צו — האָט ער איהם אָנגעזאָגט, — וואַרט אַ ביסעל, גראַנדקאָרט האָט אַ טבע אַז ווייל יענער וויל, וויל ער נישט. אַז ער וועט דאַרפען געלד וועט ער שוין אַליין בעטען...

לוש האָט געמיינט אַז גראַנדקאָרט וועט דאָ פערבלייבען פאַר אַ לענגערע צייט. ער איז אָבער איבערראַשט געוואָרען ווען גראַנד־קאָרט האָט איהם צומאָרגענס אַ פרעג געטהאָן:

— זאָגט נאָר, האָט איהר אַלץ צוגעגרייט אויף דער רייזע נאָך פּאַריז?

— איך האָב דאָך נישט געוואוסט אַז איהר פאָהרט.

— האָט איהר יאָ בעדאַרפט וויסען — האָט גראַנדקאָרט גע־זאָגט און ניט געקוקט אפילו אויף איהם. — געהט גרייט אַלץ צו וואָס גיכער און זאָגט די מאַלינדזשערס וועגען דעם.

צו מאָרגענס אין דער פריה זיינען זיי אָנגעקומען אין פּאַריז. לוש האָט באַלד געמוזט פאָהרען נאָך פלאַפיעלד און גראַנדקאָרט איז נאָך אויף עטליכע טעג פערבליבען און אויך באַלד אהיים גע־פאָהרען.

פאַר דער צייט וואָס לוש איז אַליין געוועזען אין די פלאַפיעלד האָט ער נישט בלויז מיט די פערד און די בעדיענטע און דאָס גאַנצע ווירטשאַפט זיך אָבגעגעבען, ער האָט זיך אויך גוט נאָכגעפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי גווענדאָלענען, און אַז ער איז געוואָהר גע־וואָרען ווי פעראָרימט זי איז געוואָרען האָט ער שוין אַליין ניט געוואוסט וואָס דאָ וועט זיך אויסלאָזען. עס קען זיין אַז איצט

וועט שוין גראַנדקאָרט אַליין זי נישט וועלען. און אַז אפילו יאָ ווער וויים צי זי, גוועגדראָלען, אַזאַ בעל־גאוה, וועט נאָך אַלע צרות איהרע וועלען חתונה האָבען מיט איהם. גוועגדראָלען איז איהם שטאַרק ניט געפֿעלען. ער איז אַלץ געבליבען ביי דאָס זייניגע אַז זי איז נישט קיין גלייכע פּאָר פאַר זיין בעל הבית. איי, ווען ער פאָלגט איהם און האָט חתונה מיט די רייכע אראָפּאָינט, וואָלט געווים גוט געווען, אַז נישט זאָל ער כאָטש שוין חתונה האָבען מיט פרוי גלאַשער, זיין געליעבטע. זי האָט דאָך איהם געהאַט עטליכע קינדער. נאַ, ווען זי ווערט די בעל הבית'טע וואָלט איהם, לוש'ן, שוין גאָר גוט געווען. ער איז דאָך פון אייביג אַן איהרער א גוטער פריינד. זי וואָלט דאָך איהם תמיד געדענקט און דאַנקבאַר געווען. זאָל ער אָבער נעהמען גוועגדראָלענען, אָט דאָס אָרימע מיידעל, וואָס פאַר א גוטס וועט זי איהם אריינברייגגען? צרות, יא, גאַנץ גענוג. און וואָס איז ער זיכער? אַזאַ בעל־גאוה'ניצע, זי קען איהם, לוש'ען, אין גאַנצען אוועקשיקען...

ער האָט אָבער בעשלאָסען שווייגען, ער וועט צוואווארטען און זעהן וואָס גראַנדקאָרט וועט טהאָן. שפּעטער וועט ער מלחמה האַלטען מיט אַלע כחות און נישט דערלאָזען אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט גוועגדראָלען, ווי אַזוי ער וועט דאָס טהאָן, האָט ער ניט קלאָר געוואוסט.

דעם גאַנצען טאָג איז גראַנדקאָרט געווען פערנומען מיט דער ווירטשאַפט און לאָש האָט קיין זאַך ניט געקענט אויסגעפינען. ער האָט עפּעס געהייסען אָנזאָטלען א פערד מיט א פרויען זאָטעל און זאָל שטעהן גרייט אויף דער מינוט ווען ער וועט דאָס בעדאַרפען. לוש האָט אפילו געוואָלט עפּעס אָנהויבען א שמועס וועגען דעם, גראַנדקאָרט האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף איהם און ער האָט נישט געפונען די געלעגענהייט דערצו.

צומאָרגענס אינדערפריה האָט גראַנדקאָרט גענומען איבערקוקען די פּאָסט, ארויסגעבען בעפעהלען לוש'ען, און אַז ער איז שוין פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך לוש אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צום טיהר און געעפענט אויף ארויסצוגעהן.

— אָ! — האָט גראַנדקאָרט פּלוצלונג א רוף געטהאָן, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— וואָס? — האָט לוש געפרעגט.

— פערמאַכט די טהיר, וואָס ווילט איהר איך זאָל רעדען און מען זאָל הערען איבער'ן גאַנצען קאָרידאָר! — האָט גראַנדקאָרט זיך געבייזערט.

לוש האָט די טהיר צוגעמאַכט, איז גאַנץ אונטערטהעניג צוגע־גאַנגען צו גראַנדקאָרטען און זיך אָוועקגעשטעלט ווארטען וואָס ער וועט איהם זאָגען.

א מינוט האָט גראַנדקאָרט געשוויגען, און פּלוצלונגט האָט ער איהם א פרעג געטהאָן:

— איז מיסס הערליט אין אפענדין?

גראַנדקאָרט האָט גוט געקענט לוש'ען און ער האָט געוואוסט אז ער איז דורך דער צייט ניט געזעסען ליידיג און אז ער ווייס אַלץ וואָס עס טהוט זיך.

איך ווייס נישט אויף זיכער — האָט לוש געענטפערט גלייכ־גילטיג. — איך ווייס נאָר אז זיי זיינען אויף גרויסע צרות. די פרוי הערליט האָט דאַכט זיך קיין איין פעני ניט ביי דער נשמה. זייער גאַנץ פערמעגען האָבען זיי פערלאָרען ביי א באַנקיר און זיי מוזען איצט געהן וואוינען אין אַן אַלטער חורבה ווי די גרעסטע קבצנים.

— הערט אויף צו דערצעהלען אייערע ליגענס, איך בעט אייך — האָט איהם גראַנדקאָרט איבערגעהאַקט. — קיין גרויס הנאה האָב איך נישט דערפון, און עס זאָגט מיר דאַך גאָר נישט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט לוש געפרעגט.

— איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת, איהר הערט?

— איך האָב דאָס נישט אויסגעטראַכט. איך האָב דאָס פון א סך מענשען געהערט. לאָרד ברנקענשאו'ס אַגענט האָט מיר דער־צעהלט אז ער נעהמט שוין אריין א נייעם איינוואוינער פאר אפענ־דין.

— איך מיין נישט דאָס; איך מיין, צי מיסס הערליט איז אין דער היים אָדער נישט.

— איך זאָל אזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס. ס'קען זיין אז זי איז נעכטען אָוועקגעפאָהרען. זי האָט געוואָלט אָננעהמען א

שטעלע אלס גובערנאַנטקע ביים בישאָף. נאָר אויב איהר ווילט זי זעהן, וועט די מוטער שיקן נאָך איהר.

— שיקט עמיצען פרעגען צי איך וועל זי קענען זעהן מאָרגען— האָט ער איהם בעפוילען.

לוש האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ער האָט זיך דאָך אפילו געהאַט צוגעגרייט איהם אָבצורעדען דערפון, נאָר ער איז עפּעס אזוי איבעראַשט געווען אַז ער האָט אָן אַלץ פערגעסען און פון דעם גאַנצען צוגרייטען איז איהם קיין איין וואָרט אין געדאַנק ניט פערבליבען. ער איז אַזוי אַ צייט געזעסען און געטראַכט, ער האָט זיך אָבער צום סוף בעהערשט און אָנגעהויבען רעדען:

— איך מוז אייך ווארנען אַז איהר זאָלט זיך גוט ארומקוקען וואָס איהר געהט טהאָן. איהר געהט דאָך נישט אַהין צו זיי גלאַט אזוי צו פערברייננגען די צייט, צו פלירטעווען און דערנאָך וועט איהר דאָס פערגעסען. איהר דאַרפט זיך פריהער בעשליסען צי איהר ווילט מיט איהר חתונה האָבען. אויך זאָלט איהר זיך פאָר־שטעלען פריהער ווי איהר וועט אויסזעהן אַז זי וועט אייך אָבזאָגען...

גראַנדקאָרט האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט פעררויכערט אַ ציגאַר, און לאָש האָט געזעהען אַז ער איז גרייט איהם אויסצוהערען, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איצט איז אַלץ ערנסטער ווי אַמאָל. איהר וועט איצט מוזען זאָרגען פאַר איהר גאַנצער משפחה. איהר וועט דאָך ניט לאָזען וואוינען אייער פרוי׳ס מוטער ווי אַ בעטלערין. אויך די חתונה וועט אייך צובינדען צו פיעל צום הויז, און איהר זייט דאָך ניט געוועהנט דערצו. געלד האָט איהר דאָך אויך נישט. וואָס וועט איהר מיט אַזאַ אָרים מיידעל טהאָן? נאָך די ערשטע האָנימון מאָנאַטען וועט אייך אָנהויבען באַנג טהאָן. עס וועט שוין אָבער זיין פערפאַלען. מיר וועט זעהר וועה טהאָן דאָס צו צו זעהן. איהר וועט נאָך געצוואונגען זיין צו פערברענגען די ירושה וואָס איך דערוואַרט. איך זעה גאָר ניט אַז איהר זאָלט האָבען דאָס מינדסטע דערפון וואָס איהר וועט זי נעהמען פאַר אייער פרוי.

לוש איז שטיל געוואָרען. גראַנדקאָרט האָט האַלב פערמאַכט די אויגען, דעם ציגאַר ארויסגענומען פון מויל און עס בעקוקט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פריהער געוואוסט אַז איהר זייט געגען דעם איך זאָל חתונה האָבען מיט פריילין הערליט, איך האָב זיך אָבער קיין מאָל ניט גערעכענט דערמיט...

— יא, איהר זייט דאָך אָבער ניט זיכער צי זי וועט אייך גאָר וועלען, אָט איז זי דאָך אַנטלאָפען פון אייך, האָט זי דאָך געהאַט אַן אורזאַך. אויב איהר האָט אייך בעשלאָסען וועט שוין גאָר נישט העלפען, אָבער זי האָט געוויס אַן אורזאַך נישט צו ווע‏לען...

— איך האָב דאָס פערשטאַנען אַליין, — האָט גראַנדקאָרט געענטפערט.

— גוט. איך דענק אָבער, אַז איהר ווייסט נישט די אורזאַך.

— נו, און דו ווייסט יאָ?

— געוויס ווייס איך, און גלייכער אַז איהר זאָלט דאָס וויסען און פערשטעהן, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס קען האָבען אויף איהר, ווען זאָגאַר זי זאָל אפילו בעשטעהן אויף אייער פאָרשלאַג. זי האָט זיך געזעהן מיט לידיא גלאַשער און ווייסט די גאַנצע געשיכטע.

גראַנדקאָרט האָט נישט געענטפערט. ער האָט גערויכערט דעם ציגאַר. לוש האָט דערוואַרט, אַז גראַנדקאָרט וועט איהם בעשולדיגען, אַז ער האָט דאָס זי צונויפגעפיהרט מיט די גלאַשער. ווארום די גלאַשער האָט געוואוינט גאַנץ ווייט פון זיי. ער איז געוועזן גרייט מודה צו זיין. ער האָט דאָס נישט געמיינט צום בייזען. און פלוצלונג האָט גראַנדקאָרט גאַנץ רוהיג געזאָגט, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געוועזן פאָרגעקומען:

— זיי אַזוי גוט און דערלאַנג מיר טינט און פעדער און פאַפיר.

— אַזוי ווי אַ דאַנער וואָלט איהם דערשלאָגען, האָט לוש דערפיהלט איבער זיין גאַנץ לייב. ער האָט איהם דערלאַנגט די טינט און פעדער און געוואָלט אַרויסגעהן, זעהענדיג אַז עס איז אַלץ אומזיסט. ער האָט פערשפיעלט, האָט איהם אָבער גראַנדקאָרט פערהאַלטען און געזאָגט:

— וואַרט פאַר'ן בריעף!

ער איז באַלד פאַרטיג געוואָרען, האָט איהם צוגערוקט דעם בריעף און בעפוילען:

— שיק תיכף עמיצען מיט'ן בריעף צו איהר, דו הערסט!
לאָש האָט פערשטאַנען, אַז ער וועט ווען עס איז טהייער בע־

צאָהלען פאַר זיינע רייד. און אַז ער האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דאָס עקשנות ביי גראַנדקאָרטען צו גווענדאָלען, ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפען, ער האָט איהם גענומען און גלייך אַוועקגע־שיקט נאָך אָפּענדען.

## 13טער קאַפּיטעל.

גאַסקאָין איז געקומען נאָך אָפּענדען, דערצעהלט גווענדאָלען, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט שוין דעם בישאָפּ'ס פרוי שיקען נאָך איהר.

— גלויב מיר, עס וועט דיר זיין זעהר אינטערעסאַנט ביי זיי און וועסט זיין זעהר צופריעדען.

— צו איך וועל זיין צופריעדען — האָט זי געענטפערט — איז נאָך אַ גרויסער ספק. איך וויים אָבער, אַז ווי עס זאָל ניט זיין מוז איך עס אָננעהמען.

— איך האָף אויך, אַז דו וועסט זיך צופּאַסען צו זיי און זיי וועלען אויך צופריעדען זיין מיט דיר. דאַרפסט נישט פערגעסען, אַז דעם בישאָפּ'ס פרוי איז עלטער פאַר דיר און אויך גרעסער. זאָלסט זיך איהר אונטערגעבען און פאָלגען, וועט דיר גאָרנישט פעהלען.

דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס מען האָט געקענט פער־לאַנגען פון איהר. גווענדאָלען איז קיינמאָל נישט געוועהנט געווען עמיצען צו זיין אונטערטהעניג. עס איז פאַר איהם פשוט אונמעג־ליך געווען עמיצען צו פאָלגען. און אַז גאַסקאָין איז אַוועקגעגאַנגען האָט זי אָנגעהויבען וויינען מיט ביטערע טרעהרען. דער גאַנצער צער און וועהטאָג פון דער לעצטער צייט האָט זיך איצט אויף איהר הארץ צולעגט און עס איז איהר אַזוי שלעכט געוואָרען, אַזוי ביטער. אמת, זי איז נישט די איינציגע, אַ סך מענשען, מיידלעך אין איהרע יאָהרעןליידען אויך. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ תירוץ פאַר איהר? איהר איז שלעכט, איהר איז ביטער און וואָס געהן איהר אַנדערע אָן? זי האָט זיך געטראַכט, אַז כאָטש איהר מוטער איז אונגליקליך, איז איהר אַליין אַלץ ערגער. די מוטער איז שוין צו־

געוועהנט צו די צרות, איז שוין אויך נישט קיין יונג מיידעל, זי אָבער, אין די בעסטע יאָהרען, אזוי יונג ווען עס איז אזוי גוט, אז מען איז גליקליך; איז איהר גליק אונטערגעהאַקט און זי זעהט נישט איין קיין שום הילף.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וועט זיין אַן אַלטע אָרימע מיידעל, זי וועט פערזיצען, וועט זיין עלענד, איינזאַם. די מוטער איהרע וועט שוין זיין גאָר אַן אַלטע פרוי און נאָר זיי ביידע וועלען זיצען אין אַ קליין צימערעל און בעוויינען זייער טרויריגען מזל און די מוטער וועט זאָגען:

— אָרים קינד מיינס, גווענדאָלען, זעה וואָס פון דיר איז גע־וואָרען!...

איהר הארץ איז איהר אזוי צובראָכען געוואָרען טראַכטענדיג דערפון און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צואוויינט. זי האָט נישט געוויינט פאַר כעס נאָר פאַר רחמנות אויף זיך אַליין...

זי איז געזעסען געגען דער טהיר און זי האָט דערזעהן ווי די מוטער געהט אריין. זי האָט געכאַפּט דאָס טיכעל און געגומען אויסווישען די טרעהרען. און איידער זי האָט דאָס נאָך אוועקגע־נומען פון די אויגען, האָט זי דערפיהלט ווי די מוטער האָט זי אָרומ־גענומען מיט ביידע הענד און צוגעדריקט צו זיך. דאָס האָט נאָך מעהר געווירקט אויף איהר, זי האָט זיך שוין נישט געקענט איינ־האַלטען און זיך אויך צוואויינט, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף דער מוטער.

די מוטער האָט עפּעס געהאַלטען אין האנד פאַר איהר, זי האָט אָבער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידען פאַר צער. גווענ־דאָלען האָט זיך געכאַפּט, אז עס איז ניט שעהן זי זאָל וויינען, האָט זי שנעל אויסגעווישט די אויגען, בעהערשט זיך, אַרויפגעקוקט צו דער מוטער און געזאָגט:

— מאַמע, עס איז גאָרנישט, עס איז שוין אַלץ אַריבער.

זי האָט דערזעהן, אַז די מוטער האַלט אַ בריעף אין האַנד, האָט זי געפרעגט מיט אַ ביטערען קול:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף? שוין ווידער עפּעס שלעכ־טע נייעס?

— איך ווייס נישט וואָס דאָס איז דאָ אין דעם. וועסט אפילו נישט טרעפען פון וואַנען דאָס איז.

— אוי, לאָז מיך אָב מיט „טרעפען“ — האָט זי אונגעדולדיג געענטפערט.

— עס איז פון פלאָפּילד — האָט די מוטער איהר דער־לאַנגט דעם בריעף, — פאַר דיר.

זי האָט געקענט גראַנדקאָרט'ס האַנדשריפט און זי האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט, אַז זי האָט געזעהן ווי גווענדאָלען איז רויט געוואָרען. זי איז געשטאַנען און געקוקט ווי זי לייענט און האָט בעמערקט ווי זי איז פּלוצלונג אין גאַנצען בלאַס געוואָרען. זי האָט איהם אַרונטערגעלאָזען אויף דער ערד און געבליבען זיצען שטיל.

די מוטער האָט עס אויפגעהויבען און אויך דורכגעלייענט. עס איז געווען גאַנץ איינפאַך און פאָרמעל:

„פריילייין הערליט, איך פרעג אייך, אויב איהר וועט מיר ער־לויבען איך זאָל מאָרגען קומען אין אָפּענדען און אייך זעהן אליין ארום צוויי אוהר. איך קום ערשטע פון ליבראַן, וואו איך האָב גע־דענקט אייך צו געפינען. גראַנדקאָרט“.

— דו דאַרפסט ענטפערען — האָט די מוטער געזאָגט, — דער מאַן וואַרט אין דרויסען.

גווענדאָלען האָט זיך געלייגט אויף דער סאָפאַ, פערלייגט אַ האַנד אין אַ האַנד און געקוקט גלייך פאַר זיך, נישט אויף דער מו־טער. זי האָט זיך דערפיהלט ווי איינער וואָס מען האָט איהם פּלוצלינג איבערגעשראָקען און ער טראַכט ווי אַזוי דאָס איז געווען. ערשט אָט האָט זי געמיינט, אַז די ערד האָט זיך געעפענט אונטער איהר און זי האָט שוין קיין שום האָפנונג נישט, זי איז אַ פערפאַ־לענע אויף'ן גאַנצען לעבען. און איצט איז ווידער די וועלט פריי פאַר איהר. זי וועט מעגען טהאָן וואָס זי וועט וועלען. בעשטעהן אויף זיין פערלאַנג אָדער אָבזאָגען. ער איז איצט איהר אונטער־טעניג. דאָס האָט אָבער נאָר אָנגעהאַלטען אַ קורצע ווייל. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלעם וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר מיט איהם. אָט איז ער איהר געפעלען און באַלד איז ער איהר נישט געפעלען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער פרוי לידיאַ גלאַשער, אָן איהרע קינדער און זי איז אַזוי נערוועז געוואָרען און אויפגערעגט.

זי האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז זי וועט קיינמאָל מיט איהם נישט חתונה האָבען. קיינמאָל נישט? אַזוי? זי געדענקט שוין נישט, ווי אַזוי ס'איז געווען. יאָ, וואָס קומט איהר אַרויס דערפון, וואָס ווען זי וואָלט געוואָלט וואָלט זי נישט געדאַרפט ווערען אַ גאָווערנאַנטקע ביים בישאָף. וואָס קומט איהר אַרויס דערפון? וועט זי עס דען טהאָן? אַ! בעסער וואָלט דאָס גאָר אינגאַנצען נישט פאָרגעקומען.

אַ שטיק צייט איז זי אַזוי געלעגען און געטראַכט פאַר זיך. ביי דער מוטער האָט דאָס אָבער אויסגעזעהן ווי אַ יאָהר און זי האָט רוהיג געזאָגט, זי נישט אויפצורעגען:

— מוזט דאָך עפּעס ענטפּערען. אויב דו ווילסט, זאָג מיר, וועל איך שרייבען.

— ניין, מאַמע, איך וועל שוין אַליין שרייבען. ווילסט אַזוי גוט זיין, גיב מיר טינט און פעדער און פּאַפּיר.

זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זאָל זי איהם אויפ־נעהמען, אַז ער וועט קומען, אָדער נישט? זאָל זי פערמאַכען טהיר און לאָדען, זיצען אַליין, נישט אַרויסקוקען אַפילו וואָס ער וועט טהאָן? זאָל זי דאָס גליק פערטרייבען, ווען עס בעט זיך אַזוי צו איהר?

די מוטער האָט איהר דערווייל צוגעטראָגען טינט און פעדער און פּאַפּיר און גווענדאָלען האָט געזאָגט:

— איך פערשטעה ווירקליך נישט, מאַמע, וואָס דו איילסט זיך אַזוי מיט דעם ענטפער? זאָל דער דינער וואַרטען נאָך אַביסעל. קנעכט זיינען געוואָהנט צו וואַרטען. איך מוז דאָך נישט שרייבען אין איין מינוט:

— איך זאָג נישט, אַז ס'מוז זיין די מינוט — האָט די מוטער געזאָגט און גענומען דערווייל עפּעס פערריכטען, — ער קען נאָך צוואַוואַרטען אַ פירטעל שעה, אויב דו ווילסט.

גווענדאָלען איז אָבער איינגעפאַלען, אַז עס איז גלייכער זי זאָל נישט לאַנג טראַכטען און באַלד ענטפערען. זי וועט פערשפּאָ־רען טראַכטען וואָס דערפון וועט ווערען און זי האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— איך מיין נישט, אַז ער זאָל מוזען צוואַוואַרטען ביז דו וועסט פאַרטיג זיין מיט דיין אַרבייט...

— אז דו קענסט זיך אָבער נישט אזוי לייכט בעשליסען... — האָט די מוטער מיט א געבעט געזאָגט.

— איך מוז בעשליסען! — האָט זי פעסט געענטפערט און נאָך אַלץ נישט געווען רוהיג. זי איז שוין געזעסען ביים שרייב טיש און נישט געוואוסט, וואָ צו טהאָן. זי האָט זיך אָבער מישב געווען, אַז עס שאַדט נישט, ער זאָל קומען. וואָס וועט זי אָנוועַרען? זי וועט דאָך איהם קענען גאַנץ לייכט אָבזאָגען און זי וועט נאָך האָבען גרוים הנאה דערפון... זי האָט גענומען די פען און געוואָלט אָנהויבען שרייבען. זי האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעלעגט און געבליבען ליגען פערטראַכט.

— סער גראַנדקאָרט שרייבט, אַז ער קומט פון ליבראַן — האָט די מוטער געזאָגט, — ער ווייס אודאי נאָך נישט פון אונזער אונגליק.

— יא, אַזאַ זאַך ווירקט נישט אויף אַזאַ מענש ווי ער איז — האָט זי געזאָגט אביסעל מיט פעראַכטונג.

— פאַראַן פערשידענע מענער — האָט די מוטער געענטפערט.

— דאָ אַזעלכע, וואָס וועלען קיינמאָל נישט חתונה האָבען מיט אַן אָרעם מיידעל. זיי האָבען מורא, אַז זיי וועלען נאָך האָבען אויף זיך איהר גאַנצע משפחה. אויב ער זאָל אַלץ וויסען פון אונז און דאָך איינשטימען איז עס אַ סימן, אַז ער האָט דיך אמת ליעב.

דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט די מוטער געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַר גראַנדקאָרט'ען און דאָס הארץ האָט איהר געשראָקען. ווער ווייס, אויב זי האָט נישט נאָך קאַליע געמאַכט און גווענדאָלען וועט יעצט זיך איינשפּאַרען און נישט וועלען הערען פון איהם. די שרעק איז אָבער געווען אומזיסט. דאָס האָט גראַד געווירקט אויף גווענדאָלען צום גוטען. זי האָט זיך דערמאָנט אַן דער אָרימער מוטער און די שוועסטער, און ווי גוט עס וואָלט זיי געווען, ווען זי וואָלט איינגעשטימט אויף גראַנדקאָרט'ס פאָרשלאַג. זי האָט גענומען די פען און אויפגעשריבען די עטליכע ווערטער:

„מאָרגען צוויי אַ זייגער וועל איך זיין אין דער היים.
הערליט".

זי האָט דעם לעטער איבערגעגעבען דער מוטער און יענע האָט איהם שוין ארויסגעגעבען דעם דינער.

גוועגדאָלען האָט זיך אויסגערעננעלט, ווי איינער וואָס רוהט זיך אויס נאָך אַ שווערע ארבייט. די מוטער איז צוגעגאַנגען צו איהר און געפרעגט:

— וואָס האָסטו איהם געשריבען, איך מעג וויסען?

— איך האָב איהם געשריבען, אַז איך וועל זיין אין דער היים. מיין אָבער נישט, אַז עס וועט עפּעס ווערען פון זיין קו־מען — האָט גוועגדאָלען געענטפערט.

— איך מיין גאַרנישט און ערווארט גאַרנישט. איך וויל דו זאָלסט טהאָן אַזוי ווי דיר איז ליעב. און דו האָסט דאָך גאָר נישט דערצעהלט, וואָס צווישען אייך איז פאָרגעקומען.

— וואָס ווערסטו דען האָבען ווען איך זאָל דיר יאָ דערצעהלען?

— האָט גוועגדאָלען ווייך געזאָגט — ווען איך זאָל עפּעס האָבען דיר צו דערצעהלען, אַז דו זאָלסט האָבען נחת דערפון, מעגסטו זיין זיכער, אַז איך וועל דיר דערצעהלען.

— גראַנדקאָרט וועט אָבער אָננעהמען, אַז דו געהסט איין אויף זיין פאָרשלאַג. פון זיין בריעף איז צו דערקענען, אַז ער וויל דיר איינפאַך פאָרלייגען זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— גאַנץ פיין, אָבער איך וויל האָבען דאָס פערגעניגען איהם אָבצוזאָגען.

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט און נישט פער־שטאַנען וואָס זי מיינט דערמיט. זי האָט זי געוואָלט איבערפרע־גען וועגען דעם, נאָר גוועגדאָלען האָט זיך אַ שטעל אויף געטהאָן און געזאָגט:

— מאַמע, לעג שוין אוועק דאָס געגעה'עכץ, איך קען נישט צוקוקען. קום, לאָמיר ארויסגעהן שפּאַציערען אַביסעל, עס איז מיר צו היים...

די מוטער האָט שוין געשוויגען, גאָר נישט געפרעגט. זי האָט אוועקגעלעגט די ארבייט און ארויס מיט גוועגדאָלען'ען שפּאַציערען.

## 14טער קאַפּיטעל.

אויף מאָרגען האָט גראַנדקאָרט זיך געזעצט אויף זיין שעהנ־סטען פערד. הינטער איהם איז נאָכגעפאָהרען אויף א צווייטען פערד מיט א פרויען זאָטעל א שטאַל יונג און זיי האָבען זיך געלאָזען נאָך אַפּענדין.

גווענדאָלען איז געזעסען נעבען שפּיגעל און די מוטער האָט איהר פערפלאָכטען די האָאָר.

— איך געה דיר אַריינברייננגען די אויער־רינגלעך — האָט די מוטער געזאָגט, זעהענדיג אַז גווענדאָלען זעהט אויס רוהיג און זי האָט דאָס אָנגענומען פאַר א סימן, אַז זי ווערט גוט אומגעהן מיט גראַנדקאָרט׳ען.

— ניין, מאַמע, איך וויל נישט, האָט גווענדאָלען געזאָגט, — איך וועל זיך נישט אָנטהאָן קיין צירונג, איך וועל מיר נאָר אָנטהאָן מיין שווארץ קלייד. שווארץ איז די איינציגע פארב וואָס מען דאַרף זיך אָנטהאָן, ווען מען געהט עמיצען אָבזאָגען א חתונה פאָרשלאַג.

— וואָס ווילסטו, אפשר ווערט ער גאָר גלאַט אַזוי קומען און קיין פאָרשלאַג נישט מאַכען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— ווערט דאָס זיין דערפאַר ווייל איך האָב נאָך אָבגעזאָגט, איידער ער איז געקומען.

זי האָט אויסגעשטעלט דעם קאָפּ מיט שטאָלץ און די מוטער איז צופריעדען געווען, וואָס גווענדאָלען פיהלט זיך בעסער און איז שוין נישט פערזאָרגט און זי האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס ווי־צעלט זיך נאָר גווענדאָלען אַזוי. זי ווערט איהם אָבער נישט אָב־זאָגען. ווען גווענדאָלען ווייסט דאָס, וואָס די מוטער טראַכט פון איהר, וואָלט זי זעהר בייז געוואָרען. און זי אַליין האָט אויך נִיט געוואוסט, וואָס מיט איהר איז. זי איז נישט זיכער געווען, אַז זי ווערט איהם טאַקי אָבזאָגען, און, ווען זי וואָלט נישט געווען געזעהן זיך מיט לידיא גלאַשער וואָלט זי דאָך געווים חתונה געהאַט מיט איהם. אַזוי אָבער האָט זי דאָך געזאָגט, אַז זי ווערט איהר נישט שטעהן אין וועג, קען זי זיך שוין נישט העלפען. יאָ, זי זעהט

אָבער נישט איין קיין שום בייז פאַר לידיען, ווען זי זאָל יאָ חתונה האָבען מיט איהם. אז זי וועט איהם שוין אפילו אָבזאָגען, וואָס וועט לידיא גלאַשער האָבען דערפון? עס וועט איהר דען בעסער ווערען דערפון? אַזוי אָבער, ווען זי האָט יאָ חתונה, קען זי איהר א טובה טהאָן, איהר און די קינדער.

— זי איז שוין גרייט געווען מסכים צו זיין, האָט זי זיך אָבער דערמאָנט, אז ווען איהר פעטער גאַסקאָין און די מוטער זאָלען געוואָהר ווערען, אז גראַנדקאָרט האָט א פרוי מיט קינדער, וואָלטען זיי דאָך נישט געוואָלט מעהר הערען דערפון. און די גאַנצע וועלט וואָלט גערעדט און געזאָגט: גוועגדאָלען האָט חתונה געהאַט מיט א מאַן, וואָס האָט אַן אַנדערע פרוי און קינדער...

דאָס אַליין האָט איהר שוין נישט אַזוי וועה געטהאָן ווי עפּעס אַנדערש. עס קען דאָך מעגליך זיין, אז גראַנדקאָרט זאָל געוואָהר ווערען, אז זי האָט אַלץ געוואוסט און דאָך האָט זי מיט איהם חתונה געהאַט — וואָס וועט ער דעמאָלט זאָגען?

זי האָט דאָך איהם אייגענטליך קיינמאָל נישט ליעב געהאַט. נאָר אז זי האָט דערהערט די געשיכטע מיט פרוי גלאַשער, האָט זי דערפיהלט, ווי ער וואָלט זי אַליין בעליידיגט. זי האָט אָבער אַלץ נישט געקענט בעשליסען זיך איהם אָבצוזאָגען, זי האָט דאָך אַזוי געוואָלט, אַז די מוטער זאָל גוט זיין און דאָס קען זיין נאָר דורך איהר חתונה מיט גראַנדקאָרטען. זי איז שוין גרייט געווען איינצושטימען. באַלד אָבער האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי גראַנדקאָרט שטעהט פאַר איהר און בעט זיך איין אַזוי שטאַרק. זי זאָגט איהם אָב, ער וואונדערט זיך און פערשטעהט נישט פאַר וואָס. דאָס האָט איהר אַזוי פיעל הנאה געטהאָן, אז זי האָט פעסט בעשלאָסען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל איהם אָבצוזאָגען. קלעזמער האָט זי דערנידריגט, געזאָגט, אז זי האָט קיין טאַלאַנט נישט, וועט זי זיך אַן גראַנדקאָרט'ן נוקם זיין, זי איז שטאַרקער פאַר זיי, פאַר די מענער, זי וועט זיי דאָס באַלד בעווייזען.

באַלד האָט זי דערהערט, ווי צוויי פערד זיינען אָנגעלאָפען און זיך אָבגעשטעלט פאַר דער טהיר. דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען שרעקליך קלאַפּען און זי איז געווען שטאַרק צוטומעלט. דאָס גאַנצע צוגרייטען זיך איז געווען אַרויסגעוואָרפען, עס האָט

גאָרנישט געהאָלפען. זי האָט זיך קוים בעהערשט און אריין אין אויפנאהם־צימער. זי האָט איהם דערלאַנגט די האנד און אויף זיין פראגע: וואָס זי מאַכט? — האָט זי שטיל געענטפערט:

— גאָט צו דאַנקען, גאַנץ גוט.

זיי האָבען זיך אָוועקגעזעצט, אָבגערוקט איינס פון דאָס אַנ־דערע. ער האָט געהאַלטען דעם הוט אין האנד, געקוקט אויף איהר און אויסגעזעהן ווי א חתן, וואָס זעהט דאָס ערשטע מאָל די כלה. ער האָט געזאָגט:

— איך בין געווען ערשטוינט, ווען איך האָב אייך נישט גע־פונען אין ליבראַן. אַזאַ אונערווערטעגליך פּלאַץ אָהן אייך. דענקט איהר נישט אַזוי?

— וואָס קען איך וויסען, ווי אַזוי עס איז אָהן מיר? — האָט זי געזאָגט קוקענדיג אויף איהם בייזלאך און איראָניש, — אז איך בין געווען, איז עס מיר זעהר געפעלען און איך וואָלט נאך געווען פערבליבען, אויב איך וואָלט געקענט. איך בין אָבער געצוואונגען געווען גלייך אהיים צו פאָהרען צוליעב פאַמיליע אומשטענדען.

— עס איז זעהר נישט ריכטיג געווען פון אייער זייט אוועק נאך ליבראַן — האָט ער איהר געזאָגט, נישט רעכענדיג זיך מיט די פאַמיליע אומשטענדען, וואָס גווענדאָלען האָט גראָד געוואָלט, אז ער זאָל דאָס שוין וויסען, — איהר דאַרפט וויסען, אז דאָ האָט אַלץ געקענט קאַליע מאַכען. איהר האָט דאך אויך געוואוסט, אז איהר זיינט געווען דאָס הארץ און די נשמה פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געטהאָן. אַרט אייך גאָר נישט פאַר מיר?

זי האָט נישט געקענט זאָגען „ניין" און „נישטאָ", זי האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און איז אינגאַנצען רויט געוואָרען. גראַנדקאָרט האָט געזעהן, אז זי ענטפערט נישט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דאָ מוז עפּעס זיין. אפשר האָט איהר עמיצען אַנדערש ליעב? דערצעהלט מיר, איז עמיצער דאָ צווישען אונזביידע?

— ניין, נישט קיין מאַן נאָר א פרוי... — האָט זי געוואָלט ענטפערען. זי האָט דאָס אָבער נישט ארויסגעזאָגט. ווען אפילו זי וואָלט נישט צוגעזאָגט דער פרוי, אז דאָס וועט זיין א סוד, קען זי אויך נישט רעדען וועגען דעם מיט איהם. נאָר וואָס דען זאָל

זי איהם זאָגען? — האָט זי זיך געפרעגט. ער האָט געזעהן, אַז זי שווייגט אַלץ, האָט ער נישט אָבגעלאָזט:

— זאָל איך פערשטעהן, אַז אַן אַנדערער איז קודם פאַר מיר און ליעבער?...

— ניין! — האָט זי גיך געענטפערט, בעהערשענדיג זיך און קוקענדיג איהם פריי אין די אויגען. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל פערשטעהן, אַז נישט דערפאַר, וואָס זי האָט עמיצען אַנדערש, זאָגט זי איהם אָב, נאָר ווייל ער אַליין געפעהלט איהר נישט. גראַנדקאָרט האָט דאָס טאַקי פערשטאַנען, און ער האָט קורץ געזאָגט:

— איך וויל אייך נישט בעלעסטיגען און פערשאַפען עגמת נפש. איך פערלאַנג נאָר איין זאַך,אויב איך האָב קיין האָפנונג נישט, זאָגט עס מיר קלאָר און איך וועל באַלד אַוועקפאָהרען — נישט קיין חלוק וואוהין...

אַ שרעק האָט זי אַרומגענומען, אַז זי האָט דאָס דערהערט. זי האָט געציטערט אינגאַנצען און אַליין נישט געוואוסט פאַר וואָס? אפשר איז גאָר טאַקי בעסער, אַז ער זאָל נישט אַוועק? אַ קלאָהרען ענטפער האָט זי דאָך אָבער נישט געוואוסט צו ענטפערען, האָט זי דערפאַר גערעדט אַזוי, אַז מען זאָל נישט וויסען, וואָס זי מיינט:

— איך האָב מורא, אַז איהר ווייסט גאָר נישט, וואָס עס איז די לעצטע צייט מיט אונז געשעהן. איך האָב אַזוי פיעל צו טראַכטען וועגען מיין מאַמע׳ס לאַגע, אַז אַלע אַנדערע זאַכען זיינען מיר גאָר אין זינן נישט געלעגען. די מאַמע האָט איהר גאַנץ פערמעגען פערלוירען און מיר וועלען באַלד אינגאַנצען זיך מוזען איבערקלייבען פון דאַנען. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס מיינע געדאַנקען זיינען מיט עפּעס אַנדערש פערנומען.

אַז זי האָט אויסגעמיטען צו געבען אַ קלאָהרען ענטפער, האָט זי דערווייל צוריק בעקומען איהר מוטה, זי האָט זיך בעהערשט און צוריק בעקומען איהר געוועהנליכען שטאָלץ. זי האָט איהם שוין גלייך געקוקט אין די אויגען. גראַנדקאָרט האָט זי אויך שטאַרק אָנגעקוקט. ער האָט פעסט בעשלאָסען, אַז ער מוז זי בעזיעגען,

וואָס עס זאָל נישט זיין! און ער האָט שטיל און געלאַסען געזאָגט עפּעס, וואָס דאָס וואָלט גאָר נישט אַזוי וויכטיג געווען:

— איהר וועט מיר איצט ענטפערען און אייער מאַמע'ס אונגליק וועט אייך גאָרנישט דאַרפען אַרען. פּעראַזט זיך אויף מיר און אייער מאַמע'ן וועט גאָרנישט פעהלען... ערלויבט מיר דאָס נאָר צו קענען טהאָן.

טויזענדער געדאַנקען זיינען איהר אין דעם מינוט איינגעפאַלען. זי האָט אין אַלע שטערונגען פערגעסען. ער איז איהר געפעלען געוואָרען דערפאַר, וואָס ער רעדט אַזוי גוט און קלוג און זי האָט מיט אַן אַנגענעהמען, ווייכען קול געזאָגט, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען:

— איהר זינט אַזוי איידעל און גרויסמוטהיג...

— נעהמט איהר הייסט דאָס אַן מיין פאָרשלאַג? — האָט ער רוהיג געפרעגט — זייט איהר צופריעדען צו ווערען מיין פרוי?

זי איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרען, אויפגעהויבען זיך געגען איהר ווילען און געגאַנגען אויף און אָב. באַלד איז זי שטעהן געבליבען, פערלעגט די הענד און געשוויגען.

ער האָט זיך אויך אויפגעהויבען, זי בעטראַכט און זי איז איהם נאָך מעהר געפעהלען. דאַכט זיך אַן אָרעם מיידעל, ער וויל זי גליקליך מאַכען און דאָך וויים זי אַליין נישט צו זי זאָל איינגעהן אָדער נישט. ער האָט אָבער נאָך שטאַרקער זי געוואָלט און ער האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן:

— הייסט איהר מיר, אַלזאָ, אָוועקגעהן?

— ניין! — האָט זי גיך געענטפערט.

— נעהמט איהר יאָ אַן מיין פאָרשלאַג? — האָט ער זי געפרעגט, נעהמענדיג זיין הוט און געקוקט איהר גלייך אין די אויגען.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט און לייכט אַ ציטער געטהאָן. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט געשטאַנען אין געריכט און מען וואָלט זי גע'משפּ'ט.

עטליכע מינוט זיינען זיי ביידע געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט, געקוקט זיך איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען. זי איז איהם אַלץ מעהר און מעהר געפעלען פאַר איהר האַלטונג און אויפפיהרונג.

באַלד האָט ער אוועקגעלעגט דעם הוט, איז צוגעגאַנגען צו איהר. גענומען איהר האַנד צו זיינע ליפּען און געקושט און גלייך אַבגעלאָזט און אוועק אויף זיין פּאַריגען אָרט. דאָס איז איהר אויך געפעלען. אין דער מינוט האָט זי אַלעמען פערגעסען, נאָר גע־טראַכט פון איין זאַך, אַז זי איז אויסגעלייזט געוואָרען, זי וועט נישט מעהר דאַרפען געהן צום בישאָף פאַר אַ גאָווערנאַנטקע. באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז די מוטער וועט אויך ניט זיין געצוואונ־גען צו געהן וואָהנען אין דעם אַלטען, צובראָכענעם הייזעל און מיט אַ גליקליכען און פרעהליכען שמייכעל האָט זי געזאָגט:

— איהר ווילט זעהן מיין מוטער? איך וועל זי רופען.

— לאָמיר נאָך וואַרטען אביסעל — האָט ער געזאָגט און ווייטער געשטאַנען און געקוקט אויף איהר.

— ווילט איהר מיר נאָך עפּעס זאָגען? — האָט זי פרעהליך געפרעגט.

— יא, איך ווייס אָבער, אַז מען רעדט צו אייך עפּעס מעהר ווי געוועהנליך, קענט איהר נישט ליידען...

— אַהאַ, נישט דאָס וואָס איך האָב ליעב צו הערען. דאָס איז מיר קיינמאָל נישט צו שווער — האָט זי געלאַכט.

וועט אייך נישט פערדריסען, אַז איך וועל אייך פרעגען, ווען מיר וועלען חתונה האָבען

— אַז איהר פרעגט מיך היינט, איז עס מיר טאַקי צו שווער...

— טאָ זאָל זיין מאָרגען. זייט זיך מישב ביז מאָרגען, ווען איך וועל ווידער דאָ זיין. איך דענק אין אַ צוויי־דריי וואָכען אַרום.

— איהר האָט מורא איך זאָל אייך נישט באַלד מיאוס ווערען

— האָט זי געזאָגט, — איך האָב בעמערקט. אַז נאָך דער חתונה זיצט דער מאַן ווייניגער צוזאַמען מיט זיין ווייב ווי פאַר דער חתונה. אָבער דאָס וועט מיך אויך נישט אַרען...

— וואָס איהר וועט וועלען און ווי איהר וועט וועלען אַזוי וועט זיין.

— און דאָס וואָס איך וועל נישט וועלען, וועל איך נישט האָבען? דאָס וואָס וועט מיר נישט געפעלען וועט איהר נישט

טהאָן? — האָט זי געפרעגט, — זאָגט עס מיר, איך בעט אייך, איך האָב זעהר נישט ליעב דאָס, וואָס מיר געפעהלט נישט.

— דאָס וויים איך שוין נישט — האָט ער געענטפערט, — עס איז אַזאַ מאָדנע וועלט, וואָס גאַנץ אָפט דרעהט זיך אַלץ אויס אַזוי ווי איהר ווילט נישט. וואָס קען איך דען העלפען, אז איהר וועט זיך אויפזעצען אויף קריטעריאָנען רייטען און איהר וועט אַרונ־טערפאַלען...

— אָ, קריטעריאָן, וואָס מאַכט עפּעס מיין ליעב פערד?

— ער איז אין דרויסען, מיין דינער האָט איהם אהער גע־בראַכט. נעכטען נאָך האָט מען איהם אָנגעזאָטעלט מיט א דאַמען זאָטעל, קומט צו צום פענסטער וועט איהר איהם זעהן.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און דערזעהן ביידע פערד שטעהן רוהיג אויפ'ן גראָז און זי האָט זיך אַזוי געפרעהט.

איהר ווילט אפשר מאָרגען פאָהרען אביסעל, וועל איך אַלץ איינאָרדנען — האָט ער געפרעגט.

— אָ, געוויס וויל איך — האָט זי פרעהליך געענטפערט — איך וויל זיך צולאָזען אויף א גאַלאָפּ. איך וויל אָבער יעצט געהן רופען די מאַמע.

ער האָט זי אָנגענומען אונטער'ן האַנד און צוגעגאַנגען ביז דער טהיר. זייערע פּנים'ער זיינען געווען אַזוי נאָהענט איינער צום אַנדערען, זי האָט געקוקט אויף איהם, ער איז איהר אַזוי גע־פעלען געוואָרען, מעהר פון אַלע מענער, וואָס זי האָט ווען עס איז געזעהן. זי האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט און א זאָג געטהאָן:

— יאָ, ווייל איך געדענק דאָס, וועל איך אייך טאַקי באַלד זאָגען. איין זאַך געפעלט מיר זעהר נישט און איהר קענט דאָס פערריכטען. איך האָב זעהר נישט ליעב לוש'ען.

— גוט, איך וועל דאָס פערריכטען, איך שיק איהם אוועק.

— געפעלט ער אייך אויך נישט?

— אמת, איך בין אויך נישט שטאַרק צופרידען מיט איהם — האָט ער געענטפערט — איך האָב איהם געלאָזען אויף מיינע פּלייצעס, ווייל ער איז אַן אָרימער טייוועל. ער פאָהרט מיט מיר שוין לאַנג.

גווענדאָלען האָט געלאַכט. עס איז איהר אַלץ געפעלען. און

אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט און געטהאָן האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַזוי גוט און פיין, ער איז דער שעהנסטער און גרעסטער מאַנספּאַרשוין אויף דער וועלט.

מאַדאַם דאַווילאָוו, איהר מוטער, האָט נייגעריג געוואַרט ביי זיך אין צימער. גווענדאָלען איז גיך אַריינגעקומען, צוגעשפּרונגען צו איהר, אַרומגעכאַפּט זי און גענומען קושען איהר ביידע באַקען און געזאָגט:

— מאַמע, קום אַרונטער, וועסטו זעהן הערר גראַנדקאָרט'ען, איך בין זיין כלה...

— מיין טהייער קינד! — האָט די מוטער געזאָגט איבער־ראַשט און ערנסט.

— יאָ, מאַמע, — האָט גווענדאָלען גיך געענטפערט אין אַזא טאָן, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל איהר קיין שום קשיות נישט פרעגען, — אַלץ איז געענדיגט. דו וועסט נישט מעהר דאַרפען געהן וואוינען איז דער האַלטער אָבגעלאָזענער הייזקע, איך וועל נישט זיין קיין גובערנאַנטקע, אַלץ וועט זיין ווי איך וויל, קום אַרונטער גיכער, קום...

---

## 15טער קאַפּיטעל.

אין א שעה אַרום ווי גראַנדקאָרט איז אַוועקגעגאַנגען איז די גוטע נייעס אָנגעקומען צו גאַסקאָין'ען. ער האָט גענומען די פרוי און אַנאַ'ן אַוועק נאָך אָפענדין פערברענגען דעם אָבענד מיט גווענ־דאָלען און די מוטער.

— מיין טהייערע גווענדאָלען, — האָט גאַסקאָין געזאָגט, — איך ווינש דיר מזל טוב, געדענק, נעהם דאָס זעהר ערנסט, ווייל עס איז זעהר ערנסט. און פון גראַנדקאָרט'ס האַנדלונג זעה איך איין, אַז איצט הויבט זיך אָן א נייע לעבען פאַר אונז, פאַר די מאַמע דיינע און פאַר'ן גאַנצען הויז.

— ווען דו וואָלסט נישט אַנטלאָפען, — האָט די מוהמע, פרוי גאַסקאָין אַריינגערעדט, — וואָלסטו שוין געווען א כלה מיט א חודש צוריק, יעצט איז אָבער קיין אָרט נישט פאַר קאַפּריזען.

דו פערשטעהסט געווים און פיהלסט די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס דו ביזט אַ כלה.

— איך וויים נישט, — האָט גווענדאָלען געזאָגט צו דער מוהמע, — וואָס מוז מען דען אַזוי פיהלען און פערשטעהן, אַז מען איז אַ כלה?...

גאַסקאָין און זיין פרוי האָבען געשמייכעלט און אַנאַ איז צו צו גווענדאָלען און געזאָגט:

— איך האָף, אַז דו וועסט זיין גליקליך.

זי איז אָבער גיך אַוועק אין אַ ווינקעל און בעהאַלטען איהרע טרעהרען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איהר ברודער, אָן רעקסען. ער האָט זי אַזוי געליעבט און ווער וויים, אפשר ליעבט ער זי נאָך אַלץ? זי איז אָבער מיט'ן גאַנצען הארץ געווען צופריעדען, וואָס גווענדאָלען טהוט אַזאַ גליקליכען שדוך, נאָך אַלעמען איז דאָך רעקס אָרעם, זאָל שוין גווענדאָלען זיין גליקליך.

די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסען און גוט פערבראַכט. גאַסקאָין האָט געשמועסט מעהר מיט די עלטערע צוויי דאַמען, זיין פרוי און מאַדאַם דאַווילאָוו אין די אינגערע האָבען צווישען זיך געשמועסט.

מאַדאַם דאַווילאָוו האָט זיך צופרעגט וועגען גראַנדקאָרט'ס גיטער. גאַסקאָין האָט איהר אַלץ דערצעהלט און געזאָגט, אַז לויט זיינע גיטער קען ער ווערען אַ לאָרד און אַז ער וועט דאָס ווערען וועט ער טאַקי קענען ווערען גרויס און בעריהמט, נאָכמעהר ווי ער איז.

— ווי גוט איז דאָס, גווענדאָלען, צו זיין אַ פרוי פון אַזאַ מאַן — האָט די מוהמע געזאָגט און צום מאַן זיך געווענדעט — דו טאָרסט אָבער נישט אָבלייגען און תיכף שרייבען צום בישאָף. עס איז אַ גאַנץ גוטער אויסרייד. וועסט איהר שרייבען, אַז זי איז געוואָרען אַ כלה. אַ נישט וואָלט זי זיך געפיהלט זעהר בעליידיגט. זי איז זעהר אַ שטאָלצע און אַ בעל גאוה'ניצע.

גווענדאָלען האָט אויפגעציטערט, אַז זי האָט דערהערט דעם בישאָף'ס נאָמען. זי איז צופריעדען געווען, וואָס זי איז אויסגעלעזט געוואָרען פון דער צרה און עפּעס אַ פרוי וועט שוין נישט זיין איהר הערשערין און דעה זאָגערין.

גוועגדאָלען האָט שוין געשוויגען דעם גאַנצען אָבענד און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי האָט זיך געלעגט אין בעט אריין און האָט מיט קיין אויג נישט געקענט צומאַכען. דאָס הארץ האָט זיך אזוי געצאַפּעלט און געוואָרפען אין איהר. דאָס האָט זי שטארק געוואונדערט. זי איז קיינמאָל נישט געוועהנט געווען דערצו, אזוי צו פיהלען און צו זיין אזוי שרעקליך אונרוהיג. זי האָט זיך אָבער געהיט, אז די מוטער זאָל נישט בעמערקען, אז זי קען נישט איינ־שלאָפען. וואָס איז מיט איהר? וואָס וואַרפט זיך איהר הארץ אזוי? עפּעס ווייזט זיך איהר, אז קיין גוטס שטעהט איהר נישט פאָר. וואָס איז דאָס? וואָס פאַר א שלעכטס וועט איהר אַנטקעגען קומען? גאָט מיינער! זי איז פון אייביג אָן געוועהנט געווען זיך צו בעהערשען, זיך און אַלעמען ארום איהר, אַלע זיינען איהר אונ־טערטהעניג געווען, אַלע, אַלע. און איצט האָט אַלץ זיך געביטען. זי איז איצט אונטערטהעניג אָן אנדערען, איצט וועט זי מוזען פאָלגען א פרעמדען מענשען, וואָס זי האָט איהם ערשט ניט לאַנג דערקענט. זי וועט מוזען זיך פיהרען ווי ער וועט וועלען, צו זי וועט יאָ וועלען אָדער נישט. יא, עס וועט איהר גאָרנישט פעהלען. זי וועט זיין רייך, זעהר רייך, זי וועט האָבען א סך כבוד און דאָך האָט איהר עפּעס באַנג געטהאָן די גאַנצע געשיכטע. זי האָט גע־טראַכט, אז איצט איז אַלץ פערפאַלען, זי קען שוין אנדערש נישט מאַכען, זי וועט שוין מוזען געהן אויף דעם וועג, וואָס זי האָט זיך היינט אויסגעקליבען. און פּלוצלונג האָט זי דערזעהן א בילד פון א פרוי מיט צוויי קינדער. לידיא גלאַשער מיט איהרע קינדער שטעהן איבער איהר, זאָגען קיין וואָרט נישט, נאָר קוקען שטיל און מיט פאָרוואורף אויף איהר... זי האָט זיך שרעקליך דערשראָקען און געמאַכט א גוואַלד:

— מאַמע!

— יא, מיין קינד! — האָט די מוטער געענטפערט. זי האָט אויך נישט געקענט איינשלאָפען.

— לאָז מיך שלאָפען מיט דיר אין בעט — האָט זי געבעטען.

זי איז אריין צו דער מוטער אין בעט, אָנגעשפּאַרט זיך אויף דער מוטער׳ס הענד און באַלד אַנטשלאָפען געוואָרען און אזוי איז

זי פעסט און רוהיג געשלאָפען ביז א שטיק אויפ'ן טאָג. די מוטער איז צו איהר צוגעגאנגען, זי אויפגעוועקט און זיך פערענטפערט:

— עס טהוט מיר זעהר וועה, וואָס איך מוז דיך אויפוועקען, איך דענק אָבער, אז איך מוז עס גלייך טהאָן. מר. גראנדקאָרט האָט דיר צוגעשיקט א פעקעל, נאדיר עס און דער דינער האָט גע־בראַכט צו פיהרען קריטערמאָנען. ער זאָגט, אז גראנדקאָרט האָט איהם געהייסען דאָ צוואווארטען.

גווענדאָלען האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און געעפענט דאָס פעקעל. זי האָט געפונען דאָרט א קליין קעסטעלע מיט א טייערען דימענטענעם רינג און א בריעף. זי האָט געעפענט דעם בריעף און איבערגעלייענט:

— זייט אזוי גוט און טהוט זיך אָן דעם רינג — האָט ער געשריבען — און אז איך וועל קומען צוועלף א זייגער זאָלט איהר איהם שוין געהן אָנגעטהאָן אלס א צייכען אז מיר זיינען חתן־כלה. איך שיק אייך צו א טשעק אויף מר. גאסקאָינ'ס נאָמען פאר באַל־דיגע הוצאות. מאַדאם דאווילאָוו וועט דאָך זיכער פערבלייבען אין אפענדין, אמווענינגסטען פאר א געוויסע צייט. איך האָף אז ווען איך וועל קומען וועט איהר שוין האָבען בעשטימט דעם טאָג, און וואָס צום גיכסטען, ווען איהר וועט זיין מיין הערשערין און בע־פעהלערין אין דער גאנץ נאָהענטער צייט.

אייער איבערגעבענער, מ. מ. גראנדקאָרט.

דער טשעק איז געווען אויף פינף הונדערט פונט. גווענדאָלען האָט געגעבען דעם טשעק מיט דעם בריעף צו דער מוטער.

— ווי פיין און איידעל — האָט פרוי דאווילאָ געזאָגט. — איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט זיין אָבהענגיג פון אן איידים. איך און די מיידלעך וועלען זיך סיי ווי קענען איינאָרדנען.

— מאַמע, אויב דו וועסט עס נאָכאמאָל זאָגען וועל איך נישט חתונה האָבען מיט איהם — האָט גווענדאָלען געזאָגט.

— קינד מיינס, איך דענק אז דו געהסט נישט חתונה האָבען בלויז פאר מיין טובה — האָט די מוטער געענטפערט.

גווענדאָלען האָט אוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויפ'ן קישען און געלאָזט ליגען דעם רינג. זי איז געווען אויפגערעגט וואָס עס איז

נישט אין גאַנצען ווי די מוטער דענקט, אָבער זי וויל דאָך טאַקי חתונה האָבען מיט איהם טאַקע נאָר צוליעב דער מוטער.

— איך וויל דאָך נאָר דיין גליק — האָט די מוטער ווייטער געזאָגט. — מיין גאַנצע האָפנונג איז נאָר אַז דו זאָלסט זיין גליק־ליך. איך וועל שוין מעהר נישט רעדען צו דיר אַזעלכעס וואָס פערשאַפט דיר עגמת נפש. וועסט אָנטהאָן דעם רינג?

— איך האָב געמיינט אַז דער חתן אַליין טהוט אָן דעם רינג אויף דער כלה׳ס פינגער — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער, און אָנגעטהאָן דעם רינג. איך וויים גאַנץ גוט פאַרוואָס ער האָט איהם צוגעשיקט און נישט מיטגעבראַכט אַליין.

— אהא, ער האָט בעסער געוואָלט אַז איך זאָל עס אַליין אָנ־טהאָן, איידער ער זאָל מיך דאַרפען בעטען איך זאָל איהם דאָס לאָזען טהאָן. אוי, איז ער אַ שטאָלצער! איך בין אָבער אויך אַזוי, מיר וועלען זיך ביידע גוט פאַסען. איך וואָלט פיינט געהאַט אַ מאַן וואָס וואָלט געקומען צו מיר אויף די קניע און געקראָכען פאַר מיר אויף אַלע פיער. ער געפעלט מיר, איך בין נישט ענט־טוישט.

— עס איז נישטקשה פון אַ קאָמפּלימענט.. האָט די מוטער געזאָגט.

עס איז גאַנץ גוט גענוג פאַר אַ מאַן — האָט גווענדאָלען גע־זאָגט — איך מוז זיך שוין אָנטהאָן. וועסט מיר העלפען, מאַמע?

זי האָט צוגעדריקט דער מוטער צו זיך און געזאָגט:

— מאַמע, וועסט שוין נישט רעדען אַזוי, וועסט נישט טראַכ־טען מעהר וועגען לעבען און אָרימקייט? אפילו ווען עס איז דיר נישט אַזוי שטאַרק אָנגענעהם זאָלסטו אָבער גאָרנישט רעדען, וועסט מוזען לעבען אין גרעסטען פערגעניגען. העדר גראַנדקאָרט פיהרט זיך דאָך אויך גאַנץ גוט אויף. ניט אַזוי?

— געוויס פיהרט ער זיך גאַנץ פיין — האָט די מוטער גע־זאָגט, — זעהר פיין און איידעל.

גווענדאָלען איז אָבער אַלץ נישט רוהיג געווען. די געדאַנקען פון נעכטען ביינאַכט האָבען זי נישט אָבגעלאָזט. און זי האָט בעשלאָסען אַז ווען זי וועט שוין זיין גראַנדקאָרט׳ס פרוי וועט זי זעהן אַז ער זאָל גוט בעהאַנדלען לידיא גלאַשער.

— וואָס פאַר אַ נוצען וואָלט עס דען געווען פאַר דער גלאַשער — האָט זי געטראַכט — ווען איך זאָל נישט חתונה האָבען מיט איהם? אויב ער וואָלט זי געוואָלט וואָלט ער דאָך געקענט מיט איהר חתונה האָבען! ער האָט זי אָבער נישט ליעב. אפשר איז זי גאָר פיעל שולדיג און איך ווייס נישט דערפון? ער איז אודאי אויך גוט געווען צו איהר, אַ ניט וואָלט זי דאָך ניט אזוי געריסען זיך צו איהם...

עס קען דאָך אָבער זיין — האָט זי אָנגעהויבען צווייפלען — אַז די גלאַשער מיינט גאָר ניט ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען, ווי דאָס וואָס זי האָט מורא אַז ווען ער וועט חתונה האָבען מיט אַן אַנדערע און וועט האָבען קינדער, וועט דאָס שאַדען איהרע קינדער? די אַנדערע קינדער וועלען ירש'ענען זיין גאַנץ גוטס און איהרע קינדער וועלען גאָרנישט בעקומען פון זייער פאָטער.

נאָר, איז איהר איינגעפאַלען, עס קען דאָך מעגליך זיין אַז זיי וועלען ניט האָבען קיין קינדער, וועט דאָך דאַן די גאַנצע ירושה בלייבען פאַר גלאַשער'ס זוהן און טאָכטער. דער פעטער האָט דאָך געזאָגט אַז גראַנדקאָרט קען טהאָן מיט זיינע גיטער וואָס ער וויל, טאָ וואָס קען דאָס איהר שאַדען?

און טראַכטענדיג אזוי, אַז זי וועט זעהן אַז גראַנדקאָרט זאָל נישט טהאָן קיין עולה דער גלאַשער, איז זי שוין רוהיגער געוואָרען און געפיהלט זיך צופרידענער.

זי איז שוין געווען אָנגעטהאָן און איז אַרונטער פון די שטיגען ווען זי האָט פלוצלונג אַ זאָג געטהאָן צו איהר מוטער:

— מאַמע, געה צוריק און טהו זיך איבער אין שעהנסטען און בעסטען אַז דו זאָלסט אויסזעהן ווי אַ פירשטין. דו דאַרפסט ניט זיין בעשיידען...

ווען גראַנדקאָרט איז געקומען, זיינען זיי ביידע אויסגעגאַנגען. ער האָט גענומען איהר האַנד און בעקוקט דעם רינג. זי האָט געזאָגט:

— עס איז אזוי פיין און איידעל פון אייער זייט וואָס איהר האָט וועגען אַלעם געטראַכט און מיר געשיקט דאָס פעקעל.

—איהר האָט מיר געזאָגט, אויב איך וועל עפּעס פאַרגעסען —

האָט ער איהר געזאָגט און וואַרעם געדריקט איהר האַנד — איך וועל טהאָן אַלץ וואָס איהר וועט וועלען.

— איך בין אָבער אַזוי נישט פערנינפטיג אין מיינע פערלאַנגען — האָט זי מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— נו, דאָס דערוואַרט איך. פרויען זיינען אייביג אַזוי.

זי האָט אַרויסגענומען איהר האַנד פון זיינע און געזאָגט:

— נאַ, איך וועל שוין נישט זיין ניט פערנינפטיג, און מען זאָל ניט זאָגען אויף מיר, אַז איך בין פונקט ווי אַלע פרויען.

— איך האָב גאָר ניט געזאָגט אַז איהר זייט ווי אַלע פרויען; ניין, איהר זייט אַנדערש פון אַלע אַנדערע.

— וואָס מיינט דאָס? — האָט זי געפרעגט און זיך אביסעל אָבגערוקט פון איהם.

ער האָט געשוויגען אַ ווייל און געטראַכט און באַלד געענטפערט:

— איהר זייט דאָך די פרוי וואָס איך ליעב.

— אַ פיין ווערטיל — האָט זי געזאָגט, לאַכענדיג.

— צאָהלט זשע מיר אויך אָב מיט אַ גוט וואָרט — האָט ער זיך אָנגערופען — און זאָגט מיר ווען וועלען מיר חתונה האָבען?

— נישט איצט. ניט פריהער ביז מיר וועלען האָבען אַ גוטען גאַלאָפּ איבער די פעלדער — האָט זי געענטפערט. — איך וויל אַזוי פאָהרען אביסעל, אַז איך קען נישט טראַכטען פון קיין אַנדערע זאַכען. איך וואָלט צופרידען געווען ווען מען וואָלט שוין אָנגעפאַנגען געהן אויף געיעג. ערשט אין צעהן טעג אַרום הויבט ער זיך אָן, נישט אַזוי?

— טאָ, לאָמיר טאַקע חתונה האָבען אין צעהן טאָג אַרום, — האָט ער איהר פאָרגעלייגט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט זי געפרעגט — וואָס ענטפערען מיידלעך אויף אַזאַ פראַגע?...

— זיי בעשטעהען דאַרויף — האָט ער גיך געענטפערט, — זיי ענטפערען: יאָ, גוט.

— אויב אַזוי — האָט זי איהם געענטפערט שמייכלענדיג — וועל איך ענטפערען: ניין, איך בעשטעה ניט...

איהר ענטפער איז איהם געפעלען און ער האָט הארציג גע־

לאַכט. גראַנדקאָרט האָט זיך געטראַכט, עס איז בעסער, ער זאָל איהר נאָכגעבען, דאַן וועט ער זי זיכער געווינען אויף זיין זייט אינ־גאַנצען, אַזוי ווי ער וועט וועלען.

נאָך אַ גיכען גאַלאָפּ, וואָס זיי האָבעןביידע צוזאַמען געמאַכט אויף זייערע שנעלע פערד, איז זי צופרידען געווען אַז זי האָט מסכים געווען די חתונה זאָל זיין אין דריי וואָכען אַרום.

לוש איז געוואָהר געוואָרען, אַז גראַנדקאָרט איז געוואָרען אַ חתן מיט גווענדאָלען, כאָטש גראַנדקאָרט האָט דאָס איהם אַליין נישט דערצעהלט. ער האָט אָבער געזעהן, אַז גראַנדקאָרט דער־צעהלט איהם קיין וואָרט נישט, האָט ער דערפיהלט, אַז עפּעס וועט מיט איהם דאָ געשעהן און ער איז געוואָרען אונגעדולדיג צו וואַר־טען און ער האָט בעשלאָסען גאָר נישט צו רעדען אַזעלכעס, וואָס זאָל פערדריסען גראַנדקאָרטען אָדער גווענדאָלינ׳ען. וואָס וועט דען אַרויסקומען דערפון? ער וועט שוין ניט איבעראַנדערשען, אַזוי וועט דאָס שוין בלייבען. זיי וועלען חתונה האָבען. ער האָט אָבער עפּעס געוואָלט הערען וועגען דעם פון גראַנדקאָרטען אַליין. נאָר גראַנדקאָרט האָט איהם אויסגעמידען. ער האָט אַליין געגע־בען זיינע אָרדערס און בעפעהלען צו די דינער און זיך ניט בענוצט מיט איהם. עסען האָט ער זיך אַליין אויסגעקליבען און לוש איז געבליבען אין גאַנצען פערשוויגען און איגנאָרירט.

איין טאָג איז ער צוגעגאַנגען צו גראַנדקאָרט׳ען און געפרעגט:

— ווען וועט זיין די חתונה?

— דעם צעהנטען — האָט גראַנדקאָרט קורץ געענטפערט.

— איהר וועט דאָך דאָ פערבלייבען? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— ניין, מיר פאָהרען נאָך ריילאַנדס אויף עטליכע טעג און מיר וועלען קומען צוריק אויף געיעג.

ער האָט געשוויגען אַ ווייל און לוש האָט ווידער עפּעס גע־וואָלט פרעגען, נאָר גראַנדקאָרט האָט פּלוצלונג איהם אַ זאָג געטהאָן:

— דו וואָלסט גלייכער געדאַרפט עפּעס זעהן דיך אַנדערש איינאָרדנען...

— וואָס? איך וועל ווערען אָוועקגעשיקט? — האָט ער זיך פערוואונדערט.

— עס זעהט אזוי אויס...

— די כלה איז געגען מיר? איך דענק, אז וועגען מיין דינסט ביי אייך וועט זי איינגאַנצען איבערלאָזען צו'ן אייך.

— איך קען גאָרנישט העלפען, — האָט גראַנדקאָרט געזאָגט, דו געפעלסט אזוי נישט די פרויען.

— איינע גראד געפעהל איך יא, איהר ווייסט שוין וועמען איך מיין... די גלאַשער.

— וואָס העלפט דאָס אָבער? — האָט גראַנדקאָרט זיך איינ־געשפּאַרט, — עס רעדט זיך דאָך נישט וועגען איהר!...

— איך האָף אָבער, — האָט לוש גע'טענה'ט, — אז איך וועל נישט ווערען ארויסגעוואָרפען נאָך פופצעהן יאָהר דיענסט גלאַט אין גאַס.

— דו האָסט דיר דען גאָרנישט אָנגעקליבען קיין געלד דורך דער גאַנצער צייט?

— כמעט גאָר נישט, איך האָב געקליבען פאַר אייך.

— גוט, איך וועל דיר צאָהלען דריי הונדערט פונט א יאָהר. מוזט אָבער וואוינען אין שטאָדט און זיין גרייט, אז איך וועל דיך דארפען. איך ווייס דאָך נישט, ווי אזוי מיט מיר וועט זיין.

— איך וועל בעסער פאָהרען נאָך ריילאַנדס — האָט לאָש געזאָגט.

— קענסט זיין וואו די ווילסט' אבי ניט מיט אונז.

— נו, גוט, איך בעשטעה — האָט לוש איינגעשטימט און געהאָפט, אז גראַנדקאָרטען וועט ער נאָכאמאָל צוניץ קומען מעהר ווי ביז איצט.

— איך האָף, אז דו וועסט וואָס שנעלער דיר איינפּאַקען די זאַכען און אוועקפאָהרען. מיס הערליט וועט אין גיכען דארפען קומען אהער.

לוש איז אוועק און אָנגעשריבען א בריעף צו סער הוגאָ מאַ־לינדזשער וועגען דער גאַנצער געשיכטע.

„מיין טהייערער סער הוגאָ מאַלינדזשער, — האָט ער גע־שריבען, — אזוי ווי מיר זיינען אהיים געקומען איז גראַנדקאָרט'ס חתונה געוואָרען א בעשטימטע זאַך. זי וועט זיין אין א דריי וואָ־כען ארום. עס איז איצט נאָך ערגער פאַר איהם, וואָס דער מיי־

דעל'ס מוטער האָט די לעצטע צייט פערלאָרען איהר גאַנץ פערמעגען. זי איז פעראָרעמט געוואָרען און איז געבליבען אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. ער וועט איצט מוזען אויסהאַלטען אויך זי מיט די קינדער. איך וויים, אַז ער דאַרף איצט האָבען געלד. ער קען נאָך אפשר קריגען געלד ערגעץ אַנדערש. איך מוז שוין פערלעזען פלאַפּילד און וועל אין דעם גאַרנישט קענען זאָגען. איך וואָלט אייך געראַטען, אַז דעראָנדאַ, אין וועמען איהר האָט אייער פולען צוטרויען, זאָל דאָ אהער קומען אויף אַ שטיקעל צייט. גראַנדקאָרט האָט דאָך איהם איינגעלאַדען. דערצעהלט איהם אַלץ וואָס איהר דענקט און ווילט טהאָן. מר. דעראָנדאַ זאָל דאָס פאַרלייגען גראַנדקאָרט'ען אַזוי, אַז ער זאָל נישט פערשטעהן, אַז איהר ווייסט, אַז ער דאַרף געלד, נאָר אַז איהר ווילט דאָס גלאַט אַזוי האָבען. איך האָב איהם שוין געזאָגט, אַז איהר וואָלט געגעבען אַ היבשע סומע געלד פאַר דיפלאַפּילד, און אַז מר. דעראָנדאַ וואָלט געקומען מיט אַ בעשטימטען פלאַץ, וואָלט עס געקענט געהן אויף אַ וועג. איך האָף, אַז עס וועט אייך געלינגען. איך אַליין פאָהר דאָך אויך נישט אונטער די הרי־חשך, אפשר וועל איך אויך קענען עפּעס העלפען אין דעם. איך דענק, אַז קיין בעסערען פאַר דעם פּלאַן ווי דעראָנדאַ איז נישטאָ און ער וועט עס געוויס דורכפיהרען, ווייל גראַנדקאָרט האָט שטאַרק נישט ליעב, אַז בעלי־חובות זאָלען איהם פּייניגען צופיעל און ער וועט דאָס באַלד האָבען...

אייער איבערגעבענער,

טאָמאַס לוש".

סער הוגאָ מאַלינדזשער האָט בעקומען דעם בריעף ביים אַנבייסען און ער האָט איהם באַלד איבערגעגעבען דעראָנדאַ'ן. כאָטש דעראָנדאַ האָט געהאַט אַ וואָהנונג אין לאָנדאָן, איז ער אָבער דאָך געוועזען מעהר ביי זיין פעטער. דער פעטער האָט איהם נישט געוואָלט אָבלאָזען און שטענדיג איהם געוואָלט האָבען נעבען זיך.

דעראָנדאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און איהם צוריק געגעבען זיין פעטער, נישט זאָגענדיג קיין איינציג וואָרט. אין הארצען איז ער אָבער גענוג אויפגערעגט געוועזן אויף לאָש'ען מיט זיין גאַנצען פּלאַן.

געפּרעגט — דו דאַרפסט גראַד זיין זעהר צופרידען דערפון. יאָהרען לאַנג ביזטו שוין נישט געווען אין דיפּלאָפּילד און ווערסט דאַך אויך קענען געהן אויף גייעג, ווען דו זאָלסט באַלד קומענדע וואָך גלייך אהין פאָהרען.

— איך וועל אָבער אויף דעם חשבון נישט פאָהרען — האָט דעראָנדא געזאָגט עסענדיג און איז געווען אונצופרידען, וואָס דער פעטער דערצעהלט איהם, ער זאָל אהין פאָהרען, ווייל ער איז שוין אַזוי לאַנג ניט געווען און אַז ער וועט אויך קענען געהן אויף גייעג, אַז דאָס איז נישט אמת, ער וועט נישט פאָהרען צוליעב זיך, נאָר צוליעב דעם פעטער.

— איך דענק אָבער — האָט סער מאַלינדזשער געזאָגט — אַז לוש'ס עצה איז ריכטיג און גוט. עס איז אַ שאָד דורכצולאָזען די געלעגענהייט.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט, — אויב איהר דענקט, אַז מיין פאָהרען איז וויכטיג פאַר אייך, איז גאָר אַנדערש.

— וואָס רעדסטו! דו ווערסט דאָך אויך זעהן די שפּילערקע פון ליבראַן, אָט די שעהנע מיידעל — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל און צו דער פרוי האָט ער זיך געווענדעט, אַזוי ווי זי וואָלט אויך געהאַט געלייענט דעם בריעף — מיר וועלען זיי מוזען איינלאַדען אהער, אַזוי ווי זיי וועלען האָבען חתונה געהאַט, נישט אַזוי, לואיזע?

— איך ווייס דאָך גאָרנישט וועמען דו מיינסט — האָט זי געענטפערט, זי האָט ווירקליך גאָרנישט געוואוסט, זי האָט קיין איין וואָרט נישט געהערט פון דעם גאַנצען געשפּרעך. זי איז פערנומען געווען מיט די קאפּע, געטראַכט וועגען איהרע קליידער און וועגען דענטיסט און וואָס וועט זי זיך דאָרט צוהערען, וואָס די מענער שמועסען?...

— מיר רעדען דאָס וועגען גראַנדקאָרט'ען. ער האָט דאָך חתונה מיט דער מיידעל, וואָס דו האָסט געזעהן אין ליבראַן, געדענקסט זי נישט? די מיס הערליט, וואָס האָט געשפּיעלט.

— מיין גאָט! — האָט זי אויסגעשריגען, — פּאַסט זי זיך פאַר איהם?

— דאָס געהער שוין צו איהם, — האָט ער געענטפערט מיט א שמייכעל, — אפשר פערלאַנגט ער אזוי, סיי ווי סיי זי אליין און איהר גאַנצע משפחה זיינען אָרימע לייט און מעהר ווי נייע הוצאות וועט זי איהם נישט אריינברענגען. עס פּאַסט זיך אָבער גאַנץ גוט פאַר מיין פּלאַן. גאַנץ מעגליך, אז איך וועל איהם פאַרלייגען געלד וועט ער מיר פערקויפען זיין רעכט אויף דיפּלאָפּילד און מיר וועלען עס האָבען אינגאַנצען און נאָך מיין טויט וועסטו קענען דאָרט זיין. דיר געפעלט עס דאָך, נישט אזוי?

— רעד נאָך נישט אזוי לייכט פון טויט... — האָט זי זיך געבעטען.

— עס איז גאָר נישט אזוי לייכט ווי דו מיינסט, עס איז גענוג שווער, איך וועל מוזען אוועקלייגען א פערציג טויזענד פונט צום ווענינסטען.

— אָבער צו וואָס זאָל מען זיי דאָ אהער פערבעטען? — האָט זי זיך געגעגנעשטעלט, — איך האָב נישט ליעב פרויען, וואָס שפּיעלען.

— אויף א וואָך צייט איז נישט געפעהרליך — האָט סער הוגאָ זי בערוהיגט, — און אויסער דעם איז זי נישט קיין געמבלערקע. זי האָט נאָר גלאַט אזוי אביסעל געשפּיעלט. איך וויל אויך, אז גראַנדקאָרט זאָל דאָ זיין און זאָל פערגעסען פון דיפּלאָפּילד. איך בין אָבער גאָרנישט אזוי זיכער צו איך וועל איהם דאָ גאָר קענען בעקומען און אויב דאָני וועט אהין פאָהרען. פאַר מיר וואָלט דאָס געוועזען א גרויסע טובה.

— איך גלויב, אז דאָני האָט נישט אזוי שטאַרק ליעב גראַנדקאָרט'ען, — האָט זי געזאָגט קוקענדיג אויף דעראָנדאָ'ן.

— וואָס איז דער אונטערשיעד? — האָט דניאל דעראָנדאָ געזאָגט, — גאַנץ אָפט מוז מען זיך צוזאַמענקומען מיט אזעלכע מענשען, וואָס זיינען נישט אזוי שטאַרק צום הארצען. איך וועל צופאָהרען אין דיפּלאָפּילד, דער פעטער פערלאַנגט דאָך דאָס.

— דאָס איז פיין, — האָט סער הוגאָ געזאָגט א צופריעדענער, — און אויב דו וועסט דאָרט אפילו נישט קיין גרויסע הנאה האָבען וועסטו זיך אָבער דערוויייל בעקענען מיט פערשידענע מענשען און דאָס איז ווערט א סך. איך אין דיינע יאָהרען האָב אויך

אזוי געלערנט ביי דער וועלט. מען דארף זעהן מענשען און זייע־רע פיהרונגען.

— יאָ, איך האָב אָבער דעם מאַן שוין געזעהן מיט זיינע פיהד־רונגען — האָט דעראָנדאַ זיך אָנגערופען.

— נישט זעהר קיין שעהנע, הא? — האָט מאַדאַם מאַלינד־זשער אַ פרעג געטהאָן.

— נו, זעהסט דאָך, ער האָט אָבער ערפאָלג ביי די פרויען. נא, ווען ער איז אַלט געווען אַ צוויי דריי און צוואַנציג יאָהר, איז ער געוועזן זעהר אַ שעהנער בחור, געראָטען אין פאָטער. ער האָט נאָר נישט נאָכגעטהאָן זיין פאָטער, וואָס ער האָט נישט גענומען קיין רייכע כלה. אַ, ווען ער האָט חתונה מיט די מיס אַראָפּאַינט און מיט מיינע גיטער דערצו, וואָלט ער שוין גאָר רייך געווען.

איצט האָט שוין דעראָנדאַ'ן ניט געאַרט וואָס ער מוז פאָהרען נאָך פלאַפּיעלד. די געשיכטע וואָס לאָש האָט איהם דערצעהלט ווי גווענדאָלען איז אַנטלאָפען פון גראַנדקאָרט'ען האָט איהם פער־אינטערעסירט. עפּעס האָט גווענדאָלען גאָר אַנדערש אָנגעהויבען אויסזעהן פאַר איהם. ער האָט זי שוין אויך נישט בעשולדיגט וואָס זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּילען. ער איז ביי זיך זיכער גע־ווען, אַז ווען נישט דער אונגליק, וואָס גווענדאָלען'ס מוטער איז פעראָרימט געוואָרען, וואָלט זי נישט חתונה געהאַט מיט גראַנד־קאָרט'ען פאַר קיין פאַל. ער האָט זיך געטראַכט אַז זי איז אַן אונ־גליקליך מיידעל וואָס האָט געקעמפּפט און מלחמה געהאַלטען מיט'ן לעבען און איז צום סוף געפאַלען אַ קרבן. אַ גרויס רחמנות האָט איהם אַרומגענומען אויף איהר און ער האָט בעשלאָסען איהר צו העלפען מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

די געשיכטע מיט'ן בראַסליעט, וואָס ער האָט שטילערהייט איהר צוריק געשיקט, האָט ער אַליין ניט פערשטאַנען פאַר וואָס ער האָט דאָס געטהאָן. אַז נישט פאַר רחמנות איז ער זיכער געווען אַנדערש ניט נאָר די מיידעל האָט אַזאַ קראַפט צוצוציהען צו זיך מענשען און זי האָט איהם אויך צוגעצויגען צו זיך. ער מוז איהר איצט העלפען מיט וואָס עס וועט נאָר מעגליך זיין פאַר זיינע כחות.

דעראָנדאַ האָט באַלד געשריבען אַ בריעף צו גראַנדקאָרט'ען אַז

ער קומט צופאָהרען. גראַנדקאָרט האָט איהם תיכף געענטפערט אז ער איז זעהר צופרידען מיט זיין קומען. גראַנדקאָרט האָט דאָס טאַקי געמיינט. ער האָט פערשטאַנען אז מסתמא האָט איהם דער פעטער, סער הוגאָ, געהייסען פאָהרען און ער האָט עפּעס וויכטיגעס פאַר איהם. ער איז דאָך אויך זיכער געווען אז דעראָנדאָ איז סער הוגאָ'ס אַ זוהן, איז ער דאָך זיין אייגענער שוועסטערקינד, האָט ער זיך געוואָלט בעריהמען פאַר איהם און בעווייזען זיין גאַנץ גליק, אז ער האָט בעקומען גווענדאָלען, פאַר וועלכער אויך דעראָנדאָ האָט דעם גרעסטען דרך ארץ.

גראַנדקאָרטען האָט קיין זאך נישט געאַרט אויסער דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זיין דער גרעסטער פון אַלע און האָט זיין הער־שאַפט קיינמאָל ניט געוואָלט פערלירען.

---

## 16טער קאַפּיטעל.

גראַנדקאָרט איז ווי צוגעבונדען געוואָרען צו גווענדאָלענען און זי נישט אָבגעלאָזען אויף אַ מינוט. טאָג־טעגליך זיינען זיי געריטען אויף אַ שפּאַציער אויף זייערע שעהנע, פלינקע פערד, אויסער אין אַ רעגען־טאָג זיינען זיי איבערגעבליבען אין הויז. דעם טאָג האָט גערעגנט און גווענדאָלען איז געזעסען אין הויז און פאַר צייט־פערטרייב גענומען אויסנעהען. און כאָטש זי האָט דאָס קיינמאָל ניט געטהאָן האָט זי עס אָבער גאַנץ גוט געמאַכט. גראַנדקאָרט איז געזעסען און האָט צוגעקוקט ווי זי ארבייט. ער איז איהר אַלץ מעהר און מעהר געפעלען געוואָרען. ער האָט געוואוסט, ווי אומ־צוגעהן מיט איהר, אַזוי קלוג און פערשטענדיג געענטפערט אויף איהרע פערשיעדענע פראַגען. ער בעלעסטיגט זי אויך נישט ווי אנדערע געליעבטע. ער האָט זי נאָך דערווייל נישט געקושט אין פּנים, נאָר אין קאָפּ אריין. פון דעם איז זי גראַד געווען אונצו־פרידען, זי האָט מורא געקריגען פאַר איהם, ווי שטאַרק ער האַלט זיך, זי קען ניט אומגעהן מיט איהם ווי מיט איהר שוועסטער־קינד רעקס. ער האָט געזעהען אז זי האָט עגמת נפש, האָט ער זי בע־רוהיגט מיט גוטע שטילע רייד און אַלץ איז צוריק גוט געוואָרען.

— מיינע שוועסטערקינדער זיינען איצט אין פּלאַפּיעלד — האָט ער איהר אַ זאָג געטהאָן. — וועט איהר צופאָהרען מאָרגען? פּאַר מאַדאַם דאַווילאָוו וועל איך צושיקען די קאַרטע. איהר וועט דאָן בעקוקען דאָס גאַנצע הויז און זעהן וואָס מען דאַרף אויפטהאָן. אַלץ דאַרף דאָך ווערען איינגעאָרדענט דורך דער צייט וואָס מיר וועלען זיין אין ריילאַנדס. מאָרגען איז דער בעסטער טאָג פאַר דעם, און דער איינציגער.

— פאַרוואָס איז מאָרגען דער בעסטער טאָג און דער איינ־ציגער דערפאַר? — האָט זי געפרעגט.

— ווייל איבערמאָרגען הויבט זיך אָן דאָס געיעג.

— און דערנאָך? — האָט זי ווייטער געוואָלט וויסען.

— דערנאָך וועל איך מוזען אוועקפאָהרען אויף עטליכע טעג און באַלד צוריקקומען.

גראַנדקאָרט האָט דערזעהן ווי גוועגדאָלען׳ס פּנים האָט זיך אין דער מינוט אינגאַנצען געביטען, האָט ער אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף איהרע פּלייצעס און געפרעגט:

— איהר זייט געגען מיין אוועקפאָהרען?

— וואָס העלפט דאָס אז איך וועל זיין דאַגעגען? — האָט זי קאַלט געזאָגט. עס האָט זיך איהר אַזוי שטאַרק געוואָלט איהם זאָגען אַז זי ווייסט וואוהין ער פאָהרט, אַז ער פאָהרט דאָס צו לידיא גלאַשער זיך אויסגלייכען מיט איהר איידער ער געהט חתונה האָבען, נאָר גראַנדקאָרט האָט גיך אַ זאָג געטהאָן. גוט, איך וועל אָבלייגען די רייזע, און אַז איך וועל פאָהרען וועל איך דאָס טהאָן אין אָבענד און וועל באַלד צומאָרגענס זיין צוריק.

— טאָ לעגט שוין ניט אָב — האָט זי געזאָגט — פאָהרט שוין ביינאַכט.

— און איהר וועט פאָהרען מאָרגען נאָך פּלאַפּיעלד? — האָט ער זי נישט אָבגעלאָזט.

— יאַ, אַז איהר פערלאַנגט דאָס אַזוי.

— אַך, ווי איהר בעהאַנדעלט אונז אָרימע טייוועלען! — האָט גראַנדקאָרט געזאָגט — מיר מענער בעקומען פון אייך תמיד דאָס ערגסטע.

— איז דאָס טאַקע אַזוי? — האָט זי געפרעגט. עס איז

איהר איינגעפאלען אז אפשר איז דאָס טאקי אמת. די פרויען פייניגען די מענער. און אפשר האָט די גלאשער אויך אזוי גע־האנדעלט, איז ער דאָך נישט אינגאנצען שולדיג, און זי האָט דאָס שטארק געוואָלט וויסען און זי האָט געפרעגט: — בעקומט איהר טאקע שטענדיג דאָס ערגסטע?

— געווים אזוי. זייט איהר דען אזוי גוט צו מיר, ווי איך צו אייך? — האָט גראנדקאָרט געענטפערט און זי שטארק אָנגעקוקט.

גווענדאָלען האָט זיך געפיהלט שטארק דערשלאָגען. זי האָט איינגעזעהן אז ער האָט טאקע איהר א סאך גוטס געטהאָן און זי האָט איהם צוריק דאָס מינדעסטע נישט געטהאָן. זי האָט פערשטאַ־נען אז זי האָט קיין רעכט ניט איהם שלעכט צו בעהאנדלען. פער־פאלען, זי מוז אויפגעבען איהרע געוואָהנהייטען און בעהאנדלען איהם אזוי, אז ער זאָל ניט האָבען קיין עגמת נפש, און זי האָט מיט א שמייכעל געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געווען צו אייך אזוי גוט ווי איהר צו מיר, וואָלט אייער גוטסקייט שוין ניט אזוי גרויס געווען ווי עס איז איצט...

— קען איך ניט בעטען ביי אייך אפילו קיין איינציגען קוש?— האָט ער געפרעגט.

— ניין, אפילו ניט קיין איינציגען — האָט זי געענטפערט מיט א געלעכטער.

ער האָט גענומען איהר האנד און צוגעטראָגען צו די ליפען און זי לייכט געקושט און באלד אָפּגעלאָזט. ער איז איהר אין דער מינוט אזוי געפעלען געווען אז זי האָט זיך געטראַכט דאָס עס איז ניטאָ קיין מאן אויף דער וועלט זי זאָל איהם קענען אזוי ליעב האָבען ווי איהם.

— ווער איז ביי אייך דאָ איצט? — האָט זי געפרעגט, נעה־מענדיג זיך ווידער אויסנעהען.

— א סך משפחה — האָט ער געענטפערט — און איינער איז אייך בעקאנט.

— אָ, אויב ער איז מיר בעקאנט, האָב איך שוין ניט קיין גוטע מיינונג וועגען איהם, — האָט זי געזאָגט א שאָקעל געבענדיג מיט'ן קאָפּ.

— איהר האָט איהם געזעהען אין ליבראַן, דער יונגער דע־האָנדראַ, דער יונגערמאַן וואָס וואָהנט צוזאַמען מיט די מאַלינד־זשערס.

גווענדאָלין האָט דערפיהלט ווי דאָס הארץ וואָלט זיך איהר פּלוצלונג אָבגעריסען, און די פינגער זיינען איהר אָבגעפראָרען געוואָרען פאַר שרעק.

איך האָב מיט איהם קיינמאָל ניט גערעדט — האָט זי געזאָגט און מורא געהאַט גראַנדקאָרט זאָל נישט דערקענען ווי זי האָט זיך דערשראָקען. — איז ער נישט אַן אונאַנגענעהמער מענש?

ניין, ער איז ניט אַזוי אונאַנגענעהם. ער האַלט נאָר אַביסעל צופיעל פון זיך. איך האָב געמיינט אַז מען האָט אייך פאָרגע־שטעלט.

— ניין, אימיצער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען דעם אבענד איידער איך בין אוועקגעפאָהרען. דאָס אַלעס. וואָס פאַר אַ מענש איז ער?

— אַ יתום, וואָס סער הוגאָ מאַלינדזשער האָט איהם אויפ־געצויגען, און ווייטער גאָרנישט.

— אָרימער מענש! — האָט זי געזאָגט און געמיינט דאָס מיט'ן גאַנצען הארצען — עס מוז איהם נישט קיין צופיעל הנאה פערשאַפען. יאָ, עס האָט שוין אפשר אויפגעהערט צו רעגענען? — האָט זי געזאָגט און איז אַוועק צום פענסטער ארויסקוקען, גראַנד־קאָרט זאָל נישט בעמערקען וואָס אין איהר הארץ קומט פאָר...

צומאָרגענס איז געווען אַ שעהנער טאָג, און גווענדאָלען האָט זיך אויפגעזעצט אויף קריטעריאַנען און צוגעפאָהרען נאָך פּלאָפּיעלד. אויפ'ן וועג האָט זי געטראַכט וועגען דעראָנדאַ'ן. זי איז שוין מעהר ניט בייז געווען אויף איהם, נאָר זי האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר איהם און זי האָט זיך אַזוי געשראָקען, דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט אַז עפּעס שלעכט דערוואַרט זי. וואָס? — האָט זי נישט געוואוסט.

איידער זיי האָבען זיך געזעצט עסען, איז זי דערוויילע געגאַנגען מיט דער מוטער און אַנדערע פרויען פון גראַנדקאָרט'ס קרובים און בעקוקט אַלע צימערען. זי האָט בעשלאָסען ביי זיך אויסצומיידען דעראָנדאַ'ן און וואָס ווייניגער אויפמערקזאַמקייט איהם צו שענקען.

זי וועט נישט מעהר רעדען צו איהם ווי דאָס נויטוועגדיגסטע. נאָר אַז זי איז אַריין אין צימער האָט זי זיך נישט געקענט העלפען און נאָר געטראַכט פון איהם.

אַז דעראָנדאַ האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש עסען האָט גראַנדקאָרט איהם אַ זאָג געטהאָן:

— דעראָנדאַ, מיס הערליט האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר זיינט נישט געווען פאַרגעשטעלט אין ליבראָן.

— איך האָב געדענקט, — האָט דעראָנדאַ געענטפערט, קוקענדיג אויף איהר, ווי פרעמד, — אַז מיס הערליט געדענקט מיך שוין כמעט נישט. זי איז דאַמאָלס געווען זעהר פערנומען.

האָט ער טאַקע געדענקט, אַז זי איז גאָרנישט הושד, אַז ער איז דער דאָזיגער, וואָס האָט איהר אומגעקעהרט דעם בראַסליעט?

— פערקעהרט, איך געדענק אייך זעהר גוט — האָט גווענדאָלין געזאָגט, — און נערוועז איהם אָנגעקוקט, — אַזוי ווי איהר זיינט אַריין אין שפּיעל־זאַל האָב איך אָנגעהויבען פערשפּיעלען. אייך איז נישט שטאַרק געפעהלען געוואָרען, וואָס איך האָב געשפּיעלט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָט ער זי איינפאַך געפרעגט, — איהר האָט אַזוי שלעכט געקוקט אויף מיר ביים שפּיעלען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל. — ביז איהר זיינט אַריין האָב איך געהאַלטען אין איין געווינען און אַזוי ווי איהר האָט זיך נאָר בעוויזען, האָב איך גלייך אַלץ פערשפּיעלט.

— אַ! ליבראָן איז אַ שלעכטער אָרט, — האָט גראַנדקאָרט אַריינגערעדט — אַלע האָבען דאָרטען צרות.

— איך האָב עס ערשט אָנגעהויבען בעטראַכטען פאַר מיאוס און שלעכט ווען איך האָב פערלאָרען מיין געלד — האָט גווענדאָלען געזאָגט. זי האָט געקוקט גלייך צו גראַנדקאָרטען ווען זי האָט דאָס געזאָגט. זי האָט אָבער אַ קוק געטהאָן פון דער זייט און דערזעהן ווי ערנסט דעראָנדאַ קוקט אויף איהר מיט זיינע שאַרפע אויגען. ווי ער וואָלט זי וועלען אין גאַנצען דורכנעהמען. עס האָט איהר אַזוי פערדראָסען אויף איהם און עס האָט איהר נאָכמעהר וועה געטהאָן ווי זיינע בליקען אַמאָל אין ליבראָן אין שפּיעל־הויז, און זי האָט נאָך מעהר צער געהאַט דערפון ווי פון קלעזמער׳ס רייד צו

איהר און זיין ניט גוטע מיינונג וועגען איהר טאַלאַנט. זיינע בליקען, האָט זי געפיהלט, שטעכען זי דורך ווי מיט אַ גרויסען שאַרפען מעסער און צושניידען איהר האַרץ אויף שטיק־שטיקער. זי האָט זיך אומגעדרעהט, ווי זי וואָלט געוואָלט איינהערען זיך וואָס מען רעדט. געטראַכט האָט זי אָבער די גאַנצע צייט פון דעראָנדאַ'ן. זיין שאַרפער אויסדרוקספולער פּנים האָט זי אַזוי פערינטערעסירט. זיין שטימע, וואָס זי האָט ערשט היינט צום ערשטען מאָל געהערט, האָט געקלונגען אין איהרע אויערען אַנטקעגען גראַנדקאָרט'ס קול ווי דאָס דינגע שפּיעלען פון אַ טשעלאָ אַנטקעגען אַ געשריי פון אַ האָהן...

זי האָט זיך געטראַכט אַז גראַנדקאָרט איז גערעכט אַז ער זאָגט אַז דעראָנדאַ האַלט צופיעל פון זיך און מיינט אַז זיין גלייכען איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט. ער איז טאַקע גערעכט. נאָר דער שטייגער פון די מענשען איז אַזוי אַז ווען זיי דערזעהען אַ צווייטען וואָס איז פיעל העכער און גרעסער פון זיי און זיי קומען נישט צו איהם, מאַכען זיי איהם אַוועק און זאָגען:

— אָ, ער איז אַ בעל־גאוה, האַלט פון זיך צופיעל....

זיי האָבען אויפגעהערט צו רעדען וועגען דעם שפּיעלען אין איבערגעגאַנגען אויף אַ שמועס וועגען די נעגערס. אימעצער האָט געזאָגט, אַז די ערגסטע זיינען די מולאַטען. האָט זיך דעראָנדאַ אָנגערופען:

— אין דעם זיינען די שוואַרצע ניט שולדיג, די שולד איז דאָך אונזערע, די ווייסע דאַרפען זיך דאָס אַליין פערדאַנקען.

אַלע האָבען געשמועסט און גוועגדאַלען האָט דערוויל געגעסען איינגעמאַכטס, געקוקט אויף יעדען איינעם, עס זאָל איהר לייכטער זיין צו קוקען אויך אויף דעראָנדאַ'ן.

— וואָס דענקט ער פון מיר? — האָט זי זיך געפרעגט. — ער מוז זיין פעראינטערעסירט אין מיר, אַז נישט וואָלט ער דאָך מיר ניט אומגעקעהרט דעם בראַסליעט. וואָס טראַכט ער וועגען מיין חתונה? נאָך וואָס איז ער געקומען אַהער? וואָס דאַרף ער זאָגען גראַנדקאָרטען?

די אַלע פראַגען האָבען זי געפּייניגט און ניט אָבגעלאָזען, און

זי האָט אזוי געוואָלט אז ער זאָל ניט טראַכטען קיין שלעכטס וועגען איהר.

גראַנדקאָרט איז דערווייל אַרויסגעגאַנגען צו דעראָנדאַ׳ן און א פרעג געטהאָן:

—וועט איהר מיט אונז פאָהרען מאָרגען אויף געיעג, הערר דעראָנדאַ?

— יא, איך דענק אזוי.

— זייט איהר, ווי איך זעה, ניט קיין געגנער פון געיעג?

— איך געפין א בערעכטיגונג דערפאַר, איך בענעה נאָר די זינד, ווען איך קען זיך ניט שיסען אויפ׳ן וואסער אָדער שפּיעלען קראָקעי.

— זייט איהר געגען מיין געהן אויף געיעג? — האָט גווענדאָלען קוים א שמייכעל געטהאָן.

—איך האָב קיין רעכט נישט צו זיין געגען דעם וואָס אייך געפעלט צו טהאָן.

— איהר האָט דאָך אָבער געהאַלטען אז איהר האָט א רעכט צו זיין געגען מיין שפּיעלען אין ליבראַן! — האָט זי איהם ניט אָבגעלאָזט.

— עס האָט מיר וועה געטהאָן, אמת. איך געדענק אָבער ניט אז איך זאָל האָבען אייך געזאָגט אז איך בין געגען דעם — האָט דעראָנדאַ געזאָגט מיט זיין עהרליכער, ערנסטער שטימע קוקענדיג אויף איהר מיט זיינע גרויסע, שווארצע אויגען, און זי האָט ניט געוואוסט און ניט פערשטאַנען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען און וואָס פאַר א פייער עס ברענט אין זיינע שעהנע אויגען.

— איהר האָט מיר געשטערט נאָך אמאָל צו געהן שפּיעלען — האָט זי געזאָגט. און אזוי ווי זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט האָט איהר שוין באַנג געטהאָן די געשיכטע, און זי איז אין גאַנצען רויט געוואָרען. דעראָנדאַ איז אויך רויט געוואָרען, טראַכטענדיג אז דערמיט וואָס ער האָט איהר צוריקגעשיקט דעם בראַסליעט האָט ער זיך גענומען צופיעל פרייהייט.

עס איז זיי ווייטער אונמעגליך געוועזען צו רעדען. זי האָט זיך אוועקגעדרעהט פון איהם, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער אַרויס־

קוקען אין דרויסען. און כאָטש זי האָט ניט אַלץ געוואָלט זאָגען, וואָס איהר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איז זי דאָך צופרידען געווען וואָס זי האָט זיך מיט איהם צונויפגערעדט. דעראָנדאָ איז אויך צופרידען געווען מיט דעם שמועס. גווענדאָלען איז איהם מעהר געפעלען געוואָרען ווי פריהער. זי האָט זיך זיכער געביטען אַ סך פון דעמאָלט אָן וואָס זי איז געווען אין ליבראַן, און זיכער צום בעסערען.

אין אבענד האָט מאַדאַם דאַווילאָו געזאָגט צו גווענדאָלענ׳ען:

— איז דאָס טאַקי אמת אַז איבער דעראָנדאַ׳ן האָסטו פערשפּיעלט, אָדער דו האָסט נאָר געמאַכט אַ וויץ?

— יאַ, ער האָט נאָר אַ קוק געטהאָן אויף מיר — האָט זי געענטפערט, — ער איז אָבער אָנגעקומען ווען איך האָב שוין אָנגעהויבען פערלירען, איך האָב איהם בעמערקט און נאָכגעקוקט כסדר.

— דאָס וואונדערט מיך נישט, ער איז זעהר אַ שעהנער מאַן, ער דערמאָנט מיך אָן די איטאַליענישע בילדער. מען קען זיכער זיין אַז אין זיינע אָדערען איז דאָ אַ היבש ביסעל פרעמד בלוט, ניט קיין ענגלישעס.

— יאַ, איז דאָס טאַקי אַזוי? — האָט גווענדאָלען געפרעגט.

— איך האָב דאָס אפילו געהערט אויך. מען האָט מיר דערצעהלט אַז זיין מוטער איז געווען אַן אויסלענדערין.

— זיין מאַמע איז אַן אויסלענדערין? — האָט גווענדאָלען שאַרף געפרעגט — און ווער איז זיין פאָטער?

— אַלע זאָגען, אַז ער איז סער הוגאָ מאַלינדזשער׳ס אַ זוהן, כאָטש אַזוי האַלט ער איהם פאַר דער וועלט ווי אַ יתום וואָס ער האָט גענומען צו ערציהען. מען האָט מיר אויך געזאָגט אַז ווען סער הוגאָ וואָלט געקענט וואָלט ער זיין גאַנץ פערמעגען איבערגעלאָזען דעם הערר דעראָנדאַ, אַזוי ווי ער האָט ניט קיין געזעצליכען זוהן.

גווענדאָלען האָט געשוויגען, די מוטער האָט אָבער בעמערקט, וואָס פאַר אַ שטאַרקען איינדרוק איהרע ווערטער האָבען אויף איהר געמאַכט און עס האָט איהר באַנג געטהאָן צו וואָס זי האָט דאָס איהר אינגאַנצען דערצעהלט. עס האָט זי פערדראָסען, וואָס זי האָט גאָר גערעדט אַזעלכעס פאַר איהר, וואָס עס פּאַסט איהר נישט

צו הערען. זי האָט געוואָלט אז גווענדאָלין זאָל איהר נישט גלויבען די גאַנצע געשיכטע, וועט דאָס זיין בעסער און געזינטער פאַר זיי אַלע.

גווענדאָלען איז איינגאַנצען צומישט געוואָרען. דעראָנדאָ׳ס מוטער האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט ווי א שעהנע ברונעטע, מיט גרויסע, שווארצע אויגען מיט א בלאסען פנים פול טרויער און צער. עס האָט איהר עפּעס אזוי וועה געטהאָן פאַר דער אונבעקאַנטער פרוי. איהר בילד האָט זי נישט אָבגעלאָזט אויף א רגע און ווען זי איז שוין געלעגען אין איהר בעט און א קליין פייערל האָט קוים בעלויכטען דאָס צימער, האָט זי זיך אַלץ נישט בערוהיגט און א זאָג געטהאָן:

— מאַמע, האָבען אַלע מענער קינדער נאָך איידער זיי האָבען חתונה?...

— ניין, מיין קינד, ניין! — האָט די מוטער גיך געענטפערט — נאָך וואָס פרעגסטו מיך גאָר אזעלכע פראַגען?

— אויב עס איז אזוי, דאַרף איך דאָך עס וויסען! — האָט גוועדאָלען אויפגערעגט גע׳טענה׳ט.

— דו טראַכסט דאָך געוויס וועגען דעם, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט פון דעראָנדאָ׳ן און סער הוגאָ מאַלינדזשער. דאָס איז אָבער אַן אונגעוועהנליכע געשיכטע.

— ווייס דאָס ליידי מאַלינדזשער?

— זי ווייס גאַנץ גענוי און איז צופריעדען. עס איז דאָך קלאָהר, הערר דעראָנדאָ וואָהנט דאָך מיט זיי אינאיינעם.

— און די מענשען טראַכטען נישט קיין בייז וועגען דעראָנ-דאָ׳ן? — האָט זי געוואָלט וויסען.

— נו, געוויס, עס שאַדעט איהם אַביסעל. זיכער איז איהם נישט אזוי גוט, ווי אז ער וואָלט געווען ליידי מאַלינדזשער׳ס זוהן. ער וועט נישט ירש׳ענען סער הוגאָ׳ן. ער איז אויך אָהן א בעדיי-טונג פאַר דער וועלט. מענשען דאַרפען דאָך אָבער נישט וויסען וועגען זיין געבורטה און מען נעהמט איהם גאַנץ פיין אויף.

— איך ווייס נישט, צי ער ווייסט דאָס אַלץ און צו ער איז נישט אין כעס אויפ׳ן פאָטער — האָט גוועדאָלען געפרעגט.

— קינד מיינס, נאָך וואָס זאָלסטו גאָר טראַכטען וועגען דעם? — איז די מוטער אונרוהיג געוואָרען.

— וואָס איז דען? — איז זי אויפגעשפּרונגען אין בעט — האָבען דען נישט די קינדער קיין רעכט צו זיין אין כעס אויף זייערע עלטערען אין אזא פאַל. וואָס קענען זיי זיך העלפען צו די טאַטע־מאַמע האָבען חתונה געהאַט אָדער ניט!

זי איז צוריקגעפאַלען אויפ׳ן קישען און קיין רוה זיך נישט געקענט געפינען. זי האָט איינגעזעהן, אַז איהר חתונה איז אַ פערברעכען, וואָס מען טהאָר דאָס נישט טהאָן. זי האָט שוין מעהר נישט גערעדט קיין וואָרט, זי איז אָבער נאָך געגוג לאַנג אויף געלעגען און נישט געקענט איינשלאָפען און געהאַלטען אין איין טראַכטען פון גראַנדקאָרטען, פון לידיאַ גלאַשער מיט איהרע קינדער...

אין דער פריה, אַז זי איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט זי זיך אַלץ נישט געקענט בערוהיגען, זי דאַרף געהן אויף יאַגד און וועט זיך טרעפען מיט דעראָנדא׳ן. און דאָס האָט זי אַרויפגעבראַכט אויף נייע געדאַנקען, וואָס האָבען איהר קיין רוה נישט געגעבען. וואָס וועט דעראָנדא טהאָן? וואָס פאַר אַ לעבען שטעהט איהם פאָר? ער האָט דאָך ניט קיין בעדייטונג פאַר דער וועלט, זאָגט מען דאָך. און צוליעב איין קליינינקייט איז דאָס אזוי. ער האָט דאָך געקענט זיין אזוי וויכטיג און בעדייטענד ווי גראַנדקאָרט, ער וואָלט דאָך די אַלע גיטער, וואָס גראַנדקאָרט וועט בעקומען, געקענט אליין ירש׳ענען. דערווייל אָבער וועט ער גאָן אין גיכען זי זעהן די בעל הבית׳טע פון דעם גאַנצען גוטס און זי וועט האָבען דעם טיטעל, וואָס געהערט גאָר אייגענטליך צו זיין אייגענע פרוי... עס האָט זי מאָדנע אויפגעבראַכט קלערענדיג דערפון. דאָס וואָס זי האָט געוואָהר געוואָרען איצט וועגען דעראָנדא׳ן האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט, ווי ער וואָלט געהערט אין איין גרופּע מיט לידיאַ גלאַשער און איהרע קינדער... זיי זיינען אַלע פערלאָזענע, אַרויסגעוואָרפענע און בע׳גזל׳טע... ווייס דעראָנדא די געשיכטע צווישען גראַנדקאָרטען און לידיאַ גלאַשער? אוי, ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז זי ווייסט אַלץ, וואָלט ער זי פעראַכטעט און נישט געוואָלט זאָגאַר רעדען צו איהר... יאָ, ער קען דאָך דאָס אָבער פאַר קיין פאַל נישט וויסען! און ווער ווייס צי ער פעראַכטעט זי נישט סיי־ווי־

סיי, וואָס זי האָט חתונה מיט גראַנדקאָרטען? ווער ווייס? זי וויל דאָס אַזוי נישט, עס וואָלט איהר טויזענד מאָל מעהר וועה געטהאָן, ווי אַלע קלעזמער'ס ווערטער. וואָס קען איך העלפען? וואָס קען איך העלפען? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

— קען איך דען העלפען דאָס מינדעסטע? — האָט זי זיך איינגערעדט — אַלץ איז דאָך שוין געטהאָן געוואָרען. און ווען איך זאָל זאָגאר זאָגען, אַז איך וועל נישט חתונה האָבען מיט גראַנדקאָרט'ען, וואָס קען דאָס אַנדערש מאַכען! און דאָס טאָר איך נישט, איך קען נישט צוריקציהען מיין צוזאָג. ניין, עס איז פערפאַלען! — האָט זי בעשלאָסען.

גווענדאָלען האָט זיך אָוועקגעזעצט אין קאַרעטע און געפאָהרען צום געיעג. די פערד זיינען געפלויגען ווי אַ בליץ און זי איז פרעהליך געוואָרען, זי האָט הנאה געהאַט, וואָס זי פאָהרט אויף געיעג. זי האָט בעשלאָסען וועניג וואָס צו פערברענגען מיט דעראָנדאָ'ן און מעהר נישט אַרויסכאַפּען זיך פאַר איהם מיט אַ נאַרישקייט.

אַלע זיינען דאָרט געווען אויף געיעג. דעראָנדאָ אויך. ער איז אַפּילו עטליכע מאָל פאַר איהר פערביי געגאַנגען, זי איז אָבער שטאַרק פערנומען געווען מיט'ן געיעג און זי האָט קיין צייט נישט געהאַט אַפּילו אַ וואָרט אויסצוריידען מיט איהם.

אַנטקעגען אָבענד אָבער, ווען דער רויש און דער טומעל האָט זיך איינגעשטעלט, האָט איהר באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט דעם גאַנצען טאָג קיין וואָרט נישט גערעדט מיט איהם. זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט לאַנג פערבלייבען אין פּלאַפּיעלד, אַ טאָג אָדער צוויי און ער וועט באַלד אוועקפאָהרען, און ווער ווייס צי זי וועט נאָך האָבען אַ געלעגענהייט ווען עס איז מיט איהם צו רעדען.

ווי זי רייט אַזוי אויף איהר פערד און גראַנדקאָרט נעבען איהר האָט זי דערהערט, אַז דעראָנדאָ פאָהרט פון הינטען, זי האָט שטאַרק געוואָלט רעדען מיט איהם. עס איז דאָך אָבער אונמעגליך! גראַנדקאָרט איז דאָך דאָ, נאָך אַנדערע מענשען. ניין, זי קען נישט איצט ריידען.

די טריט פון דעראָנדאָ'ס פערד האָבען זי אָבער אַזוי שטאַרק גערייצט און זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען. זי האָט פּלוצ־

לונג א דרעה אוים געטהאָן איהר פערד. גראַנדקאָרט האָט זיך אָבגעשטעלט און איינגעהאַלטען זיין פערד אויך. האָט זי איהם אין א וויץ א זאָג געטהאָן:

— פאָהר ווייטער, איך וויל עפּעס ריידען מיט הערר דעראָנדא. גראַנדקאָרט האָט געטראַכט אביסעל, עס האָט זיך איהם נישט געקענט העלפען. קיין אַנשטענדיגער מענש וועט נישט אָבזאָגען זיין כלה'ס פערלאַנג עטליכע טעג פאַר דער חתונה. ער איז געלאַסען אוועקגעריטען. זי האָט געוואַרט ביז דעראָנדא איז צוגעקומען, ער האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט און זי האָט געלאָזען געהן איהר פערד נעבען זיינעם און געזאָגט:

— הערר דעראָנדא, איהר וועט מיר ענטשולדיגען מיין אונוויסענהייט. איך וויל וויסען, פאַר וואָס איהר האָט דאָס געהאַלטען פאַר א עולה, וואָס איך האָב געשפּיעלט? איז דאָס ווייל איך בין א פרוי?

— נישט בלויז דערפאַר, — האָט ער געענטפערט, — איך קען אויך נישט ליידען, אז א מאַן שפּיעלט, נאָר אז א פרוי שפּיעלט טהוט מיר דאָפּעלט וועה. מען וואָלט זיך קיינמאָל נישט געדאַרפט צוריהרען דערצו. עס איז דאָך שרעקליך. מענשען געווינען געלד און זיינען גליקליך און צופריעדען אין דערזעלבער צייט ווען די פערלירען זיינען אזוי טרויעריג און צומישט. קען מען זיך דען פרעהען, איך מיין, אן אַנשטענדיגען מענשען, ווי אזוי קען ער זיך פרעהען איבער דעם געלד, וואָס ער האָט געוואונען און זיין חבר, וואָס האָט פערשפּיעלט, וויינט ערגעץ שטילערהייט און גאַנץ אָפט נעהמט ער זיך דאָס לעבען? — און רעדענדיג דאָס, האָט ער זיך אזוי אויפגערעגט און גע'טענה'ט הויך אויפ'ן קול.

— איהר וועט דאָך אָבער צוגעבען — האָט זי געפרעגט — אז מיר קענען נישט איבעראַנדערשען די וועלט. דאָס לעבען איז דאָך שטאַרקער פון אונז און גאַנץ אָפט איז יענעמס שאָדען אונזער געווינס.

— טאַקי דערפאַר דאַרף מען אָבער זעהן דאָרט, וואו מען קען יאָ העלפען אָנצואווענדען אַלע כוחות און זעהן איבעראַנדערשען — האָט ער פעסט געענטפערט.

גווענדאָלען האָט געשוויגען אַ מינוט, געביסען זיך די ליפּ און מיט אַ געצוואונגען געלעכטעריל האָט זי ווייטער געפרעגט:

— אָבער וואָס פערדריסט אייך מעהר, וואָס איך, אַלס אַ פרוי, האָב געשפּיעלט?

— איך דענק דערפאַר, ווייל מיר דאַרפען, אַז איהר זאָלט זיין בעסער ווי מיר מענער.

— שטעלט אייך אָבער פאָר — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, — אַז מיר דאַרפען גאָר, אַז איהר מענער זאָלט זיין בעסער פאַר אונז פרויען...

— דאָס איז צו שווער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — איך האָב בעסער בעדאַרפט זאָגען, אַז יעדער מענש וויל, אַז דער צווייטער זאָל זיין בעסער פון איהם...

— נאַ, איהר זייט גאַנץ גערעכט. איך האָב געוואָלט אַז איהר זאָלט זיין דער בעסערער און איהר האָט געוואָלט אַז איך זאָל זיין די בעסערע — האָט זי זיך צולאַכט. זי האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דעם רוט דעם פערד, ער האָט זיך אַ הויב געטהאָן און געלאָפען מיט'ן גאַנצען קראַפט און אָנגעיאָגט גראַנדקאָרט'ן. גראַנדקאָרט האָט געשוויגען און קיין וואָרט נישט געזאָגט.

— ווילסט גאָר ניט וויסען וואָס איך האָב גערעדט מיט דעראָנדאַ'ן? — האָט זי איהם אַ פרעג געטהאָן. זי האָט ניט געוואָלט מאַכען אַ סוד דערפון.

— ניין, — האָט ער קאַלט געענטפערט.

— נאַ, דאָס איז די ערשטע אונהעפליכקייט פון דיין זייט, דו זאָגסט דו ווילסט ניט הערען וואָס איך האָב גערעדט מיט איהם— האָט זי בייז געזאָגט.

— איך וויל הערען דאָס וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען, אָבער ניט וואָס דו רעדסט מיט אַנדערע מענשען — האָט גראַנדקאָרט געענטפערט.

— ווילסט דאָך יאָ הערען וואָס איך וויל דיר זאָגען, טאָ הער: איך האָב איהם געפרעגט ער זאָל מיר זאָגען פאַרוואָס ער איז געווען געגען מיין שפּיעלען אין ליבראַן און ער האָט מיר דערווייל געהאַלטען אַ גאַנצע דרשה.

— גאַנץ גוט. נאָר איך בעט דיך דערצעהל מיר כאָטש ניט

איבער די דרשה! — האָט ער געבעטען. ער האָט איהר געוואָלט ארויסברענגען פון ‚עס טעות, אז איהם האָט געאַרט וואָס זי האָט גערעדט מיט דעראָנדא׳ן. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען ניט צו זאָגען איהר גלייך אויפ׳ן אָרט. זי האָט געזעהען אז ער איז א ביסעל אויפגערעגט, עס האָט איהר אָבער נישט געאַרט. זי האָט אויסגעפיהרט, זי האָט גערעדט מיט דעראָנדא׳ן.

באַלד האָבען זיך אַלע מיט איהר געזעגענט. דעראָנדא אויך. ווען זיי זיינען אוועק נאָך פלאַפיעלד. גראַנדקאָרט האָט אָבגע־פיהרט גווענדאָלען׳ען נאָך אָפּענדין. ער איז נאָך אביסעל געזע־סען מיט איהר, דערנאָך האָט ער זיך געזעגענט און געזאָגט, אז ער פאָהרט נאָך היינטיגע נאכט אוועק. ער וועט צו מאָרגענס זיין צוריק ,עס איז נישט קיין אנגענעהמע רייזע, האָט ער איהר געזאָגט.

גראַנדקאָרט איז טאַקע גערכט געוואָען. די רייזע איז נישט געוועזען פון די אנגענעהמסטע. ער איז אוועק געפאָהרען זיך זעהן מיט לידיא גלאַשער...

---

## 17טער קאַפּיטעל.

צוליעב צוויי זאַכען איז גראַנדקאָרט געפאָהרען נאָך גאַדסמיר צו לידיא גלאַשער. ער האָט איהר געוואָלט דערצעהלען אז ער געהט חתונה האָבען מיט גווענדאָלען, און ער האָט געוואָלט אָב־נעהמען פון איהר די ציערונג וואָס ער האָט איהר אַמאָל געשאָנקען. דאָס ציערונג האָט ער בעקומען אַ ירושה פון זיין מוטער און עס איז ווערט געווען אַ שעהן פערמעגען. ער האָט דאָס טאַקע געוואָלט געבען אַ מתנה גווענדאָלינ׳ען אין דעם טאָג פון זייער חופּה. נאָך וואָס דאַרף עס דען לידיא? האָט ער זיך געטראַכט, זי געהט דאָך סיי ווי ניט אין דעם און וועט דאָס אויך קיינהאַל ניט אָנ־טהאָן. זי וועט עס איהם געווים צוריקגעבען.

לידיא גלאַשער האָט די גאַנצע צייט געוואוינט אויף גראַנד־קאָרט גוט, אין גאַדסמיר, און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער זי איז און וואָס זי טהוט. אַלע ארומיגע האָבען זי געהאַלטען פאַר

אַן אַלמנה וואָס האָט געגוג געלד אויף צום לעבען. זיי האָבען גאָרניט געוואוסט אַז גראַנדקאָרט האַלט זי אויס.

מענשען האָבען אפילו עפּעס געהערט, אַז מיט צעהן יאָהר צוריק איז אַ קאַפּיטאַן'ס פרוי אַנטלאָפען פון איהר מאַן מיט איהר זוהן און איז אַוועק מיט איהר געליעבטען נאָך אויסלאַנד און איהם געהאַט פיער קינדער, אַ אינגעל און דריי מיידלעך. זיי האָבען אויך עפּעס געהערט אַז צווישען דעם קאַפּיטאַן און דעם געליעבטען איז געווען אַ דועל, זיי זיינען אָבער ביידע אַרויס גאַנץ פון דעם. די פרוי האָט אָבער פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אומקעהרען זיך צו איהר מאַן, ער האָט זי זעהר שלעכט בעהאַנדעלט, האָט זי געזאָגט, זי וויל איהם מעהר נישט קאָנען, זי וויל בעסער לעבען מיט איהר געליעבטען. ער איז זעהר אַ שעהנער און אַן אַנגעזעהענער מאַן.

זיי האָבען דאָס טאַקי אַלץ געהערט. זיי האָבען אָבער נישט געוואוסט אַז דאָס איז טאַקע די גלאַשער.

לידיאַ גלאַשער האָט געוואוינט אין אַ שעהנעם פּאַלאַץ און זי האָט געהאָפט אַז זי וועט נאָך ווערען גראַנדקאָרט'ס פרוי פאַר דער גאַנצער וועלט.

גאָר אין אָנפאַנג איז איהר דאָס אפילו ניט איינגעפאַלען, זי איז צופרידען געווען וואָס גראַנדקאָרט האָט זי ליעב, זיי האָבען שעהנע קינדערלאַך און בעזונדער דאָס אינגעל, ער איז געראָטען אין פאָטער. יעדער איינער קען דאָס גלייך דערקענען. און אַז זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז איהר זוהן פון ערשטען מאַן איז געשטאָרבען האָט זי זיך אויך ניט שטאַרק צום האַרצען גענומען. זי האָט דאָך געהאַט אַנדערע קינדער און אַזעלכע שעהנע און געראָטענע, און דאָס איז גענוג געווען פאַר איהר.

אַז די יאָהרען האָבען אָבער אָנגעהויבען לויפען, זי האָט אָנגעהויבען עלטער ווערען, שוין ניט געווען אַזוי שעהן, האָט זי שטאַרק געוואָלט אַז גראַנדקאָרט זאָל מיט איהר חתונה האָבען. און אַז זי האָט אָנגעהויבען טראַכטען דערפון האָט דער געדאַנק זי שוין ניט אָבגעלאָזען און זי האָט געהאַלטען אין איין פּלאַנעווען ווי אַזוי דאָס אויסצופיהרען. זי האָט דאָס אפילו גאַנץ קלוג געמאַכט, זי איז געווען זעהר אויסגערעכענט און פאַרזיכטיג, זי האָט ניט געוואָלט צווינגען גראַנדקאָרטען דערצו, זי איז נאָר געזעסען און

געוואָרט און געהאָפט אז עס וועט קומען א צייט און ער וועט מיט איהר חתונה האָבען.

גראַנדקאָרט איז גאַנץ אָפט צו איהר צוגעפאָהרען, ער האָט זי קיינמאָל נישט פערגעסען, נישט קוקענדיג וואָס אַנדערע פרויען האָבען דערוויַיל זיין הארץ פערנומען. ער האָט נאָר נישט גע־וואוינט מיט איהר אין איינעם, ער איז אָבער פון צייט צו צייט ביי איהר געוועזען.

ווען לאָש איז געקומען צו איהר און האָט איהר דערצעהלט אַז גראַנדקאָרט וויל חתונה האָבען מיט גווענדאָלענען, איז זי תיכף געפאָהרען זי זעהן, איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און אז גווענדאָלען האָט איהר פערשפּראָכען ניט צו שטעהן אין וועג איז זי צו שטאַרק צופרידען געוועזען.

שפּעטער אז גווענדאָלען איז אַוועק פון דער היים איבער גראַנדקאָרטען ,האָט איהר לוש ווידער אַלץ איבערגעגעבען און זי האָט געמיינט אז זי האָט שוין גאָר נישט מורא צו האָבען פאַר דער מיידעל, די סכנה איז פאַראיבער. זי האָט אָבער קיין שום ידיעה ניט געהאַט אז גווענדאָלען איז צוריק געקומען און גראַנדקאָרט איז־ געוואָרען איהר חתן. זי האָט עפּעס ניט אַזוי גיך בעקומען א בריעף פון גראַנדקאָרטען, אָבער, האָט זי זיך בערוהיגט, ער דענקט אודאי באַלד צו קומען, דערפאַר שרייבט ער ניט. אַז ער וועט איצטער קומען, האָט זי זיך בעשלאָסען, וועט זי אַ רעד טהאָן וועגען חתונה האָבען. ביי גווענדאָלענען איז איהם נישט געלונגען, איז ער אוודאי ענטטוישט און פערביטערט, וועט ער שוין ביי איהר פערבלייבען אויף אייביג.

לידיא גלאַשער איז געזעסען אין איהר צימער מיט די קינדער. די קינדער האָבען זיך געשפּיעלט און געטאַנצט. דאָס עלטסטע מיידעל האָט געמאַכט איהר פראַנצויזישע לעקציע. זי אַליין איז געזעסען אין שעהנסטען און בעסטען אָנגעטהאָן און אויסגעפּוצט. זי האָט זיך יעדע מינוט געריכט אַז גראַנדקאָרט וועט קומען. פּלוצ־לונג האָט זי דערהערט טריט און זי האָט אַ זאָג געטהאָן:

— שאַ, קינדער, עס דאַכט זיך מיר אַז עמיץ געהט אַהער!

— מאַמע, דאָס איז אודאי דער מילנער מיט'ן אייזעל — האָט דאָס אינגעל געזאָגט און איז אַרויף צו דער מוטער אויף די קניע.

די טהיר האָט זיך געעפענט און גראַנדקאָרט איז אַריינגעקומען. לידיאַ האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן. דאָס אינגעל, הענליי, איז בייז געוואָרען אַז ער האָט געזעהן אַז ס'איז נישט דער מילנער מיט'ן אייזעל, און די מיידלעך האָבען די קעפּ אַרונטערגעלאָזען און זיך פערשעמט. קיין איבעריגע ליעבע האָבען זיי ניט געהאַט צו זייער מוטער'ס „פריינד". גראַנדקאָרט האָט דערלאַנגט די האַנד לידיאַ'ן און מיט דער צווייטער האָט ער געוואָלט אַ גלעט טהאָן הענליי'ן. דאָס אינגעל האָט זיך אָבער ניט געלאָזען און מיט די פויסטען אָבגעשטופּט זיין האַנד. די מיידלעך האָבען זיך ניט געקענט העל־פען אַז ער האָט זיי גענומען קושען און גלעטען. די מוטער האָט זיי באַלד אַרויסגעשיקט אין דרויסען, וואו זיי האָבען גלייך אַלץ פערגעסען און גענומען טאַנצען און שפּרינגען אין גראָז.

— פון וואַנען קומסטו? — האָט לידיאַ געפרעגט ווען ער האָט אַרונטערגענומען זיין הוט און ראָק.

— פון פּלאַפּיעלד — האָט ער איהר געענטפערט זעצענדיג זיך אַנטקעגען איבער איהר, געקוקט אויף איהר מיט אַזאַ בליק, ווי ער וואָלט זי גאָר נישט געזעהן.

— ביזט דאָך געוויס מיעד.

— ניין, איך האָב זיך אויסגערוהט אויף דער סטאַנציע. וואָס פאַר אַ שלעכטער אָרט דאָס איז די סטאַנציע! און דער גאַנצער וועג איז אויך נישט איבעריג אַנגענעהם, איך האָב אָבער געטרונקען קאַפּע און גערויכערט.

— איך האָב דיר טאַקי דערוואַרט, — האָט זי געזאָגט, — עס איז שוין אַזוי לאַנג ווי איך האָב פון דיר קיין בריעף ניט בע־קומען. ביי מיר אין גיידסמיר ציהען זיך די טעג לענגער, ווי אין פּלאַפּיעלד...

— יאָ, אמת, — האָט ער געזאָגט, — דו האָסט דאָך אָבער געקריגען דיין געלד אויסגעצאָהלט פון דער באַנק, נישט אַזוי?

— אָ, געוויס! — האָט זי געענטפערט און אַ ציטער געטהאָן, וואָס ער איז עפּעס אַזוי קאַלט צו איהר. תמיד פלעגט ער זיך מעהר אינטערעסירען מיט איהר און די קינדער.

— יאָ, די לעצטע צייט זיינען די טעג ביי מיר טאַקי גיך פער־

ביינגעלאָפּען, אַ סך האָט זיך געביטען, דו ווייסט דאָך אַלץ — האָט ער געזאָגט און זי שטאַרק אָנגעקוקט.

— וואָס ווייס איך? — האָט זי שאַרף געפרעגט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטהאָן:

— דו ווייסט דאָך. אַז איך האָב געהאַלטען ביי חתונה האָבען, דו האָסט דאָך געזעהן מיס הערליט. האָט זי דיר דאָס דערצעהלט?

איהרע אַזוי אויך בלאַסע באַקען זיינען געוואָרען ווייס ווי די וואַנט, און די אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען ווי אַ העליש פייער.

— ניין, נישט זי. לוש האָט מיר דערצעהלט, — האָט זי געלאַסען געענטפערט. זי האָט דערפיהלט, ווי מען וואָלט זי גענומען צושניידען אויף שטיקער און מען לייגט דערווייל אוים די מעסערס פאַר איהרע אויגען...

— גרויסער גאָט! זאָג עס מיר אויף אַמאָל, אַז דו געהסט מיט איהר חתונה האָבען! — האָט זי געשריגען, וואָרפענדיג זיך אינגאַנצען פאַר שרעק און איהר פּנים איז שרעקליך גרין געוואָרען.

— נו, געוויס, — האָט ער געזאָגט — דאָס האָט דאָך אַמאָל געמוזט פאָרקומען, פריהער צי שפּעטער.

— פריהער האָסטו דאָך נישט געדענקט דערפון!

— פריהער נישט. יעצט זעה איך, אַז איך מוז עס טהאָן.

אין דער מינוט האָט לידיא איינגעזעהן אַז אַלץ איז פערפאַלען, ער האָט בעשלאָסען און ער וועט שוין אַזוי טהאָן. זי איז געזעסען און געטראַכט און נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. זי האָט נישט געוויינט, קיין טרעהר נישט געלאָזט, קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר איז געזעסען מיט אָפענע אויגען און געחלום'ט, אַליין נישט וויסענדיג וואָס.

זי האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און צוגעדריקט איהר הייסען שטערען צו דער שויב. די קינדער האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי געמיינט, אַז זי רופט זיי און זיי זיינען אַריינגעלאָפען. דאָס האָט איהר אָבער נאָך מעהר צערשאַפּט, זי האָט איצט נישט געקענט קוקען אויף די קינדער פאַר גרויס וועהטאָג. זי האָט זיי אַ וואונק געטהאָן זיי זאָלען זי אָב־

לאָזען און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען און זי איז צוגעגאַנגען צו אַ שטוהל און האָט זיך שווער און מיעד אַוועקגעזעצט.

— לידיא, מאַך עס נישט ערגער ווי עס איז, עס איז איבעריג צו רעדען וועגען אַ זאַך, וואָס קען אַנדערש ניט זיין. עס איז פאַר מיר זעהר נישט אַנגענעהם צו זעהן ווי דו האָסט צער. איך בין געקומען צופאָהרען נאָר דערפאַר דיר צו זאָגען דאָס אַלץ, און דיך צוגרייטען דערצו. דו מיט די קינדער וועלען זיין פערזאָרגט ווי געוועהנליך, און אַ סוף!

זי האָט געשוויגען, זי האָט מורא געהאַט עפּעס צו ריידען, ער זאָל נאָך נישט וועלען עפּעס בייז טהאָן די קינדער.

— עס וועט נאָך בעסער זיין פאַר דיר. וועסט קענען ווייטער דאָ וואוינען. איך דענק אָבער דיר צו געבען אַ גרויסע סומע געלד פאַר דיר מיט די קינדער און דו וועסט קענען וואוינען, וואו דיר וועט געפעלען. וועסט זיך גאָר נישט האָבען צו בעקלאָגען. וואָס עס זאָל נישט טרעפען, וועסטו אַלץ זיין פערזיכערט. איך האָב פריהער גאָרנישט געקענט טהאָן, אַלץ איז אַזוי גיך צוגעגאַנגען.

ער האָט נישט דערוואַרט, אַז זי זאָל איהם דאַנקען דערפאַר, ער האָט אָבער געדענקט, אַז זי דאַרף זיין צופריעדען. זי האָט אָבער אַלץ געשוויגען און קיין וואָרט נישט געענטפערט.

— דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אורזאַך מורא צו האָבען, אַז דו וועסט ליידען, — האָט ער ווייטער גערעדט, — איך קוק ווייניג אויף געלד.

אויב דו וואָלסט שטאַרק געקוקט אויף געלד, דיינק איך, אַז דו וואָלסט עס אונז קיינמאָל נישט געגעבען — האָט זי סאַרקאַסטיש געזאָגט.

דאָס איז זעהר נישט ריכטיג פון דיין זייט אַזוי צו ריידען, — האָט ער געזאָגט, — און איך ראָט דיך, אַז דו זאָלסט מעהר אַזוי נישט רעדען צו מיר...

ווילסטו מיך בעשטראָפען דערמיט, וואָס דו וועסט לאָזען די קינדער אויסגעהן פאַר הונגער? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן.

— דאָ איז נישט קיין פראַגע וועגען לאָזען אויסגעהן די קינדער — האָט ער אין זיין רוהיגען טאָן געענטפערט, — איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טהאָן. איך וואָרען דיך נאָר דו זאָלסט נישט

רעדען מיט מיר אזעלכע רייד, וואָס וועלען דיר דערנאָך שטאַרק באַנג טהאָן...

— איך בין געוועהנט דערצו — האָט זי געזאָגט פערביטערט — א סך זאַכען טהוען מיר באַנג.

— דו הערסט, — האָט ער בייז געזאָגט, — מיט דיינע טענות וועסטו ברייננגען דערצו, אז מיר וועלען זיך שוין קיינמאָל נישט זעהן. האָסט דען נאָך א פריינד, א חוץ מיר?

— ריכטיג, איך האָב נישט קיינעם מעהר — האָט זי טרויעריג געענטפערט.

זי האָט שוין געשוויגען. זי האָט איינגעזעהן, אז עס איז א פערפאַלענע זאַך. גראַנדקאָרט האָט אייגענטליך געוואָלט וואָס גיכער אוועקצופאָהרען, ער האָט אָבער געמוזט צו־וואַרטען ביז אָבענד אויף א טריין. לידיאַ האָט דערלאַנגט עסען, די קינדער זיינען אַריינגעקומען און זיינען שוין נישט אַנטלאָפען פון איהר. זיי האָבען גערעדט צווישען זיך, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פאָרגע־קומען. גראַנדקאָרט האָט אָבער געוואוסט, אז ער האָט נאָך א שווער שטיקעל אַרבייט פאַר זיך. ער וויל דאָך צוריק דאָס ציערונג. ווער ווייס צו עס וועט אַזוי לייכט אָנקומען?...

אז זי האָט די לאָמפּ אָנגעצונדען, האָט ער אַרויסגענומען דעם זייגער, זיך איינגעקוקט אין איהם און גלייכגילטיג א זאָג געטהאָן:

— לידיאַ, נאָך איין זאַך דאַרף איך מיט דיר רעדען, דאָס ציערונג האָסטו דאָך, יאָ?

— געוויס האָב איך עס, — האָט זי געענטפערט און האָט זיך אויפגעשטעלט ציטערענדיג אינגאַנצען. זי האָט דאָס אָבגע־וואַרט און געהאַט א פאַרטיגען בעשלוס וואָס צו טהאָן. זי האָט איהם אָבער נישט געוואָלט דערבייזערען, ער זאָל נישט אינגאַנצען ברוגז ווערען.

— האָסט עס אין הויז?

— ניין, עס ליגט אין באַנק.

— נעהם עס אַרויס, איך דאַרף עס עמיצען געבען — האָט ער איהר פאָרגעלעגט.

— דו דאַרפסט זיך נישט בעמיהען דערמיט — האָט זי גע־זאָגט, — איך וועל עס שוין אַליין דער פּערזאָן איבערגעבען.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער געפרעגט פערוואונדערט.

— איך וועל עס געבען דיין ווייב, אָבער ערשט נאָך דער חתונה...

— דאָס איז נאַריש — האָט ער בייז געזאָגט. עס האָט איהם פערדראָסען, וואָס זי האָט איהם אין האנד — איך מוז עס האָבען פאַר מיין חתונה!

— ווען האָסטו דען חתונה?

— דעם צעהנטען. איך וויל דאָס ציערונג האָבען פריהער!

— האָט ער געפאָדערט.

— וואוהין פאָהרסטו מיט דיין ווייב נאָך דער חתונה? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט איהר נישט געענטפערט. דאָס פנים האָט זיך איהם אָנגעצונדען פאַר גרויס כעס און ער האָט שאַרף געזאָגט:

— זאָג מיר בעסער ווען דו וועסט ארויסנעהמען דאָס ציערונג פון באַנק, וועל איך קומען דערנאָך, אָדער וועל עמיצען שיקען.

— ניין, איך וועל דאָס אַליין איבערגעבען דיין ווייב אין די הענד אריין...

— הייסט עס, אַז דו ווילסט נישט טהאָן, ווי איך הייס דיך?

— האָט ער מיט די צייהן געקריצט פאַר כעס.

— ניין, איך וויל נישט — האָט זי פעסט געענטפערט. באַלד האָט איהר אָבער באַנג געטהאָן, פאַרוואָס זי האָט אַזוי געזאָגט. א ווייל‏ע איז ער געשטאַנען שטיל, געקוקט איהר גלייך אין פנים אריין. דערנאָך האָט ער א זאָג געטהאָן:

— וואָס פאַר א אידיאָטען די ווייבער זיינען!

— וואָס האָסטו מורא מיר זאָגען, וואו דו וועסט פאָהרען מיט דיין ווייב נאָך דער חתונה? — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט — אַז איך זאָל וועלען קען איך דאָך קומען צו דיין חתונה און דאָרט אַלץ זיך דערוויסען.

— געוויס, — האָט ער געענטפערט און געשמייכעלט מיט פעראַכטונג, — אַז דו ווילסט זיין משוגע, קען דיר קיינער נישט שטערען. דו דאַרפסט אויך נישט א טראַכט טהאָן וואָס פאַר א טובה עס קען דיר ארויסקומען דערפון און צו דו מעגסט דאָס גאָר טהאָן אנטקעגען מיר...

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער, אַנגעקלונגען און גע־הייסען דעם דינער שפּאַנען און צו איהר האָט ער קיין וואָרט מעהר נישט אויסגערעדט.

זי איז געווען צוטומעלט. עס האָט איהר באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט איהם דערבייזערט, עס האָט זי אָבער גערייצט איהם פּייני־גען פאַר די צרות, וואָס ער האָט איהר אָנגעטהאָן. וואָס וועט אָבער זיין איצט? ער וועט אוועקפאָהרען און זי פערלאָזען אויף אייביג, זי מיט די קינדער? און זי האָט איהם פלוצלונג אָנגעהויבען בעטען:

— פאָהר נישט אוועק ברוגז, איך בעט דאָך פון דיר אַזאַ קליינינקייט. איך גיב דיר דאָך אַלץ אָב. זאָג מיר נאָר, וואו דו וועסט זיין נאָך דער חתונה, וועל איך עס איהר איבערגעבען שטי־לערהייט, אָהן סקאַנדאַלען, וועסט זעהן, אָהן סקאַנדאַלען, טהו מיר צו ליעב...

— אַזאַ פיהרונג ברענגט נאָר צו שנאה — האָט ער גיך גע־ענטפערט — וואָס וועל איך רעדען מיט אַ משוגע'נע!

— יאָ, איך בין אַ נאַר און אַ משוגענע, — האָט זי זיך צו־וויינט' — די צרות האָבען מיך געמאַכט משוגע. טו מיר נאָר דאָס צוליעב, וועל איך דיך לאָזען צורוה אויף אייביג, אויף אייביג.

גראַנדקאָרט איז געשטאַנען אַן איבערראַשטער און נישט גע־וואוסט וואָס צו טהאָן. דער דינער איז אַריינגעקומען און געזאָגט, אַז זיי קענען שוין פאָהרען, האָט ער איהם צוריק אַרויסגעשיקט, אַליין צו דער טהיר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— מיר וועלען פאָהרען נאָך ריילאַנדס.

— גוט, איך וועל עס איהר אהין צושיקען.

— פיין — האָט ער אַ ברום געטהאָן און אפילו איהר נישט דערלאַנגט די האַנד צום געזעגענען.

— זיי נישט בייז, פערגיב מיר — האָט זי זיך געבעטען און געטראַכט האָט זי זיך, אַז זי דאַרף גאָר איהם פערגעבען, צום סוף בעט זי זיך ביי איהם...

— גוט, גוט, טהו נאָר אַזוי ווי דו האָסט צוגעזאָגט. האָסט מיר גענוג עגמת נפש היינט פערשאַפט — האָט ער געזאָגט.

— אָרימער מיינער, — האָט זי געזאָגט און איהם אַרומגע־

נומען. ער האָט זיך שוין אויך געהאַט בערוהיגט און זי נישט אוועק־געשטויסען.

— נאַ, פּערוויכער אַ ציגאַר — האָט זי געזאָגט און אַרויס־גענומען זיין ציגאַרען טאַש און דערלאַנגט איהם פייער.

אַ מינוט איז ער געשטאַנען פערטראַכט. באַלד האָט ער אַן עפען געגעבען די טהיר און גיך אַריין אין קאַרעטע, נישט אומקוקענ־דיג זיך אפילו אויף לידיא'ן מיט די קינדער.

---

## 18טער קאַפּיטעל.

דער טאָג ווען גווענדאָלען האָט חתונה געהאַט און געוואָרען מאַדאַם גראַנדקאָרט, איז געווען זעהר אַ שעהנער און אַ פּראַכט־פאָלער. און גאַנץ אָפּענדין פון גרויס ביז קליין איז אַרויס פון די הייזער זעהן דאָס יונגע פּאָר.

— אַזאַ שעהנע כלה — האָט איינער צום אַנדערען געזאָגט — האָט נאָך אָפּענדין נישט געהאַט!

און גווענדאָלען איז טאַקע יענעם טאָג געווען וואונדער שעהן, דאָס חופּה קלייד האָט אַראָבגעלויכטען פון איהר. און אינגאַנצען האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ יונגער ליעבער מלאך, וואָס איז פון הימעל אַרונטער צו די מענשען.

אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען פון אונטער דער חופּה זיינען איהרע אויגען געווען לייכט פערטרעהרט. דאָס האָט איהר נאָך מעהר חן צוגעגעבען און אַלע האָבען זי בעוואונדערט.

איהר מוטער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק געוויינט. קיינער האָט זיך נישט געוואונדערט דאַרויף. איהר טאָכטער, די קרוין פון איהר קאָפּ, פערלאָזט זי און געהט אוועק פון איהר. און כאָטש זי האָט אַזאַ גליקליכען שדוך געטהאָן, אַ מאַמעס האַרץ טהוט אָבער שטענדיג וועה ווען איהרע קינדער פער־לאָזען זי.

זיי זיינען אַריין אין הויז, די מוטער האָט איהר געהאָלפען אַראָבנעהמען דאָס חופּה קלייד און אָנגעטהאָן איהר אַ רייזע קאָס־טיום. זי האָט באַלד געדאַרפט אוועקפאָהרען מיט גראַנדקאָרט'ען.

און העלפענדיג איהר איבערטהאָן זיך, האָט די מוטער א זאָג געטהאָן:

— מיין טהייער קינד, דאנק גאָט וואָס דו ביזט אַלץ אזוי לייכט איבערגעקומען.

— וואָס מיינסטו, מאמע? — האָט גווענדאָלען זיך געוואונדערט — אזוי וואָלסטו געדארפט רעדען, ווען איך וואָלט געגאנגען צום בישאָף פאר א גאָווערנאנטקע, נישט איצט. היינט בין איך דאָך מאדאם גראנדקאָרט! א־יאָ, מאמע, דו וואָלסט נישט אויסגעהאַלטען, ווען איך וואָלט נישט געוואָרען מאדאם גראנדקאָרט?...

— נו, שאַ, שוויג, קינד מיינס — האָט די מוטער זיך געבעטען ביי איהר, — אום גאָטעס ווילען! מיר טהוט גענוג וועה, וואָס מיר צושיידען זיך. איך קען אָבער אַלץ איבערטראָגען מיט פערגעניגען, ווען דו ביזט גליקליך.

— נישט מיט פערגעניגען, מאמע, ניין, אָהן פערגעניגען, דו וועסט אַלץ איבערטראָגען, אָבער אונצופריעדען וועסטו זיין... אייביג וועסטו זיין אונצופריעדען.

זי האָט ארומגעכאַפּט די מוטער און געקושט און געזאָגט:

— מאמע, דו וועסט זיין אונצופריעדען, ווען איך וועל האָבען זאָגאר דאָס גרעסטע וואוילטאָג, הייזער און פערד, דיאמאנטען און בריליאנטען און איך וועל דיך אייביג ליעב האָבען און מעהר ווי די גאנצע וועלט.

— יאָ, מיין קינד, איך וועל אָבער נישט זיין אייפערזיכטיג, אז דו וועסט נאָך מעהר ליעב האָבען דיין מאן...

— אָ, געוויס, איך דענק נישט איהם שלעכט צו בעהאנדלען, אויסער אז ער וועט זיך דאָס דערדינען...

א מינוט איז געווען שטיל און גווענדאָלען האָט דערנאָך מיט א ציטריג קול געמורמעלט:

— מאמע, איך וואָלט אזוי געוואָלט, אז דו זאָלסט זיין מיט מיר...

גראנדקאָרט האָט שוין געווארט פאר איהר. די קאָרעטע איז שוין געווען איינגעשפּאנט. זי האָט איהם דערלאנגט איהר ארעם און ער האָט זי צוגעפיהרט צו דער קאָרעטע.

דער גאַסקאָין איז צוגעגאַנגען און זיי געבענטשט:

— גאָט זאָל אייך העלפען אין אייער לעבען, איהר זאָלט זיין גליקליך און מיר זאָלען דערלעבען פון אייך אַ סך נחת און פרייד.

אז די קאַרעטע האָט זיך גערוהרט פון אָרט, האָט גאַסקאָין געזאָגט צו גווענדאָלען׳ס מוטער:

— פעני, לאָמיר דאַנקען גאָט דערפאַר. גווענדאָלען האָט גאַנץ גוט געטראָפען. בעסער האָב איך קיינמאָל נישט גע׳חלום׳ט. ווייניג פרויען זיינען זוכה צו אַזא גליק. מעגסט זיך פיהלען גליקליך מיט דיין טאָכטער.

ביז ריילאַנדס איז געווען אַ היבשער מהלך. זיי זיינען געפאָהרען די גאַנצע נאַכט און נאָך אַ שטיק אויפ׳ן טאָג. די גאַנצע רייזע האָבען זיי פערבראַכט לעבעדיג און פרעהליך. גווענדאָלען איז געווען זעהר אויפגעלייגט און גערעדט אַ סך. גראַנדקאָרט האָט מיטגעהאָלפען די גאַנצע צייט. זיי זיינען געזעסען ארומגענומען, זיך געהאַלזט און געקושט.

— שפעטער זיינען זיי אנטשוויגען געוואָרען און גווענדאָלען האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס גאַנצע רייכטהום, אין וועלכען זי קומט איצט אריין. זאַלען און פאַלאַצען, הייזער און גערטנער, אַ סך בעדיענטע, גאָלד און זילבער, דימאַנטען, בריליאַנטען... דאָס אַלץ איז נישט קיין חלום. עס איז אַן אמת. באַלד וועט זי דאָס אַלץ האָבען... און פלוצלינג האָט זי אַ ציטער געטהאָן און אַ מורא האָט זי ארומגענומען. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? האָט זי נישט געוואוסט. ווער ווייס, אפשר געהט עפּעס בייז אונטער איהר, דערפאַר איז איהר אַזוי שווער אויפ׳ן הארץ?...

אַזוי איז זי געזעסען פערטראַכט און גאַרנישט בעמערקט, אַז זיי זיינען שוין אריין אין ריילאַנדס פאַרק און אַז זיי זיינען שוין צוגעקומען צו זייער פאַלאַץ, ביז גראַנדקאָרט האָט איהר פערטראַכטקייט איבערגעשלאָגען, זאָגענדיג:

— אָט זיינען מיר שוין אין דער היים.

און צום ערשטען מאָל האָט ער איהר אַ קוש געטהאָן אין די ליפען, זי האָט דאָס אָבער ווי נישט בעמערקט פאַר צוטראָגענקייט.

ער האָט זי אָנגענומען אונטערן האַנד און אריינגעפיהרט אין קאָרידאָר. דער גרויסער און לאַנגער קאָרידאָר איז געווען קייזער־

ליך בעלויכטעט, אויסגעשפרייט מיט די טהייערסטע טעפּיכער, די ייענד בעהאַנגען מיט פּראַכטפאָלע בילדער און בעשטעלט מיט שעה־נע סטאַטועז, אַ סך דיענער. אַ בעזונדער מיידעל איז צוגעקומען, אַלס קאַמערדינערין ביי גוועגדאָלען. גראַנדקאָרט האָט זי שטאָלץ איבערגעפיהרט איבער דעם גרויסען קאָרידאָר ביז זיי זיינען צו־געקומען צו אַ גרויסען זאַל. די טהיר פון זאַל איז געווען אָפען. אַ ים מיט ליכט האָט אַ בלישץ געטהאָן פון זאַל אַרויס, די טהייער־סטע ריחות האָבען זי אַרומגענומען און גראַנדקאָרט האָט איהר געזאָגט:

— אָט דאָס איז אונזער נעסט. געה אַריין, וועסט זיך אָבּ־רוהען אביסעל, וועט מען געהן עסען.

ער האָט איהר האַנד געקושט, איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און געפיהלט, אַז ער איז שטאַרק פּערליעבט, נאָכמעהר ווי ער האָט אַליין געדענקט...

גוועגדאָלען איז אַריין, האָט אַרונטער גענומען דעם העט און מאַנטעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל נעבען פייער. אינדעם איז אַריינגעקומען די הויזקיפּערין און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איהר. גוועגדאָלען האָט געמיינט, אַז דאָס איז זי געקומען אָנקוקען די נייע בעל הבית'טע. זי איז אָבער צו מיעד געווען מיט עמיצען צו רעדען, האָט זי איהר אַ זאָג געטהאָן:

— געהט און זאָגט מיין קאַמערדינערין, אַז זי זאָל זיצען און וואַרטען פאַר מיר און פריהער נישט אַריינקומען, ביז איך וועל קלינגען נאָך איהר...

די הויזקיפּערין איז נעהנטער צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— מאַדאַם, איך האָב דאָ אַ פּעקעל, וואָס מען האָט מיר אָנ־געזאָגט קיינעם נישט איבערצוגעבען נאָר אייך אין די הענד אַריין און ווען איהר וועט זיין איינע אַליין. די פּערזאָן וואָס האָט דאָס מיר געגעבען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מתנה, ספּעציעל געאָר־דערט פון הערר גראַנדקאָרט. ער דאַרף אָבער פריהער ניט וויסען דערפון ביז ער וועט אייך זעהן געהן אין דעם. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מאַדאַם, איך האָב ליעב צו פאָלגען וואָס מען הייסט מיך.

גוועגדאָלען האָט גענומען דאָס פּעקעל און געלאָזען עס ליגען

אויף די קניע ביז די הויזקיפערין איז אַרוים און פערמאַכט די טהיר. עס איז איהר איינגעפאַלען, אַז דאָס מוז זיין דאָס ציערונג, וואָס גראַנדקאָרט האָט איהר צוגעזאָגט, אַז זי וועט דאָס בעקומען צו דער חתונה. זי איז צופריעדען געוועזען, וואָס זי וועט האָבען איהר אייגען ציערונג צו טראָגען.

אין אַ סך פּאַפּיערען פערפּאַקט האָט זי געפונען אַ קעסטעל. זי האָט דאָס געעפענט און אַ פּאַק דימאַנטען האָבען אַ גלאַנץ געטהאָן פאַר איהרע אויגען. אין דער מינוט האָט זי אָבער דערזעהן ליגען דערנעבען אַ בריעף. נאָך די האַנדשריפט האָט זי גלייך דערקענט, אַז דאָס האָט אַ פרוי געשריבען. איהר האַרץ האָט שיער געפּלאַצט פאַר שרעק. דער בריעף האָט זיך איהר אויסגעוויזען ווי אַ שלאַנג, וואָס ליגט אויף די דימענטען און וואַרט נאָר עמיצער זאָל זיך צוריהרען, אַזוי וועט זי איהם באַלד פערסם'ען... זי האָט אָבער דאָך גענומען דעם בריעף. די הענד האָבען איהר שרעקליך געציטערט, זי האָט קוים געקענט איינהאַלטען דעם בריעף און די האַנדשריפט איז געווען ווי שפּיזען אין איהרע אויגען...

„די דיאַמאַנטען — איז געשטאַנען אין בריעף — זיינען אַמאָל פאַר גרוים ליעבשאַפט געגעבען געוואָרען צו לידיאַ גלאַשער און איצט געהן זיי איבער צו אייך... איהר האָט געבראָכען אייער וואָרט, וואָס איהר האָט איהר געגעבען, אַז איהר וועט נישט צונעהמען דאָס, וואָס געהערט צו איהר. איהר האָפט געוויס צו זיין גליקליך. זי, לידיאַ, האָט אויך אַמאָל אַזוי געהאָפט. איהר האָפט אויך צו האָבען שעהנע קינדער און זיי וועלען פערשטויסען לידיאַ'ס קינדער פון זייער פאָטער. גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. ער וועט נישט דערלאָזען דערצו. דער מאַן מיט וועמען איהר האָט חתונה געהאַט האָט אַ פערוועלקט האַרץ. זיין בעסטע יוגענד ליעבע האָט געהערט צו מיר. דאָס קענט איהר ביי מיר נישט צונעהמען, אַזוי ווי איהר האָט צוגערויבט דאָס איבערגעבליבענע. עס איז טויט. אין מיין האַרץ איז עס בעגראָבען, מיין גליק און האָפנונג און אויך אייער האָפנונג און גליק. איך האָב אייך געוואָרנט פריהער. איהר האָט בעסער אויסגעקליבען צו קריוודען מיך מיט מיינע קינדער. ער האָט גערעכנט מיט מיר חתונה צו האָבען און ער וואָלט מיט מיר חתונה געהאַט, ווען איהר וואָלט

נישט געבראָכען אייער וואָרט, וואָס איהר האָט מיר נעגעבען. איהר וועט בעקומען אייער שטראָף. איך ווינש דאָס מיט מיין גאַנצען הארצען.

„וועט איהר אפשר איהם געבען דעם בריעף, ער זאָל נאָך בייז׳ער ווערען אויף אונז און רואינירען מיך מיט מיינע קינדער? וועט אייך גאָר נישט אַרען און איהר וועט טראָגען די דיאמאנטען אין זיינע אויגען און ער זאָל וויסען, וואָס איך שרייב אייך דאָ? וואָס פאַר אַ רעכט וועט איהר האָבען צו בעקלאָגען זיך, אַז ער וועט אייך אונגליקליך מאַכען? איהר האָט דאָך איהם גענומען מיט אָפענע אויגען, איהר האָט דאָך אַלץ געוואוסט. דאָס בייז, וואָס איהר האָט מיר געטהאָן, זאָל אייך נאָכגעהן ווי אַ קללה אייער גאַנצען לעבען".

זי האָט עטליכע מאָל איבערגעלייענט דעם בריעף און נישט געוואוט וואָס זי לייענט. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. פּלוצלונג איז זי אויפגעשפּרונגען און אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין פייער. זי האָט געזעהן ווי ער ברענט און זי האָט אייגענטליך נישט געוואוסט צו זי האָט דאָס דעם בריעף פערברענט. דערווייל ווי זי האָט זיך אויפגעשטעלט זיינען די דיאמאנטען זיך צופאַלען אויף אַלע זייטען און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. זי האָט זיך גאַרנישט אומגעקוקט דאַרויף, זיך צוריק אריינגעזעצט אין שטוהל און פערמאַכט די אויגען. די ווערטער פון בריעף האָבען אָבער געטאַנצט פאַר איהרע אויגען און האָבען זי נישט געוואָלט אָבלאָזען.

**יא, אויף די דימאנטען איז געווען אַ סך סם און דאָס סם איז איהר אריין טיעף, טיעף אין איהר יונגען הארץ אריין.**

אין אַ צייט אַרום האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און גראַנדקאָרט איז אריין. ער איז געווען אָנגעטהאָן ווי צו געהן עסען. און ווי זי האָט איהם דערזעהן, איז זי נאָך נערוועזער געוואָרען און זי האָט אָנגעהויבען מורא׳דיג שרייען און נישט געקענט אויפהערען. ער האָט דערוואַרט זי צו זעהן אָנגעטהאָן, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, גרייט צו געהן צום טיש. און דאָ זעהט ער זי גאָר אַזוי בלאַס און דערשראָקען און זי שרייט און מאַכט גוואַלדען, און די

דימאַנטען זיינען צוואוואָרפען אויף דער ערד. וואָס איז דאָס? זי איז משוגע געוואָרען?...

אַזוי צו אַזוי, דער טייוועל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זייער נעסט...

---

## 19טער קאַפּיטעל.

דניאל דעראָנדאַ איז צוריק געקומען נאָך לאָנדאָן און דער־צעהלט זיין פעטער, אַז גראַנדקאָרט פערשטעהט, דאָס ער קען בע־קומען פון איהם פופציג טויזענד פונט פאַר פלאַפּיעלד. עס קען זיין אַז גראַנדקאָרט וועט בעשטעהן דאַרויף. נאָר צו דאָס וועט גיך געשעהן אָדער נישט, דאָס קען ער נישט וויסען.

— און וואָס דענקסטו וועגען זיין יונג ווייבעל? — האָט איהם דער פעטער געפרעגט.

— אָה, איך דענק איצט פיעל בעסער פון איהר, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב זי געזעהן אין ליבראָן — האָט דעראָנדאַ געענטפערט — שפּיעלען רולעט האָט איהר גאָרנישט געפּאַסט. אין פלאַפּיעלד זעהט זי גאָר אַנדערש אויס.

— זאָלסט נאָר ניט צופיעל פלירטעווען מיט איהר, דאָני, — האָט סער הוגאָ געזאָגט מיט אַ שמייכעל. — אַז גראַנדקאָרט וועט אַהער קומען מיט איהר צו גאַסט און דו וועסט איהם מאַכען איי־פערזיכטיג וועט דאָס צושטערען מיין גאַנצען פּלאַן.

— איך קען פאַר דער גאַנצער צייט נישט זיין אין הויז, ביז זיי וועלען אָוועקפאָהרען, — האָט דעראָנדאַ געענטפערט.

— ניין, ניין, דאָס נישט, די מוהמע און די קינדער וועלען נישט וועלען זיין אָהן דיר. זעה נאָר זאָלסט נאָר נישט מאַכען קיין פאַלשען שריט מיט איהר. אויסער אַז דו ווילסט זיך גרייטען אויף אַ דועל מיט גראַנדקאָרט'ען און איהם דערשיסען, וואָס עס וואָלט שוין אפשר געליינט אביסעל אנשטרענגונג...

— איך גלויב, אַז דער פעטער האָט מיר קיינמאָל נישט גע־זעהן פלירטעווען — האָט דעראָנדאַ געזאָגט אונצופרידען.

— אַזוי? איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן, זאָגסטו? — האָט

מער הוגאָ זיך געוויצעלט, — אייביג רעדסטו הארט און שטרענג מיט פרויען און נעהמסט זיי דורך מיט די אויגען דורך און דורך. דו ביזט אַ שרעקליכער יונגערמאַן, דו ווילסט, אַז די פרויען זאָלען דיר נאָכלויפען, נישט דו נאָך זיי..."

אין דער מינוט האָט דעראָנדאַ פערשטאַנען, אַז דאָס וויצעלט זיך נאָר דער פעטער אַזוי און אומזיסט פערדריסט איהם. ער איז אָבער צופריעדען געווען, וואָס דער פעטער וויים גאָרנישט וועגען גווענדאָלען׳ס בראַסלעט און וועט זיך נישט וויצלען דאריבער. ער האָט בעשלאָסען מעהר וועגען אַזעלכע זאַכען נישט צו דערצעהלען דעם פעטער און אויך וועגען מיראַ׳ן וועט ער איהם קיין וואָרט נישט דערמאָנען. ער קען עס נאָך וועלען אויסנוצען פאַר זיינע וויצען.

ער האָט זיך טאַקי געגרייט צו פאָהרען צו די מייריק׳ס און זעהן, וואָס מירא טהוט.

מאַדאַם מייריק האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין טאָג, זי זאָל איהם נישט צושיקען אַ רעפּאָרט וועגען מיראַ׳ן.

„פון טאָג צו טאָג ווערען מיר אַלץ מעהר פערליעבט אין מיראַ׳ן — האָט זי איהם אין לעצטען בריעף געשריבען. — ביים אָנבייסען, ווען מיר אַלע זיצען ביים טיש, קוקען מיר אַלע צו דער טהיר פון וואַנען זי דאַרף אָנקומען. מיר היטען זי אָב ווי די אויגען פון קאָפּ און הערען זיך צו צו איהר יעדעס וואָרט, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט היינט געקומען פון ערגעץ אַ ווייט לאַנד, איז אַ גוטער, אנגעלייגטער גאַסט ביי אונז און מיר הערען זיך צו איהר צו. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט איין וואָרט פון איהר מויל, וואָס זאָל מיר נישט גע־פעלען ווערען. זי איז זעהר צופריעדען און דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איהר אַרויסגעהאָלפען אין איהר נויטה. מיינע טעכטער לער־נען זיך ביי איהר און מיר ווילען נאָך בעקומען פאַר איהר מעהר שילערינס. זי וויל דאָך ניט עסען אומזיסט ברויט, זי וויל אַרביי־טען ווי מיינע טעכטער. מאַב זאָגט, אַז אונזער הויז איז דורך מיראַ׳ן געוואָרען אַ גן־עדן, זי האָט נאָר מורא, אַז מירא זאָל נישט אַוועק פון אונז. איהר שטימע איז אויסגעצייכענט און איך האָב דאָס זעהר ליעב".

פרוי מייריק האָט איהם נישט געשריבען, אַז עמא און מאַב זיינען געווען מיט מיראַ׳ן אין אַ אידישער שוהל און אַז זיי האָבען

זיך געוואונדערט, ווי אזוי מירא קען ליעב האָבען אידישקייט. זיי האָבען אָבער געשוויגען, אז זיי האָבען געזעהן ווי הייליג און טייער די אידישע אמונה איז מירא׳ן און זיינען געווען גענוג פּאָרזיכטיג. שפּעטער אָבער האָט איימי זיך נישט געקענט איינהאַלטען און גע־פרעגט מירא׳ן:

— ענטשולדיג מיר, מירא, געפעלט דיר אויך דאָס, וואָס די פרויען זיצען אין שוהל בעזונדער אונטער א פאָרהאַנג?

— געוויס, — האָט מירא געענטפערט אביסעל פערוואונ־דערט, — איך האָב גאָר אנדערש קיינמאָל נישט געטראַכט.

— און דאָס וואָס די מענער געהען אין די היט, געפעלט דיר אויך? — האָט מאב זיך אָנגערופען.

— זיכער געפעלט דאָס מיר. געפעלט אלץ וואָס איך זעה אין שוהל. עס דערמאָנט מיך אָן יענע צייטען, וואָס זיינען מיר אזוי טהייער ווי מיין לעבען, עס דערוועקט אין מיר אזעלכע געפיהלען, מיט וועלכע איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט צושיידען, פאר קיין זאַך אין דער וועלט.

זיי האָבען פערשטאַנען, אז זי איז צו שטאַרק צוגעבונדען צו איהר אמונה און אז זיי פערשאַפען איהר נאָר יסורים מיט זייערע רייד און מעהר דאַרפען זיי דאָס נישט טהאָן.

אז מירא איז ארויסגעגאַנגען האָט איימי געזאָגט:

— מירא זאָגט, אז זי איז נאָך נישט גענוג אידיש און אז זי ווייסט זאָגאר קיין העלפט נישט, וואָס אידישע טעכטער דאַרפען וויסען פון איהר רעליגיאָן. עס קען נאָך זיין, אז זי וועט דאָס גאָר פערגעסען און ווערען א קריסטין, אויב זי וועט זיך שטאַרק צו־בינדען צו אונז און וועט נישט געפינען איהר מוטער, וועט זי געוויס זיך טויפען. עס איז דאָך אזוי קאָמיש ביי היינטיגע צייט צו זיין א איד.

— אוי, אוי, אוי! — האָט מאב געשריען, — גאָט זאָל מיך אָבהיטען צו זיין אזא שרעקליכע קריסטין ווי דו. ווי קענען מיר וועלען אָברייַדען אזא שעהן און גוט מיידעל ווי מירא פון איהר אידישען גאָט!

— אמת, אפשר טאַקי נישט ריכטיג, — האָט קעטרין אריינ־גערעדט, — איך קען זיך אָבער נישט העלפען און מוז מודה זיין,

אז איך וויל גערן, אז זי זאָל נישט געפינען איהר מוטער. איך האָב עפּעס מורא דערפאַר...

— פאַר דעם שרעק איך זיך גראָד ניט — האָט פרוי מייריק געזאָגט, — איך ווייס, אז מירא איז געראָטען אין איהר מוטער, און וואָס פאַר א פרייד וועט דאָס זיין פאַר איהר מוטער, אז זי וועט צוריק קריגען אזא טאָכטער. יאָ, היינטיגע צייטען רעכענט מען זיך אָבער ווענ̇יג מיט א מאַמע — האָט זי א שטאָך געטהאָן איהרע טעכטער — א געשטאָרבענע מאַמע האָט מען ליעבער ווי א לע־בעדיגע...

— עס קען זיין, — האָט קעטרין געזאָגט, — מיר ווילען אָבער דאָך נאָר א לעבעדיגע...

נישט נאָר די מייריקס אליין האָבען געוואוסט, אז מירא שטעהט העכער פאַר זיי און אז זיי דאַרפען זיך נאָך א סאַך לערנען ביי איהר, נאָר אפילו דעראָנדא האָט אויך איינגעזעהן, אז ביי זיין גאַנץ געלערנטקייט און קענטניס וויים ער כמעט גאַרנישט פון די היינטיגע אידען. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס אויסגע־וועהלטע פאָלק, די אידען, זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען ניט פאַר זייער אייגענע טובה, נאָר פאַר דער טובה פון אַנדערע. און זיי וואָלטען געדאַרפט זיין אַנדערש, ווי זיי זיינען. ער האָט נישט אַנדערש געקוקט אויף זיי, ווי זיינע שכנים, אז זיי זיינען גאַרנישט ווערט, ביז ער האָט בעגעגענט מירא'ן און דערזעהן איהר בענק־שאַפט נאָך איהר מאַמע האָט ער פערשטאַנען, אז די אידען זיינען גלייך ווי אַלע מענשען, זיי האָבען א האַרץ ווי יעדער איינער אויף דער וועלט. ער האָט געזעהן, ווי טהייער ביי אידען איז זייער גאָט און זייער גלויבען. זיי זיינען גרייט זייער לעבען צו אָפּפערען דער־פאַר.

אין דערזעלבער צייט איז דעראָנדא אוועקגעפאָהרען פון לאָנ־דאָן מיט זיין פעטער און בעזוכט א סך שטעדט און לענדער. און אז ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טהאָן איז ער געגאַנגען פון איין שוהל צו דער צווייטער, זיך צוגעקוקט צום אידישען לעבען, ער האָט אָנגעהויבען לייענען ביכער וועגען די אידען און ער האָט איינגעזעהן, אז ביז איצט האָט ער גאַרנישט געוואוסט פון אידען. ניט פון די

אידען און נישט פון זייער גלויבען. און נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיי נישט געקענט, האָט ער געטראַכט פון זיי אַזוי שלעכט.

איינמאָל ווען ער איז געווען אין פראַנקפורט, איז ער פרייטאָג צוגעגאַנגען צו דער שוהל און אַנגעקומען אין דער אידישער גאַס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין דאָס אַמאָל געזעהן און אַז די אָרימע גאַס האָט געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק. ער האָט זיך אָבער ווייניג וואָס צוגעקוקט צו די הייזער, די אידען זיינען איהם וויכטיגער געווען, און ער האָט דוקא געוואָלט זיי פער־גלייכען מיט די אַמאָליגע אידען פון טויזענדער יאָהרען צוריק, ווי אַזוי זיי זיינען געבוירען געוואָרען און ווי אַזוי זיי האַלטען זיך און עקזיסטירען?

אַזוי איז ער געגאַנגען ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ קראָם פון אַלטע ביכער. ער איז צוגעגאַנגען און געפרעגט ווען מען געהט דאַווענען אין שוהל אריין?

אַ אינגעל איז ארויסגעקומען און איהם פאָרגעלעגט, אַז ער וועט איהם נעהמען אין שוהל אריין. דער אינגעל האָט זיך גאָר דערפרעהט, אַז דעראָנדאַ וויל געהן אין דער אַלטער שוהל צו די פרומע אידען, נישט ביי די רעפאָרמירטע.

דערווייל האָט דער אינגעל איהם דערלאַנגט אַן אַלט ביכעל, וואָס דעראָנדאַ האָט אייגענטליך גאָרנישט פערלאַנגט, ער האָט דאָס איהם שטאַרק געריהמט און געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אַנטיק אַ בוך, וואָס איז זעהר שווער צו בעקומען. דער אינגעל האָט איהם אָבגע־נאַרט, איינגערעדט ביז ער האָט איהם געמוזט בעצאָהלען דערפאַר.

דעראָנדאַ האָט אַ קוק געטהאָן און דערזעהן נעבען טיש אַ טויבען, שמוציגען מאַן. דאָס איז געווען דער קרעמער. ער איז געשטאַנען מיט נאָך אימיצען, וואָס איז געגאַנגען אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אין אַ ברייטען הוט אויפ׳ן קאָפּ און אויסגעשמירט אַזוי גרויס ווי ער איז. ער האָט געהאַלטען אַ זאַק אין האַנד און ארויס־גענומען תפלין און מזוזות און לוחות און לויבט די סחורה אין אַ צוקאַליעטשעטען דייטש. דער קרעמער איז אָבער אַן עקשן, לאָזט זיך נישט איינרעדען, קוקט זיך שטאַרק צו, אויב די הייליגע סחורה וועט זיך איהם לוינען...

און אזוי ווי דער איז אָרויס איז אַן אַנדערער אריין און ווידער דיזעלבע געשיכטע, דיזעלבע רייד און שבועות.

דער סאָרט אידען איז דעראָנדאָ'ן זעהר נישט געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך אָבער בעטראַכט, אַז ביי יעדען פאָלק זיינען דאָ פערשיעדענע מענשען, ווי די פיש אין ים זיינען פערשיעדען און נישט צוליעב די עטליכע מעג ער בעשולדיגען אַלע אידען. ער איז רוהיגער געוואָרען, ער האָט נאָך געגעבען דעם אינגעל אַ דאָלער מעהר וויפיעל ער האָט געבעטען. אַז די זון האָט גענומען זיך זעצען איז ער אַנגעקומען אין שוהל.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט און דערזעהן אַן עלטערען אידען, וואָס האָט אַזוי מערקווירדיג אויסגעזעהן. אַנגעטהאָן איז דער אַלטער געווען זעהר אָרים, נאָר זיין שעהנע, ווייסע באָרד מיט'ן רונדיגען הוט אויף זיין קאָפּ און זיין איידעל פּנים האָבען דעראָנדאָ'ן שטארק צוגעצויגען צו זיך. דער אַלטער האָט עטליכע מאָל געקוקט אויף דעראָנדאָ'ן און מיט אַמאָל האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט. דעראָנדאָ האָט אוועקגעכאַפּט די אויגען און מעהר נישט געקוקט אויף איהם.

באַלד האָט איהם אימיצער דערלאַנגט אַ סדור, ער האָט געדאַנקט דערפאַר, געעפענט דעם סדור און אריינגעקוקט. דער חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד מיט די משוררים און אַנגעהויבען דאַוונען. אַ צייט האָט דעראָנדאָ געלייענט אין סדור די תפלות אין דייטשער איבערזעצונג און ער האָט געזעהן, אַז דאָס זאָגט מען איצט קאַפּיטלעך תהילים. באַלד האָט ער אויפגעהערט לייענען און זיך איינגעהערט צום חזנ'ס זינגען. די נגונים זיינען איהם זעהר געפעלען און ער האָט גרויס הנאה געהאַט. ער האָט אין דעם זינגען געהערט דאָס געוויין פון אַ סך דורות אידען, וואָס זיינען אויסגעשטאַנען די גרעסטע יסורים. ער האָט אויך פערנומען אין דעם געזאַנג די טרויסט און האָפנונג, וואָס די אידען האָבען, אַז זיי וועלען אַלץ איבערקומען און אויסגעלייזט ווערען פון אַלע צרות.

און וואָס מעהר ער האָט געהערט דאָס דאַוונען פון גאַנצען קהל און דאָס געזאַנג פון חזן מיט די משוררים, אַלץ מעהר איז ער דורכגענומען געוואָרען מיט פרייד און עהרען געפיהל צו די אידען, זיין הארץ איז פול געוואָרען איבער די ברעגען און עס האָט זיך

איִהם געדאַכט, אַז דאָס געזאַנג טראָגט זיך איבער דער גאַנצער וועלט, דאָס געזאַנג פון די אידען איז שעהנער פון אַלע געזאַנגען, גרעסער און הייליגער און זיין הארץ איז מיטגעריסען געוואָרען און צוזאַמען מיט אַלע האָט זיין הארץ מיטגעזונגען...

נאָר נאָכ'ן דאַוונען, אַז דער עולם איז זיך צוגאַנגען און דעראָנדאַ איז אויך אַרויס, און בעמערקט אַ סך פון די דאַוונער, וואָס האָבען געהאַט אַזאַ גלייכגילטיג און קאַלטען אויסזעהן, איז איהם די גאַנצע פרייד פערשטערט געוואָרען. עס איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער האָט אין גאַנצען געהאַט אַ טעות. די אַלע וואָס האָבען דאָ געדאַ־ווענט האָבען דאָס נאָר געטהאָן צוליעב געוועהנהייט און ווער ווייס אויב ער איז נישט געווען דער איינציגער, וואָס האָט אַזוי שעהן און הייליג געפיהלט...

פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, ווי אימיצער נעהמט איהם אָן פאַר'ן האנד. ער האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן און עס האָט איהם פערדראָסען, וואָס אַז מען וויל עפּעס רעדען צו איהם, כאַפּט מען איהם אָן פאַר'ן האנד. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן דעם אַלטען מאַן מיט דער ווייסער באָרד, ווי ער שטעהט און פרעגט איהם אויף דייטש:

— ענטשולדיגט מיר, יונגער מאַן, ווער זיינען אייערע עלטע־רען — אייער מוטער'ס נאָמען, איך מיין, איך מיין איהר מיידעלשער נאָמען?

דעראָנדאַ האָט אויפגעציטערט ביי דער פראַגע, ער האָט גע־וואָלט אַרונטערנעהמען דעם אַלטען'ס האנד פון זיך, האָט ער זיך אַ לייכטען דרעה געטהאָן און אַרויסגעגליטשט פון איהם און קאַלט־ליך געענטפערט:

— איך בין אַן ענגלענדער.

דער אַלטער האָט געקוקט אויף איהם, ווי ער וואָלט איהם נישט געגלויבט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין הוט און איז אַוועק. צו ער איז אַוועק מיט'ן געדאַנק, אַז ער האָט טאַקי אַ טעות געמאַכט, אָדער אַז ער האָט איהם גלאַט פערשטויסען — דאָס האָט דעראָנדאַ נישט געוואוסט.

ער איז אַוועק צו זיך אין האָטעל שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט געפּרובירט זיך בערוהיגען, אַז ער האָט אַנדערש ניט געקענט האַנד־

לען, ער קען דאָך נישט געהן דערצעהלען א פרעמדען מענשען וועגען זיין מאַמע, ווען ער אַליין וויים דאָך גאָרנישט פון איהר. און ווידער דער אַלטער מוז האָבען גלאַט געמאַכט א טעות — ער האָט זיך איהם אויסגעוויזען בעקאַנט און דערפאַר האָט ער איהם אַזוי געפרעגט. עס קען גאַנץ מעגליך זיין, אַז ווען ער וואָלט מעהר גערעדט מיט'ן אַלטען, וואָלט ער אפשר פון איהם וויכטיגעס געוואָהר געוואָרען. ער איז אָבער צופרידען געווען, וואָס ער האָט אַזוי גיך אָבגעהאַקט דעם געשפּרעך. ער האָט אויך בעשלאָסען נישט צו דערצעהלען וועגען דער גאַנצער געשיכטע זיין פעטער מאַלינדזשער, ער זאָל נישט לאַכען און זאָגען, אַז דאָס טראָגט ער זיך אַרום מיט מאָדנע פאַנטאַזיעס.

באַלד נאָכדעם איז ער אַהיים געפאָהרען נאָך לאָנדאָן און האָט געשריבען צו מרס. מייריק, אַז צו מאָרגענס, אַרום פיער א זייגער, וועט ער זיין ביי איהר אין הויז. אַז ער איז אַריין צו איהר, האָט ער געטראָפען מיראַ'ן זיצען מיט מרס. מייריק און מאַב ביי דער אַרבייט. די פיאַנאָ איז געשטאַנען אָפען ווי צום שפּיעלען. ער האָט א קוק געטהאָן אויף מיראַ'ן און האָט דערזעהן ווי שעהן און רוהיג זי זעהט אויס, פול האָפנונג און גליק, און ער האָט געטראַכט, ווען א מאַלער וואָלט געוואָלט מאָהלען א מלאך פון שלום און גליק וואָלט ער געדאַרפט אויסמאָהלען מיראַ'ן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי שלעכט זי האָט אויסגעזעהן ווען ער האָט זי געפונען ביים וואַסער. מיראַ האָט אין דער זעלבער מינוט אויך א טראַכט געטהאָן וועגען דעם און זי האָט צו איהם געזאָגט:

— זעהט ווי אַנדערש איך זעה אויס איצט, אַנטקעגען יענעם שרעקליכען טאָג, ווען איהר האָט מיך ביים טייך געפונען. דאָס איז אַלץ, ווייל איהר האָט מיר אַהער געבראַכט צו די גוטע מענשען.

— עס איז געווען מיין גליק וואָס איך האָב אייך געפונען — האָט דעראָנדאַ געענטפערט — יעדער מענש וואָלט צופריעדען געווען צו טהאָן דאָס זעלבע.

— עס איז נישט אַזוי — האָט מיראַ געזאָגט, — איך טראַכט נאָר וועגען דעם וואָס עס איז געווען, קיינער האָט מיך נישט געפונען, נאָר איהר און נאָר איהר זיינט אַזוי גוט געווען צו מיר.

— איך האַלט מיט מיראַ'ן, — האָט פרוי מייריק צוגעגעבען,

— הייליג איז דער וואָס טהוט גוטעס, נישט דער וואָס וואָלט אפשר אויך געטהאָן...

— אויסער דעם, האָט מירא געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — וואָלט דאָך קיין אַנדערער מיך נישט געקענט ברענגען צו אייך אויסער מר. דעראָנדאַ, און איך וואָלט ביי אַן אַנדערען נישט געוואָלט זיין נאָר ביי אייך, אויסער ביי מיין מוטער. עס איז מיר דאָך אַזוי גוט דאָ ביי אייך. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דאָס לעבען קען זיין אַזוי גליקליך ביז איך בין צו אייך געקומען.

זי האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און באַלד האָט זי צוגעגעבען:

— אָבער טהיילמאָל האָב איך עפּעס מורא.

— פאַר וואָס האָט איהר מורא? — האָט דעראָנדאַ דערשראָקען אַ פרעג געטהאָן.

— איך האָב מורא, טאָמער וועל איך בעגעגענען מיין פאָטער אויף דער גאַס. עס איז זעהר שרעקליך, וואָס איך האָב מורא צו טרעפען מיין אייגענעם פאָטער, איך קען זיך אָבער נישט העלפען.

— עס איז זיכער אונמעגליך — האָט דעראָנדאַ זי בערוהיגט, — איהר וועט איהם דאָ נישט טרעפען. אָבער ווען איהר זאָלט קיינמאָל נישט געפינען אייער מוטער, וואָלט איהר דערפון גרויס צער געהאַט?

זי האָט נישט באַלד געענטפערט. זי איז געזעסען פערטראַכט און געקוקט מיט איהרע פער׳חלום׳טע אויגען צו דער ענטקעגענאיבערדיגער וואַנד. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו דעראָנדאַ׳ן און געזאָגט מיט אַ שטימע פון אמת:

— איך וויל אַז מיין מאַמע זאָל וויסען, אַז איך האָב זי תמיד ליעב געהאַט און אויב זי לעבט נאָך וואָלט איך צו איהר געפלויגען און געזעהן, אַז עס זאָל איהר גוט זיין. מעגליך אָבער, אַז זי איז שוין טויט, וואָלט איך כאָטש געוואָלט וויסען, וואו איהר קבר איז, און אויב מיין ברודער לעבט, און מיר וואָלטען זי צוזאַמען שטענדיג דערמאָנט. איך וועל אָבער זיך בעמיהען, נישט ארומגעהן פער׳צער׳ט. איך האָב פאַר אַ סך יאָהרען צייט זי געהאַלטען פאַר טויט. איך וועל מיין מאַמע שטענדיג אין זין האָבען. מיר קענען קיינמאָל נישט זיין אינגאַנצען צושיידט. איך האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל

נישט געזינדיגט אַנטקעגען איהר. איך האָב קיינמאָל נישט געטהאָן אזעלכעס, וואָס וואָלט איהר ווער געטהאָן, אויסער דעם וואָס זי וואָלט אפשר געהאט עגמת נפש, וואָס איך בין נישט געווען קיין אמת אידישע טאָכטער.

— אויף וואָס פאר אַן אופן, זאָגט איהר, זיינט איהר נישט געווען קיין אמת אידישע טאָכטער? — האָט דעראָנדאַ זי געפרעגט.

— איך בין אונוויסענד. און מיר האָבען זיך נישט אויפגעפיהרט לויט'ן אידישען דין, געלעבט נאָר צווישען קריסטען און ווי זיי זיך געפיהרט. איך האָב אַ סך מאָל געהערט, ווי דער טאַטע האָט געלאַכט איבער די פרומע אידען, וואָס עסען נישט קיין טרפות און האָבען נאָך בעזונדערע מנהגים. ער האָט געלאַכט וואָס זיי זיינען נישט ווי די קריסטען. איך דענק, אַז מיין מוטער איז געווען פרום. איך בין אָבער זיכער, אַז זי וואָלט ניט געווען געגען דעם, וואָס איך האָב ליעב די מענשען, וואָס זיינען געווען בעסער צו מיר ווי מיינע אייגענע אידען. אלץ בין איך גרייט צו פאָלגען מיין מאַמע נאָר אין דעם ווען זי וואָלט געווען געגען וואָלט איך זי נישט געפאָלגט. פאַר מיר איז פיעל לייכטער עמיצען ליעב צו האָבען איידער צו זיין אַ שונא. איך בין אָבער זיכער, אַז מיין מאַמע וואָלט אייך אויך ליעב געהאט.

זי איז אויפגעשפרונגען און איהרע אויגען האָבען געלויכטען און זי האָט געזאָגט צו פרוי מייריק:

— ווען איך וועל זי אַמאָל געפינען, וועל איך זי טרייסטען און אהער ברענגען צו אייך און זאָל זי זעהן ווי גוט איהר זיינט צו מיר!

— גאָט זאָל דיך בענטשען! — האָט פרוי מייריק איהר געענטפערט. זי האָט נאָך עפּעס איהר געוואָלט זאָגען, דאָס הארץ איז איהר אָבער איבערפילט געוואָרען מיט ליעבע צו מירא'ן און זי האָט איהר מעהר גאָרנישט געקענט זאָגען. זי האָט זיך געווענדעט צו דעראָנדא'ן און געפרעגט:

— איז עס נישט מאָדנע, וואָס מירא געדענקט אזוי גוט איהר מוטער און דעם ברודער געדענקט זי גאָר נישט, נאָר אז ער האָט זי געהאלטען אויף די הענד? איז מסתמא געווען זעלטען אין דער היים. ער איז שוין אודאי געווען אַ אגרויסער. עס איז מיר

אַ רחמנות אויף איהר וואָס דער ברודער קומט איהר אוים ווי אַ פרעמדער, אַז זי געדענקט איהם אַפילו נישט.

— ער איז אָבער אַ גוטער, עזרא איז אַ גוטער — האָט מירא אַ זאָג געטהאָן, — ער האָט ליעב געהאַט די מאַמע, ער האָט אודאי זי אָבגעהיט. איך געדענק ווי די מאַמע האָט איהם אַמאָל גערופען: „עזרא!“ און ער האָט געענטפערט: „מאַמע!“ ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי אַלעמאָל געביטען איהר שטימע, פּונקט ווי די מוּ־טער מיט'ן ברודער וואָלטען זיך איינס דאָס אַנדערע גערופען — איך געדענק ווי ער איז באַלד צוגעקומען צו דער מאַמע. איך בין זיכער, עזרא איז אַ גוטער, דאָס איז מיין איינציגער פערגעניגען און מיין לעבען, אַז עזרא איז אַ גוטער.

דעראָנדאַ און פרוי מייריק האָבען נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, זיי האָבען נישט געקענט זאָגען יאָ און נישט ניין. זיי האָבען זיך גיך איבערגעקוקט פערוואונדערט. מירא האָט זיך אָבער גאָרנישט אומגעקוקט אויף זיי און איז אָנגעגאַנגען מיט איהרע ערַאינערונגען:

— איז עס נישט אַ וואונדער, וואָס איך געדענק זייערע שטי־מען בעסער ווי אַלע זאַכען אין דער וועלט? איך דענק, אַז די שטימען זיינען מיר אריין טיפער אין הארצען. איך האָב שטענדיג געהאַלטען, אַז דער הימעל איז בעשאַפען פון מענשליכע קולות...

— פון אַזעלכע שטימען ווי אייערע... — האָט מאַב געזאָגט, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען און געשוויגען. — מאַמע, בעט מירא'ן זי זאָל עפּעס זינגען. מר. דעראָנדאַ האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

— עס וועט אייך אפשר זיין אונאַנגענעהם איצט צו זינגען? — האָט דעראָנדאַ זעהר העפליך זי געפרעגט.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען — האָט מירא געענטפערט, — איך האָב זיך אויסגערוהט און צוריק בעקומען מיין שטימע.

זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. דעראָנדאַ האָט זיך אוועקגעזעצט אַזוי, אַז ער זאָל זי גוט קענען זעהן ביים זינגען און זי האָט דאָס אַלץ גענומען אַזוי נאַאיוו און איינפאַך, ווי אַ קינד, וואָס זעצט זיך עפּעס עסען און ווייס נישט, אַז זי ווערט בעוואונ־דערט פון די צוזעהער.

זי האָט אויסגעזעהן אזוי שעהן און הייליג מיט איהרע שעהנע, שווארצע האָר און עדעל אידיש געזיכט. דעראָנדאַ איז געווען פול בעוואונדערונג און פערגעטערונג צו איהר. זי האָט געשפיעלט בעט־האָווען און צוגעזונגען, און עס האָט זיך געדוכט ווי אַ נשמה בעט זיך, וויינט אין גרויס השתפכות הנפש. דאָס זינגען האָט דעראָנ־דאַ'ן אזוי מיטגעצויגען, אַז ער האָט זיך מיט דער האַנד די אויגען פערשטעלט, ער זאָל נאָר הערען דאָס געזאַנג אליין...

אַז זי האָט געענדיגט, האָט ער צוריק אַרונטערגענומען די האַנד און בעגייסטערט געזאָגט:

— איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ זינגען נישט געהערט.

— איז מיין זינגען אייך געפעלען? — האָט מירא געפרעגט,

— איך בין אַזוי צופרידען, איך האָב שטענדיג געליטען ווען איך האָב נישט געזונגען ווי מען האָט געוואָלט. איצט אָבער האָף איך, אַז איך וועל קענען דערמיט פערדינען מיין ברויט. איך האָב גע־האָט גאַנץ גוטע לעהרער. איך האָב דאָך איצט צוויי שילער, מיס מייריק האָט זיי מיר געקריגען. זיי צאָהלען מיר צוויי קראָנען פאַר אַ לעקציע.

— איך קען עטליכע דאַמען וואָס וועלען אייך אויך שאַפען שילער — האָט דעראָנדאַ געזאָגט, — וועט אייך נישט אַרען צו זינגען פאַר יעדען איינעם, וואָס וועט אייך וועלען הערען?

— ניין, איך וויל דאָך געלד פערדינען. פרוי מייריק זאָגט, אַז איך וואָלט אפילו געקענט זיין אַ שפּראַכען לעהרערין. ווער ווייס צי איך וועל אָבער געפינען שילער? איך האָב אזוי מורא, טאָמער וועל איך געפינען מיין מאַמע אַן אָרימע. איך וויל האָבען געלד פאַר איהר. איך קען דאָך אויך נישט לעבען שטענדיג פון צדקה, כאָטש די צדקה וואָס איך בעקום דאָ איז די בעסטע און די אנגענעהמסטע אויף דער וועלט.

— איך דענק, אַז איהר קענט לייכט רייך ווערען — האָט דע־ראָנדאַ געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — רייכע דאַמען וועלען זיין צו־פריעדען אייך צו צאָהלען וויפיעל איהר וועט נאָר וועלען, איהר זאָלט נאָר לערנען זייערע קינדער. איך וועל שוין זעהן וועגען דעם. נאָר איצט, בעט איך אייך, זינגט נאָך עפּעס.

מירא איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און געזונגען שור־

בערט׳ס א ליעד פון אויסווייניג, און אז זי האָט געענדיגט, איז מאב צו איהר צוגעגאנגען און געבעטען:

— מירא, זינגט נאָך דעם קליינעם הימן.

— עס איז צו קינדעריש, — האָט מירא געענטפערט, — אָהן ווערטער אפילו.

— וואָס איז דאָס פאר א הימן? — האָט דעראָנדא געפרעגט.

— עס איז א העברעאיש ליעד, — האָט פרוי מייריק געזאָגט, — מירא געדענקט דאָס נאָך, ווען איהר מוטער האָט דאָס געזונגען, ווען זי איז געלעגען אין וויגעל.

— איך וואָלט דאָס גערן געוואָלט הערען — האָט דעראָנדא געבעטען, — אויב איהר דיינקט נאָר, אז איך בין ווערט צו הערען אזא הייליג ליעד.

— איך וועל עס זינגען, אויב איהר ווילט, — האָט מירא געזאָגט, — איך זינג אָבער נישט קיין ווערטער, איך געדענק נישט די ווערטער, א וואָרט אָדער צוויי זיינען מיר געבליבען אין זכרון און דאָס איבעריגע איז נאָר בלויז קלאַנגען. קענט איהר העברעאיש? איך האָב מורא, אז עס וועט האָבען ביי אייך א פנים פון קינדערישען חוזק. דעראָנדא האָט מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט אויף ניין, אז ער קען נישט קיין העברעאיש, און געזאָגט:

— פאַר מיר וועט עס זיין גאַנץ גוטער העברעאיש...

מירא האָט פערלייגט איין פוס אויפ׳ן אנדערען, די הענד פערשלאָסען, אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אין דער ווייטער הויך ווי צום הימעל און גענומען זינגען. עס איז געווען אן אומעטיג ליעד אָהן ווערטער, נאָר ווי א געבעט פון א קליין קינד, וואָס בעט זיך ביי גאָט רחמנות... איהר שטימע איז איצט נאָך אנגענעהמער און שענער געווען ווי ביי דעם פריהעריגען זינגען.

אז מירא האָט געענדיגט האָט זי געזאָגט:

— איהר ווייסט, ווען איך וואָלט אפילו געקענט די ווערטער, וואָלט איך אַלץ ליעבער געזונגען אָהן זיי. די קלאַנגען אָהן ווערטער זיינען מיר אזוי ליעב און טהייער.

— גאַנץ ריכטיג — האָט דעראָנדא געענטפערט, — די קלאַנגען אליין האָבען א סך אינהאַלט.

— א מאמע האָט אויך שטאַרק ליעב די בלויזע קלאַנגען פון

איהר קינד, ווען עס פאַנגט אָן רעדען. איך האַלט, אַז ווען מיין האַנס וועט שוין זיין אַן אַלטער מאַן, אויב איך וועל דאָס נאָר דער־לעבען, וועט ער פאַר מיר אַלץ זיין דער קליינער, ליעבער האַנס...

— אַנטקעגען דעם וואָס איהר האָט געזאָגט די ווערטער, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט צו מיראַ'ן, — איך דענק, ווען אפילו איך וואָלט פערשטאַנען די ווערטער פון דעם ליעד און איהר וואָלט זיי געזונגען, וואָלט עס אויך קיין גרעסערע ווירקונג, ווי דאָס געזאַנג אַליין, נישט געמאַכט אויף מיר. איך בין געווען אין שוהל אין פראַנקפורט און דאָס דאַווענען האָט געמאַכט אויף מיר אַ געוואַל־דיגען איינדרוק, כאָטש איך האָב די שפּראַך נישט פערשטאַנען, און אפשר האָט עס אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויף מיר געמאַכט דוקא דערפאַר, ווייל איך האָב נישט פערשטאַנען.

— איז דאָס דאַווענען אייך געפעלען? איז עס אריין אין אייער הארצען? — האָט מיראַ געפרעגט היציג, — און איך האָב געמיינט, אַז נאָר אַ איד קען פיהלען דאָס אידישע געזאַנג און די אידישע תפלות. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז ווי אַ פערשלאָ־סענער קוואַל, וואָס נאָר הימעל און... — זי האָט נישט געענדיגט, ווייל זי האָט נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקען איהר גע־דאַנק.

— איך פערשטעה אייך, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט, — עס איז אָבער נישט פאַראַן אַזאַ צווישענשייד אויף דער וועלט. אונזער גלויבען איז הויפּטזעכליך אַ אידיש גלויבען און אַז אידען זיינען מענשען מוזען זייערע רעליגיעזע געפיהלען האָבען אַן איינפלוס אויף די מענשען פון אַן אַנדערען גלויבען, פונקט אַזוי ווי די פּאָעזיע פון די אידען: עס איז בעזונדער און אַנדערש פון אַלע אַנדערע, עס האָט אָבער אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז אָבער אמת, אַז אַ איד פיהלט מעהר און בעסער די רעליגיאָן פון זיין פאָלק, איידער אַן אַנדערער. איך דענק אָבער, אַז דאָס איז נישט אייביג אַזוי.

— געוויס נישט, — האָט מיראַ טרויעריג געענטפערט, — איך האָב דאָס בייגעוואָהנט. איך האָב געזעהן מענשען, וואָס האָ־בען געלאַכט פון זייער פאָלק'ס אמונה. איז עס נישט פונקט אַזוי,

ווי מען וואָלט אָבגעלאָכט פון טאַטע־מאַמע? ווי צו פרעהען זיך מיט דער חרפּה פון אייגענע עלטערען?

— פאַראַן מענשען, — האָט דעראָנדראַ געענטפערט, — וואָס לאַכען און שפּאָטען פון דאָס אייגענע און נאָהענטע און דאָס פרעמ־דע געפעלט זיי דוקא. אַ סך רעבעלירען געגען די מנהגים אין וועל־כע זיי זיינען אויפגעצויגען געוואָרען.

— איהר זיינט דאָך אָבער נישט אַזוי? — האָט מירא גע־פרעגט מיט שרעק.

— ניין, איך דענק, אַז איך בין נישט אַזאַ איינער, איך בין אָבער אויך נישט אויפגעצויגען געוואָרען אַלס איד.

— אָ, איך פערגעס אַלץ — האָט מירא געזאָגט ווערענדיג רויט און איהר קול האָט געקלונגען ווי ענטוישט.

דעראָנדראַ האָט זיך עפּעס אויך נישט איבעריג אנגענעהם גע־פיהלט אין דער מינוט. אַ ווייל'ע האָט ער געשוויגען, נאָר באַלד האָט ער אַ זאָג געטהאָן:

— ווי איינער זאָל זיך נישט פיהרען, איינס אָבער מוז מען אָבהיטען. מיר דאַרפען זיין טאָלעראַנט איינער צום אַנדערען. טאָ־מער וויל איינער אראָפּפיהרען דעם צווייטען פון זיין גלויבען, וויל געוויס דער צווייטער מיט איהם דאָס זעלבע טהאָן און דער סוף איז קיינמאָל נישט קיין גוטער.

— געוויס אַזוי, עס וואָלט נאָך ערגער געווען — האָט פרוי מייריק אריינגערעדט, — עס איז אָבער אַלץ מעגליך, אַז איינער זאָל קענען ליעב האָבען זיינע עלטערען און זיי אָבגעבען דעם גרעס־טען כבוד, כאָטש ער פיהרט זיך נישט פונקט ווי זיי. עס איז פונקט ווי קליידער: מען דאַרף נישט געהן פונקט אַזוי אָנגעטהאָן ווי די עלטערען, מען קען זיין אביסעל אַנדערש. איהר ווייסט, מיין פאָ־טער איז געווען אַ שאָטלענדישער קאַלאָניסט און מיין מוטער אַ פראַנצויזישע און איך בין נישט ווי זיי ביידע און דאָך האָב איך זיי ביידע שטענדיג ליעב געהאַט און זייער אַנדענקען איז מיר טהייער.

— און איך וואָלט נישט געקענט ווערען אוים אידישע טאָכ־טער, — האָט מירא מיט געפיהל געזאָגט, — אפילו ווען איך וואָלט געביטען מיין אמונה.

— איהר זיינט גערעכט, — האָט פרוי מייריק געזאָגט, — ווען אָבער אַלע אידען וואָלטען אָבגעשאַפען די פערשידענהייטען, וואָס זיינען דאָ צווישען זיי און די קריסטען, וואָלט געקומען אַ צייט, וואָס מען וואָלט קיין אידען מעהר נישט געזעהן. — אַז זי האָט דאָס געזאָגט, איז קענטיג געווען, אַז זי איז שטאַרק צופרידען מיט'ן געדאַנק אַליין.

— אוי, איך בעט אייך, רעדט נישט אַזוי! — האָט מירא געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, — דאָס איז דאָס ערשטע שלעכטס, וואָס איך הער פון אייך. איך וועל דאָס נישט אָנהויבען טהאָן. איך וועל זיך קיינמאָל נישט אָבשיידען פון מיין מאַמע'ס פאָלק. איך בין געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען פון מיין פאָטער. ווען ער זאָל אָבער צוריקקומען צו מיר אַן אַלטער, אַן אָרימער און ער זאָל מיך דאַרפען, וועל איך האָבען אַ רעכט צו זאָגען: „דאָס איז נישט מיין פאָטער!" ווען אפילו אין חרפה מוז איך זיך טהיילען מיט איהם, ער איז מיין פאָטער און נישט עמיצער אַנדערש. און דאָס זעלבע איז מיט מיין פאָלק. איך וועל אייביג זיין אַ אידישע טאָכטער. איך וועל ליעב האָבען קריסטען, אויב זיי וועלען זיין אַזוי גוט ווי איהר, איך וועל אָבער שטענדיג זיין צוגעבונדען צו מיין פאָלק און צוזאַמען מיט זיי בעטען צו אונזער גאָט.

אַז מירא האָט גערעדט, האָט זי אינגאַנצען געברענט ווי פייער און איהר שטימע האָט געקלונגען פול געבעט. דעראָנדא האָט זי אָנגעקוקט און זי האָט אויסגעזעהן אין זיינע אויגען ווי איינע פון די אנוסים אין שפּאַניען, וואָס ער האָט געלייענט וועגען זיי, אַז זיי האָבען פערלאָזען זייער גאַנץ גוטס אין פרעמדע הענד און אַנטלאָפען אין ווייטע לענדער, זיי זאָלען קענען זיין אידען און אַז אַ סך פון זיי האָבען שטעהענדיג אין מיטען פייער, וואו די גלחים האָבען זיי פערברענט, געשריען:

— מיר זיינען אידען און בלייבען אידען!

מירא, מירא, מיין טהייער קינד, האָסט מיך ניט פערשטאַנען, — האָט פרוי מייריק געזאָגט אַ דערשראָקענע, — זאָל מיך גאָט שטראָפען אויב איך וויל, אַז דו זאָלסט טהאָן עפּעס געגען דיין אמונה און דיין פאָלק. איך האָב נאָר גלאַט געזאָגט, ווי די וועלט וואָלט אויסגעזעהן, אַז עס וואָלט אַזוי געוואָרען. איך האָב אָבער

בעסער געדאַרפט די וועלט לאָזען צורוה און נישט וועלען זיין צו קלוג. ענטשולדיג מיר, קום אַהער צו מיר, מיר וועלען דיך ניט אוועקנעהמען פון די וואָס דו פיהלסט, אז דו ביזט צו זיי צוגעבונדען.

— איך בין אַלץ גרייט צו טהאָן פאַר אייך, איך בין אייך שולדיג מיין לעבען, נאָר דאָס קען איך נישט — האָט מירא ווייטער גערעדט, נאָך אַלץ נישט בערוהיגט.

— נו, שאַ, שטיל שוין, איך בין שוין גענוג געשטראָפט, וואָס איך האָב געלאָזען מיין צונג לויפען אַזוי נאַריש. איך האָב געוואָלט מאַכען „א לוח" אויף די שפּעטערע צייטען און האָב זיך בענאַרישט.

— אָבער יעדע זאַך האָט דאָך אַ סוף, — האָט מאַב זיך אָנגערופען, — מען דאַרף קענען איבערטראָגען צו טראַכטען וועגען אַלעם.

דעראָנדאַ האָט זי אָנגעקוקט און לייכט געשמייכעלט. זי האָט פערשטאַנען, אַז דעראָנדאַ לאַכט פון איהר און עס האָט איהר באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט גאָר אינגאַנצען אריינגערעדט און זי האָט געוואָלט פערריכטען:

— איך האָב קיין שלעכטס נישט געמיינט. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבען קוראַזש אַלץ איבערצוטראָגען, ווי שווער עס זאָל נישט זיין. מען דאַרף קענען אַלץ אויסהערען.

דעראָנדאַ איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. פרוי מייריק איז מיטגעגאַנגען מיט איהם ביז אין דרויסען און דעראָנדאַ האָט איהר געזאָגט:

— אז האַנס וועט אַהיים קומען וועט ער קענען וואוינען ביי מיר.

— האָט איהר וועגען אַלעם געשריבען איהם? — האָט זי געפרעגט דערפרעהט, — ווי גוט איהר זיינט! האָט איהר אויך דערמאָהנט מירא'ן?

— יאָ, איך האָב איהם געשריבען וועגען מירא'ן, איך האָב גערדיינקט, אז ער ווייס דאָס שוין פון אייך.

— איך מוז מודה זיין אין מיין נאַרישקייט. ביז איצט האָב איך איהם נאָך קיין איין וואָרט נישט געשריבען וועגען איהר. איך האָב אַלע מאָל גערענקט דאָס צו טהאָן. איך האָב מיינע טעכטער

געזאָגט, אַז איך װעל דאָס איהם שרייבען און דאָך נישט געשרי־
בען. איך דאַנק אייך זעהר, װאָס איהר האָט דאָס שוין געטהאָן.

דעראָנדא האָט פערשטאַנען װאָס די מוטער טראַכט און ער
איז שטאַרק פערזאָרגט געװאָרען. ער האָט איינגעזעהן, אַז עס
איז נישטאָ קיין מענש, װאָס מירא זאָל איהם נישט געפעלען, ער
האָט בעשלאָסען צו זיין פאָרזיכטיג און ער האָט צו זיך אַליין גע־
רעדט, אַז ער מוז זיך זעהר בעהערשען, קומען װאָס װייניגער... ער
טאָר נישט קומען צו אָפט צו איהר. זי װעט דאָך קיינמאָל נישט
קענען זיין זיין פרוי, און װען אפילו זי זאָל זיך אין איהם פער־
ליעבען און חתונה האָבען מיט איהם, נישט קוקענדיג װאָס ער איז
נישט קיין איד, װעט זי אַלץ נישט זיין גליקליך אַז זי װעט פיהלען,
אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי...

ער איז שוין געװען רוהיג, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט,
אַז האַנס קומט אַהיים, און ער האָט זיך דערשראָקען פאַר מירא'ן.
װער װייס צו ער װעט נישט איהר לעבען פערשטערען?...

װאָס קען ער אָבער העלפען? ער קען דאָך נישט שרייבען
האַנס'ען, אַז ער זאָל נישט אַהיים קומען. ער װיל זיך דאָך עפענען
אַ סטודיאָ אין לאָנדאָן, װאָס פאַר אַן אויסרייד װעט ער איהם שריי־
בען? ער האָט זיך אפילו געפּרואװט בערוהיגען, אַז איהם דאַכט
זיך נאָר אַזױ און קיין בייז װעט נישט געשעהן. אָבער װאָס מעהר
ער האָט די געדאַנקען פערטריבען, האָבען זיי איהם נאָך מעהר גע־
פייניגט. האַנס געזיכט איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען און
ער האָט נאָך מעהר מורא געהאַט, אַז האַנס װעט נישט גלויבען
איהם, אַז ער װיל נאָר מען זאָל מירא'ן צורוה לאָזען. נאָר ער װעט
זאָגען, אַז דאָס האָט ער, דעראָנדא, זי ליעב, דערפאַר װיל ער נישט
צולאָזען צו איהר קיין אַנדערען. ער האָט אָבער איינגעזעהן, אַז
מיט'ן טראַכטען װעט ער גאָרנישט העלפען און ער האָט זיך גע־
שטאַרקט און בעשלאָסען אָבװאַרטען און צוקוקען דאָס גרייטע, און
שפּעטער װעט ער שוין זעהן װאָס צו טהאָן.

ער האָט אויך געטראַכט װעגען אויפזוכען מירא'ס מוטער און
ברודער. ער האָט זיך אָבער אַלץ געשראָקען. װער װייס אויב
עס װעט נישט ערגער זיין פאַר איהר, אַז ער װעט זיי געפינען, און
אפשר איז גאָר טאַקי בעסער, אַז זי זאָל זיי קיינמאָל מעהר נישט

זעהן. דעראָנדאַ האָט אייגענטליך נישט געטראַכט דאָס נאָר וועגען מירא'ס מוטער און ברודער, זאָגאר וועגען זיין אייגענע מוטער האָט ער אַזוי געדענקט. און ער האָט מורא געהאַט זיי זוכען. טאָמער וועט ער נאָך ערגער מאַכען. מיט וואָס ער וועט ערגער מאַכען? פאַרוואָס ער האָט מורא זיי צו געפינען? האָט ער נישט געוואוסט קלאָר. ער האָט דאָס אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג און פון וואָך צו וואָך, און צום סוף האָט ער בעשלאָסען:

באַלד נאָך יום טוב וועט ער זוכען מירא'ס מוטער און ברודער.

## 20טער קאַפּיטעל.

דעראָנדאַ האָט אָנגעהויבען גאַנץ אָפט געהן אין דעם אידישען געגענד, וואו די איינפאַכסטע און אָרימסטע אידען וואוינען. ער איז אויך געגאַנגען אין די שוהלען, זיך איינגעקוקט אין יעדען איינעם, האָפענדיג, אַז ער וועט געפינען מירא'ס מאַמע און ברודער.

דאָס איז אָפּילו נישט דער וועג אויסצוגעפינען אַ מענשען. ער האָט דאָך אייגענטליך זיך געקענט ווענדען צום לאָנדאָנער רב, דערצעהלען איהם די גאַנצע געשיכטע. ער וואָלט דאָך בעסער געוועזען געקענט אויסגעפינען. נאָר ער האָט דאָך דאָס אָבגעלייגט. ער האָט זיך געטראַכט, ער וועט דערווייל אַליין זוכען און אַז ער וועט נישט געפינען וועט ער זיך ווענדען צום רב, ער זאָל איהם אַן עצה געבען.

די אָרימע, אָבגעלאָזענע אידען פון דער לאָנדאָנער געטאָ זיינען איהם זעהר נישט געפעלען. ער האָט נישט געזעהן אין זיי דאָס גייסטיגע, די אידישע שעהנקייט, וועגען וועלכער ער האָט די לעצטע צייט גע'חלום'ט. ווער ווייס אויב דאָס זעלבע איז נישט מיט מירא'ן. אפשר ווייל זי בענקט אַזוי נאָך איהר מוטער און ברודער חלום'ט זי אַזוי גוט וועגען זיי. אַז זי וועט זיי אָבער דערנאָך אויסגעפינען און דער בענקשאַפט כשוף וועט פערשווינדען, זי וועט זעהן אַז זיי פּאַסען זיך גאָרנישט צו איהר און זי וועט פערלירען אַ שעהנעם חלום און דאָס הארץ וועט איהר אייביג וועה טהאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענע מוטער און ער האָט מורא געהאַט,

אויב זיין גורל וועט נישט זיין דערזעלבער וואָס מיראַ׳ס, ווי שלעכט און ווי ביטער דאָס וועט פאַר זיי ביידע זיין...

ער איז געגאַנגען איבער די שמאָלע, ענגע גאַסען, זיך גוט איינ־געקוקט אין די קראָמען און די פענסטער, איבערגעלייענט די שיל־דען און דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט, טאָמער וועט ער דערזעהן א קרעמעל מיט א שילד מיט׳ן נאָמען עזרא קאָהן. זאָל כאָטש עזרא קאָהן נישט זיין קיין קרעמער...

און איין טאָג, ווען ער האָט זיך פּערקירעוועט פון דער טומעל־דיגער האָלבאָרן סטריט אין א קליין, זייטיג גאַסעל, איז ער געווען שוין זעהר מיעד און האָט געוואָלט צורופען א קאַרעטע און אהיים פּאָהרען. פּלוצלונג האָט ער דערזעהן אין א פענסטער צוויי שעהנע, אַלט זילבערנע בראַסלעטען ארויסגעהאַנגען. האָט ער זיך שוין בע־סער איינגעקוקט און דערזעהן, אז דאָס איז א פּאָן שאָפּ און ער האָט שוין בעמערקט א שילד, אויף וועלכען עס איז געווען אויפ־געשריבען: „זייגערלעך און קייטלעך ווערען דאָ פּעררירכט און אומ־געביטען“. און ווי ער שטעהט אזוי און קוקט, קומט עמיצער ארויס פון קרעמעל, בעגריסט איהם ווי אַן אַלטען בעקאַנטען און זאָגט:

— גוט מאָרגען, הערר!

דעראָנדא האָט זיך איינגעקוקט אין איהם און דערזעהן, אז ער איז א איד, נאָך גאָר א יונגערמאַן, אַן ערך דרייסיג יאָהר אַלט. ער האָט מורא געקראָגען, ער קען נאָך וועלען איהם אריינשלעפּען צו זיך אין קרעמעל, האָט ער איהם גיך געענטפערט אויף זיין בע־גריסונג און אריבער אויף דער צווייטער זייט און איז אריינגעשפּרונ־גען אין א קאַרעטע, כדי וואָס גיכער אהיים צו פּאָהרען. דאָ האָט ער נאָכאַמאָל א קוק געטהאָן צום קרעמעל און דערזעהן א קליין שילד׳על מיט׳ן אויפשריפט:

„ע ז ר א  ק אָ ה ן“...

אין אידישען קוואַרטאַל קען מען זעהן הונדערטער שילדען מיט דעם נאָמען עזרא קאָהן, נאָר דעראָנדא האָט ביז איצט דעם נאָמען נישט בעמערקט. דער יונגער מאַן מוז אויך טאַקי זיין מיראַ׳ס ברודער, ער איז אין די יאָהרען וואָס מירא זאָגט. דעראָנדא האָט זיך אָבער געוואָלט אָבנאַרען און זיך איינרעדען, אז דער יונגער מאַן וואָס האָט איהם געוואָלט אריינשלעפּען צו זיך אין קרעמעל איז

נישט מיראַ'ס ברודער. עס איז איהם איינגעפאַלען, אַז ווען אַפּילו ער איז טאַקי מיראַ'ס ברודער און אַז ער וועט אַפּילו געוואָהר ווערען פון איהם, אַז די מוטער איז געשטאָרבען, דאַרף ער אויך נישט דערצעהלען מיראַ'ן אַז ער האָט איהם געפונען. איי, מיראַ האָט דאָך איהם אָבער אַזוי פיעל מאָל געזאָגט, אַז זי וויל וויסען צו איהר מוטער איז טאַקי געשטאָרבען און אויב איהר ברודער לעבט נאָך! וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער דאָס צו בעהאַלטען פון איהר? מעג ער איהר אַ דעה זאָגען און וועלען איהר פיהרען אויף זיין שטייגער? ער אַליין איז דאָך תמיד אין כעס אויף די מענשען, וואָס האָבען געטהאָן מיט איהם, וואָס זיי האָבען געוואָלט און האָבען איהם גאָר־נישט געפרעגט!

ער האָט בעשלאָסען אריינצוגעהן אמאָל אין קרעמעל און קויפען די בראַסליעטען אַ מתנה פאַר זיין מוהמע און דערוייל עפּעס אויסגעפינען.

עטליכע טעג זיינען אריבער און ער האָט נישט געקענט געהן. זיין פעטער, סער הוגאָ מאַלינדזשער, האָט איהם געדאַרפט אין דער היים, ער האָט דעמאָלט צוגעגרייט זיינע רעדעס פאַר'ן פּאַרלאַמענט און ער האָט געבעטען דעראָנדאַ'ן ער זאָל איהם צושטעלען דאָס נויטיגע מאַטעריאַל פאַר זיינע רעדעס.

זיי האָבען זיך שוין אַ פּאָר מאָל געאַמפּערט. דעראָנדאַ איז נישט געפעלען געווען די טהעמאַ. סער הוגאָ האָט זיך אַפּילו נישט גערעכענט דערמיט, ער איז אָבער צופריעדען געווען צו הערען ווי שעהן און קלוג דעראָנדאַ רעדט, האָט ער איהם אַ זאָג געטהאָן:

— הער אויף מיט די דיסקוסיעס מיט מיר, דאַני. פאַרוואָס זאָלסטו אָבער נישט זעהן צו האַלטען אַ רעדע פאַר אַ פּובליקום? האָסט מורא וועסט נישט האָבען קיין ערפאָלג? דו מוזט אָבער אָנהויבען צו טהאָן אין דעם. ווען איך בין געווען אין דיינע יאָהרען האָב איך שוין געאַרבייט אויף דעם פעלד, מעגסט זאָגאַר זיין געגען מיר. פּרוביר דאָס, וועסט געפעלען ווערען און מען וועט דיר אויסקלייבען אין פּאַרלאַמענט און דאָס, ווייסטו דאָך, וועט מיך זעהר פרעהען.

— איך בעדויער זעהר, וואָס איך קען נישט טהאָן דאָס, וואָס

וועט איך שטאַרק פרעהען, — האָט דעראָנדאָ געענטפערט, — איך קען אָבער נישט קוקען אויף פּאָליטיק ווי אויף אַ פּראָפּעסיע.

— פאַרוואָס קענסטו נישט? אויב אַ מענש איז זאָגאַר נישט געבאָרען דערצו, דאַרף ער דאָס זעהן גרייכען מיט אייגענע מיה. די געשעפטען פון לאַנד מוזען דאָך געפיהרט ווערען און זיי וואָל־טען קיינמאָל נישט געפיהרט געוואָרען, ווען יעדער איינער וואָלט געהאַלטען, אַז מען מוז זיין דערצו אַ נביא צו קענען דאָס טהאָן. אויב דו קומסט אריין אין פּאַרלאַמענט וועסטו דאָך נישט זיצען און וואַרטען מיט דיינע רייד ביז אַ קול פון הימעל וועט דיר דאָס הייסען רעדען...

— איך וויל נישט מאַכען מיין פּרנסה דערפון — האָט דע־ראָנדאָ ווייטער געענטפערט, — איך בעשולדיג נישט קיינעם, איך קען אָבער זיך נישט אוועקשטעלען רעדען פאַר אַן עולם בעריהמען זיך, זיי זאָלען מיך ערוועהלען.

— איך וועל דיר עפּעס זאָגען, דניאל, — האָט סער הוגאָ נישט אָבגעלאָזט, — אַ מענש וואָס וויל זיין צו קלוג און צו גוט קומט אַרויס דער סוף, אַז ער איז ווי אַ נאַר און שלעכטער דערצו. אַמאָל מוז מען אביסעל חנפ'ענען, זיך האַלטען גרויס און אַזוי דער־נאָך דערגרייכט מען צום ציעל. און דער מענש, וואָס פיהרט זיך אַזוי, זעהט ביי אונז נישט אויס ווי אַ שלעכטער. אויב דו ווילסט פיהרען מענשען מוזט דו זיי פיהרען לויט זייערע געדאַנקען און געפיהלען, און ווי גרויס דער מענש זאָל נישט זיין קען ער זיך נישט בעגעהען אָהן דעם.

מעגליך, אַז אַמאָל מוז איינער טהאָן אַ זאַך וואָס איז זעהר נויטיג, כאָטש עס איז נישט זעהר ריכטיג, שטענדיג אָבער טהאָן אַזוי איז נישט עהרליך און איך וויל נישט געהן אויף דעם וועג.

באַלד נאָך דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין פעטער פון וועלכען ער האָט קיין גרויס נחת נישט געהאַט, איז ער אַרויס אין דרויסען און בעשלאָסען איצט צוצוגעהן צו עזרא קאָהן.

ער איז נישט געגאַנגען דורך האָלבאָרן סטריט, נאָר פון דער צווייטער זייט שטאָדט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, נישט גע־איילט, און דאָס הארץ האָט איהם וועה געטהאָן אויף מירא'ן, וואָס ער דענקט איהר נישט אויסצוזאָגען וועגען דעם אַלעם. איין טרויסט

האָט ער אָבער געהאַט, אַז עזרא איז נישט איהר ברודער. ביי יעד־דען קרעמעל, וואָס ער איז פערבייגעגאַנגען, האָט ער זיך אָבגע־שטעלט און זיך איינגעקוקט. ער איז צוגעקומען צו אַ קראָם פון אַלטע און נייע ביכער. ער האָט דערזעהן אַ קליין טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעלייגט פערשידענע ביכער פון די עלטסטע ביז די נייסטע. די ביכער זיינען געלעגען אין אַ גוטע אָרדנונג און מען האָט געקענט לייכט געפינען, וואָס מען האָט גע־וואָלט. דעראָנדאַ האָט זיך אויסגעקליבען די אויטאָביאָגראַפיע פון דעם אידישען פילאָזאָף שלמה מאַימען, ווי דער אידישער פילאָזאָף פון פוילען בעשרייבט זיין לעבען ביז ער איז געקומען אין בערלין און וויפיעל צרות ער איז אויסגעשטאַנען. ער האָט גענומען דאָס בוך און איז אריין אינווענינג אין קראָם בעצאָהלען דערפאַר. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט טרעפען אַן אַלטען ספרים הענדלער, אַ שוויי־גענדיגען, אַן אומעטיגען און אַ פערזויערטען, ווי דער שטייגער איז פון די ספרים הענדלער.

אַז ער איז אָבער אריין אינווייניג, האָט ער דערזעהן אַ מאָד־נעם מענשען אָנגעטהאָן אין אַן אַלטען ראָק מיט אַ טויט־געלבליך אויסזעהן, וואָס איהר קענט קיינמאָל נישט וויסען ווי אַלט ער איז. ער איז געזעסען צולייגט אויפ׳ן שטוהל און אריינגעקוקט אין אַ „טאַימס“. אַז ער האָט דערהערט אימיצען אָנקומען, האָט ער די אויגען אויפגעהויבען און געקוקט ווער דאָס איז. דעראָנדאַ האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז ער זעהט אויס ווי אַ נביא וואָס פלעגט אָב־ריכטען גלות אָדער ווי אַ אידישער משורר, אַ פּאָעט פון מיטעל־אַלטער אין שפּאַניען. ער האָט געהאַט אַן אמת אידיש פּנים, אַן איידעל, ווייך פּנים מיט אַ הויכען שטערען און שעהנע, שוואַרצע געקרייזעלטע האָאָר ארום איהם. עס איז קענטיג געווען, אַז דער מענש האָט אויך צרות געליטען. דאָס פּנים איז נישט געווען אַזוי שעהן, עס איז אָבער געווען זעהר איינדרוקספול, אריין אין הארצען ווער עס האָט עס נאָר געזעהן און מען קען עס שוין קיינמאָל נישט פערגעסען. אין דער מינוט האָט זיך דעראָנדאַ אויסגעוויזען, אַז אַזוי האָט געמוזט אויסזעהן אַ איד, וואָס איז אַנטלאָפען פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען, און וואָס איז נישט זיכער געווען צו ער איז שוין זיכער מיט זיין לעבען אָדער מען וועט איהם באַלד

כאַפּען און פערברענען... אַזוי שאַרף און איינדרוקספול זיינען זייד נע אויגען געווען. דעראָנדאַ האָט זיך געהאַט אַביסעל דערשראָקען פאַר איהם, ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, צוגעגאַנגען צו איהם און געפרעגט דעם פּרייז פון בוך.

דער איד האָט זיך נישט אויפגעהויבען, האָט בעקוקט דאָס בוך און געזאָגט:

— דער פּרייז איז נישט אָנגעשריבען און העררדאָם איז איצט נישטאָ. איך בין דאָ געבליבען ביז ער וועט צוריק קומען פון מיד טאָג. וואָס ווילט איהר געבען דערפאַר?

ווי ער האָט אַזוי גערעדט האָט ער פערמאַכט דאָס בוך און אוועקגעלעגט אויף די קניע און דורכגענומען דעראָנדאַ מיט זיינע שאַרפע אויגען. אין דער מינוט האָט דעראָנדאַ אַ טראַכט געטהאָן. אַז דער מאַן וויל איהם אויספּרובירען, וויפיעל ער קען ארויסקריגען פון אַ מענשען וואָס קען זיך נישט אויף ביכער און ער האָט איהם געפרעגט:

— איהר ווייסט נישט וויפיעל ס'איז ווערט?

— איך וויים נ͏יט וויפיעל עס קאָסט. מעג איך אייך פרעגען, האָט איהר שוין געלייענט דאָס בוך?

— ניין, — האָט דעראָנדאַ געענטפערט, — איך האָב געד לייענט וועגען דעם און איך וויל עס לייענען.

— איהר זיינט אַ געלעהרטער? איהר זיינט פעראינטערעסירט אין אידישע געשיכטע? — האָט דער מאַן געפרעגט מיט אַ הייסער שטימע, ווי ער וואָלט דאָס זעהר געוואָלט וויסען.

— געוויס, איך בין פעראינטערעסירט אין דער אידישער היסד טאָריע, — האָט דעראָנדאַ רוהיג געענטפערט און די נייגיעריגקייט האָט איבערגעוואויגען דעם אונאַנגענעהמען געפיהל, וואָס ער פלעגט שטענדיג פיהלען אַז מען האָט זיך ביי איהם אַזוי פונאַנדערגעד פרעגט.

אין דער מינוט האָט זיך דער מאָדנער איד אַ הויב אויפגעטהאָן, אַ כאַפּ געטהאָן מיט זיין דאַרע האַנד דעראָנדאַ'ס אַרעם און גאַנץ פעסט געדריקט און מיט אַן אויפגערעגט קול געפרעגט:

— איהר זיינט אַלזאָ אַ איד?

דעראָנדאַ איז שטאַרק רויט געוואָרען, אונצופריעדען זייענדיג

אויף פונ'ם שרעקליכען דרוק וואָס ער האָט איהם געגעבען און האָט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטהאָן אויף ניין, אַז ער איז נישט קיין איד. דער מאַן האָט באַלד צוגענומען זיין האנד, דאָס פייער פון זיינע אויגען אויסגעלאָשען און צוריק געוואָרען טרויעריג און אומעטיג און אומקעהרענדיג זיך צו זיין שטוהל האָט ער איהם דערלאַנגט דאָס בוך און געזאָגט:

— איך דענק, אַז הערר ראָם וועט זיין צופריעדען, אַז איהר וועט געבער דערפאַר אַ האַלבען קראָן.

די ענדערונג וואָס איז אַזוי שנעל געקומען אין דעם מאָדנעם אידען האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף דעראָנדאַ'ן, ער האָט זיך געפיהלט אונטערטעניג צו איהם, ער איז געשטאַנען פאַר איהם ווי אַ קנעכט פאַר זיין הערר, וואָס ער האָט אויסגעפונען אין איהם, אַז ער איז נישט די ריכטיגע פּערזאָן, וואָס ער דאַרף און ער הייסט איהם געהן...

מעהר צו רעדען האָט דעראָנדאַ ניט געפונען קיין געלעגענ־הייט. ער האָט איהם בעצאָהלט דעם האַלבען קראָן, צוגענומען דאָס בוך, געזאָגט „אַ גוטען טאָג" און איז אַרויס.

אין דרויסען האָט איהם באַנג געטהאָן, וואָס זייער געשפּרעך איז אַזוי גיך איבערגעריסען געוואָרען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער איד איז גאָר אַנדערש פון עזרא קאָהן און אַ שאָד וואָס ער האָט זיך נישט בעסער בעקאַנט מיט איהם.

און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען און געטראַכט, איז ער אָנגע־קומען צו עזרא קאהנ'ס קרעמעל. ער איז אַריין אינווענינ און דער־זעהן עזרא'ן שטעהן אונטער'ן קראַם־טיש מיט אַן אָנגעצונדען פּנים און האַנדעלט זיך מיט איינעם איבער זילבערנע טהעע לעפעלאַך. ווי עזרא האָט איהם דערזעהן, האָט ער אָנגעהויבען רופען: „מאַמע, מאַמע!" און צו איהם האָט ער געשמייכעלט און געזאָגט:

— די מינוט, סער, די מינוט.

דעראָנדאַ האָט געקוקט צו דער טהיר מיט אַ בעהאַלטענע מורא, באַלד האָט זיך בעוויזען אַ פעטע פרוי אין די פופציגער, זי איז צו איהם צוגעגאַנגען גרייט צו דינען. קיין בעזונדער אבשטוי־סענדעס איז אין דער פרוי נישט געווען, אַז ער זאָל זיך שרעקען. דאָס ערגסטע וואָס מען האָט געקענט אויף איהר זאָגען איז געווען,

אז זי מוז קאַרגען אַביסעל וואַסער ביים וואַשען זיך און דאָס פּנים מיט די הענד זיינען ביי איהר נישט איבריג ריין. נאָר דערפאַר קען מען אויף איהר אַ זכות געפינען, זי שלאָפט מיט די אוירינגלעך און פינגערלאַך, קען זי זיך נישט אַזוי גוט אָרומוואַשען.

דאָס האָט דעראָנדאָ'ן גראַד נישט אַזוי געאַרט. פערקעהרט, ער האָט געוואָלט זי זאָל אויסזעהן שרעקליך, ער זאָל זיך קענען איינרעדען, אַז זי איז ניט מירא'ס מאַמע. ער האָט זי גוט בעטראַכט און פּאָר אַ מינוט אויפגעציטערט, אַז ער האָט געזעהן אַז זי איז עהנליך צו מירא'ן, געווים אָהן דעם פּעטס אין פּנים און אַנגעלאָפענע באַקען. נאַ, איהרע ברעמען זיינען אויך ווי מירא'ס און ווער ווייס צי איהר קול איז אויך נישט עהנליך?

— מיט וואָס קען איך אייך בעדינען? — האָט זי אין אַן אַנגענעהמען מוטערליכען קול איהם געפרעגט.

— איך וואָלט געוואָלט אַ קוק טהאָן אויף די זילבערנע בראָסליעטען אין פענסטער, — האָט דעראָנדאָ געענטפערט, — איך מיין די גרויסע, דאָרט אין ווינקעל.

די מוטער האָט זיי נישט געקענט אַזוי לייכט אַרויסנעהמען און עזרא האָט געזאָגט: איך וועל זיי שוין דערלאַנגען, איך וועל שוין.

ער איז גיך אַוועק צום פענסטער און אַרויסגענומען די בראָסליעטען, דערלאַנגט זיי דעראָנדאָ'ן און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— די מאַמע איז צו שטאַלץ, זי וויל אַלץ טהאָן אַליין, דערפאַר אַז איך האָב אייך דערזעהן, האָב איך זי אַריינגערופען. ווען עס קומט אַן אַנשטענדיגער קונה וויל די מאַמע אַליין פערקויפען. איך קען זי דאָך אָבער נישט לאָזען צופיעל אַנשטרענגען.

עזרא איז אַוועק און די מוטער האָט געקוקט אויף דעראָנדאָ'ן מיט אַ שמייכעל ווי זי וואָלט געזאָגט:

— ער האָט זיך ליעב צו וויצלען, ער איז אָבער דאָס בעסטע קינד אין דער וועלט.

דעראָנדאָ האָט שטאַרק בעקוקט די בראָסליעטען און זי האָט איהם געזאָגט:

— זיי קאָסטען נאָר דריי גינעס.

— ערשטע קלאַס אַרבייט, מיין העדר, זיי זיינען ווערטה צוויי

מאָל אזוי פיעל, איך האָב זיי אָבער געהאנדעלט אַ מציאה אין קעלן — האָט עזרא אריינגערעדט פון דער ווייטענס.

דערווייל זיינען נאָך צוויי קונים אריינגעקומען, עזרא האָט אַ רוף געטהאָן „עדי!" אַ יונגע פרוי מיט ברענענדע שווארצע אויגען און אַ קינד אויף די האנד איז אריינגעקומען. דאָס קינד האָט געהאט אזעלכע שווארצע פייעריגע אויגען ווי די מוטער און שעהנע, שווארצע לאָקען ארום דעם קעפעל. און באלד נאָך זיי איז אַרויסגעקומען נאָך אַ פּאָרעל: אַ אינגעל, אַ געזונטעס, אַ קיילע־כיגס, פון אַן ערך זעקס יאָהר אַלט און אַ קליין מיידעלע פון אַ פיער יאָהר. די קינדער האָבען געהאט אַן אמת אידיש אויסזעהן, פונקט ווי זייער טאַטע מאַמע, מיט שווארצע אויגען און שווארצע האָר. די יונגע פרוי איז געגאנגען אָנגעטהאָן אין אַ שעהן בלוי קלייד מיט קרעלן אויפ׳ן האלז און אוירינגלעך, די האָר פארקעמט הויך ווי אַ בארג און דאָס פנים איז געווען געמישט מיט אביסעל נאאיוויטעט און אביסעל כיטרעקייט. זי האָט אוועקגעזעצט דאָס קינד אויפ׳ן קראָם־טיש און דעראָנדאַ האָט זי דערווייל גוט בעטראַכט און אויס־געפונען, אז די אַלטע מאַכט אַ סך בעסערען איינדרוק ווי די יונגע, און דאָס האָט איהם האָט דוקא נישט געשמעקט. ער האָט זיך געטראַכט, אַז די אַלטע איז געווים מירא׳ם מוטער.

דער אינגעל האָט דערווייל אריינגעשפרונגען אין קראָם, אוועק־געשטעלט זיך ניט ווייט פון דעראָנדאַ׳ן מיט די הענד אין די קליינע הויזען קעשענעס און האָט איהם שטארק דורכגענומען מיט די אויגען. דעראָנדאַ האָט איהם אַ גלעט געטהאָן איבער׳ן קעפעל און געפרעגט:

— ווי הייסט דו, אינגעלע?

— יעקב אלעקסאנדער קאָהן — האָט דער אינגעל קלוג און שארף געענטפערט.

— הייסט דאָך נישט אזוי ווי דער טאַטע, האַ?

— ניין, ווי מיין זיידע. ער האנדעלט מיט מעסערלעך און שערעלעך, דער זיידע. ער האָט מיר געגעבען דאָס מעסערל — ער האָט גיך ארויסגענומען אַ קליין מעסערל, געעפענט ביידע קלינגלעך און אַ פּראָפּען ציהער.

— איז נישט אזא זאך א סכנה ביי א קינד אין האנד ? — האָט דעראָנדראַ געפרעגט די אַלטע.

— ער וועט זיך קיינמאָל קיין שאדען נישט טהאָן, זייט רוהיג — האָט זי געזאָגט שטאָלץ.

— איהר האָט א מעסערעל ? — האָט יעקב געפרעגט. אין זיין קול האָט דעראָנדראַ דערקענט א שטימע פון אן אַלטען, דורכ־געטריבענעם הענדלער...

— יאָ, ווילסט עס זעהן ? — האָט דעראָנדראַ איהם געוויזען זיין פען־מעסערעל.

דער קליינער יעקב האָט עס גיך א כאַפּ געטהאָן פון זיין האנד, אָבגערוקט זיך אַביסעל, פערגליכען מיט זיינס און שטארק בעטראַכט. די קונים זיינען דערווייל אַוועק און דאָס גאַנץ הויז געזינד איז זיך צוזאַמענגעקומען ארום זיי און נחת געקליבען פון יעקב'ן, און דאָס קלענערע שוועסטעריל האָט איהם אויך געהאָלפען בעקוקען.

— מיינס איז בעסער — האָט יעקב געזאָגט און אומגעקעהרט דעראָנדראַ'ן זיין מעסערעל און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט געטראַכט, צי ער זאָל זיך בייטען מיט איהם און ער האָט צום סוף איינגעזעהן, אז עס לוינט איהם נישט.

עזרא מיט'ן וויב האָבען געלאַכט אויפ'ן קול און עזרא האָט געזאָגט צו דעראָנדראַ'ן מיט שטאָלץ :

— ווי דען, איהר האָט געוואָלט, אז מיין זוהן זאָל זיך אויס־קלייבען דאָס ערגערע ?...

— האָט איהר נישט מעהר קיין אייניקלעך ? — האָט דע־ראָנדראַ געפרעגט ביי דער עלטערער פרוי, וואָס איז געשטאַנען און געשמייכעלט.

— ניין, ער איז מיין איינציגער זוהן — האָט זי געענטפערט אין א פריינדליכען טאָן. ער האָט געמאַכט אויף איהר א גאַנץ גוטען איינדרוק און ער האָט זי ווייטער געפרעגט :

— און קיין טאָכטער האָט איהר ניט ?

אין דער מינוט האָט זיך איהר פּנים איינגאַנצען געביטען. דאָס מויל האָט זיך איהר פעסט פערמאַכט, זי האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן טיש. זי האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן רוקען צו דעראָנדראַ'ן און גענומען בעטראַכטען א פּאָר איינ־

דיאַנישע טיכלעך, וואָס האָבען געהאַנגען אין ווינקעל. עזרא האָט א וואונק געטהאָן צו דעראָנדאַ'ן, ארויפגעלעגט א פינגער אויפ'ן מויל און שנעל א זאָג געטהאָן:

— איך דענק, אַז איהר זיינט פון די הויכע ספערען אין לאָנ־דאָן, אויב איך האָב נישט קיין טעות?

— ניין, איך האָב קיין שיכות נישט מיט די הויכע ספערען — האָט דעראָנדאַ געענטפערט אונצופריעדען.

— נאַ, איך האָב נישט געטראָפען. איך האָב געמיינט, אַז איהר זיינט אַן אייגענטהימער פון א גרויסע פירמע — האָט עזרא ווייטער גערעדט און געוואָלט פעררעכטען דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין רייד. — איהר פערשטעהט דאָך אָבער זעהר גוט אויף זילבער ארבייט.

— אַביסעל, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט און גענומען די בראַס־ליעטען און באַלד זיי צוריק אוועקגעלייגט און עס איז ביי איהם געבוירען געוואָרען א פּלאַן וועגען וועלכען ער האָט פריהער נישט געטראַכט אפילו און ער האָט געזאָגט:

— זאָגען אייך דעם אמת, איך בין נישט געקומען קויפען, נאָר לייהען געלד. איך ווייס, אַז איהר לייהט געלד.

— ריכטיג, איך טהו דאָס און איך קען מיט שטאָלץ זאָגען' אַז א סך גרויסע לייט האָבען ביי מיר שוין געליהען. איך וואָלט זיך אויך מיט קיינעם אין דער וועלט נישט געביטען אויף מיין געשעפט. עס איז נישטאָ קיין מעהר בכבודיגע, מעהר בערעכטיג־טע און נויטיגע זאַך אויף דער וועלט, ווי לייהען געלד. אַלע דאַרפען לייהען: אָרים און רייך, די רייכסטע דאַמע און די אָרימסטע פרוי, וואָס דאַרף קויפען א שטיקעל ברויט און אַזעלכע מענשען ווי איהר, וואָס דאַרפען געלד אויף פערשיעדענע פערגעניגענס. איך ליעב מיין געשעפט, מיין גאַס און מיין קרעמעל. איך וועל קיינמאָל זיך נישט ארויסקלייבען פון דאַנען, איך וואָלט מיין געשעפט נישט אויפגעגעבען, אפילו ווען מען וואָלט מיך געוואָלט מאַכען פאַר מיניסטער. עס פערבינדט מיך מיט דער וועלט. נו. וואָס קען איך טהאָן פאַר אייך?

אויב די פרייד פון א מענשען און זיין צופריעדענהייט איז א סימן, אַז איהם איז זעהר גוט און עס פעהלט איהם גאָר ניט, איז

שלמה המלך מיט זיין גאַנץ רייכקייט און חכמה געווען אַן אונגליק־ליכער מענש, אנטקעגען דעם גליקליכען און צופריעדענעם עזרא. עזרא האָט אויך געהערט צו דעם מין מענשען, וואָס אַז עס איז זיי גוט, בעהאַלטען זיי זיך נישט דערמיט פון עמיצען, נאָר זיי טהיילען זיך מיט זייער נחת מיט יעדען איינעם און זאָל יענער אויך הנאה האָבען. ער האָט גערעדט גיך און פאַר פרייד אַ כאַפּ געטהאָן זיין קליין קינד און זיך געלאָזען פון איהם אויסדראַפּען דאָס גאַנצע פּנים.

דעראָנדא האָט דערוויל, ווי דער שטייגער פון די גוים, וואָס ווילען האָבען, אַז אַ איד זאָל זיין אַנדערש פון אַלע און זאָל נישט מהאָרען זיך פרעהען מיט זייער האָב און גוטס, — אָבגעמאַכט ביי זיך, אַז עזרא איז נישט מעהר ווי אַ געלד גייציגער קרעמער, וואָס אויסער זיין געלד ליגט איהם קיין זאַך נישט אין זינן און אַז ער איז גאָרנישט עהנליך צו די אידען פון תנ"ך. ער איז גאָר נישט עהנליך צו זיי און עס איז קיין שום חלוק נישט צווישען איהם און דעם ענגלענדער, וואָס פערקויפט אויבס אין גאָס און איז צופריע־דען מיט זיין סחורה און ריהמט זי פאַר אַלע... דאָך האָט דאָס איהם נישט אָפּגעהאַלטען פון אויסצופיהרען זיין פּלאַן און ער האָט געזאָגט וויטער:

— איך וועל אייך געבען פאַר אַ משכן אַ טהייערען דיאַמאַנט־רינג. איך האָב איהם גראָד נישט מיט זיך איצט, ווייל איך טראָג נישט קיין רינגען. איך וועל אָבער נאָכאַמאָל קומען היינט אין אָבענד און מיטברענגען. אַ פופציג פונט וואָלט איך גענדאַרפט נאָך היינט.

— יאָ, היינט אָבענד איז אָבער שבת, מיין הערר, און איך געה אין שוהל — האָט עזרא געזאָגט, — די קראָם וועט זיין גע־שלאָסען, נאָר לייהען געלד איז דאָך אַ מצוה, מעג מען עס טהאָן אפילו אום שבת. ברענגט דעם רינג וועלען מיר שוין זעהן. איהר זיינט אודאי פון וועסטענד, אַ שטיק וועג פון דאַנען.

— יאָ, איך בין טאַקע פון וועסטענד, — האָט דעראָנדא צו־געגעבען, — איך דאַרף טאַקי פאָהרען אַ שטיק וועג און היינט ווערט דאָך פריה נאַכט. איך וועל קענען זיין דאָ אַרום פינף אַ זייגער, איז גוט?

דעראָנדאַ האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט קומען צו זיי שבת, וועט ער זיי בעסער דערקענען און אפשר קענען עפּעס טאַקי זיך דערוויסען, וואָס ער איז אַזוי נייגעריג.

עזרא איז בעשטאַנען. דער קלוגער יעקב איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט ווי אַ גרויסער און צום סוף געזאָגט:

— קומט איהר הייסט דאָס היינט נאָכאַמאָל? האָט איהר נאָך עפּעס מעסערלעך אין דער היים?

— איך דענק, אַז איך האָב נאָך איינעם, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— האָט עס צוויי קלינגלעך, אַ גרייצער און אַ ווייסע שטיל ווי מיינס? — האָט יעקב געפרעגט.

— מיך שיינט אַז יאָ.

— נו, געפעלט אייך עפּעס דער גרייצער פון מיין מעסערעל?

— האָט יעקב זיך שטאַרק פעראינטערעסירט.

— יא, עס געפעהלט מיר זעהר.

— טאָ ברענגט מיר אייערן און מיר וועלען זיך בייטען.

ער איז באַלד אוועקגעשפּרונגען און אָנגעהויבען טאַנצען אי־בער'ן שטוב מיט'ן געדאַנק, אַז ער וועט זיך דאָ נישט אָבנאַרען...

די אַלטע האָט זיך דערווייל בערוהיגט און אַלע האָבען צוגע־קוקט ווי דעראָנדאַ האָט גענומען דאָס קליינע מיידעלע, וואָס ער האָט כמעט נישט געהאַט בעמערקט ביז איצט, זי אַוועקגעזעצט אויפ'ן קראָם־טיש און זי געפרעגט ווי זי הייסט.

די קליינע האָט צוגעלעגט די פינגערלעך צו איהרע אוירינג־לעך און געשוויגען און איהר מאַמע האָט געזאָגט מיט שטאָלץ:

— אדעלידע רבקה, הייסט זי. רעד צו דעם הערר, מיין טהייערע.

— איך... האָבען... אַ, אבעס... קיידעל"... — האָט אדעלידע רבקה געשטאַמעלט.

— זי מיינט איהר שבת קליידעל — האָט דער פאָטער איהם פערטייטשט. זי וועט האָבען היינט, זאָגט זי, אַ שבת קליידעל.

— וועסט מיך לאָזען אָנקוקען דיין שבת קליידעל? — האָט דעראָנדאַ אין אַ ליעבען טאָן זי געפרעגט.

— זאָג, קינד מיינס, זאָג: יא, אויב איהר ווילט — האָט די

יונגע מוטער זי געלערענט, צופריעדען פון דעם פרעמדען יונגען מאַן, וואָס געהט אַזוי גוט אום מיט קינדער.

— און וועסט מיר היינט אַבענד געבען אַ קוש? — האָט דעראַנדאַ זי ווייטער געפרעגט, האַלטענדיג זי אַרומגענומען.

אַדעלידע רבקה, וואָס איהר לאַנגער שווערער נאָמען האָט זיך פונקט געפּאַסט צו איהר לאַנגער קרינאָלינעלע און לאַנגע האָר האָט געעפענט דאָס מיילעכעל, אויסגעשטרעקט די ליפּעלעך און שוין גרייט געווען איהם אַ קוש צו טהאָן.

עזרא איז ארויסגעגאַנגען פאַר פרייד, וואָס ער קען באַווייזען דעם פרעמדען, אַז אַ חוץ וואָס ער איז אַ בעל פּרנסה האָט ער נאָך אַזעלכע געראָטענע קינדער און ער האָט געזאָגט:

— איהר זעהט עס איז שוין דאָ אימיצער, וואָס וועט זיך פיהלען ענטוישט, אויב איהר וועט היינט אַבענד נישט קומען. עס זאָל אייך גאָרנישט אַרען טאָמער וועט איהר קומען און איך וועל נישט זיין נאָך, איהר וועט דערווייל זיצען מיט מיין הויזגעזינד. איך וועל שוין זעהן צו טהאָן פאַר אייך אַלץ וואָס איך וועל נאָר קענען; ברענגט נאָר מיט דאָס רינגעל, וועט מען שוין זעהן.

דעראַנדאַ האָט דערפיהלט, אַז ער איז אַלעמען געפעלען געוואָרען אין דעם הויז און עס וועט איהם נישט שווער זיין צו רעדען מיט זיי און פונאַנדער שמועסען זיך און וועט אפשר אַ סך קענען געוואָהר ווערען.

דאָס איז איהם אָבער זעהר שווער אָנגעקומען צו טראַכטען אפילו דערפון. זיינען זיי טאַקי מיראַ'ס קרובים? וועט זי קענען זיין מיט זיי? וואָס האָט אַזאַ מיידעל ווי מיראַ צו טהאָן מיט אַזאַ בעריהמער און פּלאַפּלער ווי עזראַ? און וואָס געהער איהר אָן אַ מאמע, וואָס ווייס נישט מעהר ווי צו האַנדלען און וואַנדלען?

דעראַנדאַ האָט אויפגעציטערט' ווען ער האָט אויף אַ מינוט אַ טראַכט געטהאָן, וואָס מיראַ וועט זאָגען, אַז זי וועט די אַלטע פרוי דערזעהן און עס איז נאָך מעגליך, אַז זי וועט זיך צו זיי אַריינקלייבען און וואָהנען מיט זיי צוזאַמען. ער האָט זיך אָבער געפּרואווט בערוהיגען, אַז ער האָט איינגאַנצען אַ טעות, זיי קעהרען זיך גאָרנישט אָן מיט מיראַ'ן. קנאַפּע עזרא קאָהנ'ס זיינען פאַראַן אין דער אידישער גאַס?

און ווי וועט אָבער זיין, אז זיי זיינען דאָס טאַקי יאָ? זאָל ער איהר נישט אויסזאָגען און זי נישט מאַכען אונגליקליך, אָדער ער זאָל זיך נישט רעכענען וואָס שפּעטער וועט זיין און דערווייל איהר אַלץ אויזאָגען?

די געדאַנקען האָבען דעראָנדאַ'ן שטאַרק געפּייניגט און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

---

## 21טער קאַפּיטעל.

אז דעראָנדאַ איז געקומען אַרום פינף אַ זייגער צו עזרא'ן איז די קראָם שוין געווען פערמאַכט און אַ קריסטליכע דיענסט האָט איהם געעפענט די טהיר.

ווען ער איז אריין אין שטוב, וואָס איז געווען נעבען קראָם, איז ער געבליבען שטעהן איבעררראַשט פון דער שעהנקייט פון הויז. די הייליגקייט פון שבת האָט גערוהט אין יעדען ווינקעל. אַ גרויסער טיש איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, מיט אַ ריין, ווייס טישטוך בעדעקט. אַ זילבערנער הענגלייכטער מיט זיבען גרויסע ליכט אין מיטען באַלקען האָט פערשפּרייט אַזוי פיעל וואַרימקייט און ליכטיגקייט. אַלץ האָט געשיינט און געלויכטען. און נאָך מעהר געלויכטען און געשיינט האָבען די געזיכטער אין הויז. די אַלטע איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ העל זיידען קלייד און אַ גרויסע גאָלדענע קייט אויפ'ן האַלז. נעבען איהר איז געזעסען עזרא'ס יונגע פרוי אין אַ טונקעל אַטלאַס קלייד, און אַ רויטע, זיידענע בלוזע און אַ שנור פּעריל אַרום איהר שעהנעם, יונגען האַלז עטליכע מאָל אַרומגעלעגט. נישט ווייט פון זיי איז דאָס קינד געלעגען אין וויגעל אונטער אַ באָרדאַ פּלושענע קאָלדרע, עדעלידע רבקה, אין אַ טהייער געשטיקט קליידעל, און יעקב אלעקסאַנדער אין אַ שוואַרץ רעקיל און באָרדאָ זאָקען. דאָס ליכטיגקייט האָט זיך געשפּיגעלט אין די אַלערליי קאָלירען און געגאָסען אַרום אַ פּיעל פּאַרביגען ליעבען שיין, ווי די קאָלירען פון אַ רעגען־בויגען.

ווען די פיער פּאָר שוואַרצע אויגען האָבען אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט צופריעדענהייט און נאָהענטקייט, האָט ער זיך פּער־

שעהמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער האָט ביי טאָג געהאַט וועגען זיי אַזאַ שלעכטע מיינונג.

שפּעטער און בעסער האָט איהם נאָך קיינער נישט בעגריסט אין זיין לעבען, ווי דאָס האָט געטהאָן איצט די צופריעדענע, גליקליכע, אידישע פאַמיליע. ער האָט געקוקט אויף זיי און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט געזעהן פאַר זיך די מלכה פון לאַנד מיט איהר טאָכטער, די יונגע פּרינצעסין. ער האָט געקוקט ווייטער און דערזעהן, אַז דאָס גאַנצע מעבעל אין הויז איז שעהן און מיט גרויס געשמאַק אויסגעשטעלט. די חלות אויפ'ן טיש האָבען אַראָפּגעשמעקט, אַ פלאַש וויין מיט אַ גרויסען זילבערנעם בעכער איז געשטאַנען דערנעבען און אַ גראָבער סדור.

דער קליינער יעקב האָט געהאַלטען אין איין קוקען אויף איהם. דעראָנדאָ האָט פערשטאַנען, אַז דער אינגעל איז דאָס אונגעדולדיג, ער וויל זעהן דאָס מעסערעל, וואָס ער האָט פערשפּראָכען איהם צו ברענגען און דעראָנדאָ האָט טאַקי נישט פאַרגעסען. אויפ'ן וועג אַהער האָט ער געקויפט אַ מעסערעל מיט אַ ווייס הענטעל און אַ האַק הוק. ער האָט עס איהם דערלאַנגט און געפרעגט:

— אָט אַזאַ האָסטו געוואָלט, אַ־יאָ, יעקב?

יעקב האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בעקוקט דאָס מעסערעל פון אַלע זייטען, ער האָט געעפענט די קלינגלעך, דעם האָק און דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין אייגען מעסערעל, פערגליכען איינס מיט'ן אַנדערן, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה צו דער בייט לוינט זיך איהם.

— פאַרוואָס געפעלט דיר בעסער אַ מעסערעל מיט אַ האַק ווי אַ מעסערעל מיט אַ גרייצער? — האָט דעראָנדאָ געפרעגט.

— אַ האָק איז בעסער — האָט יעקב געענטפערט. — אַ גרייצער איז נאָר גוט צו אַ פּראָפּען און אַ האָק געהט אריין אין יעדע זאַך. פאַר אייך איז בעסער מיט אַ גרייצער, איהר וועט קענען עפענען פלעשער דערמיט.

— ביזטו צופריעדען זיך בייטען? — האָט דעראָנדאָ געפרעגט און געזעהן ווי די אַלטע הערט זיך צו צו זיי.

— וואָס נאָך האָט איהר אין קעשענע? — האָט יעקב מיט אַן ערנסטען טאָן געפרעגט.

— שאַ, שטיל, יעקעלע! — האָט די אַלטע זיך געבעטען בײַ איהם און דעראָנדאַ האָט איהם געזאָגט:

— איך דענק, אַז דאָס דאַרף איך דיר נישט דערצעהלען. מיר האָבען דאָך נאָר גערעדט וועגען די מעסערלעך.

יעקב האָט איהם אַ ווײַלע בעטראַכט און געזאָגט:

— גוט, איך בעשטעה.

ער האָט געגעבען דעראָנדאַ'ן זײַן מעסערל און דעראָנדאַ האָט ער אַרײַנגעלעגט צו זיך אין קעשענע.

מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אין צווייטען צימער און באַלד איז ער צוריק געקומען מיט'ן פאָטער. עזרא איז דאָס גע־קומען פון שוהל.

עזרא איז געגאַנגען אין שעהנע שבת'דיגע קליידער און אַז ער איז אַרײַן, האָט ער דעם הוט ניט אויסגעטהאָן, אויף דעראָנדאַ'ן זיך נישט אומגעקוקט, געזאָגט אַ פרעהליכען גוט שבת. יעקב און רבקה זײַנען איהם אנטקעגען געלאָפען און איהם אַרומגעכאַפּט, ער האָט אַרויפגעלעגט די הענט אויף זייערע קעפּעלעך און זיי גע־נומען בענשען. עזרא'ס ווייב האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון וויגעל און אונטערגעשטעלט זײַן קעפּעל אונטער עזרא'ס אויסגע־שפּרייטע הענד. דעראָנדאַ האָט דערפיהלט אַז דאָס איז נישט דער זעלבער עזרא קאָהן, וואָס איז בײַ טאָג ערשט אַזוי צופריעדען גע־ווען פון זײַן קראָם. ניין, דאָס איז אַ הייליגער.

באַלד האָט עזרא אויסגעטהאָן זײַן הוט, זיך אָנגעטהאָן אַ קאַ־פּעלע און געווענדעט זיך צו דעראָנדאַ'ן:

—איך דענק, אַז מײַן פאַמיליע האָט אײַך גוט אויפגענומען. איהר זײַט געווען פּינקטליך, פיין, לאָזט אַ קוק טהאָן, איהר האָט דעם רינג?

דעראָנדאַ האָט אַרונטער גענומען אַ רינג פון פינגער און גע־זאָגט:

— דאָס איז דער רינג. עס האָט געקאָסט הונדערט פונט. איך דענק, אַז דאָס איז אַ גוטער משכון אויף פופציג פונט. איך וועל אײַך אומקעהרען דעם חוב אין אַן ערך אַ חודש צײַט.

עזרא'ס לייכטענדער פּנים איז אויף אַ מינוט טונקעל געוואָ־רען. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, זעהענדיג אַז דעראָנדאַ פער־

שטעהט נישט, דאָס ער וויל גאָר נישט אַזוי שטאַרק, ער זאָל איהם אָבגעבען דעם חוב.

ער האָט בעטראַכט דעם רינג, האָט עס איהם צוריק געגעבען און געזאָגט:

— גוט, גוט, מיר וועלען רעדען נאָכ'ן עסען. איך האָף, אַז איהר וועט מיט אונז מיטהאַלטען. איך און מיין ליעבע פרוי און די מאַמע וועלען זיין זעהר צופריעדען, ווילט איהר?

דיביידע פרויען האָבען אויך שטאַרק אַנגעהאַלטען, אַז ער זאָל מיטעסען און דעראָנדאָ האָט עס אָנגענומען מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט. אַלע האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אַרום דעם טיש און עזרא האָט אַ רוף געטהאָן:

— מרדכי!

דעראָנדאָ האָט נישט פערשטאַנען, וואָס „מרדכי“ האָט דאָ צו טהאָן. איז דאָס אַ טהייל פון די אידישע מנהגים צו דערמאָנען דעם נאָמען „מרדכי“ פון דער מגלה אַלע שבת? ער האָט אָבער דערהערט אַ קול ענטפערט פון צווייטען צימער:

— שוין, איך געה.

איצט האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין מנהג צו דערמאָנען דעם נאָמען מרדכי שבת פאַר'ן עסען, נאָר אַז דער בעל הבית רופט איינעם מיט'ן נאָמען מרדכי צום טיש.

און ווי איבערראַשט איז דעראָנדאָ געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהן אַריינקומען דעם זעלבען איד, וואָס ער האָט געטראָפען ביי טאָג אין בוכהאַנדלונג.

מרדכי האָט איהם אויך דערקענט. אַ ווייל'ע האָבען זיי זיך ביידע אָנגעקוקט, זיי האָבען אָבער גאָרנישט גערעדט. מרדכי האָט לייכט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ צו דעראָנדאָ'ן, האָט איהם בעגריסט און זיך אַוועקגעשטעלט נעבען טיש און נישט געקוקט מעהר אויף איהם, ווי ער וואָלט עפּעס געווען נעהאַט אַ בייז האַרץ אויף איהם נאָך פון בייטאָג.

עזרא האָט קדוש געמאַכט. אַלע האָבען פערזוכט פון וויין, דערנאָך האָט ער זיך געוואַשען און געמאַכט „המוציא“, איינגעטונקט די חלה אין זאַלץ און געגעסען. ער האָט אַלעמען געגעבען „המוציא'ס“

חלה, אפילו צו די קליינע רבקה, וואָס איז געשטאַנען אויף א שטוהל און געמאַכט חנ'דעלעך מיט איהר שעהנעם אידישען נעזעל.

מען האָט געגעסען פיש, פלייש און זופּ. דעראָנדא האָט געגעסען גלייך מיט אַלעמען. עס איז איהם אָבער נישט איינגעגאַנגען. אין קאָפּ האָט איהם אַלץ געהאַמערט א געדאַנק, ווי אַזוי רעדט מען זיך מיט זיי צוזאַמען און געוואָהר ווערען וואָס דאָ איז?

אויך צוליעב מרדכי'ן איז איהם דאָס עסען נישט איינגעגאַנגען. אַלע מינוט האָט מרדכי א קוק געטהאָן אויף איהם און דורכגענומען מיט זיינע ברענענדע אויגען.

מרדכי איז נישט געגאַנגען אויסגעפּוצט שבת'דיג. ער איז נישט געווען אָנגעטהאָן אין זעלבען אַלטען מלבוש וואָס ביי טאָג, נאָר אין א ווייסען כאַלאַט, וואָס האָט נאָך שווארצער געמאַכט זיינע שטאַרק שווארצע האָר און ברענענדען געזיכט.

דעראָנדא האָט געקוקט אויף איהם און עס איז איהם איינגעפאַלען, אַז אַזוי האָט אודאי אויסגעזעהן דער נביא יחזקאל, ווען ער האָט געזאָגט מוסר צו די אידען.

דעראָנדא האָט בעמערקט, אַז זיי גיבען איהם די דינע עקלעך פון פיש און אין אַלגעמיין האָט ער דערקענט, אַז זיי בעהאַנדלען איהם, ווי אַן אָרימען אורח, א ווייטען קרוב און דאָס האָט איהם שטאַרק וועה געטהאָן.

עזרא האָט געפיהרט דעם שמועס ביים טיש גאַנץ לעבעדיג, געלויבט די קעניגין מיט איהר פאַמיליע און ווי דער שטייגער פון די אידען, וואָס האָבען ליעב צו זיין געטריי צו זייער לאַנד, האָט ער גערעדט מיט שטאָלץ וועגען דער רעגירונג. זיי האָבען גערעדט וועגען אַנדערע לענדער. עזרא'ס מאַמע און די יונגע פרוי האָבען מיטגעשמועסט, און דעראָנדא האָט בעמערקט, ווי די יונגע פרוי וויים אַזוי גוט אויסצורעכענען אַלע יום טובים, וואָס זיינען אין דער קעניגינ'ס הויף. די אַלטע האָט דערצעהלט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן דער פּאַראַד, ווען דער פראַנצויזישער קעניג איז געקומען נאָך לאָנדאָן, מיט צעהן יאָהר צוריק, און אַז זי האָט איהם געזעהן מיט איהרע אייגענע אויגען.

— איך דענק, אַז איהר ווייסט דאָס אַלץ בעסער פאַר אונז,

— האָט עזרא געזאָגט צו דעראַנדאַ׳ן און דערוויייל אַלץ ווייטער דערצעהלט, און די מוטער און דאָס ווייב האָבען איהם צוגעהאָלפען.

— אונזער קליין מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבען יעווע־געניע, — האָט די יונגע פרוי געזאָגט, — נאָך דער פראַנצויזישער קייזערין.

— עס איז אַזוי מאָדנע, — האָט די אַלטע געזאָגט, — דער קייזער איז אַזוי עהנליך צו מיינם אַ שוועסטערקינד. אין דער ערשטער מינוט האָב איך גלייך דערזעהן די עהנליכקייט.

— איך און די מאַמע זיינען געגאַנגען אין „קריסטאַל פּאַלאַץ" צו זעהן דעם קייזער — האָט עזרא געזאָגט, — און איך האָב געהאַט אַ שעהן שטיקעל ארבייט אכטונג צו געבען אויף דער מאַמע. זי וואָלט צוקוועטשט געוואָרען, זי איז שוין דעמאָלט אַזוי דיק געווען ווי היינט. איך האָב זיך פערשוואָרען, אַז ווען איך וועל אפילו האָבען הונדערט מאַמעס, נעהם איך זיי שוין קיינמאָל נישט מיט אין „קריסטאַל פּאַלאַץ". נאָך דערצו, אַז איך האָב נאָר איין איינציגע מאַמע... — ער האָט איהר אַ ליעבען גלעט געטהאָן אויף די פּליי־צעס, פּאַר גרוים הנאה פונ׳ם וויץ, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט.

— איך דענק, אַז אייער מאַמע מוז שוין לאַנג זיין אַן אלמנה

— האָט דעראַנדאַ אויסגענוצט די געלעגענהייט, — דערפּאַר מוזט איהר זיך אַזוי זאָרגען פאַר איהר.

— אָה, עס איז שוין אַ היבשע צייט, וואָס איך מוז זיך זאָרגען פאַר איהר און פאַר מיר — האָט עזרא גיך געענטפערט. — איך האָב דאָס גאַנץ פריה אָנגעהויבען און דאָס האָט מיך אַזוי אויסגע־ארבייט, ווי אַ שוואַרץ מעסער.

— וואָס, טאַטע, מאַכט ווי אַ שאַרף מעסער? — האָט יעקב אַ פרעג געטהאָן, האָבענדיג אַ פולען מויל מיט חלה.

עזרא האָט אַ וואונק געטהאָן צו דעראַנדאַ׳ן און געענטפערט יעקב׳ן:

— אַז מען לייגט אַוועק די נאָז אויפ׳ן שלייפשטיין.

יעקב איז אַרונטער פון זיין שטוהל, מיטגענומען די חלה און צוגעגאַנגען צו מרדכי׳ן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען שטיל און געפרעגט:

— וואָס מיינט דאָס אַוועקלעגען די נאָז אויפ׳ן שלייפשטיין?

— דאָס מיינט, אז מען זאָל איבערטראָגען די גרעסטע צרות און יסורים און שווייגען... — האָט מרדכי געענטפערט און געקוקט מיט ליעבשאַפט אויפ'ן אינגעל. יעקב האָט איהם אריינגעשטעקט די חלה אין מויל, ער זאָל אָבבייסען אַ שטיקעל און געזאָגט:
— איך וועל אייך קיין צרות נישט פערשאַפען... — ער האָט געקוקט אויף די חלה און געוואָלט זעהן וויפיעל מרדכי וועט אָבבייסען. מרדכי האָט אָבגעביסען אַ קליין שטיקעל, צוליעב צו טהאָן איהם, און געשמייכעלט אוןביידע האָבען זיך אָנגעקוקט מיט אזוי פיעל ליעבע און טריישאַפט. דעראָנדאָ איז אָבער געווען אונצופריעדען, וואָס זיין פראגע וועגען דער מוטער האָט איהם גאָרנישט געהאָלפען און ער ווייס נאָך קיין זאַך נישט.
— איך האַלט, אז דאָס איז דער ריכטיגער וועג ווי צו לערנען אַ קינד, — האָט דעראָנדאָ געזאָגט צו מרדכי'ן, דענקענדיג, אז ער וועט אפשר פון איהם עפּעס געוואָהר ווערען. — איהר מוזט האָבען אַ סך געלערנט?
— איך האָב אַ סך געלערנט, — האָט מרדכי רוהיג געענטפערט, — און איהר? איהר קענט געווים דייטש, דאריבער האָט איהר היינט געקויפט דאָס דייטשע בוך.
— יא, איך האָב געלערנט אין דייטשלאַנד, — האָט דעראָנדאָ געזאָגט, — בעשעפטיגט איהר זיך נאָר מיט ביכער האַנדעל?
— ניין, איך געה נאָר יעדען טאָג אין הערר ראַם'ס קראָם און היט זי ביז ער קומט צוריק פון מיטאָג, — האָט מרדכי געענטפערט און עס איז קענטיג געווען, אז דעראָנדאָ אינטערעסירט איהם ווידער זעהר שטאַרק און ער געפעלט איהם. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען און זיך אָנגערופען ווידער:
— איהר קענט אפשר העברעאיש?
— איך קען, ליידער קיין וואָרט נישט.
מרדכי'ס צופריעדענהייט איז פערשוואונדען. ער האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען און בעקוקט זיינע הענד און קיין וואָרט מעהר נישט אויסגערעדט. דעראָנדאָ האָט בעמערקט, אז מרדכי אָטהעמט זעהר שווער און פערשטאַנען, אז ער איז קראַנק אויף אויסצעהרונג.
— איך האָב געהאַט אנדערע זאַכען צו טהאָן ווי צו לערנען

— האָט עזרא געזאָגט. — איך האָב געמוזט אַרבייטען צו פערשטעהן זיך אויף נוצליכע זאַכען, איך פערשטעה זיך גוט אויף דימאַנטען. איך שאַץ אָפּ פּינקטליך יעדען דימאַנט, וויפיעל ער איז ווערט, און אויך אייער רינג וועל איך שאַצען ווי איך פערשטעה, — און רעדענדיג גאַנץ שטיל האָט ער איהם אַ פרעג געטהאָן:

— וויפיעל ווילט איהר אויפ'ן רינג?

— פופציג אָדער זעכציג פונט — האָט דעראַנדאַ געזאָגט גלייכגילטיג.

עזרא האָט געשוויגען אַ מינוט, אַריינגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס, אַנגעשטעלט אַ פּאָר פייערדיגע אויגען אויף דעראַנדאַ'ן און דערנאָך אַ זאָג געטהאָן:

— איך קען נישט. איך וואָלט עס גערן געטהאָן. איך קען אָבער נישט. פערציג פונט, נישט מעהר, נאָר פערציג.

דעראַנדאַ האָט געפיהלט ווי מרדכי קוקט אויף איהם די גאַנצע צייט און נעהמט איהם דורך מיט די אויגען און ער האָט געזאָגט צו עזרא'ן:

— גוט. איך וועל אייך אומקעהרען דעם חוב אין אַ מאָנאַט ארום.

— גוט, איך וועל אייך מאָרגען אויסשרייבען אַ רעסיט — האָט עזרא מסכים געווען. באַלד האָבען זיי, עזרא, מרדכי און דער קליינער יעקב גענומען בענטשען הויך אויפ'ן קול' און מרדכי'ס שטימע האָט זיך געהויבען העכער פון אַלע. און ווי מאָדנע פערשיעדען זיינען די צוויי אידען, עזרא און מרדכי, זיינען געווען. איינער איז אַ סוחר, אַ קרעמער, וואָס וויל נאָר רייך ווערען, און דער צווייטער איז אַ געטליכער מענש און זעהט אויס ווי אַ נביא.

מרדכי האָט אָבגעבענטשט, זיך לייכט פערנייגט פאַר דעראַנדאַ'ן, איז צוריק גענאַנגען צו זיך אין צימער און פערמאַכט די טהיר הינטער זיך.

— דער מאַן זעהט אויס אַזוי וואונדערבאַר, — האָט דעראַנדאַ געזאָגט צו עזרא'ן. עזרא האָט אַ ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס, צוגעלעגט אַ פינגער צום שטערען, ווי ער וואָלט געזאָגט, אַז מרדכי'ס קאָפּ איז נישט מיט אַלעמען...

— ער איז אייער'ס אַ קרוב? — האָט דעראַנדאַ ווייטער

געפרעגט. די פראגע האָט זיי אויסגעזעהן אזוי לעבערליך, זיי האָ־
בען זיך איבערגעקוקט פערוואונדערט און עזרא האָט געזאָגט:

— אה, ניין! דאָס טו איך בלויז פאר צדקה. ער האָט אמאָל געארבייט פאר מיר און אז ער איז געוואָרען שוואך, האָב איך איהם אריינגענומען צו זיך. ער איז פאר מיר א גרויסע לאסט, נאָר מיט איהם קומט אָבער די ברכה אין הויז אריין און ער לערענט מיט מיין איינגעל. אויסער דעם פעררירכט ער די זייגערלעך און צירונג.

דעראָנדא האָט זיך קוים איינגעהאלטען פון שמייכלען, הערענ־דיג וואָסערע טובה עזרא טהוט דאָס מיט מרדכי'ן. מרדכי האָט איהם שטארק פעראינטערעסירט און ער האָט גערן געוואָלט וויסען פון איהם וואָס מעהר. עזרא האָט איהם אָבער נישט געלאָזען רע־דען פון איהם און געשמועט וועגען זיין רינג און די גרויסע טובה וואָס ער טהוט איהם, ווען ער לייהט איהם געלד. ער האָט איהם דערלאַנגט די פערציג פונט. דעראָנדא האָט פערשטאַנען, אז עס איז שוין צייט, אז ער זאָל אוועקגעהן. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיי און געוועזן אונצופריעדען, וואָס ער האָט נאָך כמעט גאָרנישט אויסגעפונען וועגען זיי און ער האָט בעשלאָסען, אז ער וועט קומען נאָכאמאָל און זיך מעהר בעקענען מיט מרדכי'ן און פון איהם אפשר זיך דערוויסען. איבערהויפט וועט ער איהם פרעגען, וואָס די אַלטע האָט אזוי אויפגעציטערט, ווען ער האָט זי געפרעגט, אויב זי האָט א טאָכטער?

## 22טער קאַפּיטעל.

סוף דעצעמבער האָט דעראָנדא דערהערט, אז גראנדקאָרט מיט גווענדאָלינ'ען זיינען געקומען צופאָהרען צו זיין פעטער. ער האָט אָבער קיין שום צייכען נישט אָנגעזעהן פון זיי ביז ער איז זיך גע־גאַנגען אָנטהאָן צו געהן צום טיש עסען מיטאָג.

עס איז דאַמאָלט אָנגעפאַלען א סך שנעע און די קינדער האָבען זיך געשפּיעלט מיט'ן שנעע, זיך געוואָרפען מיט באָלס און געמאַכט „מענשען". דעראָנדא האָט זיך געמוזט מיטשפּיעלען מיט די קינדער, ווייל אָהן דעם „קאָזין", ווי זיי האָבען איהם גערופען,

האָבען זיי נישט געוואָלט טהאָן אַ שריט. דעראָנדאַ איז אויך גע־וועזן פערנומען אין הויז און האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אָב־צוגעבען מיט גראַנדקאָרט'ען און גווענדאָלינ'ען און זעהען ווי זיי לעבען צווישען זיך. נאָר נישט ווילענדיג איז איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק צו טראַכטען וואָס פאַר אַן איינדרוק די חתונה האָט גע־מאַכט אויף גווענדאָלינ'ען און אַז געוויס זיינען ענדערונגען פאָר־געקומען דורך דער צייט אין איהר. זי האָט זיך דאָך זעהר פיעל געביטען דורך די צייט פון ליבראַן ביז פלאַפיעלד. געדענקט זי נאָך די געשיכטע מיט'ן בראַסליעט ? געפעהלט איהר טאַקע גראַנד־קאָרט מיט זיין אויסגעלאָשען האַרץ ? האָט זי מיט איהם חתונה געהאַט נאָר דערפאַר ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערען אויסוועג ? די אונגליקליכע איז דאָך פריהער אַנטלאָפען פון איהם, נאָר שפּעטער, אַז זי האָט קיין עצה נישט געהאַט, איז זי בעשטאַנען.

די געדאַנקען האָבען זיך אַריינגעקליבען אין דעראָנדאַ'ס האַרץ אריין און ניט אָבגעלאָזט.

דערווייל איז זי דאָך אָבער געוועזן גראַנדקאָרט'ס פרוי און אַלע זיינען געוועזן פעראינטערעסירט זי צו זעהן. מאַסען געסט זיינען געוועזן פערבעטען ביי סער הוגאָ לכבוד דאָס יונגע פאָר פאָלק. עס איז געוועזן לאָרד פּענטרעט און זיין פרוי; הערר פיצעדעם און פרוי, הערר פען און זיינע טעכטער, ליידי מאַלינדזשערס ברודער רעמאָנד און זיין פרוי, זענקער דער בעריהמטער שטאַאַטסמאַן און הערר וואַנדערנוט, וואָס דער אַלטער מאַלינדזשער האָט זיך מיט איהם בעקענט נאָך אין ליבראַן און אָנגעהאַלטען די פריינדשאַפט ווייטער אין לאָנדאָן.

אַלע געסט האָבען זיך פערזאַמעלט אין גרויסען זאַל איידער דאָס יונגע פאָר איז ערשינען. זיי האָבען דערווייל געשמועסט וועגען פערשיעדענע זאַכען אין דער וועלט. דעראָנדאַ איז געשטאַנען אַביסעל אָן אַ זייט און הערר וואַנדערנוט, וואָס האָט זיך אָנגעזעהן אַ וועלט און עס איז נישט געוועזן אַ זאַך וואָס ער זאָל נישט ווּיסען, האָט ווי זיין טבע אַ סך צו רעדען, האָט דערווייל איינגע'טענה'ט מיט איהם. ער האָט גערעדט וועגען גראַנדקאָרט'ן און גווענדאָ־לינע'ן און ער האָט געזאָגט:

— פאַראַן מענשען, וואָס קענען גוט דאָס לעבען, ווייסען ווי

אזוי צו האנדלען, דאָך, אז עס קומט חתונה צו האָבען, פערלירען זיי דעם קאָפּ און קלייבען זיך נישט אויס דאָס וואָס זיי דארפען. אָט גראנדקאָרט האָט דאָך אזוי פיעל געלעבט. איהר ווייסט דאָך דאָס, מען דארף אייך דאָס ניט דערצעהלען.

— ניין, איך ווייס גאָרנישט, — האָט דעראָנדא גלייכגילטיג געזאָגט, — איך ווייס נישט מעהר, נאָר אז ער איז סער הוגא'ס פּלימעניק.

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טהיר און גראנדקאָרט מיט גווענדאָלינ'ען זיינען אריין. אַלע האָבען אויסגעשטעלט די אויגען אויף זיי.

— מיין גאָט! זי איז דאָך וואונדערבאר! טויזענד מאָל שעהנער ווי פריהער! — האָט וואנדערנוט געזאָגט צו דעראָנדא'ן. און דעראָנדא האָט דאָס אַליין אויך געזעהן. ער האָט אָבער דאָס נישט ארויסגעזאָגט. זי איז געגאנגען אָנגעטהאָן אין א טהייערע ווייס זיידען קלייד און בעהאנגען מיט דימאַנטען אויפ'ן האלז און די אויערען און אין די האָר. און זי האָט געמאכט א גלענצענדען איינדרוק. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאט א קוק צו טהאָן און זי בעגריסען, איז זי שוין געוועזען פערביי געגאנגען און ער האָט קיין געלעגענהייט נישט געהאט זי צו בעגריסען, ביז זיי האָבען זיך געזעצט עסען.

ער האָט זיך געזעצט נישט ווייט פון איהר אויף דער צווייטער זייט פון טיש און לייכט געקענט הערען, וואָס זי רעדט מיט סער הוגא, וועלכער איז גראד געווען גאנץ גוט אויפגעלעגט און זי לעבע־דיג אונטערהאלטען מיט זיינע רייד. אָבער נישט קוקענדיג וואָס דעראָנדא האָט גאנץ אויפמערקזאם געקוקט צו איהר, טראַכטענדיג אז ווען זייערע בליקען וועלען זיך בעגעגענען וועט ער זי בעגריסען, האָט זי איהם אָבער ווי נישט בעמערקט און ער האָט פאר קיין פאל נישט געהאט די געלעגענהייט אפילו א שאָקעל צו טהאָן מיט'ן קאָפּ צו איהר.

נאָר דאָ האָט זיך סער הוגא פּלוצלונג געווענדעט צו איהם, מיינענדיג אז ער האָט שוין געווים גערעדט מיט גווענדאָלינען און געזאָגט:

— דעראָנדא וועט האָבען גרויס נחת, ווען דו וועסט הערען

וואָס מאַדאַם גראַנדקאָרט דערצעהלט וועגען דיין ליעבלינג, הערר קלעזמער.

גווענדאָלען האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען פּאָר אַ מינוט. זי האָט זיי אָבער באַלד צוריק אויפגעהויבען, ווי זי וואָלט געצוואונגען געווען דערצו, געקוקט אויף דעראָנדאַ'ן און ער האָט זי בעגריסט מיט אַ שמייכעל. זי האָט קוים צוריק געשמייכעלט און סער הוגאָ האָט ווייטער גערעדט:

— די אַראָפּאַינטס האָבען שוין מסכים געווען צו דער חתונה פון הערר קלעזמער מיט זייער טאָכטער און קלעזמער פערברענגט דעם יום טוב מיט זיין כלה אין קעטשאָם.

— איך דענק, אַז קלעזמער איז צופריעדען מיט זייער הסכמה נאָר צוליעב זיין כלה, אַ נישט וואָלט איהם נישט שטאַרק געאַרט ווען זיי וואָלטען געווען פון איהם פון דערווייטענס — האָט דעראָנדאַ געזאָגט.

— מיר געפעלט דאָס זעהר, וואָס צווישען אונזעריגע פיהרט מען נאָך אַ ראָמאַן — האָט פרוי פּענטרעט, אַן אַלטע, קלוגע דאַמע זיך אָנגערופען — אונזער יוגענד איז אייגענטליך צו וועלטליך און צו קלוג און געבען זיך נישט אָב מיט קיין ליעבעס.

די אַראָפּאַינטס, ווייזט אויס, זיינען נישט קיין נאַרישע מענשען, וואָס זיי האָבען ענדליך צוגעשטימט דערצו — האָט סער הוגאָ געזאָגט, — צו פערשטויסען אַ קינד, ווייל עס פערליעבט זיך אין דעם, וואָס דו ווילסט נישט, איז פּונקט ווי אַ מענש זאָל זיך אַליין אַן אויג אַרויסנעהמען. אַ קינד איז אַן אויג אין קאָפּ און מען קען עס נישט אַרויסרייסען פון האַרצען.

— עס געפעלט זיי נישט דער שדוך — האָט פרוי פּענטרעט ווי געוואונדערט זיך — וואָס איז? די אַראָפּאַינטס זיינען אַליין נישט קיין גרויסע יחסנים, נישט מעהר ווי אַ דאָקטאָר'ס אַ זוהן איז ער דאָך, און מיר אַלע ווייסען דאָך ווי אַזוי זיי זיינען געקומען צו דעם עשירות.

— אויב דאָ האָט געקענט זיין אַ רייד וועגען נישט געפעלען דער שדוך, האָט דאָס נאָר געקענט זיין פון הערר קלעזמער'ס זייט, אַז איהם זאָל עס נישט געפעלען — האָט דעראָנדאַ זיך אָנגערופען.

— אַ, דו מיינסט, אַז דער הערר קלעזמער איז אַן אונשטערב־

ליבער און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוועהנליכע שטערבליכע,
— האָט סער הוגאָ געזאָגט. — וואָס איז אייער מיינונג? — האָט
ער געפרעגט גווענדאָלענ׳ען.

— איך צווייפעל נישט, אַז הערר קלעזמער האַלט זיך פאַר אַן
אונשטערבליכען, — האָט גווענדאָלען געזאָגט, — איך דענק אָבער,
אַז זיין פרוי וועט האָבען פאַר איהם דעם גרעסטען דרך ארץ און
אָבגעבען די ליוב וואָס ער פאָדערט. זי האָט דאָך ענטדעקט אַ
גוואַלדיגען קאָמפּאָזיטאָר!

— זענט איהר נישט צופריעדען מיט אַ פרוי, וואָס ליובט צו
פיעל איהר מאַן און האָט פאַר איהם גרויס דרך ארץ? — האָט סער
הוגאָ זי געפרעגט אין אַ האַלב וויציגען טאָן.

— אַ, עס אַרט מיך נישט, — האָט זי געזאָגט — אַ פרוי דאַרף
אַמאָל שטאַרק ליובען איהר מאַן, כדי אַנדערע זאָלען טאַקי אַזוי
דענקען וועגען איהם. נאָר אַז הערר קלעזמער שאַצט איבער צופיעל
זיין טאַלאַנט און דאָס ווייב זאָל זאָגען דאַרויף אמן, דאָס איז אַ
היבש ביסעל ווילד.

— ווי איך זעה, האָט איהר נישט שטאַרק ליעב קלעזמער׳ן?

— האָט סער הוגאָ געוואָלט טרעפען.

— פערקעהרט, איך האָב דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר איהם,

— האָט זי געענטפערט, — איך פערזיכער אייך, איך האַלט איהם
פאַר זעהר הויך, ער איז געניאַלער ווי איך קען גאָר פערשטעהן. איך
קען איהם אויך פאַר אַ גוטהאַרציגען מענשען.

זי האָט דאָס געזאָגט גאַנץ ערנסט, ווי ווילענדיג פערניכטען
דאָס בייזע, וואָס זי האָט פון איהם פריהער געטראַכט. זי האָט
אָבער אַלץ געפיהלט, אַז זי האָט נישט קיין גוט הארץ אויף איהם,
טיעף אין איהר נשמה האָט זי געפיהלט, אַז זי קען איהם נישט
גערעכט געבען פאַר דעם, וואָס ער האָט איהר דעמאָלט אַזוי וועה
געטהאָן.

דעראָנדאַ איז געזעסען און געטראַכט וועגען איהר און זי נישט
פערשטאַנען, וואָס מיידט זי איהם אַזוי אויס? ווי זי וואָלט איהם
גאָר נישט דערקענט...

סער הוגאָ האָט דערווייל געביטען די טהעמאַ פון שמועס און
זי געפרעגט צי דאָס צימער איז נישט וואונדערבאַר? עס איז

ווירקליך זעהר שעהן און אַן אַנטיק. עס קומט אַרויס נאָך פון די אַלטע צייטען. מען קען פּלוצלינג דערזעהן די נשמות פון די פערשטאָרבענע מאַנאַכען שטעהן הינטער אונז...

— איך בעט אייך, רעדט נישט אזוי — האָט גווענדאָלען לייכט געציטערט. — עס איז זעהר גוט, אַז דאָ האָבען אַמאָל געלעבט גרויסע לייט און מאַנאַכען. זיי דארפען אָבער וויסען זייער פּלאַץ און נישט קומען צווישען מענשען... איך וואָלט זיך נישט איינגעשטעלט געהן אליין דורך דעם הויז. איך האָב מורא, אַז די פערשטאָרבענע זיינען אין כעס אויף אונז, ווייל מיר האָבען זיך אזוי געביטען...

— אָ, דאָס איז נישט געפעהרליך, — האָט סער הוגאָ זיך געוויצעלט, — צווישען די פערשטאָרבענע זיינען פאַראַן פערשידענע פּאַרטייען. דאָ אודאי אַזעלכע, וואָס האַלטען מיט אונז. אָבער וואָס אַנבעלאַנגט געהן אליין׳ וועט איהר דאָס נישט דאַרפען. איהר וועט קענען געהן זעהן דאָס הויז מיט גראַנדקאָרט׳ען. מיר וועלען אויך איינלאַדען דעראָנדאָ׳ן, וועט ער מיט אונז מיטגעהן. ער קען מעהר דאָס הויז ווי איך אליין. — סער הוגאָ איז געווען זעהר אויפגעלעגט און גערעדט אין אַ גאַנץ הומאָריסטישען טאָן.

גווענדאָלען האָט געכאַפּט דעראָנדאָ׳ס אַ בליק און זי האָט פערשטאַנען, אַז ער מוז האָבען געהערט, וואָס סער הוגאָ האָט ערשט געזאָגט, ווייל ער האָט זיך געגרייט אַוועקצוגעהן. דעראָנדאָ האָט אָבער געקוקט גאָר גלייכגילטיג, ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען געהערט. זי האָט זיך געטראַכט, ווי ביטער דאָס וועט זיין פאַר דעראַנדאָ׳ן, אַז ער וועט אליין געהן זיי ווייזען דאָס הויז, וואָס וואָלט איינענטליך געדאַרפט געהערען צו איהם, נאָר האָבען וועט דאָס זי און גראַנדקאָרט... און טראַכטענדיג אזוי, האָט זי זיך זעהר שלעכט געפיהלט און סער הוגאָ האָט דאָס געווים בעמערקט. זי האָט דאָס אָבער בעהאַלטען פון איהם און אין אַ האַלב לייכטען טאָן געזאָגט:

— איהר ווייסט נישט וויפיעל איך שרעק זיך פאַר דעם הערר דעראָנדאָ.

— פאַרוואָס אזוי ? — האָט סער הוגאָ זיך געוואונדערט, — ווייל איהר האַלט איהם פאַר אַ גרויסען געלעהרטען ?

— ניין, נישט דערפאַר. עס איז אָבער אזוי פון דער ערשטער

מינוט אָן וואָס איך האָב איהם געזעהן אין ליבראַן. ווייל אַזוי ווי ער איז אריין אין שפּיעל־זאַל האָב איך גלייך אָנגעהויבען פערליערען. ער האָט מיר אַן עין הרע געגעבען. ער האָט פיינט שפּיעלען. ער האָט מיר דאָס אַליין געזאָגט. און איצט, וואָס איך טהו עפּעס, שרעק איך זיך ער זאָל נישט געבען קיין עין הרע...

— ווי גאָט איז מיר ליעב, — האָט סער הוגאָ געזאָגט, — איך האָב אַליין אויך מורא פאַר איהם, ווען איך טהו עפּעס וואָס איהם געפעלט נישט. איך דענק אָבער נישט, אַז פרויען זיינען אין אַלגעמיין געגען דעם, אַז ער זאָל קוקען אויף זיי...

דער טאָן פון סער הוגאָ איז געווען וויציג, פּונקט ווי ער פּלעגט דאָס טהאָן גאַנץ אָפט מיט דעראָנדאָ'ן. גווענדאָלען האָט זיך אָבי־סעל אוועקגעדרעהט פון איהם און אין אַ קאַלטען טאָן אַ זאָג גע־טהאָן:

— איך קען נישט פערטראָגען אַזעלכע אויגען, וואָס קוקען נאָר אויף צו קריטיקירען... יאָ, זיינען נאָך פאַראַן אין פּאַלאַץ אַזעל־כע אַנטיקען צימערען?

— נישט קיין סך, — האָט סער הוגאָ געענטפערט, — נאָך דאָ אַ גרויס צימער מיט אַ שעהנע גאַלעריע. שעהן זיינען אָבער די שטאַלען. עס איז דאָך אַ טהייל פון זעהר אַן אַלטען קלויסטער. ווען איך האָב רעמאָנטירט דעם פּאַלאַץ, האָב איך אָבער נישט אַלץ געקענט אויפריכטען, עס איז נישט לויט מיינע כחות. און די פערד האָבען דערווייל אַ געלעגענהייט צו שטעהן אין אַזעלכע טהייערע שטעלער. איהר דאַרפט צוגעהן און זעהן דאָס.

— גוט, איך וועל זיין צופריעדען צו זעהן די פערד פּונקט ווי דעם גאַנצען פּאַלאַץ.

— אָ, מיינע פערד זיינען נישט אַזוי אויסגעצייכענט. גראַנד־קאָרט'ען וועלען זיי אודאי נישט געפעלען, — האָט סער הוגאָ גע־זאָגט. — איך געה מעהר נישט אויף געיעג. אַז איך פאָהר אויפ'ן פערד געה איך מיר טריט ביי טריט, ווי אַן אַלטער מאַן, אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער. דער אמת איז, אַז איך האָב זיך געגרייט זעהר פיעל אויפצוטהאָן אין דעם פּאַלאַץ. צוויי יאָהר צייט זיינען מיר געווען אין פלאַפּיעלד, ביז דער פּאַלאַץ איז געוואָרען רעמאָנ־טירט. יאָ, ווי געפעלט אייך עפּעס פלאַפּיעלד?

— נישט איבריג, — האָט גווענדאָלען גלייכגילטיג געענט־פערט.

— אָ, געוויס נאָך ריילאַנדס האָט עס טאַקי קיין פּנים נישט, — האָט סער הוגאָ צופריעדען געזאָגט. — איך וויים, גראַנדקאָרט האָט גענומען פלאַפּיעלד גאַר צוליעב דאָס געהן אויף געיעג. ער האָט אָבער דאָרט געפונען עפּעס, וואָס איז אַ סך בעסער און טהייערער... איצט מוז איהם זיין פלאַפּיעלד זיין טהייערער ווי די גאַנצע וועלט.

— פאַר מיר האָט דאָס נאָר די ווערט, וואָס עס איז גאַנץ נאָ־הענט פון אַפּענדין, וואו מיין מאַמע איז, — האָט גווענדאָלין גע־ענטפערט מיט אַ לייכטען שמייכעל אויף זיין קאָמפּלימענט.

— אָ, געוויס איך פערשטעה, — האָט סער הוגאָ צוגעגעבען און שוין מעהר נישט גערעדט וועגען דעם.

דעראָנדא האָט קוים אַ וואָרט פערנומען פון׳ם גאַנצען שמועס. ער האָט זיך געהאַט פערקוקט ערגעץ אַנדערש. דאָך האָט ער פער־שטאַנען, אַז איהר גאַנצע אויפפיהרונג איז נאָר אַזוי פון אויסען־ווענינג. אין הארצען פיהלט זי גאַר אַנדערש.

שפּעטער, ווען אַלע זיינען אריין אין גרויסען זאַל, האָט אימי־צער געבעטען דעראָנדא׳ן ער זאָל עפּעס זינגען און ער איז צוגע־קומען צו דער פּיאַנאָ, געשפּיעלט און צוגעזונגען. דערנאָך איז פרוי ריימאָנד צו צו דר פּיאַנאָ און גענומען שפּיעלען. אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, האָט ער געזעהן, אַז גווענדאָלען איז אַוועק פון איהר פּלאַץ און צוגעגאַנגען אין אַ ווינקעל, נאָהענט, ווי זי וואָלט געוועזן בעסער זיך איינהערען אין דעם געזאַנג. זי איז גע־שטאַנען אויסגעדרעהט מיט׳ן רוקען צו אַלעמען און בעטראַכט אַ בראָנזענעם ריטער קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישעל. ער האָט שטאַרק געוואָלט צוגעהן צו איהר און רעדען. פאַרוואָס זאָל ער טאַקי נישט צוגעהן צו איהר? וואָס איז זי אַנדערש פון די אַנדערע דאַמען? ווען איהם וואָלט זיך געגלוסט צוצוגעהן צו איינע פון זיי ריידען, וואָלט ער דאָך זיכער גלייך צוגעגאַנגען. דאָך האָט ער זיך עפּעס צוריקגעהאַלטען אַ ווײַלע און בעטראַכט איהר שעהנעם רוקען נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

באַלד איז ער צוגעגאַנגען צום קליינעם טישעל, זיך אוועקגע־שטעלט ביי דער צווייטער זייט געגענאיבער איהר. נאָר איידער ער

האָט א וואָרט אויסגערעדט, האָט זי א קוק געטהאָן אויף איהם אָהן דעם מינדעסטען שמייכעל אין פול טרויער און שטילען געבעט. זי האָט איצט גאָר אנדערש אויסגעזעהן ווי פריהער זיצענדיג ביים טיש. ער איז דורכגענומען געוואָרען מיט רחמנות צו איהר און נישט געקענט מעהר דאָס מויל עפענען. ער האָט געוואָרט זי זאָל אָנהויבען רעדען, נאָר אז ער האָט געזעהן, אז זי שווייגט און קוקט נאָך אלץ אזוי טרויעריג, האָט ער מיט א קול פול סימפאַטיע און מיט געפיהל זי געפרעגט:

— וועט איהר עפּעס שפּיעלען?

אין דער מינוט האָט זיך איהר געזיכט געביטען. די טרויער איז פערשוואונדען און שעהן, רוהיג און געלאַסען האָט זי גע־ענטפערט:

— איך האָב הנאה, אז איך הער אנדערע שפּיעלען. איך האָב גראד יאָ ליעב מוזיק.

— זייט איהר נישט קיין מוזיקערין? — האָט ער זי ווייטער געפרעגט.

— איך האָב מיך זעהר פיעל אָבגעגעבען מיט מוזיק — האָט זי געענטפערט, — איך האָב אָבער נישט גענוג טאַלאַנט דערצו. איך וועל מעהר קיינמאָל נישט זיין קיין זינגערין.

— יא, ריכטיג, אָבער אז איהר האָט ליעב מוזיק איז עס דאָך ווערט פאַר אייך פערזענליך, פאַר אייער אייגענע הנאה — האָט דעראָנדאָ געזאָגט מיט א שמייכעל. איך אליין בין צופריעדען מיט מיין שטימע, כאָטש איך בין נישט אזא גרויסער זינגער. גענוג פאַר מיר ווי איך קען, אבי איך פערלאַנג נישט, אז מען זאָל מיך האַלטען פאַר א זשעני.

— איך קען דאָך נישט זיין ווי איהר — האָט גווענדאָלען געזאָגט מיט א נישט נאַטירליכע פרעהליכקייט אין קול. — איך האָב פיינט צו זיין א מיטעל מעסיגקייט. מיטעלמעסיגקייט איז נאַריש־קייט, טעמפּקייט. און דאָס ערגסטע, וואָס איך געפין אין דער וועלט איז די נאַרישקייט, דאָס טעמפּקייט. און דאָס איז לאַנג־וויילינג. איהר ווייסט, איך גיב גערעכט די מענשען וואָס געמבלען, נישט קוקענדיג וואָס איהר האָט דאָס פיינט. די מענשען שפּיעלען דערפאַר, ווייל זיי ווילען זיך ראַטעווען פון לאַנגווייליגקייט.

— איך קען דאָס נישט בערעכטיגען, — האָט דעראָנדאַ זיך איינגעשפּאַרט. — איך האַלט, אַז ווען עס איז עמיצען לאַנגווייליג איז ער שולדיג אין דעם און ווייטער קיינער נישט. איהר זעהט דאָך, אַז אַנדערע מענשען געפינען יאָ אַן אינטערעס אין לעבען, און אַ סך מענשען פיהלען זיך נישט לאַנגווייליג.

— אַ, איהר מיינט צו זאָגען, אַז דאָס בייזע, די לאַנגווייליג־קייט, וואָס איך געפין אין דער וועלט, בין איך אַליין גאָר שולדיג אין דעם, — האָט גווענדאָלען געשמייכעלט. — האָט איהר קיינמאָל קיין פעהלער נישט געפונען אין דער וועלט און נישט אין די מענ־שען?

— אַ, יאָ, ווען איך געפין זיך אין אַ מרה־שחורה׳דיגער שטי־מונג געפין איך שוין גאָר אַ סך פעהלערען — האָט דעראָנדאַ צו־געגעבען.

— דעמאָלט האָט איהר פיינט די מענשען, איאָ? זייט זיך מודה, איהר האַסט זיי דעמאָלט ווען זיי שטעהן אייך אין וועג, ווען זייער גליק איז אייער אונגליק. איהר געדענקט דאָס? איהר האָט דאָס אַמאָל אַליין געזאָגט אַזוי — האָט גווענדאָלען איהם גע־פּרעגט.

— גאַנץ אָפט זיינען מיר געצוואונגען צו שטעהן איינער דעם אַנדערען אין וועג און מיר קענען זיך גאָרנישט העלפען דערצו. עס איז אָבער נאַריש פיינט צו האָבען אַלע מענשען דערפאַר — האָט דעראָנדאַ איהר נישט געוואָלט נאָכגעבען.

— ווי איז אָבער, אַז די מענשען טהוען אייך וועה, — האָט גווענדאָלען זעהר פערביטערט געפרעגט, — און זיי קענען דאָס אויס־מיידען, ווען זיי וואָלטען נאָר געוואָלט?

דעראָנדאַ האָט זיך שטאַרק געוואונדערט איבער איהר פער־ביטערקייט און נישט געקענט באַלד ענטפערען פאַר אַ מיטגעפיהל פון צער צו איהר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אין אַ וואַרימען, שטילען טאָן געזאָגט:

— דאַמאָלס בין איך בילכער און איך האָב די דאָזיגע מענשען פיינט.

— נאַ, איצט זענט איהר געזעכט — האָט זי געזאָגט, פּלוצלינג זיך צולאַכט און אוועק צו דער גרופּע געסט ביי דער פּיאַנאָ.

דעראָנדראַ האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט גראַנדקאָרט׳ן צו זעהן אויב ער קוקט נאָך זיין כלה, וואו זי געהט און וואָס זי טהוט. עס איז אָבער כמעט אונמעגליך געווען צו דערקענען אָן גראַנדקאָרט׳ס פּנים, וואָס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך. אז גראַנדקאָרט האָט אימיצען געוואָלט נאָכקוקען, האָט ער עס נישט געטהאָן אזוי, אז מען זאָל עס קענען בעמערקען. ער האָט זיך געקענט אוועקזעצען ערגעץ אין א ווינקעל מיט האַלב פערמאַכטע אויגען, ווי ער וואָלט גדרעמעלט און זעהן אַלץ וואָס עס טהוט זיך אַרום און אַרום.

גראַנדקאָרט איז גראַד געזעסען פאַרטיעפט אין א שמועס מיט הערר וואַנדערנוט און מען האָט געקענט מיינען, אז מען קען טאַנצען און שפּיעלען פאַר זיינע אויגען און ער זאָל גאָר נישט וויסען. דער אמת אָבער איז, אז ער האָט אַלץ געזעהן און געהערט. ער האָט אפילו געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך הינטער זיינע פּלייצעס, קוים האָט ער אויף עמיצען געוואָלט האַלטען אָן אויג. ער האָט געוואוסט וואו גווענדאָלין איז געשטאַנען און געגאַנגען און ווי זי האָט זיך אויפגעפיהרט. איז ער אייפערזיכטיג אויף איהר? דעראָנדראַ׳ן איז איינגעפאַלען, אז עס קען זיין גאַנץ מעגליך. עס איז איהם אָבער נישט איינגעפאַלען, אז ער זאָל זיין די אורזאַך פאַר זיין אייפערזיכטיגקייט.

דעראָנדראַ איז געזעסען אַרום איינס א זייגער ביי נאַכט מיט א העברעאיש לעהר בוך אין האַנד. צוליעב מרדכי׳ן האָט ער זיך גענומען לערנען העברעאיש. ער איז געזעסען און געוואָלט לערנען. דער קאָפּ איז איהם אָבער געווען פערנומען נאָר מיט גראַנדקאָרטען און גווענדאָלענען. זי מוז נישט זיין גליקליך ביי איהם, האָט ער פערשטאַנען פון איהר אויפפיהרונג און זיין הארץ איז געווען פול רחמנות אויף איהר.

צום ערשט האָט זי מורא געהאַט צו קוקען אויף איהם און אז ער האָט זי בעגריסט האָט זי א ציטער געטהאָן. שפּעטער, אז ער האָט גערעדט צו איהר, האָט זי געקוקט מיט אזוי פיעל טרויער און געבעט אויף איהם, ווי זי וואָלט געוואָלט ער זאָל איהר העלפען אין איהר אונגליק.

פאַר קיין איין מינוט האָט ער אפילו נישט געטראַכט, אז דאָס

זאָל זי האָבען געטהאָן אזוי, ווייל זי האָט איהם ליעב. ניין, טאַקי בלויז דערפאַר, ווייל איהר איז שלעכט און זי בעט הילף...

— וואָס טויג מיר אָבער דאָס גאַנצע קלערען און טראַכטען — האָט ער גערעדט צו זיך, אוועקלייגענדיג דאָס העברעאישע בוך און גענומען זיך אויסטהאָן. — איך קען איהר גאָרנישט העלפען, קיינער קען איהר נישט העלפען, אויב זי האָט שוין אויסגעפונען דעם טעות, וואָס זי האָט געמאַכט. און זי אַליין ווייס אודאי אויך נישט מיט וואָס מען קען איהר העלפען. גאָט מיינער! אזא שעהנע פרוי און ליידעט אזוי פיעל. דאַכט זיך זי געהט אַנגעטהאָן גאַנץ שעהן, רייך, מיט בריליאַנטען און דימאַנטען אויף די הענד און די אויערען און די האָר פון קאָפּ, און איז אזוי אונגליקליך. די ליפּען שמייכלען, די אויגען קוקען אזוי שטאָלץ, און ווי גרויס איז דער צער און דער וועהטאָג טיעף אין הארצען. יאָ, האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס ווייס איך אייגענטליך וועגען איהר? אפשר איז זי גאָר אַ מייוועל פון אַ פרוי, וואָס מאַכט נאָר אָן אָנשטעל. ווער ווייס, זי איז גאָר אפשר אַ קאָקעטקע...

און כאָטש דער לעצטער געדאַנק האָט זיך איהם נישט שטאַרק געגלויבט, דאָך האָט דאָס געווירקט אויף איהם אזוי שטאַרק, אַז ער האָט בעשלאָסען זי אויסצומיידען און נישט מעהר טרעפען זיך אויג אויף אויג מיט איהר דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זי וועט דאָ זיין. און דעראָנדא האָט געהאַט אַ טבע צו האַלטען אַ בעשלוס נישט קוקענדיג אויף קיינע שטערונגען, וואָס קענען זיך שטעלען אין וועג.

נאָר אַ מאַן קען גאָר נישט בעשליסען אַנטקעגען אַ פרוי, בעזונדערס נאָך געגען אזאַ פרוי ווי גווענדאָלען.

צו מאָרגענס ביים עסען האָט סער הוגאָ מאַלינדזשער געזאָגט צו גווענדאָלען.

— עס איז אזאַ וואונדערבאַרער טאָג היינט אין דרויסען, זאָלען מיר אפשר געהן בעקוקען די פערד שטאַהלען און די אַלע אַנדערע אַנטיקען דאָ אין פּאַלאַץ?

— גוט, — האָט זי געענטפערט, און קוקענדיג אויף גראַנדקאָרט'ען האָט זי געזאָגט:

— הענליי, ווילסט זעהן די שטאַלען?

— איך וויל זיי זעהר, זעהר זעהן, — האָט ער גאָר גלייכ־גילטיג געענטפערט און עס האָט זיך געפיהלט א היבש ביסעל אי־ראָניע, ווען ער האָט געקוקט אויף איהר.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דעראָנדאַ האָט בע־מערקט זיי רעדען איינס צו דאָס אַנדערע, זייט זיי זיינען געקומען צו גאַסט. אין זייערע בליקען האָט ער געזעהן אַזוי פיעל קאַלטקייט, נישט מעהר ווי בלויז פאַר מענשען האַלטען זיי דעם שטאַאַט.

— ווער נאָך וויל מיטהאַלטען דעם בעזוך אין די שטאַלען?

— האָט סער הוגאָ געזאָגט. זאָלען די דאַמען זיך גיך איבערטהאָן און גאַנץ וואַרעם. מיר האָבען שוין נישט קיין סך צייט, איידער די זון געהט אונטער. דו וועסט דאָך אויך מיטגעהן, דאַני, איאָ? — האָט ער זיך געווענדעט צו דעראָנדאַ׳ן.

— אָ, יע — האָט דעראָנדאַ געענטפערט פויל, עס האָט זיך איהם נישט אַזוי שטאַרק געוואָלט געהן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז וואָס פאַר אַן אויסרייד ער זאָל נישט געבען, וועט דער פעטער זיין אונצופריעדען.

— אַז איהר וועט זיין פאַרטיג, זאָלט איהר קומען אין לייב־רערי, דאָרט וועלען מיר זיך אַלע טרעפען — האָט סער הוגאָ גע־זאָגט.

גווענדאָלען איז גרייט געווען זעהר גיך און אין צעהן מינוט אַרום איז זי אריין אין לייברערי׳ אין סאָבעלנעם פוטער, אַ גרויסען וואַרימען הוט מיט אַ סך פעדערען און וואַרימע שיך. אַזוי ווי זי איז נאָר אריין, האָט זי דאָרט עמיצען בעגעגענט. דאָס איז געווען גראַד דער, וועמען זי האָט טאַקי איצט געוואָלט זעהן. דעראָנדאַ איז געשטאַנען אויסגעדרעהט אין אַנדערען ווינקעל פון לייברערי און אריינגעקוקט אין אַ צייטונג. אין לייברערי איז געלעגען זעהר אַ ווייכער קאַרפעט און דעראָנדאַ האָט אפילו נישט געהערט, אַז זי איז אַריין. אונטערהוסטען, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען, דאָס האָט איהר שטאָלץ נישט ערלויבט, דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אָפענער צייכען, אַז זי וויל רעדען מיט איהם. צוגעהן צו איהם האָט זי אויך נישט געוואָלט, כאָטש עס האָט זיך איהר שטאַרק געגלוסט צו רעדען מיט איהם. דערפאַר האָט זי זיך דאָס אַזוי צוגעאיילט מיט׳ן אָנ־טהאָן, אום צו זיין פריהער פאַר אַלע אין לייברערי און קענען אראָפ־

רעדען פאר איהם איהר ביטער הארץ. זי האָט נישט געוואָלט קאָ־קעטירען מיט איהם. זי האָט געהאט די ריינסטע געדאנקען וועגען איהם. זי האָט געפיהלט, אז ער שטעהט פיעל העכער פון איהר. ער איז דאָך נישט געווען איינער פון איהרע פערעהרער און דאָך איז ער געוואָרען א טהייל פון איהר געוויסען און איצט איז זי דאָ, שטעהט אין זעלבען צימער וואָס ער און ער בעמערקט זי אפילו נישט. די בלעטער קנאקען אין זיין האנד, הויבט אויף און לאָזט ארונטער דעם קאָפּ און גיט זיך אָפּ מיט די נארישע ארטיקלען, אזוי ווי עס וואָלט דאָ נישט געשטאנען א מענש, וואָס איהר וועלט איז אזוי ענג. באלד וועט די גאנצע קאָמפּאני ארונטער קומען און די געלעגענהייט איהם צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען איהר אויפפיהרונג פון נעכטיגען אָבענד וועט פערלוירען געהן. זי האָט זיך דערפיהלט אזוי שלעכט און קראנק פאר עגמת נפש און זי האָט זיך שיער נישט צוּוויינט. ענדליך האָט דעראָנדא אוועקגעלייגט די ציימונג און זיך אויסגעדרעהט צו איהר.

— אָ, איהר זייט שוין דאָ — האָט ער געזאָגט צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר, — איך מוז זיך געהן איבערטהאָן.

ער האָט זיך אוועקגעדרעהט און ארויס פון לייברערי. דאָס איז געווען זעהר שלעכט פון זיין זייט. צוליעב העפליכקייט האָט ער כאָטש געדארפט אויסרעדען מיט איהר עטליכע ווערטער, איידער ער האָט זי איבערגעלאָזען אליין. אמת ,אין דער רגע זיינען אָנ־געקומען גראנדקאָרט און סער הוגאָ און זי וואָלט סיי ווי קיין געלע־גענהייט נישט געהאט מיט איהם צו רעדען. זיי האָבען אויך בע־מערקט, אז דעראָנדא איז ערשט ארויסגעגאנגען.

— אָ, דו זעהסט דאָך אוים זעהר שלעכט — האָט גראנדקאָרט געזאָגט צו איהר, צוגעהענדיג גאנץ נאָהענט און געקוקט איהר שטארק אין די אויגען — פיהלסט דו כאָטש צו קענען מיטגעהן ?

— יאָ, איך קען מיטגעהן, — האָט זי רוהיג אָהן דער מינדעס־טער בעוועגונג געזאָגט.

— מיר קענען אויפגעבען דעם פּלאַן פאר היינט, — האָט סער הוגאָ פריינדליך געזאָגט, ווען גראנדקאָרט איז אוועק אָן א זייט, — וועלען מיר היינט נישט געהן בעקוקען דעם פּאלאַץ, נאָר בלויז ארוים אין דרויסען.

— ניין, טייערער, לאָמיר גאָרנישט אויפגעבען, — האָט גווענדאָלען געזאָגט פעסט, — איך וויל גראד מאכען א לאנגען שפּאציר.

די איבריגע אנטהייל נעהמער, צוויי הערען און צוויי דאמען, א חוץ דעראָנדאָ'ן, זיינען זיך באלד צוזאמענגעקומען. אלע זיינען ארוים. גווענדאָלען איז געגאנגען שטאָלץ נעבען סער הוגאָ און גאנץ גוט געהערט די אלע ערקלעהרונגען, וואָס דעראָנדאָ האָט געגעבען וועגען די אנטיקען אין פּאלאץ. זיי זיינען צוגעקומען צו דער טהיר פון קיך און זי איז ווירקליך געווען זעהר אינטערעסאנט מיט איהרע אלטע שניצערייען.

— איך האָב ליעב אנטיקען, — האָט סער הוגאָ געזאָגט, — איך וועל קיינמאָל נישט פערניכטען די מינדעסטע זאך אין פּאלאץ. איך פערשטעהע אָבער נישט די מענשען, וואָס לאָזען זיך ספּעציעל בויען הייזער אין סטיל פון אלטע צייטען. זיי קענען נאָך פערלאנגען, מיר זאָלען ארונטערנעהמען די אלטע שטיינער און קניען זיך פאר זיי.

— איך האָב פיינט די מענשען, וואָס יאָגען זיך נאָך אנטיקען און לאָזען עס נאָכמאכען — האָט גראנדקאָרט געזאָגט.

— דאָס איז נישט אינגאנצען ריכטיג — האָט דעראָנדאָ זיך אָנגערופען. אנטיקען זיינען גאנץ פיין, מען דארף אָבער נישט צו פיעל איבערטרייבען זייער ווערטה.

— ווילט איהר אָנהאַלטען די אלטע מאָדעס, הערר דעראָנדאָ?

— האָט גווענדאָלען א פרעג געטהאָן, אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, וואָס די שפּאצירענדע האָבען זיך אביסעל צונויפגעמישט און זי איז צו צו דעראָנדאָ'ן, אין דער צייט ווען סער הוגאָ און גראנדקאָרט זיינען אוועק פאָראוים.

— א טהייל פון זיי יאָ. איך זעה נישט איין, פאר וואָס מיר זאָלען זיך צו די אלטע זאכען נישט בענוצען מיט אונזער געשמאק, ווי מיר טהוען דאָס אומעטום. און פאַרוואָס שפּיעלען א ראָלע די יאָהרען און די צייט, צי עס זאָל אונז יאָ געפעלען אָדער ניט. צו טהאָן א זאך וואָס מיינע עלטערען האָבען געטהאָן און מיינע עלטערען'ס עלטערען און עס איז גוט, האָט מען די גרעסטע הנאה דערפון. עפּעס ווערען די געפיהלען געלייטערט און גערייניגט דערפון

און די געפיהלען, וויסט איהר דאָך, זיינען די הויפט זאַך, וואָס דורך זיי קען מען טהאָן גוטס אויף דער וועלט.

— דענקט איהר אַזוי? — האָט גווענדאָלען געפרעגט אַביסעל איבעראַשט, — איך האָב געהאַלטען, אַז ביי אייך זיינען וויכטיגער אידעאַלען, וויסענשאַפט חכמה און נישט די געפיהלען.

— אָבער צו האַלטען פון די אַלע זאַכען איז אויך אַ דאַנק די געפיהלען — האָט דעראָנדאַ איהר געענטפערט, שמייכלענדיג וועגען איהר נאַאיוויטעט. רופט דאָס אָן ווי איהר ווילט, זאָגט אַז דאָס איז איבערגעבענהייט, ווילען, נייגעריגקייט, ווען מען האַלט פון די אַלע זאַכען וואָס איהר האָט אויסגערעכענט. געוויס איז אַן אונטערשיעד צווישען אַ זאַך, וואָס מיר ווילען עס טהאָן, ביז אַ לע־בעדיגען מענשען ווען מען קריעגט איהם ליעב. אָבער אין יעדער זאַך וואָס איהר האָט ליעב, געפינט איהר האַלב און האַלב, געוועהנ־ליכם און אידעאַלעס. געדאַנק און געפיהל געהן אָפט צוזאַמען.

— איך האָב מורא, אַז איך האָב אייך נישט אין גאַנצען פער־שטאַנען, — האָט גווענדאָלען געענטפערט איינגעשפּאַרט, — איך גלויב, אַז איך בין נישט איבריג געפיהלפול. דערפאַר וועט איהר זאָגען איז דאָס, וואָס איך זעה זעהר וועניג גוטס אין לעבען.

— ניין, איך האָב נישט דאָס געמיינט צו זאָגען — האָט דעי־ראָנדאַ ערנסט געענטפערט, — איך וועל אָבער צוגעבען, אַז דאָס איז טאַקי אַזוי ווען איך זאָל גלויבען דאָס, וואָס איהר האָט ערשט אליין אויף אייך געזאָגט.

דערווייל האָבען זיך אומגעקעהרט גראַנדקאָרט און סער הוגאָ און זיך געשטעלט וואַרטען פאַר זיי.

איך האָב נישט די זכיה צו הערען אַ קאָמפּלימענט פון הערר דעראָנדאַ, — האָט גווענדאָלען צו זיי געזאָגט, — איך בין זעהר נייגיעריג צו זעהן אויב עס וועט מיר געלינגען אַרויס צו בעקומען פון איהם אַ קאָמפּלימענט.

— אַ, — האָט סער הוגאָ זיך אָנגערופען, וואַרפענדיג אַ בליק אויף דעראָנדאָן. — עס איז דאָך אומזיסט צו געבען קאָמפּלימענטען צו אַ כלה. עס איז דאָך האָפנונגסלאָז. זי האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיעל קאָמפּלימענטען און זיסע ריידעלעך פון איהר געליעבטען, אַז וואָס מיר זאָלען נישט זאָגען איהר, איז גאָרנישט ווערט...

— גאַנץ ריכטיג, — האָט גווענדאָלען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט. — הערר גראַנדקאָרט האָט מיך געוואונען נאָר מיט קאָמפּלימענטען. ווען ער וואָלט איין וואָרט גערעדט, וואָס וואָלט מיר נישט געפעלען, וואָלט געווען געפעהרליך.

— דו הערסט? — האָט סער הוגאָ געפרעגט גראַנדקאָרטען?

— יא, — האָט גראַנדקאָרט געזאָגט נישט בייטענדיג דעם אויסדרוק פון געזיכט אויף אַ האָר, — עס איז טאַקי זעהר אַ שווער שטיקעל ארבייט.

דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוויזען דעם אַלטען סער הוגאָ ווי אַ נאַטירליכע שפּיעלעריי צווישען אַזאַ מאַן און פרוי, ווי זיי זיינען. דעראָנדאַ'ן האָט דאָס אָבער שטאַרק געוואונדערט, וואָס זי פיהרט זיך מאָדנע אויף און וויל די מענער אָבנאַרען מיט איהרע רייד. וואָס פאַר אַ מענש איז זי? אַ מינוט זעהט זי אוים אַזוי עהרליך און אונשולדיג און רופט אַרוים ביי איהם סימפּאַטיע, און איין אַ ווײַלע אַרום איז זי גאָר אַן אַנדערע, פאַלש און וויל נאַרען. דע־ראָנדאַ האָט געוואָלט אַוועקגעהן פון איהר זייט, עס זאָל איהם מעהר נישט אויסקומען מיט איהר צו רעדען, ער האָט געוואָלט געהן מיט מים פּ ע ן, וואָס איז גאָר נישט געווען קיין שעהנע. ער איז טאַקי צוגעגאַנגען צו איהר און אָנגעהויבען מיט איהר ריידען. אַן אַנדערש מאָל וואָלט גווענדאָלין נישט געאַרט, וואָס דעראָנדאַ רעדט מיט איהר, איצט אָבער איז זי אייפערזיכטיג געוואָרען און עס האָט זי שרעקליך פערדראָסען, וואָס דעראָנדאַ האָט זי געלאָזען שטעהן און געהט בעסער מיט מיסס פּען.

זיי זיינען דערווייל געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערען, געזעהן די קיך מיט די אַלטע אַנטיקען, די אויסגעהאַקטע שטיינער, דאָס אַלטע געשיר, דעם אויווען. אַלע זיינען צופריעדען געווען, נאָר איין גווענדאָלין נישט. זי האָט זאָגאָר נישט געהערט קיין איין איינציגען וואָרט פון סער הוגאָ'ס ערקלערונגען. וואָס טויג איהר דאָס אַלץ, אַז דעראָנדאַ האַלט פון איהר גאָרנישט? זי איז אַזוי קליין און נישטיג אין זיינע אויגען, אַז ער האָט זי אויף דער מיס פּען פערביטען. און אַז הערר וואַנדערנוט, וואָס האָט ליעב געהאַט צו רעדען וועגען דער זאַך, וואָס דו האָסט שוין אויפגעהערט קוקען אויף איהר און דו זעהסט שוין עפּעס אַנדערש, האָט איהר אָנגע־

הויבען דערצעהלען וועגען דער קיך פון לאָרד בלאָה, וואָס ער האָט אמאָל געזעהן.

— לאָזט מיר אָב מיט דעם לאָרד'ס קיך — האָט זי אויסגע־שריען פערצווייפעלט — גענוג פאַר מיר די איינע. עס איז מיר שרעקליך הייס, איך מוז אַרויס אין דרויסען.

גראַנדקאָרט איז שוין געוועזען אין דרויסען און אַז זי איז צו־געקומען צו איהם האָט ער געזאָגט:

—איך האָב טאַקי געוואָלט וויסען, ווי לאַנג דו האָסט גע־דענקט צו זיצען דאָרט אינוועניג אין דעם פערפלוכטען פּלאַץ.

די ערשטע פרייהייט נאָך דער חתונה איז געוועזען דאָס, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט קלייבען ווערטער, ווען ער האָט גערעדט צו איהר, און ער האָט איהר געזאָגט, וואָס עס איז איהם געקומען אויפ'ן צונג. גווענדאָלען האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהענדיג די איבריגע אָנקומען, האָט זי געזאָגט:

— עס איז טאַקי געווען שרעקליך הייס אינוועניג.

זיי זיינען געגאַנגען אויפ'ן וועג, מיט שטיינדלאָך אויסגע־שפּרייט, אַריבער אַ גרינעם הויף, וואו קופּעס שניי זיינען נאָך גע־לעגען און אַרום איז געווען גרינער גראָז. זיי זיינען צוגעקומען צו די שטאַלען. די שטאַלען זיינען געווען זעהר שעהן. אַמאָל זיי־נען זיי געווען קלויסטערס, נאָר שפּעטער, ווען די מענשען האָבען אויפגעהערט צו זיין געצען־דיענער האָבען זיי געמאַכט פון זיי שטאַלען. מעהר איז נישט געבליבען צום אַנדענקען, ווי די גלע־זערנע שויבען פון פערשיעדענע קאָלירען און דער אַלטאַר איינגאַנצען דורכגענומען מיט שטויב.

— אָ, דאָס איז דאָך וואונדערבאַר! — האָט גווענדאָלען אויסגעשריגען פערגעסענדיג איהר גאַנצען עגמת נפש און איז געווען אונטער דעם מאָמענטאַנעם איינדרוק, — איך וואָלט גיכער געוואָלט די שטאַלען איידער די פון פּלאַפּיעלד.

און ווי זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט איהר באַלד באַנג געטהאָן. זי האָט געפיהלט, אַז זי האָט זיך בענאַרישט. זי האָט נישט געדאַרפט אַזוי רעדען. דעראָנדא קען נאָך מיינען, אַז זי האָט גרויסע אויגען אויף דעם פּלאַץ, און נישט גענוג וואָס זי און גראַנד־קאָרט האָבען פון איהם אוועקגערויבט פּלאַפּיעלד, וואָלט זי נאָך

געוואָלט דעם פּאַלאַץ אויך האָבען. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אויף איהם און דערזעהן, אז ער שטעהט אָהן אַ הוט, נישט ווי ער וואָלט געווען אין אַ שטאַל, נאָר ווי אין אַ הייליג אָרט און קוקט גלייך אויף איהר. זי איז שטאַרק רויט געוואָרען און אַזוי געוואָלט וויסען צי דעראָנדאַ איז נישט בייז אויף איהר און צי ער האַלט זי נישט פאַר אַזעלכע, וואָס וואָלט אַלץ געוואָלט איינ־שלינגען?...

— האָסט ארונטער גענומען דעם הוט פאַר די פערד? — האָט גראַנדקאָרט איהם שפּאָטיש געפרעגט.

— פאַר וואָס נישט? — האָט דעראָנדאַ געענטפערט, אַנ־טהוענדיג צוריק דעם הוט. ער האָט אייגענטליך ניט געוואוסט צי ער נעהמט ארונטער דעם הוט אָדער נישט. אַזוי ווי ער איז אריין האָט ער איהם ארונטערגענומען.

סער הוגאָ און גראַנדקאָרט האָבען דערווייל געשמועסט וועגען די פערד. גראַנדקאָרט האָט זיך מעהר געקענט אויף פערד ווי דער אַלטער. ער האָט זיי נישט געריהמט און אויך נישט געזאָגט קיין חסרונות.

— איצט וועלען מיר געהן אין קלויסטער — האָט סער הוגאָ געזאָגט הויך אויפ'ן קול. — דאָס איז דאָס פיינסטע, וואָס איז דאָ אין פּאַלאַץ. און די מאַנאַכען מוזען האָבען דאָרט נעבטען שפּאַצירט.

גווענדאָלען איז נאָך געבליבען און געקוקט אויף די הינט, וואָס זיינען געווען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע. גראַנדקאָרט האָט געוואַרט פאַר איהר און דערנאָך האָט ער איהר אין אַ שטרענגען טאָן געזאָגט:

— וואָלסט בעסער מיך אָנגענומען אונטער'ן אָרעם.

זי האָט איהם אָנגענומען.

— אַ שרעקליך שטיק ארבייט דאָ צו שלעפּען זיך און אפילו נישט צו האָבען אַ ציגאַר — האָט גראַנדקאָרט געזאָגט.

— און איך האָב געמיינט, אז דו וועסט הנאה האָבען פון שפּאַ־ציר — האָט זי געענטפערט.

— הנאה האָבען? — האָט ער גע'טענה'ט, — זיי האַלטען אין איין פלוידערען צו די מיאוסע מוידען. ער פערבעט אונז אהער

און שטעלט אונז פֿאַר אַזעלכע פּערזעהעגישען. ווי דער אידיאָט דעראָנדאַ קען קוקען אויף איהר, ווייס איך ניט...

— פֿאַרוואָס רופֿסטו איהם אידיאָט? — האָט זי געפֿרעגט,
— קענסט איהם אַזוי נישט פֿערטראָגען?

— נישט פֿערטראָגען? פֿאַרוואָס? — האָט ער זיך געוואונדערט, — וואָס אַרט מיך אויב ער איז אַן אידיאָט? מיט מיר האָט דאָס גאָרנישט צו טהאָן. איך קען איהם נאָכאַמאָל פֿערבעטען נאָך פּלאַפּיעלד, אויב דו ווילסט.

— איך דענק נישט אַז ער וועט קומען, — האָט זי געזאָגט, וועלענדיג איהם געבען אָנצוהערען, אַז ער איז נידריגער פֿאַר איהם, — ער איז צו קלוג און געלערנט, אַז מיר זאָלען איהם אינטערעסירען.

— איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן קיין גרויס אונטערשיעד צווישען מענער, — האָט גראַנדקאָרט געזאָגט, — אָדער ער איז אַ דזשענטעלמאַן אָדער נישט.

פֿאַר דער קאָמפּאַני איז געווען גאַנץ פֿערשטענדליך, וואָס גראַנדקאָרט און גווענדאָלין געהן פֿון הינטען בעזונדער פֿון די איבריגע. זיי זיינען דאָך ערשט נאָך דער חתונה. זיינען זיי אַריין אין גאָרטען און צוגעקומען צום קלויסטער הויף, וואו די מויער איז פֿערמאַכט פֿון דריי זייטען. אין דעם הויף איז מיט דרייצעהן יאָהר צוריק געזעסען דעראָנדאַ און דאָרט האָט ער דעם ערשטען מאָל דערפֿיהלט די וועהטאָג, וואָס האָט ווי מיט אַ שפּיז זיין האַרץ דורכגעבוירט.

עס איז געווען זעהר אַ שעהן פּלאַץ, אַן איבערבלייבעניש פֿון די אַלטע צייטען, ווען גלחים און מאָנאַכען האָבען דאָ געוואוינט. דעראָנדאַ האָט דערקלערט די פֿרויען יעדע קלייניגקייט אין הויף, גווענדאָלען האָט נאָכגעלאָזען דעם מאַנ׳ס אָרם און צוגעגאַנגען צו די פֿרויען הערען דעראָנדאַ׳ס ערקלערונגען. ער האָט אַזוי וואַרים גערעדט און מיט אַזוי פֿיעל ליעבע, אַז אַלע האָבען געפֿיהלט, אַז דאָס פּלאַץ איז איהם זעהר טהייער און איינגעבאַקען אין האַרצען.

— איך דענק, אַז איהר ווייסט דאָ יעדע זאַך אַזוי, אַז איהר וואָלט אַלץ געקענט געפֿינען אַפֿילו מיט פֿערמאַכטע אויגען? — האָט מיס פֿען געפֿרעגט.

— אָ, געוויס אַזוי. פאַר עטליכע יאָהר איז דאָס געווען דאָס איינציגע, וואָס איך האָב פאַר מיינע אויגען געזעהן — האָט דע־ראָנדאַ צוגעגעבען.

— איהר מוזט עס זעהר ליעב האָבען — האָט מיס פען ווייטער גערעדט, מיינענדיג איהם וועה צו טהאָן. — ס'רוב היימען זיינען כמעט גלייך, נאָר דאָס איז אַזוי אַנדערש. איך דענק, אַז קיין אַנדערע היים וואָלט איהר נישט געקענט אַזוי שטאַרק ליעב האָבען?

— איך טראָג דאָס אין מיין הארצען — האָט דעראָנדאַ רוהיג געענטפערט. — עס איז די עראינערונג פון מיינע קינדער יאָהרען.

גווענדאָלען האָט געפיהלט, אַז דאָס רעדט ער נאָר אַזוי אויס העפליכקייט צו איהר און גראַנדקאָרט'ען, ווייל ער איז זיכער, אַז זיי הערען וואָס ער רעדט. און אין דער אמת טראַכט ער גאָר פון איהר, ווי פון אַן ענגאָאיסטקע, וואָס וואָלט אַלץ געוואָלט אַליין האָבען און בעזיצען. זי האָט דאָך גוט בעמערקט ווי ער מיידט זי אויס און רעדט בעסער מיט אַנדערע, וואָס דאָס איז נישט ריכטיג פון זיין זייט.

דערהוויל איז די גאַנצע קאָמפּאַני ארומגעגאַנגען אַלע ערטער און צוריק געגאַנגען צום ארויסגאַנג. גווענדאָלען האָט אָנגעשטעלט אַ פרעהליך פנים, גערעדט אויפ'ן קול, געלאַכט און געוויצעלט זיך איבערן פּאַלאַץ. און אַז עפּעס איז איהר אויסגעקומען מאָדנע, האָט זי נישט געפרעגט דעראָנדאַ'ן, נאָר דער גאַנצער געזעלשאַפט. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטען אַזוי. זי האָט דערפיהלט, אַז זי קען נישט שטיפען און לאַכען, ווייל דאָס הארץ טהוט איהר שטאַרק וועה און זי האָט גרויס עגמת נפש און זי איז שטיל געוואָרען.

און אַז גראַנדקאָרט איז אריין אין ביליאַרד צימער, איז זי אריין אין איהר בודואַר, פערמאַכט די טהיר הינטער זיך און גע־בליבען זיצען אַליין.

ווי אָרים און אונגליקליך גווענדאָלען איז געווען. איהר גאַנ־צע האָפנונג איז פערשוואונדען געוואָרען. איהר שמחה און פרייד איז אוועקגעפלויגען מיט'ן ווינד. איהר הארץ איז אַזוי צושמע־טערט און צובראָכען געוואָרען. דעם גרעסטען צער, די שרעקליב־סטע וועהטאָג האָט זי טיעף אין איהר נשמה געטראָגען און עס איז

איהר נישט מעהר געבליבען ווי דער איינער ווילען צו בעהאַלטען און פערבאָרגען איהר וועטהאָג פון די מענשען, קיינער זאָל נישט וויסען ווי ביטער איהר איז. און יעדעס מאָל, אז עס האָט זיך איהר אויס־געוויזען, אז מען וויל איהר וועה טהאָן, האָט זי זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות, קיינער זאָל נישט בעמערקען איהר צער און זי האָט שטענדיג מורא געהאַט, אז דאָס איז נאָר אַן אָנפאַנג און עס וועט איהר זיין נאָך ערגער, טויזענד מאָל ערגער, ווייל זי האָט דאָס פערדיענט, זי האָט דאָס אונגליק אַליין זיך גענומען מיט איהרע אייגענע הענד.

גוועגדאָלען די יונגע, שעהנע דאַמע, וואָס איז נאָך נישט אַלט געוועזען קיין גאַנצע צוויי און צוואַנציג יאָהר איז שוין מעהר נישט צוגעגאַנגען צום שפיעגעל און געקוקט איהר אָבשפיגלונג. זי האָט שוין פערלוירען דאָס גלויבען, אז זי איז בעשאַפען געוואָרען צו זיין א הערשערין, אז זי וועט הערשען איבער אַלעמען. ניין, איצט הער־שען אַנדערע איבער איהר. נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי מאָנאַטען זיינען אוועק, זייט זי האָט חתונה געהאַט, און גראַנדקאָרט הערשט איבער איהר, ווי א הערר איבער זיין קנעכט. ער פיהרט זי מיט א שטאַרקער האַנד און זי קען נישט טהאָן די מינדסטע זאַך, וואָס ער זאָל נישט ווילען.

עס איז געוועזען אַמאָל א צייט, ווען זי האָט זיך איינגערעדט, אז זי בעזיצט א זעהר שטאַרקען און פעסטען כאַראַקטער, וואָס וועט זיך פון קיינעם נישט לאָזען איינברעכען. איצט אָבער האָט זי איינ־געזעהן, אז זי איז שוואַך און אונבעהאָלפען ווי א קינד, זי האָט שוין קיין ווילען נישט. זי שרעקט זיך שטענדיג, האָט מורא פאַר א שאָטען. און גראַנדקאָרט איז אַזאַ פעסטער, אַזאַ האַרטער מענש, ער שרעקט זיך קיינמאָל נישט. אַזוי ווי א שלאַנג וואָס לאָזט נישט אָב איהר קרבן, אַזוי וועט ער זי נישט אָפּלאָזען און זי פּייניגען, ווען אפילו די וועלט זאָל אונטערגעהן.

דעם בריעף וואָס זי האָט בעקומען פון לידיא גלאַשער האָט זי טאַקי געהאַט פערברענט. זי האָט נישט געוואָלט, אז אימיצער זאָל וויסען פון איהם, זי האָט אויך גראַנדקאָרט'ן קיין וואָרט נישט דער־צעהלט וועגען דעם, און אז ער האָט זי יענעם אָבענד געפרעגט פאַר וואָס זי איז אַזוי היסטעריש, האָט זי געזאָגט, אז דאָס איז איהר

געקומען פון מיעדקייט, וואָס זי איז לאַנג געפאָהרען. יאַ, זי האָט דעם בריעף פערברענט. די ווערטער געדיינקט זי אָבער זעהר גוט, קיין איינס נישט פערגעסען. „איך בין דער קבר אין וועלכען דיין גליק איז בעגראָבען, פונקט ווי מיינער", האָט לידיאַ איהר געשריי בען. „איך האָב דיך פריהער געוואָרענט. דו האָסט אויסגעקליבען מיר וועה צו טהאָן און מיינע קינדער. ער האָט געדענקט מיט מיר חתונה צו האָבען. ער וואָלט טאַקי געווען חתונה געהאַט מיט מיר, ווען דו וואָלסט נישט געבראָכען דיין צוזאָג. וועסטו איהם געבען דעם בריעף, ער זאָל ווערען אין כעס אויף מיר און נאָך מעהר רואי־נירען מיך מיט מיינע קינדער? דו וועסט בעקומען דיין שטראָף. איך ווינש דאָס מיט מיין גאַנצען הארצען. וועסטו קענען שטעהן פאַר דיין מאַן און טראָגען די בריליאַנטען און דימאַנטען און דו וועסט טראַכטען פון מיינע ווערטער? דענקסטו, אַז ער וועט דיך מאַכען אונגליקליך פונקט ווי מיך? דו האָסט איהם גע־נומען מיט אָפענע אויגען. דאָס בייז, וואָס דו האָסט מיר געטהאָן, וועט דיר אַנטקעגען קומען".

די ווערטער האָבען זיך ווי סם אין איהר האַרץ איינגעגעסען און פערגיפטעט איהר לעבען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג, ווען זי האָט געזעהן לידיאַ גלאַשער מיט איהרע קינדער אין מיטען פעלד. איהר געוויין און געבעט האָבען איהר נאָך איצט געקלונגען אין די אויערען. ווייס גראַנדקאָרט די געשיכטע? ווייס ער, אַז זי האָט זיך געזעהן מיט לידיאַ'ן? גאָט מיינער! אויב ער ווייס דאָס טאַקי און אַז זי האָט געבראָכען איהר צוזאָג איז אַלץ פער־לוירען. ער וועט קוקען אויף איהר פון אויבען אַראָפּ, ער וועט זי בעליידיגען און זי וועט אפילו זיך נישט קענען געגענשטעלען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אָבגעמאַכט ביי זיך, דאָס ווען זי וועט חתונה האָבען מיט גראַנדקאָרט'ן, וועט זי ארויסהעלפען לידיאַ'ן מיט די קינדער. זי האָט איינגעזעהן, אַז דאָס איז אויך אונמעגליך, זי וועט נישט וואַגען צו דערמאָנען זאָגאַר לידיאַ'ס נאָמען פאַר גראַנדקאָרט'ן. ער קען זי נאָך בעליידיגען און נאָך מעהר פעראַכטען.

פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי האָט געלייענט דעם בריעף, האָט

זי דערפיהלט, אַז גראַנדקאָרט נעהמט זיך הערשען איבער איהר אונבארמדיג.

גראַנדקאָרט האָט אייגענטליך דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט פערשטאַנען, אַז לידיא מוז איהר האָבען אַ בייזען בריעף געשריבען און דערפאַר האָט זי בעקומען היסטעריקע. אַז זי האָט געבראָכען איהר צוזאָג, האָט ער גראַד נישט געוואוסט, אָבער ווען אַפילו ער וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט עס אויף איהם קיין גרויסען איינדרוק נישט געמאַכט. ער אַליין האָט זיך גאָר נישט גערעכענט, וואָס גווענדאָלין טראַכט פון איהם, גוטס צו שלעכטס איז איהם געווען אַלץ איינס. ער האָט דאָך חתונה געהאַט מיט איהר, ווייל ער האָט זי געוואָלט בעזיעגען און מאַכען אונטערטעניג צו זיינע פיס. און דאָס האָט ער דאָך אויסגעפיהרט, איז עס גענוג פאַר איהם. גווענ־דאָלען האָט געוואוסט, אַז זי האָט קיין שום האָפנונג נישט אויף גראַנדקאָרט'ן. זי האָט שוין געוואוסט, אַז ער האָט זי גענומען נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער איז שטאַרקער פון איהר. פיעל מאָל איז איהר אַ שרעקליכע מורא בעפאַלען און זי האָט געציטערט פאַר איהם. אָפט האָט זי זיך אַזוי געשראָקען פאַר דער צוקונפט, נישט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס. די געשיכטע מיט די דימאַנטען האָט זי אויך אונגעהויער צובראָכען, איהר האַרץ האָט זיך געוואָרפען אין איהר פאַר אויפרעגונג און זי האָט זיך דאָך פערשוואָרען, אַז זי וועט זיי קיינמאָל נישט אָנטהאָן. און זי וואָלט טאַקי געהאַלטען איהר שבועה, ווען נישט ער, גראַנדקאָרט.

איין אָבענד, איידער זיי זיינען אַהער געקומען צו סער הוגאָ, זיינען זיי געווען פערבעטען צו מיטאָג צו לאָרד בראַקינשאָ. זי איז אַרונטער אין אַ ווייסען זיידען קלייד מיט אַ גאָלדען קייטעל אויפ'ן האַלז און עטליכע סמאַרגאַדען פון די, וואָס גראַנדקאָרט האָט איהר געהאַט געשאָנקען, און קליינע שטיינדלאַך פון סמאַרגאַד אין די אויערען.

גראַנדקאָרט איז געשטאַנען מיט'ן רוקען צום פייער, ווען זי איז אַריינגעקומען.

— גפעפעל איך דיר אַזוי? — האָט זי איהם געפרעגט. זי איז גראַד געווען צופריעדען, וואָס זיי געהען איצט צו בראַקינשא און זי האָט גערעדט צו איהם גאַנץ פרעהליך.

— ניין, — האָט גראַנדקאָרט געענטפערט.

גווענדאָלען האָט פּלוצלונג זיך דערפיהלט זעהר שלעכט. זי איז געווען אביסעל צוגעגרייט פאר א קאמפף וועגען די דימאַנטען. נאָר ווען ער זאָל פּלוצלונג א זאָג טהאָן, אז זי געפעלט איהם אין גאַנצען נישט, וואָלט זי דאָס נישט געקענט אריבערטראָגען. עס איז נישט גוט, אז ער זאָל זי פיינט האָבען שטילערהייט; נאָך ערגער איז עס אָבער, ווען ער זאָל געבען דעם ערשטען סיגנאַל אָפען, אז ער האָט זי פיינט...

— אָה, גאָט! — האָט זי אויסגעשריען, ניט קענענדיג מעהר איבערטראָגען דעם עגמת נפש — ווי אזוי זאָל איך זיך אָנטהאָן?

— טהו דיר אָן די דימאַנטען — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג גלייך אין איהרע אויגען מיט זיינע שמאָל שפּיציגע בליקען.

זי איז געבליבען שטעהן שטיל, זי האָט מורא געהאַט ארויסצואווייזען דעם אויפריהר וואָס איז געוואָרען אין איהר הארץ. און פיהלענדיג אז אין איהרע אויגען איז קיין שום ענדערונג ניט געווען ווען זי האָט זיך מיט זיינע בליקען בעגעגענט, און ניט קענענדיג פערשוויינען, האָט זי אין א גלייכגילטיגען טאָן געזאָגט:

— איך בעט דיך, הייס מיר ניט דאָס טהאָן. דיאַמאַנטען, גלויב איך, פּאַסען מיר גאָר ניט.

— וואָס דו גלויבסט און דענקסט, האָט גאָר ניט צו טהאָן דערמיט — האָט גראַנדקאָרט שארף און בעפעהלעריש איהר א זאָג געטהאָן — איך וויל אז דו זאָלסט זיי יא אָנטהאָן.

— איך בעט דיך, מיר געפעהלען בעסער די סמאַראַגדען, ענטשולדיג מיר — האָט זי זיך געבעטען ביי איהם ציטערענדיג ער זאָל ניט נעהמען זיין ווייסע האנד, וואָס ער גלעט דערמיט זיין בערדיל, און אָנכאַפּען זי פאַר'ן האלז און זי דערשטיקען.

— זאָג מיר די אורזאכע וואָס דו ווילסט ניט טראָגען די דיאַמאַנטען וואָס איך האָב דיר געשאָנקען און איך וויל אז דו זאָלסט זיי יא טראָגען — האָט ער זי געפרעגט און אָנגעשטעלט זיינע אויגען אויף איהר און זי האָט געפיהלט ווי איהרע אויגען שליסען זיך פאַר גרויס שרעק און שוואַכקייט.

וואָס נוצט איהר דאָס געגענשטעלען זיך? זי האָט איהם גאָר ניט געקענט זאָגען אזעלכעס וואָס זאָל איהר וועניגער וועה

טהאָן ווי איהר אונטערגעבען זיך. זי איז צוריק געגאַנגען אין איהר צימער, און אז זי האָט גענומען אָנטהאָן די דיאַמאַנטען האָט זי זיך געשראָקען אז איהר איינשפּאַרען זיך האָט געקענט אַרויסרופען אַ פערדאַכט ביי איהם, און אז ער טראַכט שוין טאַקע וועגען דעם אז זי מוז עפּעס וויסען אַזעלכעס וואָס ער האָט איהר ניט דערצעהלט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז ער איז צופרידען ווען ער מאַטערט און פּייניגט זי. זי קען איהם גאָר ניט צוריק טהאָן. זי האָט איהם גאָר נישט וואָס צו זאָגען, וואָס זאָל איהם וועה טהאָן. ער וועט זי נאָך מעהר קענען פּייניגען.

ער האָט דאָך אויך הנאה פון די פערד און די „הענד" וואָס זיינען איהם אונטערטהעניג, די וועלכע ער רופט אָן „זיינע". ער ער וועט זיך אַזוי בעגעהן מיט מיר. איך וועל פערלירען דעם מוטה. וואָס וועל איך זיך דען קענען העלפען? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט. איך וועל דאָך ניט בעטען ביי דער וועלט: — האָט רחמנות אויף מיר!...

זי האָט געוואָלט אַ קלוגג טהאָן נאָך איהר דיענסט. פּלוצלונג האָט די טהיר זיך געעפענט און גראַנדקאָרט איז אריין. — דאַרפסט עמיצען זאָל דיר העלפען זיך אָנטהאָן? — האָט ער זי געפרעגט צוקומענדיג נעהענטער

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר געשטאַנען שטיל און געלאָזען איהם נעהמען די דיאַמאַנטען און איהר אָנטהאָן. אָהן צווייפעל, ער איז שוין געוואָהנט געווען זיי אימעצען אָנצוטהאָן. מיט אַ ביטערקייט צו זיך אַליין האָט זי געטראַכט: וואָס פאַר אַ זכיה דאָס איז צו האָבען בערויבט אַן אַנדער פרוי...

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי קאַלט? — האָט ער זי געפרעגט ווען ער האָט איהר אָנגעטהאָן דאָס לעצטע אוירינגעל, — טו דיך אָן אין פוטער. איך האָב נישט ליעב ווען אַ פרוי קומט אַריין אין אַ הויז אַ דערפראָרענע. אויב דו ווילסט ערשיינען ווי אַ כלה נאָך דער חתונה, זאָלסטו אויסזעהן אָנשטענדיג.

דער נאָך דער חתונה געשפּרעך איז נישט געווען אַזוי שטאַרק איבערצייגענד. דאָס האָט שטאַרק אָנגעריהרט איהר שטאָלץ און זי געצוואונגען זיך צו שטאַרקען. די דימענטען האָבען איהר שטאַרק וועה געטהאָן פאַר אַנדערע מענשען האָבען זיי אויסגעזעהן ווי זיי

פּאַסען איהר גאַנץ גוט. גראַנדקאָרט האָט איהר שטאַרק נאָכגעקוקט און געזעהן אז זי איז געצווימט.

— א, יא מאַמע, איך בין זעהר גליקליך — האָט גווענדאָלען געזאָגט צו דער מוטער ווען זי איז צוריק געקומען נאָך פלאַפּיעלד — איך בין גאָרנישט ענטטוישט אין רייאַנדס. עס איז פיעל פיינער ווי דאָ און גרעסער. נאָר ווילסטו עפּעס מעהר געלד?

— ווייסטו דען ניט אז הערר גראַנדקאָרט האָט מיר געלאָזען א בריעף אין דיין חתונה טאָג? — האָט די מוטער זי געפרעגט — איך וועל דאָך בעקומען פון איהם אכט הונדערט פונט א יאָהר. ער וויל אז אזוי לאַנג ווי דו ביזט אין פלאַפּיעלד זאָל איך זיין אין אפּענדין. נאָר אויב עס איז דאָ א שעהן הויז אין רייאַנדס נעבען פּארק וואָלטען מיר געקענט דאָרט וואוינען און האָבען וועניגער הוצאות, און איך וואָלט דיך געזעהן מעהר מאָל דורכן יאָהר.

— מאַמע, דאָס מוזען מיר איבערלאָזען צו הערר גראַנדקאָרט.

— גו, געוויס. עס איז זעהר איידעל פון איהם וואָס ער צאָהלט פאַר אָפּענדין דערוויייל דירה געלד און ער זאָגט אז ער וועט צאָהלען ביז דזשון. מיר לעבען זיך איצט זעהר גוט. אונזער גוטע דיענסט מערי וועט זיין מיט אונז און אין אלעם מיטהעלפען. עס איז גאַנץ נאַטירליך אז הערר גראַנדקאָרט זאָל וועלען אז מיר זאָלען וואָהנען אין א פיין הויז אין אייער שכנות און איך קען גאָרנישט זאָגען געגען דעם. האָט ער דיר גאָרנישט דערצעהלט וועגען דעם?

— ניין, — האָט גווענדאָלען געענטפערט, — ער האָט גע־וואָלט אז איך זאָל דאָס געוואָהר ווערען פון דיר.

גווענדאָלין האָט אין אמת׳ן געוואָלט וויסען עפּעס בעשטימטעס וואָס ער האָט געטהאָן פאַר איהר מוטער. זי איז שטאַרק נייגיריג געווען דאָס צו וויסען. נאָר פון דער חתונה אָן האָט זי אויף קיין איין מינוט נישט געפיהלט קיין כח איהם צו דערמאָנען א וואָרט דערפון. איצט האָט זי געפיהלט אז זי וועט נישט קענען רוהען ביז זי וועט איהם נישט זאָגען, אז עס איז זעהר פיין פון איהם וואָס ער פערזאָרגט די מוטער, און אז ער האָט גענומען אויף זיך א גרויסע זאַך וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט א מיידעל וואָס פערמאָגט נישט מעהר ווי א משפּחה וואָס איז אָנגעוויזען אויף איהר.

אַז זי האָט דאָס איהם געזאָגט, האָט ער געראוויכערט אַ ציגאַר און גלייכגילטיג געזאָגט:

— נו, געוויס, איך האָב דאָך זי נישט געקענט לאָזען וואוינען ווי אַ געמבלערינס מוטער.

— מילא, ער טראַכט שוין ניט וועגען געלד, איז שוין גוט, — האָט גווענדאָלען זיך געטראַכט — און דער מאַמען איז אויך בעסער געוואָרען נאָך מיין חתונה.

גאַנץ אָפט האָט זי געפּרואווט מאַכען אַ פערגלייך צווישען דעם וואָס זי האָט געטהאָן און דאָס וואָס וואָלט געווען ווען זי וואָלט נישט די חתונה געהאַט מיט גראַנדקאָרטען. זי האָט זיך געפלייסט איינרעדען אַז דאָס לעבען איז אין אַלגעמיין אָהן גליק און אָהן צופרידענהייט. און ווען זי וואָלט נישט געווען חתונה געהאַט וואָלט זי אפשר געווען געקוקט איצט צוריק מיט ביטערקייט פונקט ווי עס קומט איהר איצט אויס. איהר מוטערס איינזאַמקייט וואָס פלעגט זי תמיד אויפברענגען אין כעס האָט זי איצט אויסגעטייטשט אַז דאָס איז שוין דער מזל פון די פרויען אַזוי. יאָ, זי האָט דאָך נאָך אַלץ געטראַכט אַז זי וועט זיך אַנדערש פיהרען ווי די מוטער, אָבער מיט וואָס אַנדערש? זי וועט טראָגען איהר וועהטאָג אין הארצען, קיינער זאָל נישט בעמערקען.

זי האָט בעשלאָסען צו געוועהנען זיך צו איהרע צרות און געפינען פערשיעדענע מיטלען אַז זי זאָל פון די וועהטאָגען נישט טראַכטען און ווי עס איז דורכקומען דאָס לעבען. איינס פון דער־פון האָט זי געטראַכט וועגען אַריינלאָזען זיך אין געמבלען. אין ליבראָן האָט זי זיך אַ סך אָנגעהערט וועגען אַנשטענדיגע פרויען וואָס האָבען געגעמבעלט אויף אַלערליי אָרטען. עס האָט זי אפילו דערוויילע ניט שטאַרק געצויגען צו שפּיעלען, נאָר אַז זי וועט אָנ־הויבען וועט שוין מיט'ן שפּיעלען קומען דער אַפּעטיט.

נאָך אַ פערגעניגען האָט זי אויסגעפונען צו מאַכען אַן איינ־דרוק קומענדיג אין געזעלשאַפט. וואָס טהוען דען בעריהמטע שעהנ־הייטען ווען זייערע מענער זיינען גענוג רייך זיי אַלעס נאָכצוגעבען? אַלע מענער לויפען זיי נאָך. זיי האָבען אַ רייכע גאַרדעראָבע, אַ טהייערע קאַרעטע מיט שעהנע פערד, זיי געהען אַריין אין געזעל־שאַפטליכע הייזער, רעדען אַביסעל און געהען צוריק אַרויס. ווען

זי זאָל נאָר האָס אַלץ קענען טהאָן! ווען זי זאָל זיך קענען צופּאַסען צו אַזעלכע סאָרטען פון פערגעניגענס! זי האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט אַז זי וועט דאָס קענען טהאָן.

און אַז זי האָט דערזעהן דעראָנדאַ'ן האָט איהר עפּעס דאָס האַרץ געזאָגט אַז ער וועט איהר העלפען און אַז ער איז דער איינ־ציגער וואָס פערשטעהט זי. ער איז דאָך אַזוי אַנדערש פון אַלע מענער וואָס זי האָט געזעהן זייט זי לעבט. נישט נאָר רעדט ער אַנדערש ווי זיי אַלע, ער פיהרט זיך אויך אַנדערש אויף. די אַלע מענער אַרום איהר זיינען פאַר איהר געווען פּונקט ווי אויסגעלעזענע ביכער וואָס מען קען זיי מעהר אין האַנד נישט נעהמען. זיי זיינען איהר באַלד מיאוס געוואָרען און זי האָט מיט זיי מעהר נישט גע־וואָלט האָבען צו טהאָן, זי האָט געוואוסט אַז זיי וועלען איהר נישט זאָגען קיין ניי וואָרט. נאָר ער אַליין, דעראָנדאַ, איז פאַר איהר שטענדיג ניי, פריש און אינטערעסאַנט. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל אַלצדינג וויסען וועגען איהר און זי זאָל איהם קיין וואָרט נישט דאַרפען דערצעהלען. זי איז געלעגען אויפ'ן סאָפאַ און זיך גע־טראַכט, אַז זי וואָלט אַזוי געוואָלט אַז ער זאָל וויסען אַז זי איז נישט קיין פערדאָרבענע פרוי ווי ער דענקט פון איהר, נאָר אַז זי איז אַן אונגליקליכע און געוואָלט זיין בעסער ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען.

דעראָנדאַ וואָס איז נישט קיין סך עלטער געווען פאַר איהר האָט אויסגעזעהן אין איהרע אויגען ווי אַ פּריסטער צו וועמען זי האָט אַזוי פיעל צוטרויען בעקומען און אין וועמען זי גלויבט אַזוי שטאַרק.

איהר שטאַרקער גלויבען אין איהם האָט אויך געהאַט אַ וויר־קונג אויף דעראָנדאַ'ן און ער האָט זיך מעהר פערטראַכט וועגען איהר.

## 23טער קאַפּיטעל.

הערר וואַנדערנוט איז צוגעגאַנגען צו דעראָנדאַ'ן, גענומען פון איהם אַ ציגאַר און געזאָגט:

— דער גראַנדקאָרט איז אַן אַלטע אויסגעריבענע שמאַטע,

וואָס טויג זיך צו גאָרנישט. נאָר אויב איהר האַלט פון איהם, ציה איך צוריק מיינע ווערטער.

— איך האַלט נישט אַזוי שטאַרק פון איהם — האָט דע־ראָנדאָ געזאָגט.

— איך האָב טאַקי אַזוי געדענקט — האָט וואַנדערנוט ווייטער גערעדט, — עס וואונדערט מיך נאָר ווי אַזוי האָט ער צוריק בעקומען זיין ליידענשאַפט. אַנדערש וואָלט ער דאָך מיט איהר נישט חתונה געהאַט, האָטש לוש, זיין אַלטער, געטרייער הונט, זאָגט, אַז ער האָט נישט חתונה געהאַט פאַר ליעבע, נאָר צוליעב עקשנות און אַמביציע. אַשעהנע אַמביציע! די חתונה מוז האָבען געמאַכט אַ גרויס לאָך אין זיין קעשענע, ניין?

— איך ווייס גאָרנישט פון זיינע געשעפטען — האָט דע־ראָנדאָ קורץ געענטפערט.

— וואָס? איהר ווייסט נישט, אַז ער האַלט אויס נאָך אַ הויז?

— פלאַפיעלד? יאָ, געוויס. ער האָט דאָס גענומען פון סער הוגאָ מאַלינדזשער, אָבער נאָר פאַר איין יאָהר.

—ניין, נישט פלאַפיעלד, איך מיין גיידסמיר. סער הוגאָ וויים דערפון, איך קען שווערען דאַרויף.

דעראָנדאָ האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז אייגענטליך געוואָרען אַביסעל נייגעריג. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער וועט אַלץ קענען געוואָהר ווערען פון וואַנדערנוט'ן און ער וועט איהם אפילו קיין וואָרט נישט דאַרפען פרעגען.

— לוש האָט ניט אַלץ דערצעהלט, — האָט וואַנדערנוט געזאָגט, — ער איז דאָך זיין פערטרויענס־מאַן. איך ווייס עס אָבער פון דער זיכערסטער קוועלע. גראַנדקאָרט האָט אין גיידסמיר אַ ווייב מיט פיער קינדער. זי האָט איהם פעסט געהאַלטען פאַר די לעצטע צעהן יאָהר און נאָך איצט האָט זי אויף איהם אַ שטאַרקע דעה. זי האָט פערלאָזט איהר מאַן צוליעב איהם און איז אומעטום מיט איהם מיטגעפאָהרען. איהר מאַן איז שוין געשטאָרבען. איך האָב בעגעגענט אַ מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט איהם אין איין רע־גימענט. ער האָט געקענט די פרוי גלאַשער איידער זי איז אַנטלאָ־פען פון מאַן. זעהר אַ שעהנע פרוי איז זי דעמאָלט געווען, זי האָט

געהאַט אַזעלכע ברענענדע שוואַרצע אויגען! מיין בעקאַנטער האָט געמיינט, אַז זי איז שוין אויך געשטאָרבען. ער האָט נישט גע־וואוסט וואו זי איז. מען זאָגט, אַז זי האַלט איהם נאָך איצט אונ־טער איהרע קנאַפעל. עס איז אַ וואונדער, וואָס ער האָט מיט איהר נישט חתונה געהאַט. זי האָט פון איהם זעהר אַ שעהנעם זון און גראַנדקאָרט קען דאָך טהאָן מיט זיינע גיטער וואָס ער וויל. אַ וואונדער וואָס ער האָט מיט איהר נישט חתונה געהאַט? איך האָב דאָס אַלץ געהערט טאַקי פון לוש'ן.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט חתונה צו האָבען מיט דער מיידעל? — האָט דעראָנדאַ געזאָגט מיט עקעל.

וואַנדערנוט האָט אָבגעביסען אַ שטיקעל ציגאַר, אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסעל און נישט געענטפערט.

— זי ווייס געווים גאָרנישט פון דער גאַנצער געשיכטע — האָט דעראָנדאַ געזאָגט זיכער. אין דער מינוט איז אָבער אָנגע־קומען דער צווייפעל און ער האָט זיך געפרעגט: האָט זי אפשר יאָ עפּעס געוואוסט דערפון?

— עס איז אַ פּיקאַנט בילד, — האָט וואַנדערנוט זיך אָנגע־רופען, — גראַנדקאָרט צווישען די צוויי געליעבטע, פייערדיגע פרויען. איך האָב שוין דערקענט די בלאָנדע גווענדאָלען, זי האָט גענוג טייוועל אין זיך. איך האָב דאָס נאָך אויסגעפונען אין ליבראַן. ער האָט איצטביידע. עס איז אַ הינטישע געשיכטע. וועמען פריי־הער זאָל ער נעהמען?

— גראַנדקאָרט קען גאַנץ גוט בייסען — האָט דעראָנדאַ גע־זאָגט.

— איהר ווייסט, דער מיידעל'ס משפחה זיינען דאָך אַזוי פער־אָרעמט געוואָרען, אַז זיי האָבען באַלד קיין ברויט נישט געהאַט. איך פערשטעה זיי, אַז זיי האַלטען אַז זי איז גליקליך, וואָס זי האָט איהם בעקומען. איך בין נישט צו שטרענג צו אַ מענש, וואָס טהוט אַזוי, ער דאַרף אָבער אַ סך נאָכגעבען אין אַזאַ פאַל. איהר ווייסט — האָט וואַנדערנוט געזאָגט, — איך האָב איהם נעכטען עפּעס דערצעהלט, האָט ער מיך געלאָזט זיצען אין מיטען רעדען און איז אוועק. איז דאָס אונאויפמערקזאַמקייט אָדער בעליידיגונג?

— עס איז ביידע — האָט דעראָנדאַ געזאָגט. — גראַנדקאָרט

האָט ליעב זיך אין אַלעם איינקוקען און נאָכקומען. ער הערט זיך אָבער זעהר ווייניג איין וואָס מען רעדט. איהר ווייסט וואָס איך דענק? — האָט דעראָנדא א זאָג געטהאָן — איך מיין, אז אין דער געשיכטע וועגען דער פרוי אין גיידסמיר איז א סך איבער־טריבען און א היבש ביסעל ליגען.

— קיין איין וואָרט נישט איבערטריבען — האָט וואַנדערנוט פערזיכערט, — איך קען שווערען. נאָר די לעצטע צייט האָבען מענשען אויפגעהערט רעדען וועגען דעם, דערפאַר ווייסט איהר נישט דערפון. עס איז אָבער דאָ אי א נעסט אי א פייגעל, אי א ווייב. עס איז טאַקי נישט קיינעם'ס עסק, אָבער איך ווייס אַלץ. איך ווייס אז גראַנדקאָרט געהט גאַנץ אָפט צו איהר.

— איך וואונדער זיך, — האָט איהם דעראָנדא געפּרואווט אַנציהען, — ווי אַזוי איהר האָט דאָס אַלץ זיך דערוואוסט?

— אָ, א סך מענשען ווייסען דאָס אַלץ, — האָט וואַנדערנוט געזאָגט, — נאָר אַזעלכע געשיכטעס ווערען באַלד אַלט פּונקט ווי אַלטע בריעף, וואָס הערען אויף אינטערעסירען. מיך אינטערעסירט עס אָבער יאָ. איך האָב גראַד ליעב דאָס צו וויסען. איך וויל קענען דעם כאַראַקטער פון מיינע מיטמענשען. אַלטע זאַכען אינטערע־סירען מיך נישט, איך וויל נאָר וויסען דאָס, וואָס עס קומט היינט פאָר. איהר האָט גראַד ליעב אַלטע געשיכטעס פון פערצייטענס, איהר זיינט א היסטאָריקער. א מומיע אינטערעסירט אייך מעהר ווי א היינטיגע, א לעבעדיגע דאַמע. רעגט דאָס טאַקי אויף אייער פאַנטאַזיע?

— אַמאָל יאָ, עס ווענדעט זיך אין דער געשיכטע און אין דער פרוי, — האָט דעראָנדא געענטפערט. ער האָט געזעהן, אז וואַנ־דערנוט האָט איהם שוין מעהר נישט צו דערצעהלען, האָט ער גע־שוויגען, געשפּאַצירט נאָך אביסעל מיט איהם און באַלד זיך צור־גאַנגען.

פון זיינע קינדער יאָהרען אָן, ווען דעראָנדא האָט געוואָלט אויסגעפינען דאָס געהיימניס פון זיין געבורט, האָט איהם נאָך קיין זאַך נישט אַזוי אינטערעסירט געוואָהר צו ווערען, ווי די געשיכטע פון גווענדאָלען'ען מיט גראַנדקאָרט'ן. האָט גוועגדאָלען געוואוסט, אז גראַנדקאָרט האָט א פרוי? האָט זי איהם אין אָנפאַנג נישט

געוואָלט, זי איז אַנטלאָפֿען פֿון איהם, נאָר אַז דער חלום איז איהר געלעגען אויפ׳ן האַלז, עס איז איהר אויסגעקומען צו הונגערן, דער־פֿאַר האָט זי חתונה געהאַט? ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט גערעדט צו איהם און ער האָט געזעהן, אַז זי האָט גערעדט אַזוי ווי איינער, וואָס פֿיהלט, אַז ער איז בעגאַנגען אַ פֿערברעכען און עס טהוט איהם באַנג. איז זי טאַקי אונגליקליך? איז אפשר איהר גאַנצע רוהיגקייט און פֿרייד נאָר אַ מאַסקע און איהר האַרץ איז פֿערוואונדעט? ווער ווייס, גראַנדקאָרט בעהאַנדעלט זי אויך זעהר שלעכט און זי איז נאָך גאָר אייפֿערזיכטיג אויף יענער פֿרוי? איז איהר טאַקי אַזוי ביטער? ער האָט דערפֿיהלט גרויס רחמנות אויף דער יונגער, שעהנער גווענדאָלען, וואָס איהר איז אַזוי שלעכט. ער האָט איצט פֿערשטאַנען, פֿאַרוואָס דער אַלטער סער הוגאָ מאַלינד־זשער האָט איהם קיין וואָרט נישט דערצעהלט וועגען דעם. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענעם גורל און ער האָט געזעהן, אַז ער איז פּונקט אַזוי עלענד און פֿערלאָרען, ווי די קינדער פֿון דער אָרי־מער פֿרוי גלאַשער. אויף גווענדאָלען האָט איהם אָבער נישט פֿער־דראָסען. ער האָט געזעהן, אַז עס טהוט איהר באַנג. זי איז אַנ־דערש פֿון אַלע אַנדערע פֿרויען. אַנדערע וואָלטען זיך נאָר גרויס געהאַלטען, זיי וואָלטען געזאָגט, אַז ביז איצט איז ער נישט גע־גאַנגען אין גוטען וועג, ער האָט געלעבט מיט אַ פֿרעמדער פֿרוי און איצט האָט ער געזעצליך חתונה געהאַט.

דעראָנדאַ האָט איצט איינגעזעהן, אַז ער איז נישט גערעכט, וואָס ער מיידעט זי אויס און וויל נישט רעדען מיט איהר. ער האָט פֿערשטאַנען, אַז זי קאָקעטירט נישט מיט איהם און וויל איהם נעה־מען אין איהרע הענד אַריין זי זאָל זיך קענען רייצען מיט איהם. זי מיינט נישט דאָס, זי איז אונגליקליך און וויל זיך דאָס האַרץ אַראָפּרעדען.

ווי ער איז אַזוי געגאַנגען, איז איהם איינגעפֿאַלען, אַז גווענ־דאָלען מוז איצט געווים זיין אין זאַל צווישען די געסט, צו דער טהע פּאַרטי. איז ער אויך אַריינגעגאַנגען. גווענדאָלין איז טאַקי געווען אַרונטערגעקומען פֿון איהר צימער. זי האָט זיך בעטראַכט אַז עס איז אַ נאַרישקייט, וואָס זי האָט בעשלאָסען מיט קיינעם מעהר זיך דאָ נישט אָנצוקעהרען. אין גאַנצען וועט זי דאָך דאָ זיין נאָר

צוויי טעג, נאָך וואָס זאָס זי זיך האַלטען פון אַלעמען פון דער ווייטענס.

ווען זי איז אַרונטערגעקומען זיינען נאָר געזעסען בלויז די פרויען און געשמועסט. אין דער מינוט איז אַריינגעקומען דעראָנדאַ.

— ערלויבט איהר מיר זיך צו זעצען? — האָט דעראָנדאַ גע־פרעגט — אפשר זאָל איך גאָר געהן אויפזוכען די מענער? זיי זיינען געווים אין ביליארד צימער.

— ניין, געהט נישט, בלייבט דאָ — האָט פרוי פינטריט גע־זאָגט, — אַלע זיינען שוין מיעד דורך מיר. לאָמיר הערען וואָס איהר וועט דערצעהלען.

— עס איז אַ צו שווערע געשיכטע פאַר מיר, — האָט דע־ראָנדאַ געזאָגט און זיך אוועקגעזעצט נעבען פרוי מאַלינדזשער ביים טהעע טיש, — איך דענק, איך וועל אייך דערצעהלען וועגען דער נייער זינגערין, אויסער אז מאַדאַם מאַלינדזשער האָט שוין אייך דרצעהלט פריהער.

— אָ, די קליינע אידישע מיידעל, — האָט פרוי מאַלינדזשער זיך אָנגערופען, — ניין, איך האָב גאָרנישט דערצעהלט. עס איז מיר נישט איינגעפאַלען, אז עמיצער פון אונז זאָל וועלען נעמען לעסאָנס אין געזאַנג.

— יעדע דאַמע האָט אַ בעקאַנטען, וואָס וואָלט געוואָלט נעה־מען לעסאָנס אין געזאַנג, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט, — איך האָב זיך בעקענט מיט אַ וואונדערבאַרער זינגערין, זי וואוינט ביי מיינע בעקאַנטע, מיין קאַלעדזש ברודער'ס מוטער. די זינגערין איז אַ וויענערין, זי האָט דאָרט געזונגען אין אָפּערא. זי וויל דאָס אָבער נישט מעהר, זי וויל בעסער זיין אַ לעהרערין.

— זיי זיינען אַ סך די דאָזיגע טהעאַטער זינגערינס, נישט אזוי? — האָט זיך די אַלטע דאַמע אָנגערופען — קאָסט אַ לעסאָן ביליג אָבער זעהר טהייער? נאָר די צוויי סאָרטען צוציהונגען ווייס איך.

— עס איז דאָ ביי איהר נאָך איין צוציהונג — האָט דעראָנדאַ געענטפערט — אז מען הערט זי זינגען. ווער עס הערט זי נאָר זינגען ווערט צוגעצויגען. איהר זינגען איז אַן אויסנאַהם. זי

האָט בעקומען אַן ערשט קלאַסיגע בילדונג, נאָך מעהר גרויס איז איהר געפיהל, אַ געשאַנק איינפאַך פון גאָט.

— פאַרוואָס האָט זי פערלאָזט די ביהנע? — האָט פרוי פינ־טריט געפרעגט. — איך בין צו אַלט צו גלויבען אַז ערשט־קלאַסיגע מענשען זאָלען אויפגעבען ערשט־קלאַסיגע שאַנסען.

— איהר שטימע איז געווען צו שוואַך. עס איז וואונדערבאַר ווען מען הערט דאָס אין אַ צימער. איהר זייט דאָך געווען אַזוי ענטציקט — האָט דעראָנדאַ געזאָגט — מיט מיין זינגען פון שו־בערט, זייט זיכער אַז טאָמער הערט איהר זי, וועט איהר שוין מיך קיינמאָל נישט וועלען הערען. איך גלויב אַז זי וואָלט זיך נישט אָבגעזאָגט צו זינגען צו פריוואַטע פאַרטי'ס אָדער קאָנצערטען. איהר שטימע איז זעהר גוט פאַר דעם.

— אַז מיר וועלען זיך אומקעהרען אין שטאָדט — האָט פרוי מאַלינדזשער געזאָגט — וועל איך זי פערבעטען צו זיך. איהר וועט זי דעמאָלט הערען. איך האָב זי נאָך נישט געהערט. איך פערלאָז זיך אָבער אויף דניאל'ס רעקאָמענדאַציע. מיינע מיידלעך, דענק איך, וועלען נעהמען לעסאָנס ביי איהר.

— דאָס ווילט איהר טהאָן איהר אַ טובה? — האָט פינטריט געפרעגט — איך קען נישט ליידען קיין געזאַנג וואָס קומט ווען מען וויל דעם זינגער טהאָן אַ טובה.

פרוי מאַלינדזשער איז אָפט געווען הילפלאָז אין אַ געשפרעך. זי האָט אויך געהאָט צוגעזאָגט דעראָנדאַ'ן קיין וואָרט נישט צו דערצעהלען וועגען מירא'ס געשיכטע, האָט זי פערלאָרען געשמיי־בעלט און געקוקט אויף דעראָנדאַ'ן.

— יאַ, עס איז טאַקע אַ טובה — האָט דעראָנדאַ זיך אָנגע־רופען — אָבער פאַר די וואָס הערען דאָס זינגען. איך גלויב אַז ווער עס האָט נאָר אויערען וואָלט פאַרפיטירט הערענדיג אַ גוט גע־זאַנג וואָס איז אַנדערש ווי געוועהנליך. ווען איהר וואָלט געהערט מיס לפידות זינגען — האָט דעראָנדאַ געזאָגט צו גווענדאָלען — וואָלט איהר אַליין זיך צוריק גענומען לערנען זינגען.

— איך האָלט פונקט פערקעהרט — האָט גווענדאָלען געזאָגט — אַז איך וועל זי הערען וועל איך נישט וועלען זיך לערנען, ווייל איך האָב נישט קיין גרויסע פעהיגקייטען.

— ביי מיר ווידער אז איך זעה אימיצען טהאָן א זאַך גאַנץ גוט דערוועקט עס מיך אויך צו פּרובירען — האָט דעראָנדא געזאָגט. — איך זאָג נישט אז זיי מאַכען מיר גלויבען אז איך קען עס אויך אַזוי גוט טהאָן. זיי מאַכען מיך אָבער גלויבען אז די זאַך איז ווערט געטהאָן צו ווערען. איך קען דענקען אז מיין זינגען איז נישט זעהר גוט, עס וואָלט אָבער שלעכט געווען ווען איך וואָלט געהאַלטען אז מוזיק אַליין איז וועניג ווערט. א פּאַלקאָמענע זאַך בעגייסטערט אָבער און מען זעהט ווי גוט דאָס איז.

— אָבער אז מיר קענען דאָס נישט אַזוי טהאָן — האָט גווענדאָלען געזאָגט — טהוט אונז דאָפּעלט וועה.

—דאָס איז געווענדט ווי מען קוקט אויף דעם — האָט דעראָנדא געזאָגט — אונזער לעבען וואָלט געווען זעהר טרויעריג און אָרעם ווען אונזער גאַנצע פרייד און גליק וואָלטען מיר געהאַט בלויז פון אונזער טהעטיגקייט. מיר דאַרפען זיך לערנען צו קענען פערשטעהן די עטליכע גליקליכע אויף דער וועלט וואָס מאַכען אונז גליקליך און דערפרעהען אונזער הארץ. מים לפּידות איז איינע פון די וועניגע וואָס גאָט האָט געבענשט.

— זי מוז זיין זעהר א גליקליכע, דענקט איהר נישט אַזוי ? — האָט גווענדאָלען געפרעגט סאַרקאַסטיש און זיך אַוועקגעדרעהט צו איהר שכנה, פרוי ריימאָנד.

— איך ווייס ניט — האָט די שכנה איהר געזאָגט — איך וואָלט מעהר געדאַרפט וויסען וועגען איהר, איך זאָל קענען זאָגען א מיינונג וועגען דעם.

— עס מוז זיין א ביטערע ענטוישונג פאַר איהר וואָס איהר שטימע איז נישט גוט געווען פאַר דער גרויסער ביהנע — האָט יוליא פען געזאָגט מיט מיטגעפיהל..

— זי מוז שוין זיין אין די יאָהרען — האָט פרוי פינטריט געוואָלט טרעפען.

— אין געגענטהייל, זי איז נאָך נישט קיין גאַנצע צוואַנציג יאָהר אַלט.

— זי איז אויך זעהר שעהן — האָט פרוי מאַלינדזשער אריינגערעדט וועלענדיג העלפען דעראָנדאַ'ן — זי האָט אויך גוטע מאַנירען. עס טהוט מיר נאָר לייד וואָס זי איז אזא פאַנאַטישע אי־

דישקע. איך וואָלט דאָס אין קיין אַנדערן וועג נישט געקענט פּער־טראָגען, אין זינגען מאַכט דאָס אָבער ניט אויס.

— נו, אויב איהר שטימע איז צו שוואַך צו שרייען — האָט פרוי פינטריט געזאָגט — וועל איך זאָגען פרוי קלעמנטינאַ זי זאָל נעהמען ביי איהר לעסאָנס פּאַר מיינע ניין אייניקלעך. און איך בין זיכער אַז גאַנצע אַכט פון זיי, וועט זי אויסגעפינען, האָבען קיין שום שטימע ניט, זיי קענען נאָר זינגען אין קירכע. אַ סך אונזערע מיידלעך ווילען גאָר נעהמען לעסאָנס ווי אַזוי נישט צו זינגען.

— איך האָב שוין געהאַט מיין לעסאָן אין דעם — האָט גווענ־דאָלען געזאָגט צו דעראָנדאָ׳ן — איהר זעהט, מאַדאַם פּענטריט האָלט מיט מיר.

דערווייל איז אריין סער הוגאָ מאַלינדזשער מיט עטליכע מע־נער און גראַנדקאָרט צווישען זיי. סער הוגט האָט זיך אָוועקגע־שטעלט לעבען טיש און געזאָגט:

— וואָס האָט איך דעראָנדאַ געגעבען אַזעלכעס וואָס ער האָט זיך אַליין אריינגע׳גנב׳עט צווישען אייך?

— ער וויל אונז פאַרשטעלען אַ אידיש מיידעל וואָס זינגט וואונדערבאַר. נו, די יונגע וועט זי אפשר בעגייסטערען, אָבער מיר אַלטע, איהר און איך, וואָס האָבען די בעסטע זינגערינס גע־הערט, ווערען נישט אַזוי לייכט בעגייסטערט.

סער הוגאָ האָט אויסגעהערט מיט זיין גוטען לעבעדיגען שמייכעל אויף די ליפּען. ער האָט גענומען אַ טאַסע טיי פון זיין פרוי און געזאָגט:

— פאַראַן מענשען וואָס גלויבען אַז אויסער די וואָס מיר האָבען געהערט זיינען דאָ נאָך זינגערינס.

— אַ, איהר זייט האָך אינגער פון מיר —האָט זי געזאָגט — איך האָב מורא אַז איהר זייט איינע פון די וואָס לויפען נאָך דער אַל קאַראַזי. זי האָט אָבער חתונה געהאַט און אייך אַלעמען געלאָזען אין דער קלעם.

— יאָ, געוויס איז שלעכט ווען געניאַלע זינגערינס האָבען חתונה און הערען אויף זינגען דאַמאַלס ווען זיי האָבען נאָך נישט

פערלאָרען זייער שטימע — האָט סער הוגאָ געזאָגט. — די מענער זייערע זיינען רויבער. זיי גזל'ענען זיי אַוועק פון דער וועלט.

סער הוגאָ האָט זיך אַוועקגעזעצט. דעראָנדא האָט זיך אַביסעל אָבגערוקט מאַכענדיג פּלאַץ פאַר אַנדערע. ער האָט בעמערקט ווי גווענדאָלען האָט זיך אַוועקגעמאַכט פון וואַנדערנוטען און איז צו־געגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און אַריינגעקוקט אין דעם בלאַט נאָטען. דעראָנדא'ן איז איינגעפאַלען אַז זי וויל איצט רעדען צו איהם. זי וויל זיך געוויס ענטשולדיגען פאַר איהם פאַר איהר אונצופרידענע בעמערקונג וועגען מירא'ן.

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— זייט איהר שוין וויכער צו דער מוזיק? איהר ווילט אפשר עפּעס שפּילען אָדער זינגען?

— איך וויל גאָרנישט, איך בין אָבער וויכער געוואָרען — האָט גווענדאָלען געזאָגט אונטערטהעניג.

— קען איך וויסען די אורזאַך?

— איך וואָלט געוואָלט הערען מיס לפּידות און נעהמען לע־סאָנס ביי איהר, אַז איהר האַלט פון איהר אַזוי. איך מיין דאָס ווען מיר וועלען איבערפאָהרען אין שטאָדט. איך מיין לעסאָנס צו זעהן איהר פאָלקאָמענהייט און מיין הינטערשטעליגקייט — האָט גווענדאָלען געזאָגט מיט אַן אָפענהערציגען ליעבען שמייכעל.

— איז זי אַזוי פאָלקאָמען אין אַלעס ווי אין דער מוזיק?

— איך קען דאָס נישט זאָגען פאַר זיכער. איך האָב זי נישט גענוג נאָך געזעהן. איך האָב אָבער גאָר נישט בעמערקט אין איהר וואָס איך זאָל וועלען אַז עס זאָל זיין אַנדערש ווי עס איז. זי האָט געהאַט זעהר אַן אונגליקליך לעבען. איהרע צרות האָבען זיך אָנ־געהויבען אין איהרע קינדער יאָהרען און זי איז אויסגעוואַקסען אַ נישט גינסטיגער אומגעבונג. איהר וועט אָבער צוגעבען אַז קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט זי נישט געקענט מאַכען נאָך בעסער ווי זי איז.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ צרות זי האָט געהאַט.

— בעשטימטעס ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער אַז זי האָט

זיך געוואָלט דערטרינקען ווען די צרות זיינען איהר שוין דערגאַנגען איבער'ן האַלז.

— און וואָס האָט זי אָבגעהאַלטען פון דערטרינקען? — האָט גווענדאָלען גיך געפרעגט, איינקוקענדיג זיך אין איהם.

— עפּעס אַ ליכט־שטראַהל איז געקומען און געמאַכט זי פיה־לען אַז זי דאַרף לעבען, אַז עס איז גוט צו לעבען — האָט ער רוהיג געזאָגט. — זי איז אַזוי גאָטספאָרכטיג און איז גרייט אַלץ איבערצוטראָגען אונטערטהעניג ווען עס איז אַזוי.

— אויף אַזעלכע איז נישטאָ קיין רחמנות — האָט גווענדראָלען געזאָגט אונגעדולדיג — מיר געפעלען נישט די פרויען וואָס טהוען שטענדיג וואָס עס איז ריכטיג. איך גלויב נישט אין זייערע גרויסע ליידען.

— אמת, די חרטה אויף דעם שלעכטען איז טיפער, ביטערער, האָט דעראָנדאַ געזאָגט — איך דענק אַז מיר זינדיגע בעשעפענישען קענען נישט אַזוי מיטפיהלען מיט די אונשולדיגע ליידענדע ווי מיט די וואָס האָבען אַ שטענדיגען קאַמפּף מיט זיך איבער זייערע איינענע פעהלערן.

— עס איז נישט ריכטיג וואָס איהר זאָגט — האָט גווענדראָלען געזאָגט. — איך ווייס, איהר פערגעטערט אַזוי מיס לפּידות ווייל איהר האַלט, אַז זי איז אָהן פעהלער. איהר וואָלט פעראַכטעט אַ פרוי וואָס וואָלט געטהאָן אַזעלכעס וואָס איהר וואָלט דאָס גע־האַלטען פאַר אַ פעהלער.

— דאָס איז פאַלשטענדיג אָבהענגיג פון איהר אייגענער מיי־נונג איבער איהרע מעשים — האָט דעראָנדאַ געזאָגט.

— איהר וואָלט צופרידען געווען ווען זי וואָלט געווען זעהר אונגליקליך? — האָט זי אויפגערעגט גערעדט.

— ניין, נישט צופרידען, עס וואָלט מיר זעהר וועה געטהאָן. איך האָב נישט געזאָגט אַז אַ מענש מיט אַ פיינע נאַטור איז ווייניג עהרווירדיג. איך האָב געמיינט צו זאָגען אַז די וואָס זיינען אַזוי אונאינטערעסאַנט קענען זיין ווערטה אונזער סימפּאַטיע ווען זיי טהוען אַזעלכעס וואָס דערוועקט אין זיי דעם געוויסען. איך גלויב אַז ביי אַ סך מענשען וואָלטען קיינמאָל די אויגען זיך נישט געעפענט ווען נישט פון אַ שטאַרקען שטויס פון זייערע אייגענע

מעשים. און ווען די דאָזיגע ליידען דאַרף מען אויף זיי מעהר רחמנות האָבען ווי אויף די אונשולדיגע וואָס לעבען אויך אין צרות.

דעראָנדאָ האָט דאָס געהערט אין אַ ווייטער אָנגעגעהמער און מיטפיהלענדער שטימע. גווענדאָלען האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף דעם פּיאַנאָ שטוהל און געקוקט אויף איהם מיט אַזוי פיעל טרויער אין איהרע גרויסע אויגען ווי אַ פערוואונדעטע בעשעפעניש בעט זיך שטיל הילף.

— דו בעטעסט פרוי גראַנדקאָרט, זי זאָל שפּיעלען פאַר אונז ?— האָט סער הוגאָ געפרעגט צוקומענדיג צו דעראָנדאָ'ן און ער האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף זיין שולטער.

— איך קען זיך אַליין ביי זיך נישט דערבעטען דערצו — האָט גווענדאָלען געזאָגט אויפהויבענדיג זיך.

אַנדער געסט זיינען אויך צוגעקומען און עס איז שוין אונמעגליך געווען אַז דעראָנדאָ און גווענדאָלען זאָלען זיך דעם זעלבען טאָג דורכרעדען. צו מאָרגענס איז געווען ניי־יאָהר נאַכט. סער הוגאָ האָט געמאַכט אַ גרויסען טאַנץ אָוונד. אַ סך געסט זיינען געווען פּארבעטען. ווען גווענדאָלין האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט זי זיך דערמאָנט אָן ליבראַן, האָט איהר אָנגענומען אַ חשק אָנצוטהאָן דעם בראַסליעט וואָס דעראָנדאָ האָט איהר צוגעשיקט אין געהיים. זי האָט אָבער מורא געהאַט גראַנדקאָרט זאָל נישט בייז ווערען אַז זי וועט זיך ווייזען אין אַזאַ אָרים שטיקעל ציערונג. זי האָט איהם אָבער אָנגעטהאָן אונטערן אָרבעל און גראַנדקאָרט האָט דאָס נישט געהאַט בעמערקט.

דער טאַנץ־אָוונד איז געווען וואונדערבאַר שעהן. עס איז געווען אָן אַלטער מנהג ביי דער פאַמיליע. רויטע קאַרפּעטס זיינען געווען אויסגעלייגט. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען פּאַלמען און טהייערע בלומען וועלכע האָבען זעהר פיין געשמעקט. דער גאַנצער זאַל איז פערגאָסען געוואָרען מיט ליכט. עס איז געווען לעבעדיג און פרעהליך אַרום. די רייכקייט האָט געבלענדט די אויגען. סער הוגאָ האָט געפיהרט אונטערן האַנד גווענדאָלענען און גראַנדקאָרט איז געגאַנגען מיט פרוי מאַלינדזשער. די געסט זיינען געגאַנגען צו פּאָרלעך, מאַן און פרוי. אַלע האָבען געקוקט און בעוואונדערט גווענדאָלענען.

זיי האָבען זיך אַ סך אָנגעהערט וועגען איהר שעהנהייט און זיי האָבען געוואוסט אַז נאָך סער הוגאָ'ס טויט וועט זי דאָ ווערען די בעל־הבית'טע, גראַנדקאָרט וועט אַלץ ירש'ענען. אַלע האָבען זי פערגעטערט און פערעהרט און זיי האָבען פערגעסען אַז ערשט נים לאַנג איז זי געווען אַן אָרים מיידעל.

גווענדהאָלענען אַליין איז אָבער דאָס גאַנצע גליק נישט איינ־געגאַנגען. זי האָט זיך געפיהלט דערשלאָגען, מיעד און מאַט. און זי האָט זיך געטראַכט אַז איהרע שוועסטער ביי דער מוטער אין דער היים איז פיעל בעסער ווי איהר. זיי זיינען רוהיג און צופרידען.

געוויס קיינעם איז נישט איינגעפאַלען צו וויסען, וואָס אין איהר הארץ טהוט זיך אָב און זיי האָבען נישט געקענט וויסען, זי איז געגאַנגען שטאָלץ נעבען סער הוגאָ'ן, זי האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר צופריעדען און עס איז גאָרנישט געווען צו דענקען אַז זי איז אַמאָל געווען אָרעם. אַלע האָבען איהר דורכגענומען מיט זייערע בליקען און צוגעגעבען, אַז זי איז געבוירען צו זיין אַ הער־שערין און די אייגענטימערין פון דעם גאַנצען רייכטום. דעראָנ־דאַ'ן האָבען אויך אַלע דורכגענומען מיט די אויגען, האָבען איהם בעדויערט וואָס נישט ער איז דער וואָס וועט דאָס אַלץ ירש'ענען נאָר גראַנדקאָרט.

עס האָט זיי אַפילו פערדראָסען וואָס דאָס איז אַזוי. זיי האָ־בען דעראָנדאַ'ן ליעב געהאַט און עס האָט זיי באַנג געטהאָן, וואָס דעראָנדאַ זעהט נישט אויס צו זיין אַזוי ריין ענגליש, ווי דער סער הוגאָ. גראַנדקאָרט איז זיי זאָגאַר אָנגעשטאַנען אַלס אַן אייגענ־טהימער פון דעם גאַנצען גוטס, נאָר זיין אָנגעשטרענגט געזיכט איז זיי נישט געפעלען.

פרוי מאַלינדזשער איז פערביי געגאַנגען. האָבען זי אויך אַלע בעדויערט וואָס גאָט האָט זי געשטראָפט און זי האָט נישט קיין זוהן, וואָס זאָל זיין סער הוגאָ'ס יורש. זי אַליין האָט אויך געקוקט דאָ אויף גווענדאָלינ'ען און דאָ אויף גראַנדקאָרט'ען און האָט שטיל געזיפצט.

פרוי פענטריט איז צוגעגאַנגען צו דעראָנדאַ'ן און געזאָגט:

—איך וועל געהן טאַנצען, איך וועל מיר אָבער אויסקלייבען אַ פּאַרטנער. הערר דעראָנדאַ, איהר זייט דער אינגסטער צווישען

אונז, איך וועל טאַנצען מיט אייך. קיינער איז נישט גענוג אַלט צו קענען טאַנצען מיט מיר. איך וויל האָבען גראַד דעם קאָנ־טראַסט.

דעראָנדאַ האָט אָנגענומען.

דערווייל האָט דער עולם אָנגעהויבען אַ ביסעל זיך צוזעצען, אַנדערע זיינען אַוועק אין אַ זאַל עפּעס איבערכאַפּען. גווענדאָלען און גראַנדקאָרט זיינען אויך אַוועק אָן אַ זייט. גווענדאָלען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און גראַנדקאָרט איז געשטאַנען נעבען איהר ביי דער וואַנד. דעראָנדאַ האָט זי בעמערקט און ער האָט געוואָלט רעדען מיט גווענדאָלען׳ען. דאָס וואָס גראַנדקאָרט איז געשטאַנען דערנעבען איז איהם גראָד געווען געפעלען. זאָל ער הערען וואָס זיי רעדען, מען פּלוידערט אביסעל, נישטאָ קיין בייז אין דעם.

איידער אָבער דעראָנדאַ איז צוגעקומען איז גראַנדקאָרט שוין גוט אין כעס געווען אויפ׳ן גאַנצען טאַנץ־אָבענד. ער האָט גע־טענה׳ט מיט גווענדאָלען, אַז זיי זאָלען אַוועקגעהן אין גאַנצען צו זיך אין צימער. זי האָט איהם אָבגעהאַלטען דערפון. זי האָט געזאָגט, אַז סער הוגאָ וועט האָבען עגמת נפש. געמיינט האָט זי אָבער עפּעס אַנדערש, זי האָט נישט געוואָלט פריהער אַוועקגעהן ביז דעראָנדאַ וועט זעהן דעם בראַסליעט.

אַז דעראָנדאַ איז צוגעגאַנגען און איהר פאָרגעלייגט געהן אַ טאַנץ, איז זי גראַד געווען שטאַרק צופריעדען מיט דער געלעגענ־הייט און זי האָט געזאָגט:

— איך וועל היינט נישט טאַנצען מעהר. זייט איהר נישט צופריעדען דערמיט? איהר האָט זיך געוויס געפיהלט פערפליכ־טעט צו געהן מיט מיר אַ טאַנץ און איך בין זיכער, אַז איהר האָט שוין צופיעל געטאַנצט, איבער אייערע קרעפטען.

— איך וועל דאָס נישט פערלייקענען, — האָט דעראָנדאַ צוגעגעבען, — אָבער איהר האָט געטאַנצט נאָר אַזוי פיעל וויפיעל איהר האָט געוואָלט.

— ווילט איהר האָבען פון מיר אַ צרה פון אַן אַנדער זייט, — האָט זי געפרעגט — און מיר דערלאַנגען אַ גלאָז פריש וואַסער?

דער טיש איז געווען גאַנץ נאָהענט. ער האָט איהר צוגע־

בראַכט. זי האָט ארונטערגענומען איהרע הענטשקעס. און ווען זי האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנד צו נעהמען דאָס גלאָז, האָט זיך ארויסגעזעהן דער בראַסלעט. גראַנדקאָרט האָט דאָס דערזעהן און ער האָט אויך בעמערקט, אז דעראָנדאַ קוקט גאַנץ אויפמערק־זאַם אויף דעם.

— וואָסערע שרעקליכע זאַך האָסטו דיר אָנגעטהאָן? — האָט גראַנדקאָרט אַ פרעג געטהאָן.

— דאָס? — האָט זי רוהיג געזאָגט, געהאַלטען דאָס גלאָז און די אויגען נישט אראָפּגענומען פון בראַסליעט — דאָס איז אַן אַלטער בראַסליעט, וואָס איך האָב זעהר ליעב צו טראָגען. איך האָב עס שוין אמאָל פערלאָרען און עמיצער האָט עס געפונען פאַר מיר.

זי האָט געגעבען דאָס גלאָז דעראָנדאַ'ן. ער האָט דאָס גלייך אוועקגעטראָגען און געהענדיג צוריק האָט ער געוואָלט מאַכען צו נישט די גאַנצע געשיכטע מיט'ן בראַסליעט, ווען ער האָט געזאָגט:

— איהר וואָלט געדאַרפט צוגעהן צו אַ פענסטער און ארויס־קוקען. איהר וועט זעהן די לבנה אין איהר שעהנסטען ליכט, ווי עס שלאָגט זיך אויף די קאַנאַלען. איהר וועט הנאה האָבען.

— איך וואָלט עס געוואָלט זעהן. ווערסט צוגעהן? — האָט זי געפרעגט גראַנדקאָרט'ן.

— ניין, דעראָנדאַ וועט דיך צופיהרען — האָט ער בייז גע־זאָגט, שאַרף אַ קוק געטהאָן אויף איהר און איז רוהיג אוועקגע־גאַנגען.

גווענדאָלען האָט זיך אויף אַ מינוט פערלאָרען. ער האָט זיך דאָך בעליידיגט. דעראָנדאַ'ן האָט אויך וועה געטהאָן, וואָס ער האָט דאָס בייגעוואָהנט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און אזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, האָט ער איהר דערלאַנגט זיין האַנד און זיי זיינען ביידע אוועק.

דעראָנדאַ האָט פערשטאַנען פאַרוואָס זי האָט אָנגעטהאָן דעם בראַסליעט. זי האָט איהם געוואָלט בעווייזען, אז די אונצופריע־דענהייט צווישען זיי ביידע איז פערשוואונדען און אז זי גיט זיך איהם אונטער און איז גרייט אָנצונעהמען זיין ראַטה, זי גלויבט אין איהם, זי געטרויט איהם, ער וועט איהר העלפען און נאָר פאַר

איהם וועט זי אויפדעקען איהר הארץ און אַלץ דערצעהלען.

און גוועגדאָלען האָט דאָס טאַקי געמיינט. זי האָט געוואוסט, אַז די וואנד וואָס איז געשטאַנען צווישען זיי איז איינגעפאַלען און זי מעג זיין מיט איהם גאַנץ אָפענהערציג, ווייל ער פערשטעהט זי און פיהלט איהר מיט.

זיי זיינען צוגעקומען צום פענסטער. איבער'ן פענסטער איז געהאנגען אַ גרויסער פאָרהאַנג, וואָס מען האָט זיך געקענט ארונ־טערשטעלען הינטער איהם און נישט ווערען בעמערקט פון קיינעם. דעראָנדא האָט זי ארונטערגעלאָזען הינטער'ן פאָרהאַנג, אַליין איז ער געשטאַנען אביסעל אָבגערוקט. ער האָט געוואָלט זי זאָל זעהן די פאַנאָראַמע און עס וועט איהר לייכטער ווערען אויפ'ן הארצען.

עטליכע מינוט איז זי געשטאַנען און ארויסגעקוקט. עס איז איהר זעהר געפעלען געוואָרען. זי האָט זיך בערוהיגט און פער־געסען אָן דער בעליידיגונג, וואָס זי האָט ערשט פון איהר מאַן בעקומען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די ווערטער, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגען דעראָנדא'ן פריהער, און נישט אָוועקנעהמענדיג דעם קאָפּ פון פענסטער האָט זי פּלוצלונג צו איהם געזאָגט:

— ווען איך געה ווידער שפּילען און פערליר נאָכאַמאָל דעם בראַסליעט, וואָס וואָלט איהר געדענקט פון מיר?

— ערגער ווי איך דענק איצט.

— האָט איהר אַ גרויסען טעות אין מיר. איהר ווילט דאָך, אַז איך זאָל דאָס נישט טהאָן דערפאַר, ווייל איך זאָל נישט גע־ווינען דאָס, וואָס אנדערע פערלירען. איך האָב אָבער נאָך פיעל ערגערס געטהאָן.

— איך קען פערשטעהן אַ נסיון. איך גלויב, אַז איך בין פעהיג צו פערשטעהן, וואָס איהר מיינט. אם וויינינגסטען כאָטש אייגען־מוסר און חרטה.

דעראָנדא איז אייגענטליך גרייט געוועזען פאַר דעם אַלעם. דאָך איז ער עפּעס אונרוהיג געוואָרען פאַר אַ מינוט, זעהענדיג ווי גווענ־דאָלען האָט אַזוי פיעל צוטרויען צו איהם און זי געהט איהם אַלץ דערצעהלען, וואָס זי איז דאָס קיינמאָל נישט געוועהנט.

— וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען איהר וואָלט געפיהלט ווי איך. איהר וואָלט געפיהלט, אַז איהר האָט געהאַנדעלט זעהר שלעכט

און מיזעראַבל און וואָלט געציטערט פאַר דעם וואָס וועט קומען?
— זי האָט גערעדט גיך, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסנוצען די געלעגנהייט און וואָס מעהר זיך דורכרעדען.

— נישט מיט איין זאַך קען מען דאָס פעררריכטען — האָט דעראָנדאַ פעסט געענטפערט, — אַ סך מוז ווערען געטהאָן.

— וואָס? — האָט זי שנעל געפרעגט, אָבגעקעהרט דעם קאָפּ פון פענסטער און געקוקט אויף דעראָנדאַ'ן.

ער האָט איהר פעסט אַריינגעקוקט אין די אויגען און ער האָט גערעדט שטאַרק און שאַרף, וויסענדיג, אַז עס וועט נישט העלפען אַז ער וועט איצט רעדען ווייך.

— איך מיין אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך געדאַנקען און וועגען וואָס קענען העלפען איבערצוטראָגען די ליידען. פיעל מענשען מוזען ליידען.

זי האָט זיך ווידער אויסגעדרעהט צום פענסטער און אונגעדולדיג געזאָגט:

— איהר מוזט מיר זאָגען וואָס צו דענקען און וואָס צו טהאָן. אַז נישט, ווארום שטערט איהר מיר טהאָן ווי איך וויל און איך זאָל זיך גאַרנישט זאָרגען? ווען איך וואָלט נאָך אַמאָל געשפּיעלט וואָלט איך אפשר געווען געווינען און איך וואָלט קיין זאָרג נישט געהאַט. איהר האָט עס מיך נישט געלאָזט טהאָן. פאַר וואָס זאָל איך נישט טהאָן אזוי ווי איך וויל און עס זאָל מיך נישט ארען גאַרנישט? אנדערע טהוען יאָ אזוי.

פון איהרע אַלע רייד האָט מען קיין קלאָהרעס ניטט געקענט הערען נישט מעהר ווי איהר גוואַלדיגע אויפרעגונג.

— איך גלויב נישט אַז איך וואָלט קיין זאַך נישט געאַרט, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט זיכער. — אידיאָטען אַרט קיין זאַך נישט. זיי ראַטעוועט אַמאָל פון צרות אַ שלעכטע טהאַט. איהר אָבער קענט ניט זיין קיין אידיאָט. פאַראַן מענשען וואָס קענען טאָן יענעם בייז און זיי זאָל נישט אַרען. נאָר שטעלט אייך פאַר ווען איינער האָט יאָ דעם געפיהל פון חרטה? איך גלויב אַז איהר וואָלט נישט געקענט פיהרען קיין שלעכטען לעבען, נישט האָבענדיג קיין חרטה.

— טאָ זאָגט, וואָס איך קען בעסער טהאָן? — האָט זי שטיל גערעדט, ווי זי וואָלט זיך געבעטען.

— זעהר פיעל. קוקט זיך צו ווי אנדערע לעבען, זעהט יענעמס לײדען און ווי זײ טראָגען זײ איבער. סטאַרעט זיך צו זאָרגען וועגען עפּעס וויכטיגעס אין לעבען א חוץ דאָס צופרידען שטעלען פון עגאָ־איסטישע פערלאַנגען. בעמיהט זיך צו טראַכטען וועגען דאָס בעס־טע וואָס איהר קענט טהאָן, נישט בלויז וועגען דעם וואָס איהר קענט עפּעס האָבען דערפון.

א מינוט האָט זי געשוויגען. דאַן האָט זי זיך ווידער אומגע־קעהרט צו איהם און געזאָגט:

— איהר דענקט אז איך בין אן עגאָאיסטקע, אן אונוויסענדע?

— איך בין זיכער אז איהר וועט דאָס נישט זײן — האָט ער איהר געזאָגט, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען.

זי האָט נישט אַרונטערגענומען איהרע אויגען פון איהם און ווי א נייער גייסט וואָלט זי געוועזן בעלעבט.

— זאָל איך אייך פיהרען צוריק? — האָט ער העפליך גע־פרעגט, דערלאַנגענדיג איהר זײן אַרם. זי האָט איהם שטיל אָנגענו־מען. זײ זיינען צוגעקומען צו גראַנדקאָרטען וואָס איז פּאַמעליך געגאַנגען אהין און צוריק אויפ'ן פּאָריגען פּלאַץ. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט:

— איך בין גרייט איצט אוועקצוגעהן. העדר דעראָנדא וועט שוין בעטען פאַר מיר ענטשולדיגונג ביי מאַדאַם מאַלינדזשער.

— געוויס — האָט דעראָנדא צוגעגעבען — לאָרד און פרוי פּענטריט זיינען שוין אויך אוועק.

גראַנדקאָרט האָט איהר שטיל דערלאַנגט זײן אַרם. זי האָט עס אָנגענומען. זײ האָבען זיך געזעגענט מיט דעראָנדא'ן און שטילער־הייט זיינען זײ אַריין צו זיך אין צימער.

אז זײ האָבען געהאַט פערמאַכט די טהיר הינטער זיך, האָט זיך גראַנדקאָרט אַריינגעזעצט אין א שטוהל נעבען אויוועץ, אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף א צווייטען שטוהל און בעפעהלעריש איהר א זאָג געטהאָן:

— זעץ דיך!

גווענדאָלען האָט זיך גיך אוועקגעזעצט און געציטערט פאַר שרעק. ער האָט זי שטאַרק אָנגעקוקט און געזאָגט:

— טהו מיר צוליעב און בעוויז נישט אזעלכע שטיק, ווי א משוגענע.

— וואָס מיינסטו? — האָט זי געפרעגט.

— איך דענק אז צווישען דיר און דעראָנדאָ'ן איז פאַראַן עפּעס א פערשטענדניס וועגען דעם וואָס דו האָסט געטראָגען אויף דיין האַנד. אויב דו ווילסט איהם עפּעס זאָגען, זאָג! קלאַפּ אָבער ניט קיין טעלעגראַמען מיט בראַסליעטען וואָס אַנדערע מענשען זעהען. עס איז מיאוס.

— דו קענסט אַלץ וויסען וועגען דעם בראַסליעט — האָט זי מיט א וועהטאָג געזאָגט, ווען זי האָט געהערט אין וואָס ער בעשול־דיגט זי.

— איך וויל נישט וויסען, האַלט עס פאַר דיר אַליין, — האָט ער איהר געענטפערט געלאַסען און יעדעס וואָרט האָט געשניטען איהר פלייש. — אויב איך וועל עפּעס וועלען וויסען, וועל איך עס געוואָהר ווערען אָהן דיין דערצעהלען. דו זיי נאָר אזוי גוט און פיהר זיך אויף ווי עס פּאַסט פאַר מיין פרוי און שפּיעל נישט קיין קאָמעדיעס.

— ביזט געגען דעם וואָס איך רעד מיט דעראָנדאָ'ן?

— דעראָנדאָ אַרט מיך ווי דער נעכטיגער טאָג, פּונקט ווי עס געהען מיך נישט אָן אַנדערע נאַרישע אינגלעך. דו מעגסט רעדען צו איהם ווי פיעל עס גלוסט זיך דיר. ער וועט דאָך נישט פער־נעהמען מיין פּלאַץ. דו ביזט מיין ווייב, אָדער דו וועסט זיין א מענש פאַר מיר און פאַר לייט, אָדער דו וועסט געהן צום טייוועל.

— איך האָב קיינמאָל אַנדערש נישט געטראַכט נאָר צו פיהרען זיך ווי עס פּאַסט פאַר דיין פרוי — האָט זי געזאָגט און געפיהלט ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך איהר אָבגעריסען.

— דו האָסט דיר אָנגעטהאָן דאָס אויף דער האַנד און בע־האַלטען פון מיר ביז ער האָט דאָס דערזעהן. נאָר נאַראָנים און אי־דיאָטען רעדען אויפ'ן וואונק און מיינען אז קיינער וויים נישט. פערשטעה אז אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין. מוזט זיך אויפפיהרען ווירדיג, דאָס איז אַלץ וואָס איך פערלאַנג פון דיר.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אוועקגעדרעהט צום פייער און ארונטערגעקוקט צו איהר. זי האָט געשוויגען. זי האָט זיך גע־

פיהלט אזוי דערשלאָגען און צובראָכען. וואָס וועט זי איהם דער־צעהלען, אז דעראָנדא איז אויך שטרענג צו איהר? גראַנדקאָרט איז נישט געווען אייפערזיכטיג, ער האָט זי נאָר פעראַכטעט. און די פעראַכטונג האָט זי אזוי איינגעבראָכען אז זי האָט דאָס מויל ניט געקענט עפענען.

— זאָל איך קלינגען פאַר דער מיידעל — האָט ער געפרעגט. זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף יא. ער האָט אַ קלונג געטהאָן און אַוועק אין זיין צימער.

געוויסע ווערטער האָט זי זיך דערמאָנט. „דאָס בייז וואָס דו האָסט מיר געטהאָן וועט דיר אנטקעגען קומען!" — דאָס האָט איהר לידיא גלאַשער געשריבען. ווען זי האָט די טהיר פערמאַכט האָבען זיך איהרע ביטערע טרערען גענומען גיסען און זי האָט זיך געפרעגט: „ווארום האָט די גלאַשער אריינגעשטעקט איהרע נעגעל אין מיין לייב און נישט אין זיינעם?" זי האָט זיך שיער צו־וויינט הויך, זי האָט זיך אָבער געשטארקט און קוים זיך איינגע־האַלטען מען זאָל נישט דערהערען אז זי וויינט.

צו מאָרגענס האָט זי בעשלאָסען אויסצונוצען די ערלויבניש וואָס גראַנדקאָרט האָט איהר געגעבען צו רעדען מיט דעראָנדא'ן ווי פיעל זי וויל אין אזא פעראַכטענדען טאָן. זי האָט איהם ארומ־געזוכט און איהם נישט געקענט געפינען. איהר שטאָלץ האָט וויע־דער אויפגעוואַכט און זי האָט בעשלאָסען נישט צו בענוצען זיך מיט טריקס איהם צו געפינען.

דערוויייל זיינען זיך די געסט צוגאַנגען. סער הוגאָ און גראַנד־קאָרט זיינען ארויסגעפאָהרען בעקוקען די גיטער און זי האָט איינ־געזעהן אז טאָמער רעדט זי נישט היינט מיט דעראָנדא'ן וועט זי שוין מעהר ניט האָבען די געלעגענהייט. זיי וועלען נאָך דעם זעלבען אווענד אוועקפאָהרען. זי איז אוועק אין לייברערי צימער און פאַמעליך געעפענט די טהיר. זי האָט דערזעהן ווי דעראָנדא זיצט און שרייבט בריעף. ער האָט זי נישט געמערקט. אין צימער איז געווען ווארים און אנגענעהם. זי האָט איהם ניט געוואָלט שטערען מיט אַמאָל און איז געלאַסען צוגעגאַנגען שטילערהייט. דעראָנדא האָט דערוויייל געענדיגט שרייבען און שוין געוואָלט אויפהויבען זיך ארויסגעהן, האָט ער פּלוצלונג דערהערט ווי מען רופט איהם:

— הער דעראָנדאָ!

אַז ער האָט זי דערזעהען האָט ער איהר גיך דערלאַנגט אַ שטוהל און עס איז קענטיג געווען אַז ער איז אַביסעל איבערגע־שראָקען...

— האָב איך נישט גוט געטהאָן וואָס איך בין געקומען? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב געמיינט אַז איהר זייט אַוועק שפּאַצירען — האָט ער געענטפערט.

— איך האָב זיך אומגעקעהרט.

— אויב איהר ווילט ווידער שפּאַצירען, וועל איך אייך קע־נען בעגלייטען, אויב איהר וועט מיר ערלויבען — האָט ער איהר פאָרגעלייגט.

— ניין. איך מוז אייך עפּעס זאָגען און קען דאָ ניט זיין לאַנג — האָט זי גערעדט גיך צוגעהענדיג צום שטול און אָנשפּאַ־רענדיג זיך אויף איהם — איך וויל אייך זאָגען אַז עס איז טאַקע אַזוי. די געוויסענסביסע פּייניגען מיך פאַר דעם בייז וואָס איך האָב געטהאָן צו אַנדערע. און דערפאַר האָב איך אייך נעכטען געזאָגט אַז איך האָב נאָך געטהאָן פיעל ערגערס ווי געמבלען און פערמשכונ'ען דעם בראַסליעט, פיעל ערגערס און מעהר בעליידי־גענד.. און איך קען עס נישט ענדערן. איך בין בעשטראָפט און קען זיך נישט העלפען. איהר האָט געזאָגט, איך וואָלט געדאַרפט פיעל זאַכען טהאָן. זאָגט מיר וואָס, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווי וואָלט איהר געפיהלט ווען איהר זענט אין מיין לאַגע?

איהר איילען זיך צו רעדען אַזוי קלאָר און אָפען און גאָרנישט בעהאַלטענדיג האָבען איהם איבערציינגט אַז זי מיינט דאָס מיט'ן גאַנצען הארצען און ער האָט געענטפערט:

— איך וואָלט זיך געפיהלט פּונקט ווי איהר — זעהר שלעכט.

— וואָס וואָלט איהר אָבער געטהאָן? — האָט זי שנעל גע־פרעגט, ווי וועלענדיג אויסנוצען די געלעגענהייט און בעקומען אַן עצה.

— איך וואָלט זיך בעמיהט אויסצובעסערען וויפיעל נאָר מעג־ליך און וואָלט שוין קיין מאָל קיין בייז נישט געטהאָן — האָט ער קורץ געענטפערט.

— איך קען דאָך נישט, איך קען ניט — האָט זי אויפגערעגט גע'טענה'ט — איך מוז ווייטער אַזוי זיין. איך האָב מענשען פערשטויסען. מיין גליק האָב איך געקריגען דורך יענעמס אונגליק. איך האָב דאָס אַזוי געוואָלט. און איך מוז ווייטער אָנגעהן דערמיט. איך קען ניט אַנדערש מאַכען.

איהרע רייד האָבען איהם שטאַרק צומישט. ער האָט גוט געפיהלט וואָס עס הייסט צו פערטרייבען יענעם און צו בעקומען דאָס גליק דורך יענעמס אונגליק, דאָך איז ער געווען פול רחמנות אויף איהר און ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— דאָס איז דאָס ערגסטע אין דער וועלט, צו פיהלען דעם צער און וועהטאָג פאַר דעם בייזען וואָס מען האָט אַליין געטהאָן, נאָר אַז איהר גיט זיך אונטער און זאָגט אַז דערפאַר וואָס איהר קענט ניט אַנדערש מאַכען מעגט איהר שוין ווייטער אַזוי טהאָן, דאָס טאָרט איהר נישט. איהר דאַרפט זעהן אויסבעסערען און מעהר אַזוי נישט טהאָן.

— אָבער איהר האָט דאָך קיינעם קיין בייז נישט געטהאָן — האָט זי גיך געענטפערט — אַנדערע האָבען דאָך אייך געטהאָן עולות.

דעראָנדאַ איז אויף אַ מינוט רויט געוואָרען, האָט אָבער שנעל זיך אָנגערופען:

אויב מיר פיהלען זיך שלעכט, דאַרפען מיר פערשטעהן אויך דעם צער פון אַנדערע און וויסען אַז זיי געהען אויך דאָסזעלבע דורך. איהר פערשטעהט מיך?

— איך דענק אַז יאָ — האָט זי געזאָגט. — אָבער איהר זייט דאָך גערעכט. איך בין עגאָאיסטיש. איך האָב זיך קיינמאָל מיט יענעמס געפיהלען נישט גערעכענט אויסער נאָר מיט מיין מוטער'ס. איך האָב קיינמאָל נישט ליעב געהאַט די מענשען. וואָס זאָל איך איצט אָבער טהאָן? אין דער פריה מוז איך אויפשטעהן און טהאָן וואָס יעדער איינער טהוט. איך בין שוין קראַנק און מיעד פון דעם אַלעם. די וועלט איז מיר מיאוס. איהר זאָגט, איך בין אונוויסענד. וואָס קומט אָבער אַרויס אַז מען זאָל וויסען מעהר, ווען דאָס לעבען איז גאָרנישט ווערט?

— דאָס איז גוט. דאָס לעבען וואָלט אייך אָבער פיעל טהייע-

רער געווען ווען איהר וואָלט מעהר געוואוסט און איהר וואָלט זיך נישט אָבגעגעבען אזוי פיעל מיט דעם וועהטאָג פון אייך אליין. אייך איז אזוי שלעכט דערפאַר וואָס איהר האָט גאָר נישט צו טהאָן. איז ניט פאַראַן עפּעס וואָס וואָלט אייך אינטערעסירט צו טהאָן? דאָס וואָלט א סך עגמת נפש אייך פערשפּאָרט. צום ביישפּיעל מוזיק. איהר האָט געזאָגט, איהר ווילט נישט לערנען דאָס פאַר'ן איינענעם געברויך. אויב דאָס וואָס איז אייך אַמאָל ליעב געווען און איהר האָט דאָס געטהאָן, איהר האָט דאָך געלערנט מוזיק, און איהר ווילט דאָס נישט מעהר, וועט דאָך קיין שום נייע זאַך אייך נישט העלפען. איהר קענט זיך נאָר העלפען ווען איהר זאָלט האָבען אַן אידעע אין לעבען, דאָס וועט אייך מאַכען פערגעסען אין אייערע פערזענליכע צרות. פאַראַן ווייניג מענשען אויף דער וועלט וואָס דאָס קומט זיי אַן גאַנץ לייכט און עס איז זיי טאַקי גוט און וואויל. מיר אָבער מוזען שווער ארבייטען, לערנען און ווייסען א סך אום מיר זאָלען נישט נאָכגעהן נאָך די אַפּעטיטען וואָס ערוואַכען ביי אונז גאַנץ אָפט...

— איך וועל פּרובירען, איך וועל טראַכטען וועגען דעם — האָט זי געענטפערט שטיל.

פאַר א מינוט זיינען זיי ביידע געשטאַנען שטיל און גווענדאָלען האָט באַלד ווייטער גערעדט:

— איך בין אזוי עלענד. ווען איך וואָלט געקענט האָבען די מאַמע לעבען זיך וואָלט גוט געווען. דאָס איז אָבער אונמעגליך, אַלץ האָט זיך אין מיין לעבען געביטען פאַר דער קורצער צייט. דאָס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט בענק איך איצט דערנאָך. איך הויב אַן ליעב האָבען די אַלטע זאַכען וואָס פערשווינדען און איך וועל זיי מעהר נישט זעהן. — איהרע ליפּען האָבען געציטערט ווען זי האָט דאָס ארויסגערעדט.

— נעהמט די צרות אַביסעל לייכטער, — האָט ער איהר העפליך געזאָגט. — זאָל עס זיין א לעהרע פאַר אייך און עס וועט אייך גוט זיין. איך ווייס ניט צי איהר וואָלט געקענט אויסמיידען די צרות ווען עס וואָלט אפילו אַנדערש געווען.

— עס איז אָבער זעהר ביטער. איך ציטער פאַר דער מינדס-

טער זאַך. איך האָב מורא פאַר זיך אַליין, ווער ווייס צי איך וועל דאָס לאַנג קענען אויסהאַלטען?

— גוט אַזוי, זאָל איך די שרעק העלפען, אַז איהר זאָלט נישט ווערען ערגער, נאָר בעסער. אייער חרטה און געוויסענסביסע וועלען ברענגען דערצו אַז איהר זאָלט שוין מעהר קיינעם נישט טהאָן קיין בייז. די זינד וואָס איהר זייט בעגאַנגען זאָלען אייך שטענדיג ליגען אין זין, שטעהן שטענדיג פאַר אייערע אויגען און דאָס וועט אייך פערמיידען דאָס נאָכאַמאָל צו טהאָן.

— יאַ, איך ווייס, איך פערשטעה וואָס איהר מיינט — האָט זי מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט — ווען די צרות ווערען אָבער שטאַר־קער און שטאַרקער, גרעסער און גרעסער, ווי אַזוי קאָן איך ווערען בעסער? אַז איך קען זיי דאָך מעהר נישט איבערט־אָגען!

זי האָט נישט געקענט ענדיגען און אין גאַנצען געציטערט. דעראָנדא האָט איינגעזעהן אַז ער האָט צו פיעל געפאָדערט פון איהר. זי וועט אַזוי פיעל נישט קענען איבערטראָגען און ער אַליין האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט דורך איהר. זי האָט געזעהן ווי עה ליידעט און זי האָט זיך אָנגערופען וויי:

— איך פערשאַף אייך עגמת נפש... איך בין אונאַנגענעהם. איהר קענט מיר העלפען. איך ווייס דאָס. איך וועל טראַכטען וועגען דעם וואָס איהר האָט מיר געזאָגט. איך וועל זיך סטאַרען. טהוט אייך נישט וועה, איך בעט אייך, וואָס איך האָב אייך דער־צעהלט פון מיין ביטערער לאַגע? איהר האָט אייגענטליך מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל מיין האַרץ אויפדעקען פאַר אייך. האָט איהר שמערצען דערפון? — האָט זי געפרעגט און אַזוי אומעטיג געשמייכעלט.

— אויב עס וועט אייך העלפען פון אַלעם שלעכטען, פערשאַפט עס מיר נישט קיין עגמת נפש — האָט ער איהר קלאָהר געזאָגט — ווען אָבער נישט, וועט דאָס מיר שטאַרק וועה טהאָן...

— ניין, ניין, איהר זאָלט קיין עגמת נפש נישט האָבען דער־פון. מיר וועט בעסער זייט. מיר זאָל זיין בעסער און עס וועט זיין דערפאַר וואָס איך האָב אייך דערקענט...

זי האָט זיך גיך אווקגעדרעהט און פערלאָזט דאָס צימער. ווען זי איז צוגעקומען צו די שטיגען, איז סער הוגאָ אָנגעקו

מען אין קאָרידאָר און איז אריין אין ליבערערי. גראַנדקאָרט איז ניט געווען. דעראָנדאַ האָט גלייך געלעגט די בריעף און עס איז לייכט געווען צו דערקענען אז ער איז נאָך אונטער דעם איינדרוק פון דער פריהעריגער סצענע.

— איז מאַדאַם גראַנדקאָרט דאָ געווען? — האָט סער הוגאָ איהם געפרעגט.

— יאַ, זי איז דאָ געווען.

— וואו זיינען די איבעריגע?

— איך גלויב אז זי האָט זיי געלאָזען אין מיטען שפּאַציערען.

א ווײַלע האָבען ביידע געשוויגען. סער הוגאָ האָט געקוקט אויף א בריעף און נישט געלייענט. פּלוצלונג האָט ער א זאָג געטהאָן:

— דאַני, איך האָף אז דו שפּיעלסט זיך ניט מיט פייער... דו פערשטעהסט מיך?...

— איך גלויב, אז איך פערשטעה אייך — האָט דעראָנדאַ געענטפערט אונצופרידען — עס איז אָבער דאָ נישט קיין שום פייער. איהר דאַרפט גאָר קיין מורא ניט האָבען.

סער הוגאָ האָט איהם דורכגענומען מיט די אויגען און צו־געגעבען:

— גאַנץ גוט, דו בערוהיגסט מיך. איך האָב אָבער דאָך מורא אז די געשיכטע שמעקט מיט אביסעל פּולווער...

## 24טער קאַפּיטעל.

הגם דעראָנדאַ האָט שטאַרק געוואָלט פאָהרען נאָך לאָנדאָן, זעהן וואָס מיראַ מאַכט און מעהר דערקענען דעם זאָנדערבאַרען מרדכי׳ן, איז ער אָבער דאָך פריהער נישט געפאָהרען ביז סער הוגאָ און די גאַנצע פאַמיליע זיינען אָבגעפאָהרען. ער האָט געפונען זיין פריינד האַנס מייריק וואוינען אין זיינע צימערען, ער האָט דאָך דאָס טאַקע דערוואַרט, עס איז אָבער נישט אינגאַנצען געווען ווי ער האָט געדענקט.

האַנס האָט זיך געהאַט גוט איינגעאָרדענט ביי איהם אין

וואוינונג. די צימערען זיינען געווען פול מיט בילדער און צייכ־נונגען. האנס איז געזעסען און געמאָלען, זיינע בלאָנדע האָר זיינען געווען פיעל לענגער. זיין בלאַסער. לאַנגער פּנים איז נאָך בלאַסער און לענגער געוואָרען פאַר דער צייט, און זיין קול איז אויך עפּעס דינער און איידעלער געוואָרען

אַז דעראָנדא איז אריין. האָבען זיי זיך זעהר דערפרעהט איינער מיט'ן אַנדערען האנס האָט איהם געוויזען זיינע מאָלע־רייען און צייכנונגען און זיך געוויצעלט:

— וועסט זעהן. איך וועל נאָך ווערען אַ גרויסער און בע־ריהמטער מאַן!

דעראָנדא האָט איהם אָבגעענטפערט מיט אַ וויץ און זיי האָ־בען ביידע הארציג געלאַכט

— איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט וועלען זעהן מיין אַר־בייט — האָט האנס געזאָגט — דערפאַר בין איך אהער געקומען דערמיט. איך האָב מיר אָבער שוין געפונען צוויי צימערען אין טשעלסי, ניט ווייט פון דער מאַמע און די שוועסטער און וועל אַלץ באַלד דאָרט אהין נעהמען אַז די צימערען וועלען נאָר ווערען איינגע־אָרדענט. איך האָב אָבער נישט אָבגעלעגט מיין אַרבייט. איך טהו דאָס אונאויפהערליך. וועסט זעהן וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן איך וועל נאָך זיין. די אונשטערבליכקייט שפּראָצט שוין אין מיר...

—האָסט אַ היבשען אַפּעטיט... — האָט דעראָנדא זיך גע־וויצעלט און האנס האָט געוואוסט אַז דעראָנדא ווינשט איהם מיט'ן גאַנצען הארצען ער זאָל ווערען גרויס און בעריהמט.

האנס האָט איהם אָנגעוויזען אויפ'ן בילד און געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו צו דעם?

— דאָס געזיכט איז אביסעל צו מאַסיוו. אזוי אָבער איז עס גאַנץ עהנליך — האָט האנס געזאָגט פּעסט — עס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי אויס. איך געה מאַכען פון דעם דאָס בילד פון בערעני־קא. די אידישע פּרינצעסין. איך מאָל אַ סעריע בילדער פון בע־רעניקען און דו וועסט זיין מיין מאָדעל פאַר דעם אידישען קעניג אגריפּוס, בערעניקע'ס ברודער. אָ. איך האָב גאָר פערגעסען — דו האָסט נישט ליעב צו זיצען און פּאָזירען פאַר אַ מאַלער. איך

האָבען שוין אָבער געפונען א מאָדעל צו מאָלען טיטוס'ען. פינף בילדער מאָל איך. דאָס ערשטע ווי בערעניקע ליגט פאַר געסים פלאָרוס' פיס און האַלט איהם אַרום די קניע און בעט רחמנות אויף די אידען אין ירושלים. דאָס צווייטע, ווי זי שטעהט מיט איהר ברודער אגריפּוס. דעם אידישען קעניג, ביים וואַסער און בעט די אידען זיך אונטערצוגעבען די רוימער. אום זיי זאָלען אין גאַנצען נישט פערטריבען ווערען פון לאַנד. דאָס דריטע בילד וועט זיין ווי אזוי בערעניקע האַפּט צו ווערען די קייזערין פון רוים, ווען זי דערהערט אַז אספּאַסיאַנוס איז געוואָרען קייזער און זיין זוהן טיטוס, איהר געליבטער. וועט זיין זיין נאָכפאָלגער.

— דאַרפסט אויפשרייבען אויפ'ן בילד, אַז זי דענקט אזוי, אַז ניט וועט קיינער דאָס נישט וויסען... — האָט דעראָנדאַ זיך געוויצעלט.

— זאָרג זיך ניט, מענשען וועלען שוין פערשטעהן, און די וואָס וועלען ניט וועלען איינזעהן אַז זיי זיינען אונוויסענד — האָט האַנס געענטפערט. — דאָס פיערטע בילד וועט זיין ווי טיטוס שיקט זי אַרויס פון רוים נאָכדעם ווי זי איז געווען זיין געליעבטע צעהן יאָהר.ביידע זיינען זיי פערזאָרגט און אומעטיג.

— וועסט מאָלען בערעניקען ווי א פופציג יאָהריגע פרוי? — האָט דעראָנדאַ געפרעגט. — זי איז דאָך אזוי אַלט געווען דעמאָלט?

— ניין, איך וועל נאָר מאַכען עטליכע קנייטשען אויף איהר געזיכט צו צייגען אַז זי איז אביסעל עלטער. שעהנע ברונעטקעס ווערען נישט אזוי גיך אַלט. אָבער דאָס פינפטע בילד איז זעהר אינטערעסאַנט. בערעניקע זיצט אויף די רואינעס פון ירושלים, אַן עלענדע און פערלאָזענע. אזוי האָט דאָס געדאַרפט זיין, כאָטש אין דער היסטאָריע ווערט דאָס ניט דערצעהלט. קוק, ווערסטו זעהן ווי איך האָב געמאַכט די צייכנונגס פלענער.

— גוט, עס וועט זיין זעהר שעהן, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט.
— ביזט זעהר פלייסיג. איז עס דיר ערשט נישט לאַנג איינגעפאַ־לען?

— אָ, שוין לאַנג. איך האָב געזעהען א וואונדערבאַר־שעהנע אידישע פרוי אין איטאַליען, און דו ווייסט דאָך אַז די שעהנסטע

פרויען זיינען די אידישע — האָב איך געוואָלט מאָלען איהר בילד און עס איז מיר איינגעפאַלען דער געדאַנק פון בערעניקען.

— וועסטו זי מאָלען אַלס בערעניקע? — האָט דעראָנדא געפרעגט, און די גאַנצע צייט האָבען ביידע מירא׳ס נאָמען נישט דערמאָנט.

—אָ, ניין, — האָט האַנס געזאָגט — פאַר בערעניקען מוז זיין די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט, און איך האָב שוין געפונען אזא פרוי היינט דאָ אין לאָנדאָן.

— ווייסטו אז זי וועט וועלען פאָזירען אַלס אזא פרוי ווי בערעניקע? — האָט דעראָנדא געפרעגט עפּעס ווי אונצופריעדען.— איך גלויב אז דאָס דאַרף איהר עקלען. ווייס זי וואָס דו טהוסט?

— געוויס. זי האָט דאָך געמוזט זיך אָוועקזעצען און פאָזירען. די מאַמע האָט פאַרגעשטעלט געסוס פלאָרוס און מירא האָט ארומגענומען איהר קניע. — האַנס האָט זיך איינגעקוקט אין דעראָנדא׳ן און געוואָלט זעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד האָבען געמאַכט אויף איהם.

— איך דענק אז זי ווייס גאָרנישט וואָס פאַר א פרוי בערעניקע איז געוועזן, — האָט דעראָנדא בייז געזאָגט, נישט וויסענדיג אליין פאַר וואָס.

— אָ, זי ווייס. בערעניקע איז געווען געטריי איהר פאָלק און לאַנד. נאָר צוליעב איהר ליעבע און אמביציע איז זי אָוועק מיט דעם גרעסטען שונא פון איהר פאָלק. מירא האָט גרויס רחמנות אויף בערעניקע׳ן ווען זי שטעלט זיך פאָר ווי עלענד בערעניקע איז געזעסען אויף די רואינען פון ירושלים. איך האָב איהר נישט געוואָלט אויסזאָגען אז דאָס איז נישט פערשריבען אין דער געשיכטע, נאָר איך האָב עס אַליין אויסגעטראַכט.

— וועיז מיר דאָס בילד פון דיין איטאַליענערין — האָט דעראָנדא געזאָגט, וועלענדיג איבערגעהן אויף אַן אנדערן שמועס.

— נעהם דעם פאַק, וועסט עס דאָרט געפינען — האָט האַנס געזאָגט.

— אָ, די אַלע האָב איך דאָך שוין געזעהן נאָך אין אוניווערזיטעט — האָט דעראָנדא זיך געוואונדערט — וואו האָסטו עס?

— דאָרט אין מיטען, וועסטו געפינען, אלץ ליעגט צוזאמען,— האָט האַנס געזאָגט.

— אָ, דאָס איז עס, דענק איך! — האָט דעראָנדאַ אויסגע־רופען, האַלטענדיג אַ צייכנונג אין האַנד.

— זי האָט מיך נישט צופרידען געשטעלט, האָב איך מיר געפונען אַן אַנדערע — האָט האַנס געענטפערט.

דעראָנדאַ איז געשטאַנען שטיל אַ ווייל, באַלד איז ער צו־גאַנגען צו איהם נעהענטער און געזאָגט:

— אפשר טרייב איך אַביסעל איבער מיט מיין שרעק. איך בעט דיך אָבער, גיב אויף דעם גאַנצען פּלאַן.

— וואָס? מיין גאַנצע סעריע בילדער? מיין אונשטערבליכע בערעניקע זאָל איך אויפגעבען? — האָט האַנס טראַגיש געשריען— בעטראַכט דיך וואָס דו זאָגסט, איך זאָל מיין לעבען צושטערען?

— דו מעגסט דיר מאָלען אַזוי פיעל בערעניקעס וויפיעל דו ווילסט נאָר — האָט דעראָנדאַ געזאָגט מיט אַ שמייכעל איבער זיין שרעק — איך וויל נאָר אַז דו זאָלסט דיר אויסזוכען אַן אַנדער מאָדעל.

— פאַרוואָס? — איז האַנס אויפגעשפּרונגען.

— ווייל עס איז מעגליך אַז מען זאָל אויף די בילדער דער־קענען ווער עס איז געווען דער מאָדעל. דיין מאַמע און איך זיי־נען פאַראינטערעסירט אַז זי זאָל בעקאַנט ווערען אַלס גוטע זינ־גערין. זי וויל האָך ווערען אונאַבהענגיג. זי האָט וואונדערבאַרע מעגליכקייטען. מיט עטליכע רייכע דאַמען האָב איך זי שוין בע־קענט. איך וויל אויך רעדען מיט קלעזמער'ן וועגען איהר. איהר פּנים וועט ווערען זעהר בעקאַנט. אָבער וואָס וועט אייגענטליך העלפען מיין גאַנצער רעדען אויב דו פיהלסט נישט אַזוי ווי איך? איך גלויב אַז ווען מיראַ זאָל זיין בעקאַנט מיט דער גאַנצער גע־שיכטע וואָס דו ווילסט טהאָן וואָלט זי געווען שטאַרק דאַגעגען, זי וואָלט ניט וועלען זיין אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען אויף אַזאַ אופן. זי וואָלט ניט וועלען זיין אַ מאָדעל פאַר אַ העלדין פון דעם סאָרט וואָס בערעניקע איז געווען.

האַנס האָט זיך איינגעהערט און איז געוואָרען שטאַרק איבער־ראַשט. ווען ער וואָלט נישט אַזוי ליעב געהאַט דעראָנדאַ'ן וואָלט

ער איהם אויסגעלאַכט גלייך אין פּנים אריין. אז ער האָט אָבער געזעהען ווי עהרליך און נאַאיוו דעראָנדאַ רעדט צו איהם האָט ער געזאָגט:

— האָסט אַ טעות, דניאל, איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט אויסצושטעלען די בילדער אז אַלע זאָלען קומען און זיי בעקוקען. זיי וועלען בלייבען בעהאַלטען ביי מיר, אויב דו ווילסט, אַזוי אַז קיין לעבעדיגער מענש וועט זיי נישט זעהן.

דעראָנדאַ איז געשטאַנען שטיל און איז נישט געוועזן בערו־היגט. צי ער איז שולדיג אין דער אונרוהיגקייט, אָדער האַנס, האָט ער אַליין נישט געוואוסט. האַנס איז צוריק געגאַנגען מאָלען און פיהלענדיג אז ער איז דער גערעכטער, האָט ער זיך אָנגערופען:

— און לאָמיר זאָגאַר אָננעהמען אז פיעלע מענשען וועלען לויפען אָנקוקען די בילדער, זעה איך אויך נישט קיין בייז אין דעם. יעדער קינסטלער מאָלט נאָר דאָס בילד פון דער פּערזאָן וואָס איז איהם טהייער. אין דעם בילד גיט ער איבער אַ טהייל פון זיין נשמה. וואָס פּאַר אַ שלעכטס איז דאָ אין דעם אויב מיראַ'ס גע־זיכט געפעלט מיר צו מאָלען זי?

— דו קענסט אויף יעדער זאַך געפינען אַ תירוץ, — האָט דעראָנדאַ געזאָגט. — ווען איך זאָל זאָגאַר נאָכגעבען דיינע טענות בין איך דאָך גערעכט מיט דעם וואָס איך זאָג אַז דו זאָלסט נישט מאָלען מיראַ'ן אַלס בערעניקע. און זאָגאַר ווי דו זאָגסט אַז דו וועסט נישט אויסשטעלען די בילדער טאָרסטו זי אַלץ גיט בענוצען אַלס מאָדעל. זי איז נאָך נישט זיכער מיט זיך, זי איז נאָך אַבהענ־גינג פון אַנדערע. מיר דאַרפען זי אָבהיטען ווי די אויגען פון קאָפּ קיין פלעק זאָל אויף איהר נישט פאַלען. קיין זאַך זאָל איהר נישט וועה טהאָן, האָסטו וועגען דעם אַלעם געטראַכט, האַנס? איך האָב זי געפונען און בין פערפליכטעט זי אויסצוהיטען. פער־שטעהסטו מיך?

— איך פערשטעה דיך — האָט האַנס געזאָגט מיט אַ לעבע־דיגען שמייכעל. — דו האַלסט מיך פאַר אַזאַ טויגעניכטס אַז מען קען מיר קיין זאַך ניט פערטרויען? צו אַלעס, וואָס איך ריהר זיך צו, ווערט געשעדיגט. פון זינט איך בין געבאָרען געוואָ־רען בין איך נישט מזל'דיג און צו וואָס איך ריהר זיך צו איז

אָדער עס איז שלעכט פאַר מיר, אָדער פאַר אַנדערע. איצט אָבער בין איך ווי ניי געבאָרען. איך בין אַ קינסטלער, און אויב דו דענקסט אַז איך בין פערליעבט אין מיראַ'ן ביז איבער די אויער'ען, האָסטו אויך געטראָפען, איך בין טאַקע אין איהר פערליעבט זעהר שטאַרק. דו מיינסט אָבער אַז איך וועל שרייען וועגען דעם, דער־צעהלען און אַלע קאַליע מאַכען, מאַכסטו אַ טעות. איך בין גאָר אַן אַנדער מענש איצט. פרעג מיין מוטער, וועסטו הערען.

— דו ווילסט גאָרנישט אַ טראַכט טהאָן וועגען אַ האָפנונגס־לאָזער ליעבע? — האָט דעראָנדאַ שטילער געזאָגט, און האַנס האָט גערעדט אַלץ העכער:

— איך וויל דאָס נישט אָנרופען אַ האָפענונגסלאָזע ליעבע...

— מיין טייערער האַנס, דו געהסט נאָר ברענגען אויף דיר צרות — האָט דעראָנדאַ פעסט געזאָגט. — זי וועט נישט חתונה האָבען מיט אַ קריסט, ווי שטאַרק זי זאָל איהם ניט ליעב האָבען. האָסטו אַמאָל געהערט ווי זי רעדט וועגען איהר פאָלק און רעליגיאָן?

— אָ, דאָס איז גאָרנישט. זי וועט דאָך נישט געפינען קיין איין איד וועלכען זי זאָל קענען פערטראָגען. ווער קען זיי ליידען, די אידען מיט זייערע נעזער?

— זי וועט פילייכט געהן צו איהר פאַמיליע, זי בענקט דאָך אַזוי שטאַרק נאָך דעם און אפשר זיינען איהר מוטער און ברודער פרומע אידען.

— וועל איך זיך מגייר זיין, אויב זי וועט דאָס פון מיר פער־לאַנגען — האָט האַנס געזאָגט און זיך צולאַכט.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטען, האַנס — האָט דעראָנדאַ זיך געבייזערט — איך האָב געמיינט אַז דו האָסט זי ערנסט ליעב, און דו וויצעלסט זיך גאָר!

איך ליעב זי טאַקע גאַנץ ערנסט, דו מיינסט איך וויצעל זיך? האָסט אַ טעות. איך האָב אויך גרויסע האָפענונגען אויף איהר.

— איך וויים גאָרנישט, איך קען גאָר ניט ריידען וועגען דעם וואָס האָט אפשר פאַסירט, און איך וויים נישט — האָט דעראָנדאַ געזאָגט. — מיר מוזען שטענדיג זיין גרייט פאַר אַי־בעררּאַשונגען. איך קען מיר אָבער זעהר שווער פאָרשטעלען אַ

גרעסערע איבערראַשונג ווי דאָס אַז מירא זאָל דיר האָבען געגעבען די מינדסטע געלעגענהייט צו האָפען אויף איהר ליעבע.

דעראָנדאַ האָט דאָס געזאָגט, און ער איז אַליין אין כעס געוואָרען אויף זיך וואָס ער רעדט אַזוי שאַרף צו איהם.

— איך זוך נישט די האָפנונגען און די געפיהלען פון אַ פרוי — האָט האַנס געזאָגט. — איך פערשטעהע דאָס מיט'ן שכל, און פון גאָט איז דאָס בעשערט אַז איך און מירא זאָלען זיך ליעב האָבען. די נאַטורען וואָס זיינען געגענגעזעצט האָבען זיך שטענדיג ליעב, און איך בין פונקט דער היפוך פון מירא'ן: איך בין אַ קריסט וואָס קען גאָר ניט זינגען, טאָ ווער האָט נאָך אַ בעסערע געלעגענהייט, ווי איך?

— נאַ, איך זעה די גאַנצע געשיכטע איז נאָר אַ וויץ ביי דיר, דו מיינסט גאָרנישט וואָס דו זאָגסט, האַנס — האָט דעראָנדאַ ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף האַנס' אַקסלען און גערעדט דערפרעהט — און איך, נאַר, האָב גערעדט אַזוי ערנסט.

— ביי מיין עהרען־וואָרט, איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט — האָט האַנס געזאָגט, ארויפלייגענדיג זיין האַנט אויף דעראָנדאַ'ס פלייצע און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען. איך האָב דיר דאָס געוואָלט דערצעהלען באַלד ווי דו ביזט געקומען. איך בין זיך מודה. די מאַמע זאָגט אַז דו ביזט מירא'ס בעשיצער און צו דיר איז זי פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלעם וואָס קומט מיט איהר פאַר ביי אונז. איך האָב זי ליעב, איך פערגעטער זי, איך וויל זי קריגען און וויל ווערט זיין זי צו האָבען.

— מיין טייערער, עס קען נישט זיין — האָט דעראָנדאַ געזאָגט.

— איך וועל פרובירען.

— עס איז אפשר נישט גאַנץ פיין פון מיין זייט וואָס איך רעד אַזוי צו דיר — האָט דעראָנדאַ בעשטעטיגט — עס איז אָבער נישט אונפיין ווען איך וואָרען דיך פאָראויס אַז דו האָסט צו הויכע פאַנטאַזיעס, דו שטרעבסט צו אַזעלכעס וואָס דו וועסט נישט קענען דערגרייכען.

— ווען וועט דאָס אָבער שאַדען, אַ חוץ מיר? — האָט האַנס גע'טענה'ט — איך וועל מירא'ן קיין וואָרט נישט זאָגען

ביז איך וועל נישט זיין זיכער אז זי וועט איינשטימען. איך וועל אָבער בעסער שפּיעלען מיט איהר און פערשפּיעלען איידער ביי אַן אַנדערע געווינען. איך טרינק נישט קיין וויין, לאָז מיך כאָטש טרינקען פון בעכער פון האָפנונג...

— מיט מיין גאַנצען הארצען, אויב דו מיינסט אז דאָס איז גוט פאַר דיר — האָט דעראָנדאַ אָראָבגענומען זיינע הענד פון איהם און גערעדט גאַנץ פריינדליך. אין הארצען האָט ער אָבער גאָר אַנדערש געפיהלט.

דעראָנדאַ'ן האָט באַנג געטהאָן פאַרוואָס ער האָט אַזוי גערעדט צו האַנס'ן. עס איז איהם איינגעפאַלען אז האַנס קען זיך טראַכטען דאָס ווייל ער אַליין האָט ליעב מיראַ'ן לאָזט ער איהם נישט צו. ער איז שטאַרק רויט געוואָרען פאַר זיך אַליין טראַכטענדיג וועגען דעם. אַמאָל איז ער געווען אַזוי איבערגעגעבען און געטריי האַנס'ן, ער איז געווען זיין פריינד און לעהרער און וואָס טראַכט איצט האַנס פון איהם.

און כאָטש דעראָנדאַ איז זיכער געווען אז האַנס' האָפענונג איז אומזיסט, דאָך האָט ער נישט געפיהלט גאַנץ זיכער אין דעם. ווער ווייס, אפשר וועט זיך מיראַ טאַקע בייטען אָדער זי האָט זיך שוין געביטען און זי וועט איינגעהן אויף האַנס'עס פאָרשלאָג.

און טראַכטענדיג אַזוי האָט ער געפיהלט אז זיין פריינדשאַפט צו האַנס'ן איז שוין נישט די וואָס אַמאָל.

ווען דעראָנדאַ איז געקומען אין טשעלסי צו פרוי מייריק, האָט איהם פערדראָסען וואָס ער קען נישט מיטהאַלטען די פרייד פון דער מוטער וועגען איהר איינציגען זוהן, ווי ער פלעגט דאָס טהאָן אַמאָל. מיראַ האָט אויסגעזעהן פיעל לעבעדיגער און דאָס ערשטע מאָל זייט ער האָט זי געקענט האָט ער זי דאָס מאָל געהערט לאַכען. דאָס איז געווען ווען זיי האָבען גערעדט וועגען האַנס'ען. האַנס איז נאַטירליך געווען דאָס ערשטע וואָס פרוי מייריק האָט אָנגעהויבען שמועסען וועגען איהם און מיראַ האָט געוואָלט וויסען אויב דעראָנדאַ האָט געזעהן ווי האַנס מאַכט נאָך פערשיעדענע מענשען און בייט אפילו נישט זיינע קליידער.

— ער געהט איבער פון איין כאַראַקטער צום צווייטען אין איין אויגענבליק, איהר בעמערקט דאָס נישט זאָגאַר — האָט מיראַ

געזאָגט לעבהאפט, — ער איז אזוי וואונדערבאר שנעל. איך האָב קיינמאָל נישט ליעב געהאט קיין קאָמיקער אויף דער ביהנע, ביי זיי קומט דאָס אוים אזוי לאַנגווייליג. הערר האַנס אָבער מאַכט דאָס אַלץ אין איין מינוט. אָט איז ער אַלט, אָט איז ער יונג, דאָ איז ער רייך, באלד איז ער אָרים. איך לאַך אזוי פיעל. — אז זי האָט דאָס געזאָגט האָט זי אביסעל געלאכט און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ געזאַנג.

— איידער האַנס איז געקומען האָבען מיר נישט געגלויבט אַז מירא קען לאַבען — האָט פרוי מייריק געזאָגט, זעהענדיג ווי דעראָנדאַ קוקט אזוי שטאַרק אויף מירא׳ן און בעוואונדערט זי.

— האַנס אַליין איז גאַנץ לעבעדיג די לעצטע צייט און עס איז קיין וואונדער נישט וואָס איהר האָט אַלע אויפגעלעבט — האָט דעראָנדאַ צוגעגעבען.

— זייט ער איז אהיימגעקומען זעה איך אַז ער איז אַ טייער קינד — האָט זי געזאָגט, און זיך געטראַכט: הלואי זאָל ער שטענדיג אזוי זיין.

— עס איז אַ גרויס גליק צו זעהן אַ זוהן און אַ ברודער קומען צוריק אין זיין ליעבער היים — האָט מירא זיך אָנגערופען. — איך הער זיי דערצעהלען איינער דעם אַנדערן ווי אזוי זיי האָבען זיך געפיהרט ווען זיי זיינען נאָך געוועזען קליין. עס איז אַ ברכה פון גאָט צו האָבען אַ מאַמע און אַ ברודער און מיט זיי אַזוי צו שמועסען. איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געהאַט.

— און איך אויך נישט — האָט זיך דעראָנדאַ ארויסגעכאַפּט נישט ווילענדיגערהייט.

— ניין? — האָט מירא געפרעגט מיט מיטלייד, — איך וואָלט אזוי געוואָלט אַז איהר זאָלט דאָס יאָ האָבען, איך וואָלט געוואָלט אַז איהר זאָלט האָבען אַלדאָס גוטס.

די לעצטע ווערטער האָט מירא געזאָגט אין אזאַ טאָן אַז דע־ראָנדאַ׳ן האָט זיך אויסגעוויזען ווי אַ תפלה צו גאָט. זי איז געשטאַ־נען און געקוקט אויף איהם. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן שטול און געקוקט אויף איהר. ער האָט זי דורכגענומען אין גאַנ־צען און געוואָלט וויסען צי האַנס האָט זי צוגעצויגען צו זיך אָדער נים. ער האָט געזעהן אַז זי האָט זיך גאַרנישט געביטען, זי פרעהט

זיך נאָר מיט יעדער נייער ערשיינונג און רעדט וועגען דעם, פּונקט ווי אַ קליין מיידעלע וואָס מען האַלט אין קלאַס פערשלאָסען און מען לאָזט זי קיין איבריג וואָרט נישט אויסרעדען. נאָר אַז זי קומט אַהיים רעדט זי וויפיעל איהר האַרץ גלוסט. ווען עס איז זי ניט צו פערדענקען. דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען גע־פינט זי זיך צווישען מענשען צו וועלכע זי קען האָבען צוטרוי. זי האָט דאָך געהאַלטען דעראָנדאַ'ן ווי אַ מלאך פון גאָט, האָט זי זיך נישט געהיט פאַר איהם און אַלץ גערעדט אָפען. איצט אַז זי האָט דערהערט אַז דעראָנדאַ'ס מזל איז נישט בעסער פון איהר אייגענעם האָט עס איהר שטאַרק געוואונדערט און זי האָט איהם זעהר שטאַרק בעדויערט. באַלד האָט זי אָבער ווייטער גערעדט:

— הערר האַנס האָט נעכטען דערצעהלט, אַז שטענדיג זאָרגט איהר זיך נאָר פאַר אַנדערע מענשען און עס בלייבט אייך גאָרנישט פאַר זיך אַליין. ער האָט אונז דערצעהלט אַ וואונדערשעהנע גע־שיכטע וועגען בודאַ'ן וועלכער האָט זיך געלאָזט אויפעסען פון אַ הונגעריגע טיגערין מיט איהרע טיגערלעך. הערר האַנס זאָגט אַז איהר זענט פּונקט ווי בודאַ. מיר אַלע דענקען פון אייך אַזוי.

— דענקט נישט אַזוי פון מיר, איך בעט אייך — האָט דעראָנ־דאַ געזאָגט אַביסעל אויפגערעגט — ווען עס זאָל אפילו זיין אמת אַז איך טראַכט אַ סך פאַר אַנדערע הייסט דאָס נאָך נישט אַז איך אַליין האָב קיינע פערלאַנגען נישט. ווען בודאַ האָט זיך געלאָזט אויפעסען פון דער טיגערין מוז ער אַליין געוועזען זיין זעהר הונגעריג...

—עס קען זיין ווייל ער איז שיער געשטאָרבען פון הונגער האָט איהם ניט געאַרט וואָס די טיגערין עסט איהם אויף — האָט מאָב געזאָגט שטיל, און זיך פערשעהמט.

— אָ, טראַכט נישט אַזוי, דאָס נעהמט צו די שעהנקייט פון דער טהאַט — האָט מירא געזאָגט.

— מירא, ווי איז אָבער אַז עס איז טאַקע אַזוי? — האָט איימי זיך אָנגערופען. — דענקסטו אַז אַלץ וואָס איז שעהן איז אויך אמת?

— יאָ, אַזוי איז עס טאַקע — האָט מירא געענטפערט — אויב מענשען האַלטען עפּעס פאַר שעהן און גוט איז עס אויך אמת.

— מירא, וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט איימי געפרעגט.

— איך פערשטעה זי — האָט איהר דעראָנדא ארויסגעהאָלפען. — יעדע שעהנע אידעע איז אמת כאָטש זי איז נאָך ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. עס לעבט אַלס אַן אידעע. איז דאָס ריכטיג?

— האָט ער זיך געווענדעט צו מירא'ן וואָס האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע שעהנע און ליעבע אויגען.

— עס מוז זיין אַזוי, ווייל איהר פערשטעהט מיך — האָט מירא בעשטעטיגט — נאָר איך קען דאָס נישט אַזוי גוט ערקלערען.

— איז דאָס אָבער ריכטיג געווען פון בודא'ן וואָס ער האָט זיך געלאָזט אויפעסען פון דער טיגערין? — האָט איימי געפרעגט. — דאָס איז דאָך אַ שלעכטע לעהרע פאַר די מענשען.

— די וועלט וועט דאָך פול ווערען מיט פעטע טיגערינס — האָט מאַב צוגעגעבען.

דעראָנדא האָט זיך צולאכט. ער האָט געוואָלט זיי ערקלערען וואָס דאָס מיינט, האָט זיך אָבער מירא פּלוצלונג אָנגערופען ווי זי וואָלט דעם לעצטען שמועס נישט געהערט:

— איך דענק אַז איצט וועל איך עס קענען ערקלעהרען, ווען אַ גוטער געדאַנק קומט אונז אין זין אריין איז עס פּונקט אַזוי ווי מיין מוטער איז געווען צו מיר. מיין מאַמע איז שטענדיג מיט מיר און איך זעה זי שטענדיג, פּונקט ווי איך זעה די מענשען ארום מיר, און אָפט זעה איך זיי נאָך בעסער.

דעראָנדא האָט אַ ציטער געטהאָן הערענדיג איהרע רייד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן עזרא קאהן'ס מוטער, און ער האָט וועגען איהר גאָר אַנדערש געטראַכט ווי מירא. ער האָט געוואָלט אַראָפּ פון דעם שמועס און ער האָט געזאָגט:

— לאָמיר נישט צו ווייט אַוועק פון פּראַקטישען לעבען. איך בין געקומען דערצעהלען וועגען אַ געשפּרעך וואָס איך האָב נעכטען געהאַט, וואָס וועט זיין פון גרויס נוצען פּאַר מירא'ן. איך האָב גערעדט מיט הערר קלעזמער, דעם בעריהמטען פּיאַניסט.

— אָ, איהר דענקט אַז ער וועט איהר העלפען? — האָט פרוי מייריק זעהר צופרידען געפרעגט.

— איך האָף אַזוי. ער איז זעהר פערנומען, ער האָט מיר אָבער צוגעזאָגט בעשטימען אַ צייט ווען ער וועט אויפנעהמען

פריילײן לפידות און הערען זי זינגען, אויב זי וועט נאָר ווינשען. יא, מיר מוזען זי פון היינט אָן רופען פריילײן לפידות — האָט דעראָנדאַ געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען — האָט מירא געזאָגט. — ער וויל מיך פריהער הערען זינגען, ער זאָל וויסען צו עס לוינט זיך מיר צו העלפען.

דעראָנדאַ'ן האָט געוואונדערט איהר איינפאַכקייט און נאאי־ווער פערשטאַנד, און ער האָט זי געפרעגט:

— איך דענק אַז עס וועט אייך נישט זיין צו שווער צו געהן מיט פרוי מייריק צו קלעזמער'ן?

— געווים נישט, איך בין געוועהנט דערמיט. פיעל מאָל האָ־בען מיך מענשען געהערט זינגען. און איך בין שוין אויך גענוג שלעכטס אויסגעשטאַנען, איך בין אויף אַלעם גרייט. איז דער הערר קלעזמער זעהר אַ שטרענגער?

— ער איז אַ מאָדנער, איך קען איהם נישט גענוג צו רופען איהם אַ שטרענגער. איך ווייס נאָר אַז ער איז אַ גוט הארציגער, ער פיהרט זיך אויף זעהר גוט, כאָטש אין רעדען איז ער נישט אַזוי ליעב און גוט.

— איך בין געוועהנט צו שטרענגקייט מעהר ווי צו לויב — האָט מירא געזאָגט.

— הערר קלעזמער איז טאַקי זעהר שטרענג — האָט דעראָנדאַ צוגעגעבען — ער האָט אָבער אַ שטענדיגען שמייכעל אין זיינע אויגען. ער געהט אָבער איןברילען און איהר וועט קוים קענען זעהן דעם שמייכעל.

— איך וועל זיך ניט שרעקען — האָט מירא געזאָגט — ער זאָל אפילו שרייען ווי אַ לייב, וויל ער דאַרף נישט מעהר ווי איך זאָל זינגען. איך וועל טהאָן דאָס וואָס איך קען.

— איך בין זיכער אַז אייך וועט ניט אַרען ווען מאַדאַם מאַ־לינדזשער וועט אייך איינלאַדען צו זיך אין הויז — האָט דעראָנדאַ געזאָגט. — דעם נעקסטען מאָנאַט וועט זי אייך פערבעטען. און רייכע דאַמען, וואָס ווילען געבען זייערע טעכטער צו אייך צו לער־נען, וועלען אויך דאָרט זיין.

— ווי גיך דאָס געהט ביי אונז — האָט פרוי מייריק זיך אָנ־

גערופען אַ צופרידענע. — מירא, האָסט זיך נישט געריכט אַזוי שנעל צו קומען צו דיין ציעל.

— איך האָב אַביסעל מורא צו הייסען „לפידות“ — האָט מירא געזאָגט. — קען איך אפשר הייסען „קאהן“?

— איך פערשטעה אייך — האָט דעראָנדא געזאָגט. — איהר קענט אָבער נישט הייסען „קאָהן“, דער נאָמען פּאַסט זיך ניט פאַר אַ זינגערין. עס איז טאַקע אַ נאַרישקייט, מיר קענען אָבער אַנדערש ניט. מיר וואָלטען אייך געקענט אויסקלייבען אַן אַנדער נאָמען, ווי געוועהנליך אַרטיסטען פיהרען זיך — אַן איטאַליעני־שען אָדער אַ שפּאַנישען נאָמען, אַזאַ נאָמען וואָס זאָל אייך פּאַסען.

דער נאָמען קאָהן האָט אָבער דעראָנדאַ'ן זעהר ניט געשמעקט. מירא האָט געטראַכט אַביסעל און געזאָגט:

— ניין, אויב איך קען נישט הייסען קאָהן וועל איך זיך שוין רופען מיט דעם נאָמען וואָס איך בין געוועהנט, „לפידות“. איך וועל זיך נישט בעהאַלטען. איך האָב פריינד וואָס וועלען מיך בע־שיצען. און ווען מיין פאָטער וואָלט איצט זעהר אָרעם געוועזען און ער וואָלט געבעטען פון מיר שטיצע? ניין! — האָט זי געזאָגט קוקענדיג אויף פרוי מייריק — ער וואָלט דאָך געוויינט און וואָלט נישט געהאַט ווער עס זאָל איהם מיטפיהלען. קען איך זיך דעמאָלט בעהאַלטען פון איהם? ער האָט דאָך נישט קיינעם, אויסער מיך. אַלע, וואָס האָבען געזאָגט אַז זיי זיינען איהם פריינד, האָבען דאָך איהם פערלאָזט.

— טו ווי דו פיהלסט אַז עס איז גוט, מיין טהייער קינד — האָט פרוי מייריק געזאָגט — איך וואָלט דיר נישט געראַטהען אַנ־דערש טהאָן.

זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין רחמנות אויף אַזאַ פאָטער און וואָלט איהם געלאָזט וויינען.

— איך האָב נישט גוט געטהאָן וואָס איך בין בייז געוועזען אויף האַנסען—האָט דעראָנדאַ זיך געטראַכט. וואָס קען ער זיך העל־פען אויב ער האָט זי ליעב? עס איז אָבער נאַריש פון איהם צו טראַכ־טען אַז ער וועט זי בעקומען. ער מעג זיך איינפאַך שעמען וואָס איהם איז גאָר איינגעפאַלען אַז זי וועט איהם אַמאָל ליעב האָבען...

דעראָנדאַ'ן אַליין האָבען די אַלע געדאַנקען גאָרנישט געהאָל־

פען, ער האָט פּלוצלונג איינגעזעהן אז ער האָט נישט קיינעם, נישט קיין ברודער, נישט קיין גוטען פריינד, ער איז עלענד, ער האָט נישט קיינעם פאַר וועמען ער זאָל אָראָפּרעדען זיין הארץ, און זיין הארץ איז דאָך איצט אזוי פול ,פול איבער די ברעגען. ווער ווייס וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט איהם ברענגען? אפשר וועט ער פּלוצלונג זיך דערוויסען דעם סוד פון זיין לעבען און אלץ וועט זיך בייטען, זיין גאַנץ לעבען וועט זיך פערענדערען ווי ער וואָלט זיך גאָר קיינמאָל ניט געריכט. אוי, ווען עס וואָלט עמי־צער געקומען און איהם געזאָגט וואָס זיין סוף וועט זיין! ווער ווייס צו וואָס ער וואָלט זיך דעמאָלט דאַרפען נעהמען ,ווען ער וועט זיך דערוויסען דאָס געהיימניס פון זיין לעבען?

די לעצטע צייט ווען ער האָט זיך געוואָלט איינאָרדנען און זיך געהמען צו עפּעס, האָט ער אָבער מורא געהאַט צו טהאָן די מינדס־טע זאַך, וואָס ווייס ער, טאָמער וועט ער שפּעטער מוזען אלץ אָנ־הויבען אויפס ניי?

ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט דעם אַלטען סער הוגאָ מאַלינד־זשער, ער האָט געטהאָן אלץ וואָס ער האָט איהם געזאָגט. ער איז אָבער מיט דער גאַנצער ארבייט נישט צופרידען געווען. ער האָט דאָס נאָר געטהאָן אויס ליעבע צו דעם פעטער. ער האָט אָפּט מאָל מורא געהאַט אז די גאַנצע ארבייט וועט איהם מיאוס ווערען, ער וועט דעם פעטער אויפהערען ליעבען.

דעראָנדאַ האָט נישט געוואָלט אויסגעפינען זיין פאָטער און מוטער ווייל ער האָט געוואָלט דורך זיי רייך ווערען און זיין אַן ענגלישער אריסטאָקראַט, אַ לאָרד; ניין, נישט צוליעב דעם, ער האָט נאָר געוואָלט האָבען אַ טאַטע און אַ מאַמע. טאַטע און מאַמע זיינען געווען די צוויי צויבער־נעמען וואָס האָבען איהם אזוי גע־צויגען צו זיך און אָנגעצונדען זיין הארץ מיט אַ שטאַרק פייער, אַ פייער פון הימעל וואָס קיין מענש קען עס ניט פערלעשען.

פיעל מאָל אז ער האָט געהערט ווי עמיצער זאָגט „טאַטע" אָדער „מאַמע" איז איהם דאָס פּנים רויט געוואָרען און געברענט ווי אַ העליש פייער.

און ווער ווייס, אפשר ווען דעראָנדאַ וואָלט געפונען אַ מענ־שען, אַ פריינד וואָס ער וואָלט געקענט אָראָפּרעדען דאָס הארץ פאַר

איהם, וואָלט ער זיך פיליייכט געוועזן בערוהיגט. פון אייביג אָן האָט דעראָנדאַ בעשיצט אַנדערע אין דער צייט ווען ער אַליין האָט געדאַרפט אַ בעשיצער. פיעל מאָל האָט ער אַזוי געזוכט אַ מענ־שען וואָס זאָל איהם קענען זיין נאָהענט און ער האָט נישט געקענט געפינען. ער האָט געזוכט אַ מענשען וואָס זאָל זיין יונג ווי ער און זאָל האָבען איבערגעלעבט אַ סך צרות און זאָל קענען שוויי־גען, ער זאָל נישט זיין נידריגער פון איהם, און ער האָט אַזאַ מענש נישט געפונען, און ער האָט פערלאָרען די האָפענונג אַז ער וועט אַמאָל ווען עס איז יאַ געפינען.

## 25טער קאַפּיטעל.

מרדכי'ס בילד איז טיעף איינגעקריצט געוועזן אין דעראָנדאַ'ס הארץ און ער האָט עס נישט געקענט פערגעסען. מרדכי האָט איהם צוגעצויגען צו זיך און ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס דער דארער, קראַנקער איד מיט אַ פּנים פון אַ שווינדזיכטיגען האָט איהם ניט אָבגעלאָזען אויף אַ מינוט. דאָך האָט עפּעס דע־ראָנדאַ ניט געפיהלט אַז ער פּאַסט זיך צו צו איהם און ער וועט קענען זיין זיינער אַ נאָהנטער פריינד.

דער איינדרוק וואָס דעראָנדאַ האָט געמאַכט אויף מרדכי'ן איז געוועזן נאָר אַן אַנדערער. שוין עטליכע יאָהר ווי מרדכי איז געוואָרען שוואַכער און שוואַכער. ער איז אַלט געוואָרען, איז גע־ווען עלענד און איינזאַם און האָט געזוכט אַ יונגען מענשען וואָס זאָל איהם וועלען אויסהערען און פערשטעהן. דער יונגער מאַן זאָל אויסהערען זיינע חלומות און טרוימען און נאָך זיין טויט זאָל ער ווערען זיין יורש און זיי פערווירקליכען. מרדכי האָט נישט געזוכט געזונד צו ווערען. דאָס האָט ער געוואוסט איז ניט מעג־ליך, נאָר אַ יורש האָט ער געזוכט וואָס זאָל איבערנעהמען זיינע געדאַנקען און טרוימען.

און זוכענדיג דעם יונגען מאַן האָט ער אָנגעהויבען גלויבען אַז ער וועט איהם געפינען. וועט ער ניט קומען היינט, וועט ער זיך בעווייזען מאָרגען. ער וועט זיין אַ נביא, וועט ווערען אַ משיח

אַן אויסלייזער... טאָג און נאַכט האָט ער אויף איהם געוואַרט, ווי געוואַרט אויף משיח'ן...

עטליכע יאָהר זיינען אַוועק. מרדכי האָט זיך צוגעקוקט צו יעדען יונגען מענשען וואָס ער האָט בעגעגענט. פּיעלייכט איז דאָס דער מאַן?... מרדכי האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ מענש ער דאַרף זיין. אַ איד וואָס האָט אַ סך געלערנט, האָט ליעב זיין פאָלק און זיין תורה, זאָל זיין אַ הייסער אידישער פּאַטריאָט און זאָל שטרעבען גרוים צו מאַכען זיין פאָלק, אויסלייזען איהם פון זיינע צרות און ליידען. ער דאַרף אויך זיין זעהר שעהן און שטאַרק, אַרויסקומען פון אַ יחוס'דיגער פאַמיליע, זאָל זיין בעקאַנט מיט די גרעסטע לייט, זאָל זיין אַ גוטער רעדנער און בעגייסטערען טויזענדער מענשען מיט זיינע רייד. ער זאָל זיין רייך, קיין געלד זאָל איהם ניט פעהלען און ער זאָל זיך קענען אין גאַנצען מקריב זיין פאַר זיין פאָלק, ניט דאַרפענדיג זוכען קיין פּרנסה.

ער האָט געזוכט און געזוכט און האָט דערווייל אַזאַ מענשען ניט געפונען. ער איז געגאַנגען אין די מוזעאומס, טאָמער וועט ער דאָרט געפינען אַ בילד וואָס איז עהנליך צו דעם מענשען וואָס ער זוכט, וואָס זאָל אויסלייזען די אידען...

ווען מרדכי איז געשטאַנען אין מוזעאום און בעטראַכט די בילדער — ער, מיט'ן איינגעבויגענעם רוקען, הויט און ביינערדיגען קערפּער, איינגעפאַלענע באַקען און טיעפע שוואַרצע אויגען, מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ, האָט יעדער זיך געטראַכט אַז דאָס איז אַ איד אַ הענדלער, וואָס זוכט אַלטע בילדער... מרדכי האָט דאָס געפיהלט און ער האָט גרוים צער געהאַט דערפון.

וואָס קומט מיר אַרוים פון דעם טרוימען? וואָס העלפט דאָס מיר? די מענשען פערשטעהען מיר ניט און ווילען ניט פערשטעהן. ווען אפילו אַ נביא וואָלט צו זיי געקומען וואָלטען זיי איהם אויך ניט געגלויבט ביז ער וואָלט זיי נישט געוויזען קיין אותות און מופתים.

ווי ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעקוקט צו יעדען איינעם און זיך איינגעהערט צו יעדען וואָרט, האָט ער פּיעלע מאָל געהערט ווי מען שפּעט אָפּ פון איהם. דאָס האָט איהם זעהר וועה געטהאָן

טהאָן. ער האָט אָבער געוואוסט אַז די מענשען זיינען ניט אין גאַנצען שולדיג. ווען ער וואָלט געווען אַן אַנדערער, ווען ער וואָלט ניט קראַנק און שוואַך געווען, ווען ער וואָלט געווען רייך, וואָלטען זיי איהם אפשר אויסגעהערט און אויך פערשטאַנען. ער האָט טאָג און נאַכט צו גאָט געבעטען ער זאָל איהם צושיקען דעם ריכטיגען מענשען, אַ מאַן וואָס זאָל האָבען אין זיך אַ הויכע נשמה, אַ נשמה יתירה, וועלכער זאָל קענען בעצווינגען די מענשענס הערצער מיט זיינע פלאַמיגע רייד און קלוגע געדאַנקען.

נאָך איידער ער האָט דעם מענשען געפונען האָט ער איהם שטאַרק ליעב בעקומען, איז געווען צוגעבונדען צו איהם מיט לייב און נשמה.

אַ סך מאָל פלעגט ער זיצען מיט פערמאַכטע אויגען און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי די הימלען לייכטען אויף מיט דעם אייביגען ליכט און דער מענש וואָס ער זוכט קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער, ער איז שוין נעבען איהם...

מרדכי האָט שטאַרק ליעב געהאַט די נאַטור. ער פלעגט אָפט אוועקלייגען די זייגערלעך אין מיטען דער אַרבייט און אוועק אויפ'ן פרייען פעלד. דאָס פעלד האָט אַזוי שעהן אויסגעזעהן אין זיינע אויגען ווען ער האָט גע'חלומ'ט אַז די אידען וועלען האָבען זייער אייגענע פעלדער... ער איז אויסגעפאָהרען אַ וועלט און אַלץ געהאַלטען אין איין זוכען דעם אידען וואָס וועט בעפרייען דאָס אידישע פאָלק. ווי אַ יונגערמאַן וואָס בייַנקט נאָך זיין געליעבטע, ווי אַ כלה וואָס וואַרט אויף איהר חתן, אַזוי האָט ער געוואַרט אויף משיח'ן. אין חלום און וואַכענדיג האָט ער דאָס פנים פון משיח'ן געזעהן. ער איז געשלאָפען און זיין האַרץ איז וואַך געווען, ער האָט געוואַרט יעדע מינוט און יעדע רגע...

אין דער לעצטער צייט אַז ער האָט דערפיהלט ווי ער ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און זיינע טעג זיינען געצעהלטע, איז זיין בענקשאַפט נאָך גרעסער געוואָרען. און דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז זיין האָפנונג איז נאָהנט. וועט טאַקע באַלד אָנהויבען קלינגען דער גלאָק פון אויסלייזונג? הערט ער שוין די בשורה פון דער גאולה נאָך וועלכער זיין האַרץ געהט אויס? פערנעהמט ער שוין די טריט פון גואל אויף די שפיצען פון די בערג? יא, יא,

ער הערט שוין די טריט פון משיח... די בשורה פון אויסלייזונג טראָגט זיך שוין אויף דער וועלט...

ביי צוויי יאָהר צייט האָט ער דעמאָלט געוואוינט ביי עזרא קאָהן אין הויז. אַ קליינטשיק שטיבעלע האָט ער דאָרט פערנומען. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט איהם ליעב געהאַט. ער האָט פאַר זיי געאַרבייט, פעררעכט זייגערלאַך און געווען אַ לעהרער פאַר די קינדער. זיי האָבען געפיהלט, אַז זיי טוהען איהם אַ טובה, און האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם דענקער, אַן עהרליכען מאַן און אַ שטיק אַפּיקורס.

דער קליינער יעקב האָט געהאַט ערפאָלג מיט זיין שאַרפען פערשטאַנד און האָט זעהר גוט געלערנט ביי מרדכי'ן. דער קליי־נער אינגעל האָט נישט פיעל געהאַלטען פון מרדכי'ן. ער האָט געזעהען אַז ער איז אַן אָרימאַן. ער איז אָבער דאָך געווען צו־געבונדען צו איהם, נישט וויסענדיג פאַר וואָס. מרדכי אָבער האָט היים געליעבט זיין שילער. ער איז איהם נישט נאָר אַ לעה־רער געווען נאָר אויך אַ טאַטע, איז אומגעגאַנגען מיט איהם איידעל און וויך און זיך זעהר פיעל מיט איהם אָבגעגעבען.

מרדכי האָט געוואוסט ווי פערשידען דעם אינגעל'ס עלטערן זיינען פון איהם. זיי וועלען איהם קיינמאָל נישט פערשטעהן און ער האָט מיט זיי קיין איין וואָרט נישט גערעדט וועגען די טרוימען פון זיין נשמה. דער קליינער יעקב איז איהם אָבער יאַ געפעלען געוואָרען און האָט אָנגעהויבען מיט איהם רעדען וועגען זיינע גרויסע האָפענונגען. דער אינגעל האָט איהם ניט פערשטאַנען. ווען אימיצער וואָלט געהערט ווי אַזוי ער רעדט צו דעם אינגעל וואָלט ער געזאָגט אַז ער איז אַ משוגענער. ער האָט זיך אָבער געהיט אַז קיינער זאָל ניט הערען.

יעדען מאָל ווען מרדכי האָט נישט געהאַט קיין אַרבייט איז יעקב אַריין צו איהם אין צימער. ער האָט מיט איהם געלערענט ענגליש, רעכענען. דער אינגעל איז אָפט אַרויפגעשפּרונגען אויף זיינע קניה, אַוועקגעשטעלט זיך אויף זיי, אָדער זיך אַוועקגעזעצט רייטען. מרדכי'ן האָט דאָס נישט געאַרט. ער האָט זיך געשפּיעלט מיט איהם, און אַז אַ שפּיעלצייג איז איהם צובראָכען געוואָרען

האָט ער עס איהם פעררוכט און אמאָל אויך געלערנט שניצען און צייכנען. מרדכי איז געווען זעהר פעהיג און ער האָט אלץ געקענט.

אז מרדכי האָט געזעהן אז דער אינגעל איז צוגעבונדען צו איהם, האָט ער גענומען איהם פאָרלייענען העברעאישע ליעדער, זיינע אייגענע ליעדער וואָס ער האָט יונגערהייט געשריבען און אין וועלכע ער האָט זיין פייערדיגע נשמה אריינגעגאָסען, שילדער־רענדיג ווי די אידען וועלען אויסגעלייזט ווערען...

און אז ער האָט זיי פאָרגעלייענט, האָט יעקב זיי געמוזט איי־בערזאָגען אויף אויסוועניג, ביז ער האָט זיי גוט געקענט.

— „זאָל דער אינגעל האָבען טיעף אין הארצען די דאָזיגע האָפנונגען און ער וועט זיי נישט פערגעסען“ — האָט מרדכי זיך געטראַכט.

יעקב האָט איהם צוליעב געטהאָן. ער האָט אליין ליעב געהאַט צו זאָגען אזעלכע ווערטער וואָס ער ווייסט נישט זייער טייטש. עס איז געווען ביי איהם א שפּיעלכעל און א געלעכטער און יעדעס מאָל פלעגט ער עס איבערזאָגען פונקט ווי מרדכי האָט געלייענט די ליעדער האָט ער זיי היים און פייערדיג געלייענט. ער איז צופרידען געווען אז ער האָט געהערט ווי דער אינגעל זאָגט גוט ארויס די העברעאישע ווערטער.

אמאָל האָט זיך יעקב׳ן פערגלוסט שפּאַסען און ער האָט גע־לייענט אנדערש ווי מען האָט געדאַרפט און געמאַכט ליצנות. מרדכי׳ן האָט דאָס אָבער נישט פערדראָסען, ער האָט זיך גע־טראַכט: ער איז נאָך א קינד, ער וועט עלטער ווערען וועט ער קליגער ווערען און וועט פערשטעהן די ליעדער און וויסען וואָס איך מיין. שפּעטער, שפּעטער פונקט ווי א פאָלק, וואָס פער־שטעהט אויך ערשט שפּעטער מיט א סך יאָהרען.

יעקב האָט דערווייל געזעהען אין גאַס א קונצען־מאַכער, איז עס איהם געפעלען געוואָרען און ער האָט דאָס אויך געוואָלט נאָכטהאָן. מרדכי האָט געהאַלטען אין אויסלערנען איהם א ניי קאַפּיטעל פון זיינע שירים. און ווען יעקב האָט געהערט נייע ווערטער האָט ער זיי נאָך נישט געקענט, האָבען זיי איהם פער־אינטערעסירט. אמאָל האָט מרדכי געהאַט א הויכע און שטאַרקע שטימע. איצט האָט ער שוין גערעדט הייזעריג און געהאַט א

שוועדען אָטעם. נאָר אַז ער האָט געלייענט די שירים פון אויס־לייזונג איז זיין שטימע הויך און שטאַרק געוואָרען. זיינע באַקען האָבען געברענט, די ליפּען האָבען געלויכטען אונטער די ווערטער און זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געפלאַקערט מיט אַ הייליג פייער. ער האָט איהם פאָרגעלייענט דאָס פאָלגענדע ליעד:

„איך זאָל קיינמאָל נישט פערגעסען מיין פאָלק. דער אויל און וויין געטראָטען פון די גוים און פערגיפטעט מיט דעם סם פון פעראַכטונג צו אונז — אוועק פון מיר! דער באַרג נבו איז וויסט, און זיין טיפעניש איז אַ קבר. דאָרט ליגען בעהאַלטען דער ארון קודש און די גאָלדענע כרובים. זיי גיבען אַרוים אַ פערבאָרגען ליכט. דאָס ליכט וועט זיין אַ פייער זייל וואָס וועט דערוואַרעמען און בעלייכטען די גאַנצע וועלט מיט אַן אייגען ליכטיגקייט. די געזיכטער פון די כרובים וועלען אויפלייכטען, זייערע פליגלען זיינען נישט צובראָכען... די לוחות זיינען בעהאַלטען, קיינער הערט נישט זייער הייליג געבאָט. חורבן און פינסטערניש רינ־געלט מיך אַרום, מיין הארץ איז אַ קבר. צוהאַק און צושמעטער דאָס, מלאך גבריאל! קלאַפּ האָס אָפּ ווי דאָס שטויב פון דעם גאָלד“.

די לעצטע ווערטער האָט מרדכי נישט געלייענט, נאָר הויך אויפ'ן קול געשריען. ער איז געווען פול מיט געטליכער בעגייס־טערונג און ער האָט נישט בעמערקט ווי יעקב איז אַרונטער פון זיין קניה און אוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד.

אַז ער האָט געענדיגט און געזעהן ווי דער אינגעל מאַכט קונ־צען, שטעלט זיך אויפ'ן קאָפּ, מיט די פיס אין דער הויך און וויל אויפהויבען מיט די ליפּען אַ מטבע, האָט עס איהם שטאַרק אויפ־געדעגט און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי דער שטן וואָלט איהם אויסגעלאַכט און געשטערט זיין געבעט.

— קינד! קינד! — האָט ער אַזוי מאָדנע געשריען אַז דער אינגעל האָט זיך דערשראָקען און אויפגעשפּרונגען שנעל אויף די פיס. מרדכי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן שטול און פערמאַכט די אויגען.

— וואָס איז? — האָט יעקב געפרעגט, און אַז ער האָט נישט בעקומען קיין ענטפער האָט ער אָנגעהאַפּט זיינע קני און זיי געשאָ־

קעלט, ווי וועלענדיג איהם אויפוועקען. מרדכי האָט אויפגעפענט די אויגען, געקוקט אַזוי טרויעריג, האָט אויגעשטרעקט דעם קאָפּ, אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף דעם איינגעל׳ס פּלייצעס, גערעדט שטיל און געשווינד.

— אַ קללה איז אויסגעגאָסען אויף דיין דור, קינד מיינס! זיי וועלען עפענען דעם בארג און אַרויסשלעפּען די גאָלדענע פּליגעל און פערשמעלצען זיי אין געלד... די געזיכטער פון די כרובים וועלען זיי גיסען און מאַכען אויערינגען פאַר זייערע אויסגעלאַסענע פרויען. זיי וועלען זיך אַ נייעם נאָמען געבען. אָבער דער מלאך פון שאַנד מיט זיין פייעריגע שפּיז אין האַנד וועט זיי דערקענען און זייער האַרץ וועט ווערען אַ קבר און זייער לעבען וועט זיין פערפלוכט!

דאָס אַרט רעדען און אויפפיהרען פון מרדכי׳ן איז געווען אַזוי ניי און וואונדערליך פאַר דעם קליינעם יעקב. ער האָט דערהערט אַ קללה וואָס ער האָט זי נישט פערשטאַנען. דער שטענדיג גוטער און ליעבער לעהרער איז אַן אַנדער מענש געוואָרען, אַ שרעקליכער און אַ מורא׳דיגער. די טיפע, שוואַרצע אויגען און דאָס הייזעריגע קול האָט איהם איינגאַנצען צודריקט, די דאַרע פינגער וואָס האָבען איהם אַרומגעכאַפּט און אַזוי פעסט געהאַלטען האָבען געוואָרפען אויף איהם אַ שרעקליכע אימה. ער איז געשטאַנען און געציטערט און האָט מורא געהאַט אַז דאָס הויז וועט איינפאַלען איבער איהם און צודעקען איהם און ער וועט שוין היינט קיין מיטאָג מעהר ניט עסען...

אַז מרדכי האָט געענדיגט רעדען און אָבגעלאָזט דעם איינגעל, האָט דער קליינער אָנגעהויבען וויינען. אַז מרדכי האָט געזעהן ווי דאָס איינגעל וויינט, האָט ער רחמנות געהאַט אויף איהם. ער האָט געוואָלט רעדען צו איהם און בערוהיגען, האָט ער אָבער דאָס מויל נישט געקענט עפענען, נאָר ער האָט צוגעצויגען זיין קעפּעל צו זיך און געגלעט זיינע לאָקען. יעקב האָט דערפיהלט אַז די שרעק איז אַריבער, האָט ער ווייטער געוויינט אָבער שוין ניט ערנסט נאָר נאָכגעמאַכט, ווי אַ קונצען־מאַכער, זיין אייגען געוויין. ער האָט שוין דאָסזעלבע געטהאָן צו מאָרגענס און איבערגעשראָקען זיין שוועסטעריל, אַדעלייד רבקה, מיט זיין געמאַכטען געוויין.

מרדכי האָט שטאַרק געליטען דערפון. ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיין האַרץ אויסגעגאָסען פאַר אַ קליין אינגעל און ער האָט בעשלאָסען צו שווייגען. ער האָט אָבער נאָך שטאַרקער געוואָלט געפינען יענעם מאַן פאַר וועלכען ער זאָל קענען אויפדעקען זיין גאַנצע נשמה.

עס איז געווען גראָד דאַמאָלס, ווען ער איז, ווי זיין שטייגער, געזעסען מיטאָג צייט אין דעם אַלטען בוך האַנדלונג. ער האָט דער־פיהלט אַ שטאַרקען שלאַג אין האַרצען ווען ער האָט דעראָנדאָ'ן דער־זעהן, און זיינע אויגען האָבען אויפגעגלאַנצט ווען ער האָט דעם פרעמדען קונה אָנגעקוקט. ער האָט דערזעהן אַ געזיכט וואָס האָט איהם אויסגעוויזען עהנליך צו דעם מאַן וואָס ער זוכט. נאָר דאָ־פעלט איז זיין האַרץ צובראָכען געוואָרען אַז ער האָט דערהערט פון דעראָנדאָ'ן אַז ער איז נישט קיין איד. ער איז אַזוי ענטוישט געוואָרען אַז ער האָט באַלד פערלאָרען דאָס גלויבען אַז ער וועט ווען עס איז דעם ריכטיגען מאַן געפינען.

ווען ער האָט געטראָפען דעראָנדאָ'ן זיצען פרייטאָג צונאַכטס ביי עזרא קאָהן'ס טיש איז איהם איינגעפאַלען אַז דערנדאָ האָט איהם נישט געזאָגט דעם אמת, ער איז יאָ אַ איד. און דער ערשטער איינדריק אַז דעראָנדאָ איז דאָס דער וועלכען ער זוכט איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אין איהם. און אַז ער האָט איהם געפרעגט צו ער קען העברעאיש האָט ער גאָר פערגעסען אָן די איבריגע מעלות וואָס ער האָט געוואָלט אַז ער זאָל בעזיצען, ער האָט געגלויבט אין איהם אַז ער בעזיצט זיי אַלע. נאָר דעראָנדאָ'ס ענטפער: „ניין", אַז ער קען נישט קיין העברעאיש האָט איהם נאָך מעהר צובראָכען און דערשלאָגען זיינע אַלע האָפנונגען.

נאָכדעם ווען ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן רוקען צו דעם גאַסט איז ער אוועק צו זיך אין צימער, האָט די גאַנצע נאַכט נישט געקענט מיט קיין אויג צומאַכען און עטליכע טעג ארומגעגאַנגען אָהן מוטה און פערלוירען, ווי איינער וואָס די שיף געהט איהם אונטער אויפ'ן מיטען ים, און ער קוקט אויס זיינע אויגען אַן אַנדער שיף זאָל אָנקומען און איהם ראַטעווען. און אַט זעהט ער אַ שיף אָנקומען און זי קומט דאָך נישט און ער זאָגט צו זיך אַליין: „איך האָב אַ טעות געהאַט, מיינע אויגען האָבען מיך אָבגענאַרט"...

דאָך האָט דעראָנדאָ׳ס פּנים נישט אָבגעלאָזען איהם. און אַז ער האָט אָנגעהויבען פאַרשטעלען זיך דאָס בילד פון דעם אויסלייזער פון אידישען פאָלק, האָט ער נישט געזעהן קיין אַנדערען נאָר דעראָנדאָ׳ן. טאָג און נאַכט האָט ער זיין בילד געזעהן שוועבען פאַר זיינע אויגען. און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דעראָנדאָ האָט איהם נישט געזאָגט דעם אמת, ער איז דאָס דער מאַן, ער איז אַ פערבאָרגענער, ער וויל זיך נישט אויסגעבען, „דאָס איז ער, ער איז עס!“ זיין פּנים האָט אויפגעשיינט, די אויגען האָבען געלויכטען און זיין האָפנונג איז נאָך גרעסער און שטאַרקער געוואָרען.

מרדכי האָט געוואוסט אַז דער פרעמדער, וועמעס נאָמען ער ווייסט נים. וועט קומען נאָך אַ מאָל אויסלייזען זיין רינג וואָס ער האָט איינגעלעגט פאַר אַ משכון. און דער פערלאַנג איהם צו זעהן איז אַלץ מעהר געוואַקסען אין איהם און ער האָט געגלויבט אַז ער וועט איהם זעהן.

ער איז געוואָרען זעהר אונגעדולדיג און נישט געקענט אַרבייטען פאַר גרויס ערוואַרטונג. ער האָט דערפיהלט אַז אַן ענדערונג קומט אין זיין לעבען. ער האָט אויך אויפגעהערט לערנען מיט דעם קליינעם יעקב׳ן, האָט מענשען אויסגעמיטען. עפּעס וועט קומען, האָט ער געפיהלט, עס וועט קומען דער, נאָך וועלכען ער האָט זיין גאַנץ לעבען געהאָפט און געבענקט...

## 26טער קאַפּיטעל.

זעהר וויכטיגע געשעהענישען האָבען געטראָפען דעראָנדאָ׳ן דעם אָבענד ווען ער האָט בעזוכט די מייריק׳ס און געשמועסט וועגען דעם נאָמען וואָס מירא דאַרף זיך רופען. פאַר די מייריק פאַמיליע איז אָבער אויך זעהר אַ וויכטיגע זאַך געשעהן אין צוויי טעג שפּעטער.

אַרום פיער אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט זיך אַ קאַרעטע אָבגעשטעלט פאַר זייער הויז, באַלד האָבען זיי דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און אַ קלינג אין גלעקעל. די מיידלאַך זיינען געווען אין דער היים און אין ביידע צימערען זיינען זיי געזעסען און געאַרבייט.

קייטי האָט געצייכענט, די אַנדערע האָבען אויסגעגנייהט אויף זייר דענע קישענס. אין איין עק צימער איז געזעסען פרוי מיירריק, מאַב אין מיטען שטוב, און איימי אין צווייטען ווינקעל, מירא האָט נישט געקענט אויסנעהען איז זי געזעסען אויף אַ שטול נעבען זיי און זיי פאָרגעלייענט. קייטי האָט זיך דערוויל געצייכענט. זי האָט גע־לייענט אַ הומאָריסטיש בוך, די מיידלאך האָבען הנאה געהאַט און געלאַכט, און פּלוצלונג קלאַפּט מען אין טהיר. זיי האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט.

— גאָט מיינער! — האָט פרוי מיירריק אַ זאָג געטהאָן — ס'איז אודאי ליידי מאַלינדזשער. איז דאָס אַ גרויסע קאַרעטע, איימי

— ניין, אַ שעהן קאַרעטעלע, עס מוז זיין אַ מאַן.

— אפשר דער פּרעמיער מיניסטער — האָט קייטי זיך אָנגע־רופען — האַנס זאָגט אַז דער גרעסטער מאַן אין לאָנדאָן פאָהרט אין אַ קאַרעטע.

— אוי, אוי! עס איז געווים לאָרד ראַסעל! האָט מאַב געשריען

זיי זיינען אַלע געוועזן פרעהליך, די אַלטע דיענסט האָט אריינ־געבראַכט אַ וויזיט קאַרטעל און פאַר שרעק האָט זי נישט פערמאַכט די טהיר הינטער זיך און באַלד האָט זיך בעוויזען אַ פיגור וואָס איז גאָרנישט עהנליך צום פּרעמיער מיניסטער. הויך און שעהן, מיט אַ פעסטען פּנים, לאַנגע האָר און אין גאָלדענע ברילען, דאָס איז געוועזן יוליוס קלעזמער.

אַ מינוט האָט זיך פרוי מיירריק פערלוירען. זי האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט און איז זעהר צופריעדען געוועזן דאָס דער גרויסער מאַן איז געקומען זעהן מירא'ן און נישט פערלאַנגט אַז זי זאָל קומען צו איהם, אָננעהמענדיג דאָס פאַר אַ צייכען אַז ער אינטערעסירט זיך אין איהר. מאַב האָט זיך אָבער פערשעהמט פאַר איהם און זי האָט מורא געהאַט אַז זייערע קליינע צימערען און די קליינע פּיאַנאָ וועלען נישט געפעלען אַזאַ בעריהמטען מאַן ווי ער איז.

קלעזמער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט זיך דערמאָנט אין אַן עהנליך קליין הויז אין בעהמען וואו ער איז אויפגעצויגען געוואָרען

און אַז נישט שטענדיג איז איהם גוט געווען און ער האָט זיך אָנ־געדופען גאַנץ העפליך:

— איך דענק, פרוי מייריק, אַז איך האָב מיך נישט גענומען צופיעל פרייהייט. זייענדיג אין דער געגענד בין איך אהער גע־קומען, איך זאָל אייך ניט דאַרפען בעמיהען צו מיר קומען. אונ־זער פריינד, הערר דעראנדא, האָט מיר געזאָגט אַז איך וועל האָבען די עהרע זיך צו בעקענען ביי אייך מיט אַ יונגער דאַמע — פריי־ליין לאַפידות.

קלעזמער האָט אייגענטליך באלד בעמערקט וועלכע עס איז מירא, נאָר פון העפליכקייט וועגען האָט ער געקוקט אויף אַלע מייד־לעך. ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וועלכע עס איז די, וועלכע ער זוכט.

— די זיינען מיינע טעכטער און דאָס איז פריילייך לאַפידות — האָט געזאָגט פרוי מייריק, אָנווייזענדיג אויף מיראַ'ן.

— אה! — האָט ער אויסגערופען צופריעדען וואָס ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות און זיך פערנייגט פאַר מיראַ'ן.

מירא איז גאָרנישט געווען איבערגעשראָקען, זי איז געווען פרעהליך, קלעזמער איז איהר געפעלען און זי האָט געפיהלט אַז ער וועט האָבען אַ גוטע מיינונג וועגען איהר זינגען, ער דער גרויסער מוזיקער און וואוילער מענש.

— איהר וועט דאָך נישט זיין דאגעגען אַז אונזער בעקאַנט־שאַפט זאָל זיך אָנהויבען דערמיט וואָס איהר וועט עפּעס זינגען פאַר מיר — האָט ער צוגעגעבען.

— איך וועל זיין זעהר צופריעדען, עס איז פיין פון אייך וואָס איהר ווילט מיך הערען — האָט מירא געזאָגט צוגעהענדיג צו דער פיאַנאָ — זאָל איך מיר אַליין אַקאָמפּאַנירען?

— זעהר גוט — איז ער בעשטאַנען. האָט זיך גלייך אוועקגעזעצט אין אַזאַ פּאָזע אַז ער זאָל קענען גוט זעהן מיראַ'ן. און פרוי מייריק האָט זיך געטראַכט: בעסער אַזוי, זאָל עס איהם מעהר געפעלען...

די אַלע פרויען, אויסער מיראַ'ן, זיינען געזעסען מיט קלאַפּענדע הערצער, מורא האָבענדיג פאַר דעם שטרענגען בליק וואָס קלעזמער האָט אָנגעשטעלט אויף איהר.

מירא האָט געזונגען אַן איטאַליעניש ליעד, א וואונדער־שעהן ליעד, און אַט האָט איהר שטימע אַזוי טרויעריג געקלונגען און באַלד האָט זיך ווי געהערט א תפלה צו גאָט, א ריינע, הייליגע תפלה, און באַלד פרעהליך און לעבעדיג. אז זי האָט געענדיגט האָט קלעז־מער געזאָגט:

— דאָס איז דזשאָזעף לִמאַ'ס מוזיק.

— יאָ, ער איז געווען מיין לעצטער לעהרער אין וויען. ער איז א מאָדנער, אָט איז ער אויפגערעגט און אָט איז ער וייך און גוט — האָט מירא געזאָגט מיט א מעלאַנכאָלישען שמייכעל — ער האָט מיר פאָרגעזאָגט אַז מיין שטימע וועט זיך נישט פאַסען פאַר דער ביהנע, און ער איז גערעכט געווען.

— זינגט ווייטער, איך בעט איך — האָט קלעזמער געזאָגט.

די מיידלעך זיינען שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף איהם וואָס ער האָט קיין איין גוט וואָרט נישט געזאָגט. פרוי מייריק איז אויך א ביסעל אונרוהיג געוואָרען.

מירא האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געטראַכט נאָר צו טהאָן דאָס וואָס קלעזמער וועט איהר הייסען. זי האָט איצט גענומען זינגען פאַר איהם דייטשע ליעדער איינעם נאָכ'ן אַנדערען און נישט געוואַרט צו הערען וואָס ער וועט זאָגען.

אַז זי האָט געענדיגט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געגאַנגען אַהין און אַהער איבער'ן צימער, צוגעקומען צו דער פּיאַנאָ. מירא האָט זיך אויפגעשטעלט ווען ער האָט איהר אויסגעשטרעקט די האַנד און געזאָגט:

— לאָמיר זיך געבען די הענד, איהר זינט מוזיקערין.

מאַב האָט זיך שיער צוּאוויינט פאַר פרייד און די איבריגע האָבען אויך געקוקט אויף איהם מיט פערגעטערונג. די אַלטע האָט גאָר אָבגעאָטעמט.

— עס איז אָבער נישט צו גרויס, נישט זעהר הויך — האָט ער גערעדט ווייטער — מיר קענען נישט פליהען ביז די הימלען, מיר דאַרפען זיין בעשיידען.

מירא האָט געשוויגען ווען ער האָט געשוויגען א מינוט. זי האָט געוואוסט אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ, ער וועט נאָך עפּעס זאָגען. האָט זי געוואַרט.

— איך וואָלט אייך נישט געראַטהען זיך אונטערנעהמען צו זינגען ערגעץ אַנדערש ווי צו פּריוואַטע אונטערנעהמונגען און היימי־שע זאַלען. דאָרט וועט איהר האָבען ערפאָלג. אין לאָנדאָן קענט איהר זעהר גוט מאַכען דערמיט. איהר וועט אויך געבען מוזיק לעק־ציעס. ווילט איהר קומען זינגען אויף אַ פּריוואַטען קאָנצערט דעם מיטוואָך ביי מיר אין הויז?

— יאָ, איך וועל זיין זעהר צופריעדען — האָט מירא געזאָגט — איך וועל גיכער געפינען מיין פּרנסה אויף אַזאַ וועג ווי דער אויפצוטרעטען פאַר אַ גרויס פּובליקום. איך וועל זיך פלייסען אויסבעסערען מיין שטימע, איהר וועט דאָך מיר אָנווייזען ווי אַזוי?

— איך וועל אייך פאָרשטעלען פאַר אַסטאָרגען, ער איז דער גרעסטער פון אַלע זינגער, ער וועט אייך שוין זאָגען וואָס צו טהאָן. מיין פרוי וועט נאָך זיין דאָ פריהער פאַר מיטוואָך אַז איהר וועט ערלויבען — האָט ער זיך געווענדעט צו פרוי מייריק.

— מיר וועלען דאָס אָננעהמען פאַר אַ גרויסע טובה — האָט זי געענטפערט.

— איהר זאָלט זינגען פאַר מיין פרוי — האָט ער געזאָגט צו מירא'ן — און זי איז אַ מוזיקערין, זי האָט זעהר אַ גוט אויער פאַר געזאַנג. איהר וועט איהר געפעלען.

ער האָט דערלאַנגט זיי די האַנד, פערנייגט זיך און איז אַוועק צו דער טהיר. ער האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט, געקוקט אויף מאַב און זיכער געזאָגט:

— דאָס מיידעל איז מוזיקאַליש?

מאַב איז שטאַרק רויט געוואָרען און אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— יאָ, זי איז מוזיקאַליש — האָט מירא צוגעגעבען — זי שפּיעלט פיין פּיאַנאָ.

— אָ, איך בעט דיך, מירא, איך קען קלאַפּען אויף דער פּיאַנאָ נישט שפּיעלען — האָט מאַב געזאָגט ציטערענדיג אינגאַנצען פאַר מורא אַז ער זאָל נישט הייסען צוגעהן שפּיעלען. ער האָט אָבער דאָס נישט געטהאָן, ער האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— זאָל זי קומען מיטוואָך און זי וועט אַקאָמפּאַנירען מירא'ן.

— עס וועט זיין דאָס גרעסטע גליק פאַר איהר — האָט די מוטער געזאָגט — זי וועט זיין אויפ'ן זיבעטען הימעל.

קלעזמער האָט זיך נאָך אַ מאָל פערנייגט און איז אַרויס.

— מירא וועט האָבען ערפאָלג. זאָל זי אָבער נישט אָנשטרענגען איהר שטימע. זי וועט האָבען שעהן פּרנסה. דאָס איז דאָך די הויפּט זאַך, האָט מיר הערר דעראָנדרא געזאָגט. איהר גיט דאָך אַכטונג אויף איהר, זי זעהט אויס צו זיין אַ פיין מיידעל.

— זי איז אַ מלאך — האָט זי היים געזאָגט.

— ניין, — האָט קלעזמער געשמייכעלט — זי איז אַ שעהן אידיש מיידעל. איך וויל נישט געבען די עהרע צו די מלאכים אַז זיי זיינען אַזוי ווי זי. זי איז אָבער ביי אַ גוטען מלאך וואָס בעשיצט זי...

די פיער מיידלאך זיינען געשטאַנען שטיל, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע ביז די מוטער איז צוריק אַריינגעקומען. זיי זיינען געוואָרען אַזוי פרעהליך און לעבעדיג, מאַב האָט געטאַנצט. פרוי מייריק האָט זיך צוקושט מיט מיראַ'ן און איימי האָט געהאַט פערדרוס וואָס מירא וועט ביז מיטוואָך נישט האָבען געמאַכט אַ נייע קלייד.

מירא האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל נעבען דער פּיאַנאָ און די טרעהרען האָבען זיך גענומען גיסען פון איהרע אויגען.

— איצט מאַב, קום אהער צו מיר און לאָמיר שמועסען — האָט די מוטער געזאָגט.

— גוט, לאָמיר רעדען — האָט מאַב געזאָגט — איך פיהל זיך איצט גרעסער. האַנס האָט דאָך געזאָגט אַז ער וועט היינט קומען. ווי גוט וואָלט געווען ווען ער וואָלט ביי דעם אַלעם געווען. מירא, וואָס זעהסט דו אַזוי טרויעריג אויס

— איך בין צופיעל גליקליך — האָט מירא געענטפערט — איך פיהל אַזוי פיעל דאַנקבאַרקייט צו אייך, ער איז אַזוי גוט געווען צו מיר.

— יאָ, צום סוף האָט ער עס געטהאָן. פאַר וואָס האָט ער דיר אָבער נישט אונטערגעגעבען קוראַזש? ווען ער האָט דיר געהייסען נאָך זינגען און קיין מיינונג נישט געזאָגט, האָב איך איהם שרעקליך פיינט בעקומען.

— הער אויף מיט דיינע נאַרישקייטען — האָט קייטי זיך אָנגערופען — ער איז דאָך אַזוי וואונדער שעהן.

— יאָ, איצט איז ער שעהן און גוט, פריהער איז ער דאָס נישט געווען. איך האָב פיינט שטרענגע מענשען — האָט מאַב געזאָגט
— ווי האָט ער אָבער דערקענט אין מיר אז איך קען שפּיעלען?
— ער האָט געזעהן ווי דו האָסט זיך אויפמערקזאַם איינגע־הערט אין מיראַ׳ס זינגען — האָט פרוי מייריק געזאָגט — ער האָט כשופ׳דיגע ברילען און ער זעהט מיט זיי אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט.
— וואָס פאַר אַ קלייד וועט מיראַ אנטהאָן מיטוואָך? — האָט איימי געוואָלט וויסען.
— איך דאַרף נישט קיין נייע קלייד — האָט מיראַ געזאָגט — איך וועל געהן אין מיין שוואַרץ וואָלען קלייד, איך האָב דאָך אויך ווייסע הענדשקעס און נייע שיך, עס איז גאַנץ גענוג.
— אָט איז האַנס! — האָט די מוטער אַ זאָג געטהאָן ווען ער איז אריינגעקומען — ווארט מיראַ, לאָמיר הערען וואָס ער וועט זאָגען אויף דיין קלייד, ער איז דאָך אַ קינסטלער, ווייסט ער מעהר פון אונז. האַנס! קלעזמער איז היינט דאָ געווען און ער האָט זי היינגעלאַדען צו זיך, מיר ווילען אז זי זאָל אָנטהאָן אַ ניי קלייד און זי וויל נישט. וואָס זאָגסטו?
— לאָמיר זעהן — האָט האַנס געזאָגט — מיראַ האָט ווי אַ קינד זיך געדרעהט פאַר איהם ער זאָל עס קענען בעקוקען פון אַלע זייטען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע און זי בעטראַכט.
— דאָס איז דאָך אַ שעהן קלייד אפילו פאַר דער ביהנע — האָט זי געזאָגט — איך מוז דאָך דאַרט ערשיינען אַלס אַן אָרים אי־דיש מיידעל, וואָס זינגט פאַר רייכע קריסטען.
— עס וועט זיין גוט — האָט האַנס געזאָגט — עס וועט זיך גוט אויסזעהן פון צווישען די רייך געקליידעטע דאַמען.
— מיראַ, וואָס נעהמסטו דאָס גאַנצע אָרימקייט פאַר די אידען — האָט איימי געזאָגט — פאַראַן גענוג אָרימע קריסטען און זעהר רייכע אידען.
— איך האָב קיין בייז נישט געמיינט — האָט מיראַ געענט־פערט — איך האָב נאָר גערעדט ווי ווענען אויפטרעטען און איך האָב שטענדיג געשפּיעלט אַלס אַן אָרים מיידעל.
— עס איז אָבער צו טעאַטראַליש — האָט האַנס געזאָגט —

מיר טאָרען דיך נישט לאָזען ערשיינען אַלס אַן אָרים אידיש מיידעל אָדער אפילו אַלס אידיש מיידעל. האַנס האָט געוואָלט אויסמעקען פון איהר הארץ יעדען אידישען געפיהל...

— איך בין דאָך אָבער דאָס, איך פּרעטענדיר דאָך דאָס נישט צו זיין, איך בין אַ אידיש קינד. איך וועל דאָך קיינמאָל נישט זיין אַנדערש — האָט מירא געזאָגט — איך פיהל מיך שטענדיג אַלס אַ אידישע טאָכטער.

— מיר קענען דאָך אָבער נישט אַזוי פיהלען וועגען דיר — האָט האַנס געזאָגט — וואָס איז דען דער אונטערשיעד אויב אַן אינ־טערעסאַנטע פרוי איז אַ אידישע אָדער נישט?

— אָ, דאָס לויבט איהר מיך אַזוי. פריהער האָט מיך קיינער נישט אַזוי געלויבט — האָט מירא געשמייכעלט און זי איז איהם נאָך מעהר געפעלען.

— מען האַלט מיך נישט פאַר אַן ענגלישען קריסט — האָט האַנס זיך אָנגערופען — זיי האַלטען מיך פאַר אַ שעהנעם יונגען מאַן און נישט קיין צו גרויסען מאַלער...

— נאַ, ביזט דאָך גאָר אַוועק פון שמועסען וועגען קלייד — האָט איימי געזאָגט — אויב דאָס קלייד טויג נישט, ווי וועלען מיר ביז מיטוואָך האָבען אַן אַנדערס? און מאָרגען איז דאָך זונטאָג?

— דאָס קלייד איז גוט גענוג — האָט מירא זיך איינגע־שפּאַרט — עס איז דאָך אַלץ ריכטיג — האָט זי געזאָגט צו האַנס'ן — כאָטש עס איז אביסעל טעאַטראַליש, און די אָרימע בערניקע איז געזעסען אויף די חורבות פון ירושלים האָבען אודאי אויך מענשען געזאָגט אַז עס איז טעאַטראַליש, איך וויים אָבער אַז דאָס האָט זי געטהאָן אַזוי ווייל זי האָט דאָס געפיהלט.

— איך בין נישט קיין וועלטליכער מענש — האָט האַנס אַ זאָג געטהאָן פערשעהמט פון איהר גרויסען גלויבען אין איהם — איך האָב דאָס איינגאַנצען אויסגעטראַכט. קיינער וויים נישט אַז בערעניקע האָט דאָס טאַקע געטהאָן. וועסטו מיר פערצייהען וואָס איך האָב דיר דאָס פריהען נישט דערצעהלט?

— געווים — האָט מירא געענטפערט אביסעל איבערראשט — איהר האָט געפיהלט אַז אַזוי האָט זי גערארפט טהאָן. זי, די אידישע טאָכטער, וואָס האָט פערראַטען איהר פאָלק און האָט זיך שפּעטער

אומגעקעהרט צוריק. מעהר פון צער און טרויער איז דאָך איהר נישט געבליבען. און וואו האָט זי דען געזאָלט געהן אז נישט צו בעקלאָגען די רואינען פון איהר פאָלק וואָס זי האָט פעררעטהען? עס איז זעהר שעהן וואָס איהר האָט פערשטאַנען די געפיהלען פון אַ אידישע טאָכטער...

— די אידישע פרויען פון צייט פון חורבן זיינען אַלע געזעסען אויף די רואינען און געטרויערט — האָט האַנס געזאָגט אַ בעזיגטער — און זיי פּאַסען זיך ניט צו מאָהלען.

— אָבער וואָס איז מיט'ן קלייד — האָט מאַב גע'טענה'ט — האָט איהר שוין עפּעס בעשלאָסען?

— יאָ, נישט אזוי? — האָט מירא געזאָגט קוקענדיג מיט אַ פראַגע אויף פרוי מייריק און פרוי מייריק האָט זיך געווענדעט צו האַנס:

— וואָס זאָגסטו, האַנס?

— דאָס קלייד איז נישט גוט — האָט האַנס פעסט געענטפערט — מירא געהט דאָך נישט אוועק זיצען זיך אויף די רואינען און טרויער. שפּרינג אריין, מאַמעלע, אין אַ קאַרעטע מיט מירא'ן און קויף איהר אַ שווארץ זיידען קלייד אויף רידזשענט סטריט. עס איז נאָך דאָ גענוג צייט. זי טאָר נישט גענומען ווערען ווי אַן אָרים צדקה מיידעל. זי איז רייכער פון זיי. זי האָט טאַלאַנט.

— איך דענק אז הערר דעראָנדא וועט אויך וועלען אז דו זאָלסט האָבען אַ שעהן קלייד — האָט פרוי מייריק צוגעגעבען.

— איך וועל טהאָן אַלץ וואָס הערר דעראָנדא פערלאַנגט — האָט מירא געזאָגט.

האַנס איז גלייך אוועק צו קיטי'ס טיש און ווי ער וואָלט פערגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע וואָס איז ערשט פאָרגעקומען, האָט ער גענומען איהר'ס אַ צייכנונג, איינגעקוקט זיך און געזאָגט:

— דו צייכענסט זעהר גוט, קיטי.

— וואָלסט אפשר געמאָלען הערר קלעזמער'ס קאָפּ, דו האָסט דאָך איהם אַ סך מאָל געזעהן.

— אויך איך האָב איהם געזעהן! — האָט האַנס אויסגערופען. ער איז צו צו דער פּיאַנאָ, זיך אוועקגעזעצט און נאָכגעמאַכט קלעזמער'ן ווי ער זיצט און שפּיעלט און קוקט זיך ארום אזוי אז אַלע

האָבען זיך געוואונדערט, זיי האָבען געמיינט אז דער ריכטיגער קלעז־מער זיצט פאַר זיי.

ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט אפשר וויל דאָס מירא נישט לײדען, און ער האָט שולדיג געזאָגט:

— איהר קענט דאָס אודאי נישט פאַרטראָגען ווען איך טהו אזוי. געדענקט זשע, טאָמער זעהט איהר עפּעס ביי מיר וואָס איך טהו נישט ריכטיג, זאָגט עס מיר.

מירא האָט ליעב געשמייכעלט און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, אָבער איהר האָט קיינמאָל נישט געטהאָן אזא זאַך וואָס איך זאָל נישט קענען לײדען. ער וואָלט קיינמאָל אזעלכע זאַכען נישט געקענט טהאָן — האָט זי געזאָגט צו פרוי מייריק — ער איז דאָך אייער זוהן...

האנס האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטען גרונד אויף זיינע האָפנונגען אויף מירא'ן — וואָס איז אָבער די האָניג בלום שולדיג ווען די ביהנען זויגען איהר האָניג זאַפט און יעדע איינע רעדט זיך איין אַז נאָר פאַר איהר איז דער האָניג זאַפט?

## 27טער קאַפּיטעל

אַז דעראָנדאַ איז אוועקגעגאַנגען פון די מייריקס איז ער געווען שטאַרק אויפגערעגט, דער קאָפּ האָט איהם שטאַרק געדרעהט און ער האָט זיך געפיהלט זעהר מיעד, ער האָט נישט גענומען קיין קאַרעטע אהיים צו פאָהרען, נאָר האָט זיך אוועקגעלאָזען שפּאַצירען צו פוס ביז'ן טייך. דאָרט האָט ער אַביסעל אויפגעלעבט, דערזעהענדיג די שיפען און די לאָדקעס איבער'ן וואַסער. ער האָט צוגערופען אַ מאַן מיט אַ לאָדקע, זיך אריינגעזעצט און גענומען די וויעסלעס אין די הענד אריין.

ער האָט שטאַרק געוואָלט צוגעהן אין ראַם'ס בוכהאַנדלונג, זיך זעהן מיט מרדכי'ן אויב ער וועט צוגעהן צו עזרא קאָהן אויסלייזען זיין רינג.

מרדכי האָט געהאַט געפאַנגען איהם אינגאַנצען, סיי מיט זיין רעדען און סיי מיט זיין שווייגען. ער האָט בעשלאָסען איצט צו

רעדען מיט מרדכי'ן וועגען אַלעס און מרדכי וועט זיך שוין נישט קענען אויסבעהאַלטען פון איהם. ער וויל דאָס טהאָן צוליעב מירא'ן, ער מוז פון איהם געוואָהר ווערען ווער עזרא קאָהן איז און וועגען זיין מאַמע. באַלד איז איהם אָבער איינגעפאַלען אַז עס איז נישט ריכטיג וואָס ער וויל מרדכי'ן אויסנוצען פאַר זיינע צוועקען. עס איז נישט שעהן ער זאָל נעהמען אויסנאַרען ביי עמיצען וואָס ער קען איהם נישט פערבאַרגענע זאַכען. און ווער וויים, האָט ער זיך געטראַכט אויב שפּעטער אַז איך וועל שוין אַלץ וויסען אויב ער וועט מיך נאָך אינטערעסירען און איך וועל איהם שוין אפילו נישט וועלען זעהן. און אפשר אינטערעסיר איך איהם שוין אויך נישט און ער וועט מיט מיר נישט וועלען רעדען?

אַז די לאָדקע איז צוגעקומען צו בלעק פרעכברוך איז שוין גע־ווען נאָך פיער אַ זייגער. דער מערב זייט איז געווען פיעל מיט וואָלקענס רויטע ווי בלוט. דאָס רויטקייט האָט זיך אין וואַסער געשפּיעגעלט און אַזאַ רויט ליכט פערשפּרייט אַרום און אַרום. די שיפען מיט די זעגעל בוימער זיינען פון דעם רויטען ליכט אַרומגע־נומען געוואָרען און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פייער ברענט אויפ'ן וואַסער און די זעגעלבוימער זיינען די פייערצונגען...

דעראָנדא איז געווען מיעד און מאַט און עס איז איהם זעהר היים געווען. האָט ער די וויעסלעס אַוועקגעלייגט. ער האָט גענו־מען אויפשפּיעליען די קנעפּ פון זיין ראָק און אַז ער האָט געהאַלטען ביים אויבערשטען קנעפּעל האָט ער דעם קנאָפּ אַביסעל אויפגעהויבען און דערזעהן אַ מאַן שטעהן אויף דער בריק נעבען דער פּאַרענטשע און קוקט גלייך אויף איהם. דער מענש איז אַ דאַרער, אַן איידעלער און קוקט אויף איהם אַזוי אונגעדולדיג.

דעראָנדא האָט באַלד דערקענט אַז דאָס איז מרדכי.

מרדכי האָט שטאַרק ליעב געהאַט די נאַטור, ווען ער איז גע־קומען צום בריק זעהן ווי די זון געהט אונטער. ער האָט ליעב גע האַט צו קוקען ווי די שיפען גליטשען זיך אויפ'ן וואַסער. און איין שיפעל האָט איהם נאָך פון ווייטענס שטאַרק פעראינטערעסירט, ער האָט די אויגען נישט אַוועקגענומען דערפון און ער האָט געפיהלט אַז עפּעס קומט דאָ אָן, ער האָט געציטערט אינגאַנצען פאַר ערוואַר־

טונג, און פּלוצלונג האָט ער דערזעהן דעם מאַן אויפהויבען דעם קאָפּ און ער האָט איהם גלייך דערקאַנט אַז דאָס איז דעראָנדא.

דעראָנדא האָט אויפגעהויבען זיין איידעלע, ווייסע האַנד געוואָרפען מיט איהר אין דער לופטען און גערופען מרדכי'ן צו זיך. מרדכי האָט איהם באַלד אָבגעענטפערט. ער האָט אַרונטערגענומען דאָס שטריימעל און געפּאַכעט דערמיט זעהר שטאַרק און דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט אַז ער האָט ענדליך דערלעבט דאָס נאָך וועלכען ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט זיין גאַנץ לעבען. אַלע שטערונגען זיינען אַוועק און זיין נבואה האַלט אין פערווירקליכט ווערען. ער קומט, דער מענש! ער קומט! ער קומט!

אין אַ דריי מינוט צייט איז דעראָנדא שוין געשטאַנען אויפ'ן ברעג, האָט בעצאָהלט דעם שיפער און צוגעגאַנגען צו מרדכי'ן, וועלכער האָט זיך נישט גערוהרט פון אָרט.

— איך בין זעהר צופריעדען וואָס איך האָב אייך דאָ דערזעהן — האָט דעראָנדא צו איהם געזאָגט — איך האָב דאָך שוין געזאָלט געהן אין בוכהאַנדלונג מיט אייך זיך זעהן. נעכטען בין איך זאָגאַר געוועזן, האָט מען אייך דערצעהלט וועגען דעם?

— יאָ — האָט מרדכי געענטפערט — און דערפאַר בין איך געקומען צו דעם בריק.

די איינפאַכע נאַאיווע ווערטער האָבען געקלונגען אַזוי סודות'דיג צו דעראָנדא'ן. אפשר איז טאַקע עזרא קאָהן גערעכט אַז ער איז אַ ביסעל צודרעהט?...

— האָט איהר געוואוסט אַז איך בין היינט געוועזן אין טשעלסי? — האָט דעראָנדא געפרעגט.

— ניין, איך האָב אייך אָבער ערוואַרטעט צו קומען צום טייך. איך האָב געוואַרט פאַר אייך פאַר די לעצטע פינף יאָהר.

מרדכי'ס טיעפע אויגען האָבען געקוקט מיט אַזוי פיעל ליעבע און געבעט ווי אַ מאַמע אויף איהר ליעב זויג קינד. דעראָנדא האָט עפּעס רחמנות בעקומען אויף דעם מאָדנעם אידען און געזאָגט:

— איך וועל זיין זעהר צופריעדען ווען איך וועל אייך קענען מיט עפּעס דיענען, זאָלען מיר זיך אַריינזעצען אין אַ קאַרעטע און פאָהרען — וואו איהר ווילט? איהר זענט אודאי צופיעל געגאַנגען היינט און איהר זענט דאָך קורץ אָטהעמדיג.

— לאָמיר צופאָהרען אין בוכהאנדלונג. איך דארף באלד דאָרט זיין. קוקט אָבער אויפ'ן טייך — האָט מרדכי געזאָגט אויסבויגענדיג זיך צום טייך — זעהט דעם הימעל ווי ער ווערט טונקעל. איך האָב שטענדיג ליעב געהאט די בריק. איך בין דאָ געשטאַנען ווען איך בין נאָך א קליין אינגעל געווען. דאָ בעגעגענען זיך די מלאכים פון הימעל. עס איז אמת וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט אז יעדע זאך האָט א מלאך אין הימעל. איך האָב דאָ שטענדיג געהערט די שירה פון די מלאכים. ווען איך בין געווען געזונד פלעג איך שטעהן און בעקוקען די שטערען ווי זיי זיינען טיעף אין הימעל. נאָך מעהר האָב איך געליעבט צו זעהן ווי די זון געהט אונטער. די זון איז אריין אין מיין הארץ און געקומען אונטערגעהן און אונטערגעהן ביז איך האָב מיין נייע לעבען געפונען, מיך אליין האָב איך געפונען א נייעם און וועל נאָך לעבען דעמאָלט ווען מיין גאנצער אָטהעם וועט זיין אויסגעאָטהעמט...

דעראָנדאָ האָט געשוויגען און קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט זיך געפיהלט מאָדנע געריהרט. זיין ערשטער פערדאכט אז מרדכי איז א ווילדער טרוימער, נישט ביים גלייכען זין, איז אין גאנצען פערשוואונדען. א שטארקער ווילען האָט איהם ארומגענומען צו פערשטעהן מרדכי'ן. ער האָט געוואוסט אז עס זיינען דאָ פיעל זאכען אויף דער וועלט וואָס ער ווייסט זיי נישט.

ער האָט געקוקט אויף מרדכי'ן מיט זיינע אָרימע קליידער און ער האָט זיך דערמאָנט אז די אמאָליגע נביאים זיינען אויך געווען אָרים און די קליידער זיינען דאך גאָרנישט. עטליכע מינוט זיינען זיי געשטאַנען שטיל. דערנאָך האָט מרדכי געזאָגט:

— לאָמיר פאָהרען.

זיצענדיג אין קערידזש האָט מרדכי צוגעגעבען:

— מיר וועלען צופאָהרען ביז'ן עק גאס און דערנאָך צוגעהן צו פוס אין בוך האנדלונג. איהר וועט דערווייל קענען בעקומען די ביכער און הער ראם וועט באלד אוועקגעהן און אונז לאָזען אליין.

פאָהרענדיג, איז מירא נישט ארויס פון דעראָנדאָ'ס געדאנקען. ער האָט אָבער געוואוסט אז דער געשפּראך וועט נישט זיין ווי ער וועט וועלען, נאָר ווי מרדכי'ן וועט געפעלען. ער האָט שוין נישט געוואוסט וואָס פאר א פראגע ער זאָל מרדכי'ן פרעגען, אום געוואָהר

צו ווערען דאָס וואָס ער וויל אַזוי שטאַרק וויסען. און פּלוצלונג איז איהם איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק: „ווער ווייס וואָס מיט מיר וועט ווערען, איך בין עפּעס אַזוי אָבערגלויביג געוואָרען, איך קען נאָך אויך ווערען אַזאַ פאַנטאַזיאָר ווי ער! עפּעס מוז דאָך זיין אַ קרובה׳־שאַפט צווישען מיר און מרדכי׳ן, אַז ער האָט זיך אַזוי צוגעבונדען צו מיר?... גרויסער גאָט! וואָס איז נאָך שטאַרקער פון גלויבען און וואָס איז דען מעכטיגער פון האָפנונג? וועל איך ערפילען די האָפּ־נונג אָדער ענטוישען? און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען: איז עס מעגליך איך זאָל ערפילען, וועל איך עס טהאָן.

אין צעהן מינוט אַרום זיינען די צוויי מענער, מיט אַ געפיהל פון צוויי געליעבטע וואָס האָבען זיך נישט דערקלעהרט אין ליעבע און זייער הארץ איז פול מיט הייסע געפיהלען אריין אין בוכהאַנד־לונג, זיך געשטעלט פנים צו פנים, איינגעקוקט זיך איינער אין אַנ־דערען און געשוויגען. מרדכי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קראָם־טיש און דעראַנדאַ געגען איהם לעבען וואַנד. מרדכי, דער קראַנקער, שווינדזיכטיגער איד מיט די גרויסע ליכטיגע אויגען, וואָס האָבען געברענט מיט ווי פלאַקערס פייער, און געקוקט אַזוי אומעטיג און טרויעריג, ווי זיי וואָלטען געוואוסט אַז זייערע טעג זיינען געצעהלטע און עס ווילט זיך זיי אַזוי לעבען. מרדכי איז נאָך יונג געווען, אין גאַנצען אַרום דרייסיג, זיינע צרות און קראַנקהייט האָבען איהם אָבער אַלט געמאַכט פאַר דער צייט. די האָר זיינע פון קאָפּ און באָרד זיינען אָבער נאָך געגוג שוואַרץ געווען. די הויט אָבער איז געווען בלאַס און געל און די הענד זיינע אַזוי אויסגעדאַרט און געל אָהן אַ טראָפּען בלוט. און קוקענדיג אַזוי אויף דעראַנדאַ׳ן האָט ער אויס־געזעהן ווי אַ מוטער וואָס האַלט ביי שטאַרבען קוקט אויף איהר קינד און איהרע ליפּען שעפּטשען:

— מיין קינד, מיין קינד...

פונקט פערקעהרט איז געווען דעראַנדאַ. אַ הויכער, געזונטער מאַן, זעהט אויס זעהר שטאַרק, זיכער און רוהיג און פיעל ערוואַר־טענדיג צו הערען וואָס מרדכי וועט איהם זאָגען און מרדכי האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבען:

— איהר ווייסט נישט וואָס עס האָט מיך געפיהרט צו אייך און וואָס עס האָט אונז ביידע צונויפגעפיהרט. איהר וואונדערט זיך.

— איך בין נישט אונגעדולדיג — האָט דעראָנדאָ געזאָגט — איך בין גרייט צו הערען אַלץ וואָס איהר וועט מיר זאָגען.

— איהר זעהט דאָך אַ טהייל פון די אורזאַכען צוליעב וועלכע איך דאַרף אייך — האָט מרדכי רוהיג גערעדט, ווי וועלענדיג איבער־לאָזען זיין ביסעל כח אויף אַן אַנדערש מאָל — איהר זעהט דאָך אַז איך האַלט ביי שטאַרבען. איהר זעהט אַז איך בין גלייך ווי איי־נער וואָס זיצט אין טורמע און קוקט אַרויס צו די פערבייגעהענדע פרייע מענשען און יעדער קוקט אויף איהם מיט רחמנות. באַלד געהט אוים דער טאָג, דאָס ליכט לעשט זיך. אין גיכען וועלען מיר זיך נישט קענען מעהר בעגעגענען. איהר זייט אָבער געקומען פונקט אין צייט.

— איך בין צופריעדען וואָס איך בין געקומען אין צייט — האָט דעראָנדאָ געענטפערט און מורא געהאַט צוצוגעבען אַז ער האָפט אַז מרדכי מאַכט נישט קיין טעות אין איהם, פיהלענדיג, אַז דאָס וואָרט טעות וואָלט מרדכי'ן שטאַרק וועה געטהאָן.

— פאַראַן אַ סך פערבאָרגענע אורזאַכען וואָס צוליעב זיי דאַרף איך אייך אַזוי שטאַרק. די אורזאַכען זיינען נאָך פון מיין יוגענד אָן ווען איך האָב געלערענט אין אַן אַנדער לאַנד. טייערע, ליעבע געדאַנקען זיינען דאַמאָלט געקומען צו מיר, ווייל איך בין דאָך אַ איד. איך האָב געפיהלט אַז איך מוז די געדאַנקען פערווירקליכען, ווייל איך בין דאָך אַ איד און דאָס הארץ פון מיין פאָלק קלאַפּט אין מיר. די געדאַנקען זיינען געוואָרען מיין גאַנץ לעבען. איך בין ערשט גאַנץ געבוירען געוואָרען, און די געדאַנקען זיינען מיר איינגעפאַלען. דאָס הארץ מיינס, מיין ברוסט און די רעכטע האַנד, מיין שלאָפען און מיין אויף־זיין, מיין גאַנצע אַרבייט, מיין ליכט פון די אויגען — דאָס אַלץ איז נאָר געווען צו דערוואַרעמען דאָס פייער אין מיר. דאָס גרויסע היילינע פייער וואָס איז אַראָפּגענידערט פון הימעל צו מיר אין הארץ אַריין, אויפצוהאַלטען דאָס ביז איך וועל קענען דורכפיהרען מיין גרויסען פערלאַנג. איך האָב אָבער נישט גוט געטהאָן, איך האָב געבלאָנדזשעט און נישט געהאַט צו וועמען צו רעדען וועגען דעם. און איידער איך האָב געקענט עפּעס טהאָן בין איך קראַנק געוואָרען, האָב אַזוי פיעל געליטען און איך האָב מיר געטראַכט:

— ווי אַזוי וועל איך עפּעס קענען אויפטהאָן אַז באַלד וועל איך שטאַרבען?...

מרדכי האָט געשוויגען אַ ווײַלע. ער איז געוועזן מיעד און האָט שווער געאָטעמט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט ווײַל ענדליך ענדיגען וואָס ער האָט אָנגעהויבען. דעראָנדא האָט נישט געוואָגט דאָס מויל צו עפענען, ער זאָל נישט שטערען מרדכי'ן די שטילקייט אין צימער האָט נאָך מעהר פערגרעסערט דעם עהרען געפיהל וואָס ער האָט געפיהלט צו איהם.

באַלד האָט מרדכי ווײַטער גערעדט:

— איהר קענט מיך אפשר שלעכט פערשטעהן. איך רעד נישט ווי אַן אונוויסענדער טרוימער, וואָס איז קיינמאָל נישט אַוועק פון זיין מאַמעס פאַרטוך און נעהמט אָן גאַנץ אַלטע זאַכען פאַר נײַע. ענגליש איז מיין מוטער שפּראַך. ענגלאַנד איז מיין געבורטסלאַנד. מיין ערציהונג האָב אָבער בעקומען אין האָלאַנד, איך האָב געלערענט ביי מיין מאַמעס ברודער,ר„ וואָס איז געוועזן אַ גרויסער געלעהרטער. אַז מיין פעטער איז געשטאָרבען בין איך אַוועק נאָך האַמבורג צו שטודירען. דערנאָך בין איך געפאָהרען נאָך געטינגען, נאָך מעהר לערנען און מעהר קענען מיין פאָלק און אויך אַלעס וועגען די פעלקער פון דער וועלט. איך בין נאָך געוועזן יונג, איך בין געוועזן פריי. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די אידען אין דייטשלאַנד. איך בין דעמאָלט נישט געוועזן אָרעם. איך האָב זיך געלערענט אַ מלאכה. איך האָב מיר געטראַכט, לאָמיך נישט זיין ערגער פון רבי יהושע בן חנניה וואָס האָט נאָך חורבן בית המקדש געמאַכט נאָדלען און געהאַט דער־פון זיין ברויט.. אַז ער איז יונג געוועזן איז ער געוועזן אַ זינגער אויף די שטיגען אין בית המקדש...

— איך האָב בעשלאָסען: זאָל מיין גוף לעבען אין אָרימקייט, מיינע הענד זאָלען ארבייטען שווער, אָבער מיין נשמה זאָל בלייבען הייליג ווי אַ בית המקדש אין וועלכע אַלע מיינע טהייערע האָפנונ־גען זאָלען זיין טיעף בעהאַלטען. איך האָב געוואוסט וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבען. די מענשען האָבען געזאָגט: „ער טראָגט זיך אַרום מיט פאַנטאַזיעס“. איך האָב עס נישט אָבגעלייקענט. ווײַל פאַנטאַזיעס זיינען די בעשעפער פון דער וועלט, מיינט נים, אַז אַ משוגע'נער רעדט צו אייך.

מרדכי האָט געשוויגען און דעראָנדא האָט פערשטאַנען אַז ער וויל, ער זאָל איהם עפּעס זאָגען, האָט ער זיך אָנגערופען:

— טהוט מיר צוליעב און גלויבט מיר אַז עס איז מיר נישט איינגעפאַלען צו טראַכטען אַז איהר זיינט אַ פּוסטער פאַנטאַזיאָר. איך הער אייך אום צו וויסען וואָס איהר ווילט און איך טראַכט גאָר נישט פריהער איבער.

איך בין צוגעוואוינט פון קינדוויים אויף אויסצוהערען איינעם וואָס האָט פרייווילּיג גענומען אויף זיך אויסצופיהרען עפּעס אַ זאַך וואָס איז גרויס און גייסטיג שעהן.

— דאָס איז נישט בלויז איין זאַך — האָט מרדכי געזאָגט — דאָס איז די נשמה פון מיין גאַנץ לעבען. איך בין געבוירען געוואָרען דערמיט. איך האָב דערזעהן די וועלט אין וועלכער אונזערע גרויסע מענער האָבען די אַלטע שפּראַך אונזערע — העברעאיש — צוריק־געבראַכט צום לעבען.

זיי האָבען אונז געזונגען נייע געזאַנגען ווי די געזאַנגען פון תהלים. די גרויסע אידען האָבען אויך גענומען די וויסענשאַפט פון די גוים און אריינגענומען אין דער תורה. אַלץ איז דאָ אין אונזער תורה, חכמה און וויסענשאַפט. זיי זיינען אָבער נישט צופריעדען געווען און האָבען שטענדיג געבענקט צו געפינען אַן אייגענע היים פאַר דאָס פאַרטריבענע אידישע פאָלק. איינע פון זייערע נשמות איז אריין אין מיר, די נשמה האָט געוואַנדעלט פון איין לאַנד צום אַנדערען, פון שפּאַניען און פּראָוואַנס, די נשמה האָט געלעבט מיט אבן עזרא'ן און מיטגעפאָהרען מיט רב יהודה הלוי אויף דער שיף נאָך ארץ־ישראל. די נשמה האָט געהערט די ווילדע געשרייען פון די קרייצפיהרער און דאָס זיפצען פון די געמאַטערטע אידען, אָט די נשמה איז מיר דאָ, זי רעדט צו מיר אין דער שפּראַך פון די מענ־שען וואָס מיט דעם בלוט פון זייער הארץ, מיט זייער גרויס ליעבע האָבען זיי אונז אויפגעהאַלטען...

אַ מינוט האָט ער געשוויגען און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַזוי לאַנג ווי די נשמה איז אין מיר וועט קיינער פון דעם נישט וויסען.

— האָט איהר דאָס אַלץ געשריבען אין העברעאיש? האָט

דעראָנדאַ געפרעגט דערמאָנענדיג זיך אַז מרדכי האָט איהם געפרעגט צו ער קען העברעאיש.

— יאָ, יאָ! — האָט מרדכי געזאָגט מיט אַ שטימע פול מיט טיעפען טרויער — ווען איך בין נאָך יונג געווען האָב איך אריינגעוואָנדערט אין דער מדבר, נישט וויסענדיג אַז דאָס איז אַ מדבר. די מחנות פון אונזערע פערשטאָרבענע גרויסע לייט האָבען געשוועבט אַרום מיר, די מאַרטירער האָבען זיך אַרום מיר פערזאַמעלט און מיר אויסגעהערט. אין גיכען האָב איך אָבער אויסגעפינען אַז די לעבעדיגע זיינען טויב פאַר מיינע רייד. אין אָנפאַנג האָב איך געזעהן אַ גרויסע צוקונפט פאַר מיר. מיין פאָלק בעזיצט אַ שטאַרקען געדולד, ער געפינט זיך אַזעלכע פּלעצער וואָס פאַר קיינעם טויגען זיי ניט און ער לעבט אויף זיי. איך וועל אַזוי לאַנג רעדען צו זיי ביז זיי וועלען מיך פאָלגען, האָב איך מיר געטראַכט. זיינען אָבער אָנגעקומען אַ סך שטערונגען אויף מיין וועג. איך האָב געמוזט ארבייטען שווער און ביטער אויף מיין פרנסה גאַנצע טעג און באַלד איז געקומען דער מלאך המות און מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך גרייט מאַכען אין וועג אריין... איך הער דאָס קלאַפּען פון זיינע פליגלען, די פליגלען פון טויט איבער מיר, איך ווייס אַז לאַנג וועל איך שוין נישט אָנטרייבען. איך בין אָבער נישט מיעד געוואָרען, איך בין געגאַנגען צו מיינע ברידער און גערעדט צו זיי, זיי זאָלען מיר מיטהעלפען, טאָג און נאַכט האָב איך געקלאַפּט אין די טהירען פון אונזערע גרויסע לייט, די געלערענטע און די רייכע און זיי האָבען מיר אַלע געענטפערט אַז איך טראָג זיך אַרום מיט ווילדע פאַנטאַזיעס, זיי האָבען מיר עטליכע מטבעות געוואָלט געבען, איך בין נישט מעהר געווען ווי אַ בעטלער אין זייערע אויגען. איך האָב זיך נישט געוואונדערט אויף זיי, איך האָב אויסגעקוקט אַזוי אָרים. איך האָב זיך אַרומגעטראָגען מיט העברעאישע שריפטען אין וועלכע איך האָב גע'טענה'ט אַז אונזערע פיהרער פיהרען אונז אויף אַ פאַלשען וועג, זיי פערנאַרען אונזער גרויסע האָפנונג, די האָפנונג פון אויסלייזונג, די געלערענטע און די סוחרים זיינען געווען צופיעל בעשעפטיגט, זיי האָבען מיך אפילו נישט אויסגעהערט. זיי האָבען מיך פערהאַכטעט.

— אָבער ווען איהר וואָלט דאָס זעלבע געשריעבען אין ענגליש וואָלטען אייך די אַנדערע אפשר מעהר פערשטאַנען און אויסגעהערט

— האָט דעראָנדא זיך אָנגערופען, ווילענדיג איהם אונטערגעבען קוראַזש.

— צו שפעט, צו שפעט — האָט מרדכי געזאָגט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — איך קען מעהר נישט שרייבען. מיין שרייבען וואָלט געווען פונקט ווי מיין קורצער אָטעם. מיין קורצער אָטעם רופט באָטש ארויס רחמנות, מיין שרייבען וועט אפילו דאָס אויך נישט ארויסרופען. מיין שרייבען וועט אויסזעהן ווי מיין אויסגעדאַרטער קערפּער וואָס עס איז אין איהם אמאָל דאָ רוח הקדש. די מענשען וועלען אָבער שאָקלען מיט די קעפּ און זאָגען: „אוי, אַן אָרימער איד, נעביך!" און די הויפּט אָבלאָכער וועלען זיין מיינע אייגענע ברידער.

מרדכי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און דאָס פּנים איז אזוי טרויעריג און מעלאַנכאָליש געוואָרען ווי ער וואָלט די גאַנצע האָפ־נונג פערלאָרען.

— איך פיעל אייך מיט, איך פיהל אייך שטאַרק מיט — האָט דעראָנדא געזאָגט מיט אזוי פיעל ליעבע אין זיין שטימע — נאָר ענט־שולדיגט מיר וואָס איך געה אייך איצט זאָגען, איך וועל אייך מיט־העלפען אז איהר זאָלט קענען אָבדרוקען אייערע שריפטען, פערלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל אייך צושטעלען אַלע קאָסטען.

— דאָס איז נישט גענוג האָט מרדכי גיך געענטפערט און זיינע אויגען האָבען צוריק אויפגעלויכטען, ווי ער וואָלט צוריק געפונען זיין פערלוירענע האָפנונג — דאָס איז נישט אַלץ וואָס איך האָב געהאָפט אויף אייך. נישט בלויז — א האַנד וואָס איז אויסגע־שטרעקט מיר צו העלפען דאַרפט איהר מיר זיין, איהר דאַרפט מיר זיין א נשמה, גלויבען דאָס וואָס איך גלויב, האָפען מיין האָפנונג, איהר זאָלט זעהן דאָס וואָס איך זעה, דאָס גאַנצע גרויסקייט און שעהנקייט וואָס מיינע אויגען זעהן זאָלען אויך אייערע אויגען זעהן, אייך אין גאַנצען וויל איך און דאַרף.

ווי מרדכי האָט דאָס געזאָגט איז ער נעהענטער צוגעגאַנגען צו דעראָנדא'ן, ארויפגעלייגט זיין האַנד אויף זיין אָרם, דאָס פּנים האָט זיך איהם אָנגעצונדען ווי א גרויס פייער, די שטימע איז הויך גע־וואָרען און שטאַרק מיט א בעפעהלענדען טאָן האָט ער געזאָגט:

— איהר וועט זיין מיין לעבען, מיין לעבען וועט אויפסניי

איינגעפלאַנצט ווערען, עס וועט וואַקסען אין אייך. איהר וועט אי־בערנעהמען די ירושה וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פאַר דורות. דאָס וואָס איז געווען און דאָס וואָס וועט זיין טרעפען זיך צוזאַמען אין מיר, און איך האָב אייך געפונען, איהר זיינט געקומען אין צייט. איהר וועט איבערנעהמען די ירושה וואָס די שלעכטע קינדער פון מיין פאָלק האָבען נישט געוואָלט נעהמען, ווייל זייערע הערצער זיי־נען ווי קברים, איהר וועט איבערנעהמען די היילינע ירושה פון אי־דישען פאָלק!

דעראָנדאַ'ס פנים איז שטאַרק בלאַס געוואָרען, דאָס האַרץ האָט אויפגעציטערט אין איהם. ער האָט געזעהן אַז מרדכי בעט זיך ביי איהם ווי איינער וואָס בעט זיך עפּעס פאַר'ן טויט. דעראָנדאַ האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורייידען טאָמער רויבט ער צו ביי איהם דאָס לעצטע ביסעל האָפנונג וואָס איז נאָך ביי איהם פערבליבען. ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט גיסען אויל אויפ'ן פייער צופיעל שטאַרקען אין איהם די האָפנונג, ער האָט איהם נישט געוואָלט אָב־נאַרען. ער האָט געפיהלט אַז ער טאָר נישט רעדען צו איהם אַזעלכע ווערטער וואָס ער מיינט זיי נישט און נישט וויסענדיג אַליין וואָס ער טהוט האָט ער אַרומגענומען מרדכי'ס רעכטע האַנד. מרדכי האָט נאָך מעהר אויפגעלעבט פון זיין אַרומנעהמען און רוהיג אויס־געהערט, ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּען מיט נישט קיין ריכטיג וואָרט, האָט ער אָנגעהויבען רעדען:

— האָט איהר פערגעסען וואָס איך האָב אייך געזאָגט ווען מיר האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל געזעהן? געדענקט איהר אַז איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין איד?

— עס איז נישט אמת! — האָט מרדכי באַלד געענטפערט אָהן אַ סימן פון פערלעגענהייט. דעראָנדאַ'ס האַנדרוק האָט איהם אַזוי פיעל הנאה פערשאַפט אַז די איבעריגע ווערטער האָבען איהם נישט געאַרט. זיי האָבען ביידע געשוויגען עטליכע מינוט. דעראָנדאַ האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען הערענדיג ווי זיכער מרדכי האָט איהם געזאָגט „עס איז נישט אמת"... מרדכי אַליין איז אַזוי זיכער געווען מיט דעראָנדאַ'ן אַז ער האָט געוואוסט אַז קיין זאַך וועט איהם שוין נישט אָוועקרויבען פון איהם. און ער האָט געזאָגט וואָס עס האָט זיך איהם אַרויסגעכאַפּט: